STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03413

# SHEKSPIER'S OYSGEVEHLTE VERK

Charles Lamb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# שעקספיער'ס

## אויסגעוועהלטע ווערק

מיט זיין

**ביאגראפיע און בילד**

—) און (—

12 איללוסטראציעס אין טעקסט.


בעארבייט אויס דעם ענגלישען פון

**ד. מ. הערמאלין.**



צווייטע אויפלאגע.

1909.

ארויסגעגעבען פון דער בוכהאנדלונג פון

ש. דרוקערמאן

50 קאנאל סטריט ניו יארק

Copyright By
S. DRUCKERMAN
1907



וויליאַם שעקספּיער

# אינהאלטס פערצייכנים.


| | | זייטע |
|---|---|---|
| 1 | פאררעדע. | |
| 2 | די ביאגראפיע פון וויליאם שעקספיער | 7 |
| 3 | ראמעא און יוליא | 13 |
| 4 | קעניג ליער | 26 |
| 5 | דער קויפמאן פון ווענעדיג (שיילאק). | 37 |
| 6 | אטהעללא | 50 |
| 7 | דער חלום פון מיטען זומער נאכט. | 67 |
| 8 | דער שטורם. | 81 |
| 9 | א ווינטערדיגע געשיכטע | 97 |
| 10 | פיעל רעש איבער גאר נישט. | 115 |
| 11 | ווי ס' געפעלט דיר. | 135 |
| 12 | די צוויי העררן פון וועראנא. | 156 |
| 13 | סימבעלין. | 175 |
| 14 | מאקבעט | 193 |
| 15 | אללעס איז גוט וואס ענדיגט זיך גוט. | 209 |
| 16 | האמלעט. | 226 |
| 17 | די צעהמונג פון דער ארורה. | 247 |
| 18 | די קאמעדיע פון טעות'ן | 263 |
| 19 | די צוועלפטע נאכט אדער וואס דו ווילסט. | 281 |
| 20 | טימאן פון אטהען. | 301 |
| 21 | די פערנוואלטיגונג פון לוקרעציאן. | 320 |

# פאררעדע.

דיעזעס ווערק איז געשריעבען געווארען מיט דעם צוועק צו געבען דעם אידישען לעזער א בעגריף איבער שעקספיער.

מיר זאגען א בעגריף, אבער ניט קיין שטודיום, ווייל אום צו שטודירען שעקספיער, און ווירקליך בעגרייפען שעקספיער, מוזען מיר זיך ווענדען צום אריגינאל, אדער לכל־הפחות צו דער בעריהמטער דייטשער איבערזעטצונג, וואס איז באלד אזוי גוט וויא דער אריגינאל. אויב עס וועט אמאל קענען זיין אזא אידישע איבערזעטצונג פון שעקספיער וויא דיא דייטשע איז, איז א גרויסער ספק. פארלויפיג אבער, רעכענען מיר, אז דאס פאלגענדע ווערק וועט זיין א גרויסער פערדיענסט פאר אונזער ארעמע אידישע ליטעראטור, ווייל דער אידישער לעזער וועט האבען דיא מעגליכקייט צו וויסען, ווען ניט פיעל, וועניגסטענס עפעס איבער שעקספיער, און עפעס, וויא בעקאנט, איז בעסער וויא גאר ניט.

שעקספיער אין ערצעהלונגס פארמע, וויא דיעזעס ווערק איז, איז ניט נייע. צום ערשטען מאל האט מען דאס געמאכט טאקי אין דער ענגלישער שפראך. דיא בעארבייטער זיינען געוועזען טשארלז און מיירי לעמב, וועלכע האבען געשאפען דאס ווערק „טעילז פראם שעקספיער.” זיי האבען דאס געשריעבען אין ענגליש, כאטש שעקספיער האט געשריעבען זיינע ווערקע אויך אין דערזעלבער שפראך.

דיא אורזאכע איז געוועזען פאלגענדע :

שעקספיער איז ניט נאר געוועזען א דראמאטורג, זאנדערן אויך א גרויסער דיכטער, פיעללייכט דער גרעסטער וואס דיא וועלט האט געהאט. ער האט אלזא געשריעבען זיינע דראמען ערשטענס אין א דיאלאג פארמע, און צווייטענס אין א פאעטישער שפראך. דאס אלעס איז גוט פאר דער ביהנע, אבער ניט פאר דעם לעזער וואס וויל זיך בעקענען מיט דיא טהעמאס וואס שעקספיער האט בעהאנדעלט. עס איז א שווערע פארמע וואס איז ניט צוגענגליך פאר'ן פאלק.

# פאָררעדע

זיי האָבען געוואָלט פּאָפּולאַריזירען שעקספּיער פאַר'ן פאָלק און זיי האָבען גענומען צוואַנציג פון זיינע אויסגעוועהלטע ווערק און זיי איבער־געגעבען פאַר'ן ענגלישען לעזע־פּובליקום. דער לעזער האָט אַלזאָ א געלעגענ־הייט צו ערפאַהרען, אין א פּאָאר טעג לעזען דיעזע ערצעהלונגען, מעהר וויא אַן אנדערער וואָס פערברענגט א יאָהר אין שטודירען דיא דראַמען אין זייער אָריגינעלע פאָרמע. בעסער געזאָגט, דיא לעמבס האָבען געגעבען דעם ענג־לישען לעזע־פּובליקום א געלעגענהייט פאר א פאָר־שטודיום פון זייער גרויסען דיכטער.

אַן ענגלישער שרייבער האָט געזאָגט: „דיא ענגלענדער האָבען מעהר ערפאַהרען איבער שעקספּיער'ן דורך דיא לעמבס, וויא דורך שעקספּיער גופא.“

דיא פראַנצויזען, דייטשען און אנדערע פעלקער, האָבען נאַכגעפאָלגט דיא לעמבס און געגעבען אין זייערע שפּראַכען עהנליכעס וויא דיא לעמבס אין ענגליש.

דאָס ווערק וואָס ליעגט יעצט פאַר'ן אידישען לעזער איז געשריעבען אויף דעמזעלבען אופן, מיט פאָלגענדען אונטערשיעד: אַנשטאָט צו אי־בערזעטצען דאָס וואָס דיא לעמבס האָבען געשריעבען, האָבען מיר בלויז נאַכ־געפאָלגט אין דערזעלבער ריכטונג, וועהרענד אויף פיעלע ערטער האָבען מיר זיך געווענדעט צום אָריגינאַל, און דאָ אָדער דאָרט איבערגעגעבען א מאָנאָ־לאָג, צוגעלעגט אַן ערקלעהרונג און אַזוי ווייטער.

דער אידישער לעזער האָט אַלזאָ פאַר זיך צוואַנציג דראַמען פון שעקס־פּיער'ן און אויך איינע פון זיינע בעריהמטע פּאָעמען, „דהי רעיפּ אָוו לאָקרים“ (דיא פערגוואַלטיגונג פון לוקרעציא.) דאָס לעצטע איז דורכאויס גענומען פון דער ערשטער קוועלע, אָבער אויך געשריעבען אין דערזעלבער פאָרמע וויא מיר האָבען איבערגעגעבען דיא דראַמען.

האָבענדיג דאָס אַלעס צוזאַמען מיט שעקספּיער'ס ביאָגראַפיע, איז צו האָפען, אַז דער אידישער לעזער וועט האָבען דיא בעסטע מעגליכע געלעגענ־הייט צו שטודירען דעם גרויסען ענגלישען דיכטער און זיך מאַכען א בעגריף ווער און וואָס ער איז געוועזען.

אויב שעקספּיער וועט, ווען עס איז, איבערזעצט ווערען אין אידיש וויא ער שטעהט און געהט, וועט דיעזעס ווערק אימער פערבלייבען א ניטצליכער פאָר־שטודיום צום דיכטער'ס ווערק וויא ער האָט זיי געשאַפען.

דער בעארבייטער.

# די ביאגראפיע פון ווילליאם שעקספּיער.

בלויז איין זאַך געפינט זיך אונטער מענשען, וואָס זוכט ניט קיין יחוס און קיין גדלות. דאָס איז זשעניע. גרויסע מענשען, דאָס הייסט, גרויסע זשעניען, ווערען ניט געבוירען גראַדע פון אַנדערע גרויסע זשעניאַלע מענשען. זיי פאַלען וויא דיא טראָפּענס רעגען, איבעראַל, אויף דער פרוכטבאַרער ערד פונקט וויא אויף דעם האַרטען פעלזען.

ווילליאם שעקספּיער, דער גרעסטער דראַמאַטישער דיכטער, וואָס האָט נאָר ווען עס איז געלעבט, איז געוועזען דער זוהן פון דזשאַהן שעקספּיער. דזשאַהן האָט געהאַט פערשיעדענע מלאכות, דאַרונטער אַ האַנדשוה־מאַכער און אויך אַ קצב.

זיין גרויסער און וועלטבעריהמטער זוהן איז געבוירען געוואָרען אַם 23טען אַפּריל 1564 אין דעב ענגלישען שטעטעל סטראַטפאָרד־אָפאַן־אַוואָן.

דיא מענשען האָבען דאַמאָלס קיין אַהנונג ניט געהאַט ווער עס האָט ערבליקט דאָס ליכט פון דער וועלט אין סטראַטפאָרד־אָפאַן־אַוואָן, דערפאַר האָט מען זיך ווייניג וואָס אינטערעסירט צו פערצייכנען דיא וויכטיגע איינצעלהייטען פון זיין צוקונפט. דיא מענשען האָבען אָבער אויך שפּעטער ווייניג וואָס געוואוסט איבער דעם ווערטה פון ווילליאם שעקספּיער, און דערפאַר איז פאַר דער צוקונפט ניט איבערגעבליבען גענוג מאַטעריאַל אום זיך גענוי פאָרצושטעלען וויא דיעזער גרויסער גייסט האָט זיך ענטוויקעלט.

דאָס הויז וואו שעקספּיער איז געבוירען געוואָרען, איז שפּעטער, אין יאָהר 1597, אָבגעקויפט געוואָרען פון אַ פאַמיליע מיט דעם נאָמען אַנדערהילל. עס האָט זיך גערופען „דהי גרעיט האוז", (דאָס גרויסע הויז,

ניט ווייל עס איז געווען א גרויסער און מעכטיגער פּאלאץ, זאנדערן, ווייל צווישען דיא קליינע הייזלאך פון שטעטעל, איז דאס געווען דאס גרעסטע. דאס הויז שטעהט נאך יעצט, ווייל עס איז אבגעקויפט געווארען, שפּעטער מיט יאהרען, און אויפבעוואהרט פון גרויסע קינסטלער, עס זאל בלייבען ביי דעם אלטען אויסזעהען, כדי דיא מענשען זאלען לאנג קענען קוקען אויף דעם פּלאטץ וואו ווילליאם שעקספּיער איז געבוירען געווארען.

איבער שעקספּיער׳ס קינדהייט ווייכען מיר כמעט גאר ניט. אזוי פיעל איז אונז בעקאנט, דאס איינמאל האט אויסגעבראכען א פעסט אין שטעטעל און עס האט געהאלטען דערביי דיא וועלט זאל פערלירען דיזען גרויסען גייסט. דאן ערפאהרען מיר, אז ער האט בעזוכט דיא דארטיגע „פרי גרעמער סקול״, אדער פרייע שולע, וואו ער האט געלערענט, וויא דער מנהג איז דאמאלס געווען, אביסעל לאטייניש און נאך ווייניגער גריכיש.

ענגליש איז ביי דיא ענגלענדער אליין, דאמאלס ניט פערהעכערט געווארען מעהר וויא אידיש אונטער אידען מיט א דרייסיג יאהר צוריק. „ענגליש קען יעדער, און מען דארף עס ניט לערנען,״ איז געווען דאמאלס א שפּריכווארט. שעקספּיער האט שפּעטער אויך געקענט פראנצויזיש און איטאליעניש, אבער דאס האט ער אליין געלערנט.

ווען ער איז ארויס פון דער שולע, האט ער געהאלפען א היבשע צייט זיין פאטער אין פליישהאקען און פליישפערקויפען.

עס ווערט בעהויפּטעט, אז ער איז אויך געווען אן אנגעשטעלטער ביי אן אדוואקאט, אבער זיכער וויסען מיר ניט אויב דאס איז א פאקט. באלד נאך זיין 18טען יאהר, האט ער חתונה געהאט. זיין פרוי איז געווען א געוויסע אנן האטהאוועי, דיא טאכטער פון א דארטיגען געאכטעטען בעל־הבית. אנן איז געווען עלטער פון איהר מאן מיט עטליכע יאהר. עס שיינט, אונטערדעסען, אז שעקספּיער איז ניט געווען זעהר גליקליך אין זיין פערהייראטען לעבען.

אין 1583 איז געבוירען געווארען זיין טאכטער סוזאנא; מיט 18 מאנאט שפּעטער האט איהם זיין פרוי געבוירען א צווילינג, א אינגעל מיט א מיידעל, האמנעט און דזשודיטה. דאס איז געווען שעקספּיער׳ס גאנצע פאמיליע. עס ווייזט אויס, אז ער האט ווייטער מיט זיין פרוי ניט געלעבט צוזאמען.

האמנעט, שעקספּיער׳ס איינציגער זוהן, איז געשטארבען ווען ער

איז אַלט געווען 12 יאָהר, און דאָס האָט דעם דיכטער'ס נשמה זעהר שטאַרק בעטריבט. דיא טעכטער סוזאַנאַ און דזשודיטה, האָבען חתונה געהאַט און געהאַט קינדער.

יעצט פאַנגט אָן שעקספּיער'ס קאַריערע. אהין, אין זיין שטעטעל, זיינען זעהר אָפט געקומען טהעאַטער קאָמפּאַניעס. שעקספּיער, נאָך אַלס קינד, האָט מעהרערע מאָל בעזוכט דיא פאָרשטעלונגען. ער איז אויך שפּעטער פּערזענליך בעקאַנט געוואָרען מיט מאַנכע פון דיא אַקטיאָרען און געקריגען אַ גרויסען חשק צו ווערען אַליין אַ שוישפּיעלער.

דאַן האָט ער אַבגערייזט נאָך לאָנדאָן וואו ער איז געווען אַ דיענער אין אַ טהעאַטער און זיך „ארויפגעאַרבייט", מיט דער צייט, און איז געוואָרען אויך אַ שוישפּיעלער.

שעקספּיער איז געווען אַן אַקטיאָר וועהרענד אַ צייט פון 11 יאָהר, אָדער, ביז מיט 13 יאָהר פאַר זיין טויט. נאָר אזוי ווי אַ גוטער אַקטיאָר, האָט דאַמאָלס געקריגען זעקס שיללינג מיט אַכט פּענס (אומגעפעהר אַ דאָלאַר) אַ וואָך, קענען מיר זיך פאָרשטעלען פיעל שעקספּיער האָט פּערדיענט, ווען ער איז, צו אַלע גליקען, ניט געווען פעררעכענט פאַר אַ גוטען שוישפּיעלער.

פאַר וואָס שעקספּיער איז דאַמאָלס ניט פּעררעכענט געוואָרען אַלס אַ גוטער שוישפּיעלער, קענען מיר זיך מערקען דערפון, ווייל „דער וואָס האָט געשריען און געליאַרעמט" איז געווען אַ גוטער אַקטיאָר. שעקספּיער'ס ליעבע צום נאַטירליכען, האָט איהם וואהרשיינליך ניט געמאַכט פאַר קיין „שרייער און ליארמער."

עס ווערט בעהויפּטעט, אַז ער האָט פריהער געשפּיעלט אין פערשיעדענע פרעמדע פּיעסען, דאַן אין זיינע אייגענע, וויא אין דער ראָליע אַלס גייסט אין „האַמלעט" און אדאַם אין „וויא דיר געפעלט עס" („עז יו לאיק איט.")

ניט מאַכענדיג קיין ערפאָלג אַלס אַקטיאָר, האָט שעקספּיער געשטרעבט צו ווערען אַ פערפאַסער. ניט אַכטענדיג אויף זיין גרויסען זשעניע, אַלס אַ זעלבסט-בעשאַפער, האָט ער זיך, אַ היבשע צייט, צופריעדען געשטעלט, איבערצוזעהען און פעררייכטען דיא פּיעסען פון אַנדערע.

פערפאַסערס האָבען אָבער דאַמאָלס אויך געמאַכט קליינע גליקען. דער גרויסער בען דזשאָנסאָן, ווערט אונז מיטגעטהיילט, האָט דאַמאָלס געבעטען דעם טהעאַטער דירעקטאָר הענסלאָו, ער זאָל איהם געבען „פינף שיללינג אין פאָראויס" אויף זיין פּיעסע.

## שעקספיער'ס אויסגעוועהלטע ווערק.

דיא פראפעסיאן וואס שעקספיער האט זיך אלזא אויסגעקליבען, האט ניט פיעל פערשפראכען. אבער צו וואס האט ער זיך געקענט נעהמען? אלע אנדערע געלערענטע אדער פאליטישע פראפעסיאנען, זיינען געלעגען אין דיא הענד בלויז פון דעם אדעל'ס קינדער.

קיין צייט אין שעקספיער'ס לעבען איז מעהר דונקעל, וויא דיא צייט ווען ער האט אנגעהויבען צו שאפען זיינע אריגינעלע ווערקע. מיר וויסען ניט גענוי וועלכע דראמען ער האט געשריבען צום ערשטען. מיר ערפאהרען בלויז, אז אין 1592, איז ער שוין געווען בעקאנט אלס א דראַמאטישער שרייבער. אלע זיינע ווערק האט ער געשאפען צווישען דיא יאהרען 1590 און 1613, א צייט פון אונגעפעהר 23 יאהר.

מיר הערען, אז שעקספיער איז ארומגעפאהרען מיט טהעאטער קאמפאניעס פון שטאדט צו שטאדט, און אזוי וויא אקטיארען זיינען דאַמאלס ניט שטארק געאכטעט געווארען, האט מען פון איהם אויך ניט פיעל געהערט.

פלוצלונג ערפאהרען מיר אבער, אז שעקספיער האט אנגעהויבען צו זעהען מאטעריעלע פרוכטען פון זיין ארבייט. אין 1597, האט ער געקויפט א הויז אין סטראטפארד און אויסגעגעבען א היבשע סומע געלד דאס איינצוריכטען. נעכסטעס יאהר האט א געוויסער ריטשארד קוואיני, פון סטראטפארד, זיך צו איהם געווענדעט נאך א הלואה פון דרייסיג פונט. דאן האט ער אנגעהויבען צו לייהען געלד אין סטראטפארד כמעט צו יעדען איינעם וואס האט איהם נאר געגעבען א גוטע פערזיכערונג.

זיין פערמעגען האט געוואקסען. אין 1602 האט ער בעצאהלט 320 פונט פיר 170 אקער לאנד. אין 1605 האט ער ווידער געקויפט לאנד פאר 440 פונט; אין 1613 האט ער געקויפט א מין טענעמענט הויז פאר 140 פונט.

עס ווערט אויסגערעכענט, אז ער האט געהאט אן איינקונפט פון 250 פונט א יאהר, וואס איז דאמאלס געווען ווירקליך א פערמעגען.

יא, דיא צייט איז נאך ניט געקומען צו פערשטעהן דעם אמת'ן ווערטה פון שעקספיער'ן, אבער איינצעלנע פערזאנען האבען זיך דאך געפונען וואס האבען געהאט א שטיקעל בעגריף פון איהם.

צווישען דעם אדעל זיינען געווען דיא מארקיזען סעמבראן און מאנטגאמערי, וועלכע האבען זיך קאנקורירט איינער דעם צווייטען אין

טהאָן שעקספּיער'ן טובות, אויך דיא צוויי קעניגע פון שעקספּיער'ס צייט, האָבען זיך געוויזען זעהר פריינדליך צום דיכטער.

צו לעצט איז ער אַליין געוואָרען אַ טהעאַטער דירעקטאָר און געשפּיעלט מיט זיין טרופּע מעהרערע מאָל פאַר דעם מאָנאַרך מיט זיין פאַמיליע.

נאָך ביי זיין לעבען האָט מען געדרוקט מעהרערע פון זיינע דראַמען, אָבער דעם הויכען ליטעראַרישען ווערטה, האָט דער עולם ניט פערשטאַ־נען, ער האָט בלויז געמאַכט ערפאָלג אויף דער ביהנע.

דאַן, ווען ער האָט שוין געהאַט גענוג כבוד און געלד לויט זיין צייט און אומגעבונגען, האָט ער בעשלאָסען זיך צוריקצוציהען פון דער הויפּטשטאָדט לאָנדאָן. ער האָט אימער געבענקט נאָך זיין געבורט־שטע־טעל, סטראַטפאָרד, און זיך געוואונשען דאָרט צו שטאַרבען.

ער האָט זיך אַלזאָ בעזעצט אין זיין הויז אין סטראַטפאָרד און געלעבט זעהר רוהיג און געלאַסען, געניסענדיג דאָס פערגניגען פון אַ רו־היגער עלטער אויף זיינע פעלדער און גיטער.

דאַן איז געקומען דיא צייט ווען דער פאָרהאַנג האָט בעדאַרפט פאַלען איבער דער לעבענסביהנע פון דיעזען גרעסטען פון אַלע דראַמאַ־טישע דיכטער. עס איז געווען אונערוואַרטעט; שעקספּיער האָט זיך געפיהלט גאַנץ גוט אין געזונדהייט. מיט איינמאָל איז אַלזאָ געקומען דער סוף.

אַם 23טען אַפּריל, פּונקט צו זיין 52טען געבורטסטאַג, האָט ער געשלאָסען זיינע אויגען אויף אייביג. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט זיין קערפּער צוריקגעקעהרט צו דער ערד פון וואַנען ער איז געקומען.

באַלד אַ גאַנצעס יאָהר־הונדערט האָט געדויערט ביז דיא ליטעראַרי־שע און קריטישע וועלט האָט אָנגעהויבען צו בעגרייפען ווער און וואָס שעקספּיער, דער אונגעבילדעטער, דעם קצב'ס זוהן, איז געווען.

מיט אַ קאָרגען מאָנאַט פאַר זיין טויט, דאָס הייסט, אַם 25טען מערץ 1616, האָט ער געשריבען אַ צוואה, וועלכע פאַנגט זיך אַזוי אָן:

„אין נאָמען פון גאָט, אמן. איך וויללִיאַם שעקספּיער, אין סטרייטפאָרד־אָפאָן־אַוואָן, אין דער קאָונטי פון וואַרוויק, אין פאָלשטענדיגער געזונדהייט און זכרון, (געלויבט איז גאָט דערפאַר!) טהו איך אין בעפעהל דיעזען לעצטען וואונש און צוואה אויף פאָלגענדען אופן: דאָס הייסט:

# שעקספיער'ס אויסגעוועהלטע ווערק.

„ערשטענס גיב איך איבער מיין נשמה אין דיא הענד פון גאָט, מיין בע־שעפער, האָפענדיג, און זיכער גלויבענדיג... אנטהייל צו נעהמען אין אייביגען לעבען; און מיין קערפער זאָל צוריק קעהרען צו דער ערד פון וועלכער ער איז געמאכט געוואָרען.“

ער האָט דאַן איינגעטהיילט זיין פערמעגען פאר זיינע קינדער און אויך פאר בעקאַנטע. פאר דיא אָרעמע פון סטראַטפאָרד האָט ער געלאָזט בלויז 10 פונט, און פאר זיין ווייב ניט מעהר וויא דאָס מעבעל.

זיין ווייב, וועלכע איז געוועזען עלטער וויא ער, האָט איהם אִרי־בערגעלעבט מיט עטליכע יאָהר.

אָט דאָס איז, אין קורצען, דיא ביאָגראַפיע פון וויליאם שעקספיער.

זיינע דראַמען, סאָנעטען און פאָעמען, ווערען מיט רעכט בעטראַכט אלס אזעלכע מייסטערשטיקער וואָס ניט דיא גריכען אין אלטערטהום און ניט דיא דראַמאַטורגען אין דער מאָדערנער וועלט האָבען אויפגע־שריעבען.

שעקספיער האָט געשריעבען אין א שפראַך, וואָס איז נאָך דאַמאָלס ניט געוועזען קולטיווירט אָדער פערפיינערט. ער האָט אָבער קיינעם ניט בעדאַרפט; זיין זשעניע האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פאר אלע שעהנהיי־טען אין דער ענגלישער שפראַך.

אלס דיכטער איז ער געוועזען ערהאַבען, און אלס דראַמאַטורג, איז ער געוועזען געטליך.

פיעלע קריטיקער פון היינטיגער צייט, האָבען טענות צו שעקס־פיער'ן, ווארום ער איז ניט געוועזען קיין נאַטוראַליסט אָדער רעאַליסט. פאר זיין צייט איז ער אָבער געוועזען נאָך מעהר וויא מען האָט געקענט פאָדערן. איבסען און הויפטמאַן זיינען געווים גרעסערע נאַטוראַליסטען וויא שעקס־פיער, אָבער שעקספיער'ס ציעלען זיינען ניט געוועזען איבסען'ס אָדער הויפטמאַן'ס.

אין דראַמאַטישער מאַכט, שטייגט ער אריבער אפילו דיא אלטע גריכישע מייסטערס. אין שעהנהייט און קרעפטיגקייט פון שפראַך, איז ער דער איינציגער און אליין שטעהענדער אין דער דראַמאַ.

וואָס שפעטער וועט זיין, ווייסען מיר ניט, ביז יעצט איז בלויז געוועזען איין שעקספיער אויף דער וועלט און קיינער האָט נאָך ניט גע־רייכט צו זיין גראַד, שוין ניט רעדענדיג פון שטעהן העכער פון איהם.

ה.

ראָמעא און יוליא

# ראמעא און יוליא

דיא צוויי אנגעזעהענסטע און רייכסטע פאמיליען פון דער שטאדט ווערנא, איטאליען, זיינען געוועזן דיא קאפולעט'ס און דיא מאנטאגיו'ס, אבער שוין זייט א היבשע צייט זיינען דיעזע פאמיליעס געוועזן אין שטרייט. אין קריעג, און דאס האט געפיהרט דערצו וואס ניט נאר איינמאל האט געפלאסען בלוט.

ויהי היום האט דער אלטער קאפולעט געמאכט א סעודה. ער האט געלאזט איינלאדען דיא רייכסטע און שענסטע דאמען און הערען פון דער שטאדט. דיא גאנצע שטאדט האט געקלונגען מיט דיעזער סעודה.

דיא מאנטאגיוס, נאטירליך, זיינען ניט געוועזן געלאדען, אבער א יונג מיידעל מיט דעם נאמען ראזאלין האט יא בעדארפט זיין איינע פון דיא געסט. דיעזע ראזאלין איז געוועזן דיא געליעבטע פון דעם יונגען און שעהנעם ראמעא, מאנטאגיו'ס זוהן. עס וייזט זיך אבער ארויס, אז אבוואהל ראמעא האט געליעבט ראזאלינען, האט זיא איהם ניט געליעבט. בענעוואליא, ראמעא'ס א פריינד, האט בעהויפטעט, אז ראמעא דארף זיא ניט ליעב האבען, און אום איהם אבצוגעוואהנען פון דיעזער ליעבע, האט ער געפלאנט צוזאמען צו ברענגען ראמעא'ן מיט אנדערע שעהנע דאמען, כדי ער זאל פערגעסען אן ראזאלינען.

דיא בעסטע געלעגענהייט איז געוועזן דיא סעודה ביי קאפולעט'ן. אבער וויא אזוי קען א מאנטאגיו אהין ארייןקומען? בענעוואליא האט פארגעשלאגען, אז ראמעא זאל זיך מאסקירען און בעזוכען דיא סעודה. ראמעא האט אנגענומען דעם פארשלאג, אבער ניט אום צו זעהען פרעמדע דאמען, זאנדערן צו קוקען אויף זיין ראזאלינען.

אויף דער סעודה, מאסקירט, זיינען אלזא געקומען ראמעא, בענעוואליא און נאך א פריינד זיינער מיט דעם נאמען מערקוטיא. דער אלטער

קאַפּולעט האָט זיי זעהר שעהן עמפּפאַנגען. דיא יונגע לייט האָבען גע־טאַנצט מיט דיא דאַמען, און ראָמעאָ האָט דערזעהען איין דאַמע, וועלכע האָט איהם, מיט איהר שעהנהייט, בעצויבערט. זיין בעוואונדערונג האָט געוואַקסען פון מינוט צו מינוט, ביז ער האָט זיך ניט געקענט מעהר איינהאַלטען און ער האָט זיינע געפיהלע אויסגעדריקט אין ווערטער.

ווערענד ער האָט אַזוי פאַנטאַזירט איבער דער שעהנהייט פון דער יונגער דאַמע, האָט אַ געוויסער טיבאַלט, קאַפּולעט׳ס אַ קרוב, זיך אונטערגעהערט און איהם דערקענט אָן זיין שטימע

טיבאַלט איז געווען אַ ווילדער און אויפגערעגטער יונג, און ער האָט ניט געקענט ליידען, אַז אַ מאָנטאַגיו זאָל „פערגאונרייניגען“ דאָס הויז פון דיא קאַפּולעטס. איבערהויפּט האָט ער געזאָגט, אַז ראָמעאָ מאַכט חוזק פון דער שעהנע דאַמע, וועלכע איז געווען יוליא, קאַפּולעט׳ס גרעסטענע טאָכטער. טיבאַלט האָט אָנגעגריפען ראָמעאָ׳ן און ער וואָלט איהם דער־הרג׳עט אויפ׳ן פּלאַטץ, ווען דער אַלטער קאַפּולעט וואָלט זיך ניט אריינ־געמישט און ניט צוגעלאָזט עס זאָל געשעהען אַ מאָרד אין זיין הויז, אי־בערהויפּט אין דער געגענוואַרט פון דיא געסט. אויסער דעם, האָט דער אַלטער קאַפּולעט געהערט, אַז ראָמעאָ, אויסער דעם וואָס ער האָט זיך קיינמאָל ניט געמישט אין דיא פאַמיליען שטרייטיגקייטען, איז ער אויך געווען אַ גאַנץ רוהיגער און אָנשטענדיגער יונגער מאַן. טיבאַלט, וועלכער איז געצוואונגען געווען זיך צו פערהאַלטען רוהיג, האָט פון דעסטוועגען געשוואָרען, אַז ער וועט זיך, ביי דער ערשטער געלעגענהייט, נוקם זיין אָן דיא מאָנטאַגיו׳ס.

ראָמעאָ איז אַלזאָ פערבליבען צו צוזעהען וויא דער עולם אַמו־זירט זיך, נאָר זיין ברענענדע ליעבע און בעוואונדערונג צו דער שעהנער יוליא, האָט ער ניט געקענט אונטערדריקען. מיט דער מאַסקע אויפ׳ן פּנים, אָבער מיט זיינע פרייע ליפּען, האָט ער פּאַרטגעזעצט דעם לויב צו איהר שעהנהייט. זיא האָט געהערט זיינע ווערטער און איז צוגעקומען צו איהם נעהענטער. עס איז ענטשטאַנען צווישען זיי אַ געשפּרעך, און אויך זיא האָט זיך געשפּירט צוגעצויגען צו דעם יונגען מאַן.

אונווילענדיג האָט זיא געפיהלט, דאָס אָבוואָהל ראָמעאָ איז זייער שונא, מוז זיא איהם דאָך ליעבען.

עס איז שוין געווען האַלבע נאַכט ווען דער אונטערהאַלט האָט זיך געענדיגט. ראָמעאָ מיט זיינע פריינד זיינען אַוועק, אָבער ער האָט זיך

באַלד אָבגעטהיילט פון זיי און איז פערשוואונדען געוואָרען. ער איז אוועק צוריק אַהין וואו ער האָט איבערגעלאָזט דיא שעהנע יוליא, אַריבער גע־שפּרונגען אַ פּאַרקען און איז אַריין אין אַ גאָרטען, וואָס איז געווען נעבען יוליא'ס הויז.

פּלוצלונג איז יוליא ערשיענען אויף אַ באַלקאָן אַרויסקוקענדיג פון אַ פענסטער. דיא לבנה האָט אַרונטערגעוואָרפען איהרע זילבערנע שטראַה־לען און באַלייכטעט דאָס ענגעל־געזיכט פון זיין געליעבטער. זיא האָט אָנגעשפּאַרט איהר קאָפּ אויף איהר האַנד און ער האָט געמורמעלט:

„אַך, ווען איך וואָלט געווען וויניגסטענס אַזוי גליקליך וויא דער האַנדשוה, וואָס בעריהרט יעצט איהר באַק!"

זיא ווידער, ניט וויסענדיג, אַז עמיצער איז אין גאָרטען, האָט פּלוצלונג געזאָגט זיפצענדיג:

„אַך, ראָמעאָ, ראָמעאָ! פאַר וואָס ביסטו ראָמעאָ? פערלאָז דיין פאָטער, ענטזאָג זיך פון דיין נאָמען, צוליעב מיר; אָדער, ווען דו ווילסט עס ניט, זיי בלויז מיין געשוואָרענער געליעבטער און איך וועל מעהר ניט זיין קיין קאַפּולעט."

ראָמעאָ איז נאָך מעהר בעצויבערט געוואָרען, און דאָס שעהנע מיידעל האָט ווייטער אויסגעגאָסען איהרע ליעבעס־געפיהלע אין דער שעה־נער און שטילער נאַכט. דאַן האָט ער זיך מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און צו איהר אָנגעהויבען צו ריידען, זיא בעטענדיג, אַז זיא זאָל פערגעסען אַז זיין נאָמען איז ראָמעאָ, ווען דער נאָמען איז איהר געגענד אַ שטערונג.

יוליא האָט זיך רעכט דערשראָקען הערענדיג אַ מאַן'ס שטימע אין גאָרטען. אין אָנפאַנג האָט זיא ניט געוואוסט ווער דאָס איז. זיא האָט אויפגעציטערט, און איהר ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז יעמאַנד האָט איינגעדרונגען אין גאָרטען און ערפאַהרען איהר געהיימניס.

אָבער ליעבענדע הערצער האָבען אַזאַ מאַגנעט, דאָס זיי געפינען זיך באַלד אויס, אפילו אין שאָטען פון דער נאַכט. עס האָט אַלזאָ ניט פיעל געדויערט און זיא האָט דערקענט ראָמעאָ'ס שטימע.

איהר ערשטער געדאַנק איז דאַן געווען, אַז זיין אַנוועזענהייט אין אַזאַ פּלאַץ שטעלט איהם אין אַ גרויסער געפאַהר. זיין לעבען איז שוין ביי איהר טהייערער געווען וויא אַלעס. זיא האָט געוואוסט, דאָס אין פאַל ער זאָל דאָרט אַנטדעקט ווערען פון איינעם פון איהר פאַמיליע, דאַן איז

ער פערלאָרען. זיא האָט איהם דערפאַר געבעטען ער זאָל אוועק, דאָרט מעהר ניט בלייבען.

„אך, געליעבטע,“ האָט ער געענטפערט, „עס איז מעהר געפאַהר פאַר מיר אין איינעם פון דיינע אויגען וויא אין צוואַנציג שווערדען. קוק נאָר אויף מיר מילד, געליעבטע, און איך בין שוין געשיטצט געגען אַלע מיינע שונאים. בעסער זאָל מיין לעבען געענדיגט ווערען דורך זייער האַס, וויא דאָס געהאַסטע לעבען זאָל פערלענגערט ווערען און איך זאָל מוזען עקזיסטירען אָהן דיין ליעבע.“

„וויא ביסטו אַהער אריינגעקומען?“ האָט יוליא געפרעגט, „ווער האָט דיר אַהער געוויזען דעם וועג?“

„ליעבע האָט מיך געפיהרט“, האָט ער געענטפערט. „איך בין ניט קיין פּילאָט (שטייער־מאַן), דאָך, ווען דו זאָלסט זיין אָבגעטהיילט פון מיר, וויא דיעזער מעכטיגער ברעג וואָס איז געשווענקט פון דעם וויטעסטען ים, וואָלט איך אַלץ געטראָפען צו דיר.“

דיא נאַכט האָט פערשטעלט יוליא׳ס געזיכט, זאָנסט וואָלט ראָמעא געזעהען וויא איהרע שעהנע באַקען זיינען אָנגעגאָסען געוואָרען מיט בלוט. זיא האָט געוואָלט חרטה האָבען אויף איהר מילדקייט, פריינדליכקייט און זיך אויסבייזערן אויף איהם. אָבער זיא האָט ניט געקענט.

דאָס פרויענצימער איז בטבע שעהמעדיג, און זיא איז ניט אַזוי פריי וויא דער מאַן באַלד צו געשטעהן איהר ליעבע. אָבער דיא ליעבע קומט ניט איבעראַל אין איין גראַד. אין געוויסע פעללע ברעכט זיא אויס וויא דיא לאַווא פון אַ פייער־שפּייענדען באַרג, וואָס קיינער קען זיא ניט צוריקהאַלטען. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט יוליא׳ן.

„העראויס,“ האָט זיא געזאָגט, דוא האָסט מיך, דורך אַ צופאַל, דאָ געטראָפען, און, דורך אַ צופאַל, ענטדעקט דיא געפיהלען פון מיין הארץ, פערלייקענען קען איך ניט. איך וויים, אַז עס איז ניט שעהן און ניט פאַסענד זיך אַזוי שנעל אונטערצוגעבען, אָבער גלויב מיר, אַז דאָס וועט ניט זיין קיין שטערונג צו מיין ברענענדער ליעבע צו דיר“....

ראָמעא האָט אָנגעהויבען אָנצורופען גאָט, דעם הימעל, אַלס עדות, אַז איהם פעלט גאָר ניט איין זיא צו פערדעכטיגען, אַז ער איז בלויז גליק־ליך און ניט מעהר. זיא האָט אונטערבראָכען דעם שטראָם פון זיינע ווער־טער און איהם געבעטען ער זאָל אויפהערען צו שווערען, ווייל, אָבוואָהל זיא פרייט זיך מיט איהם, האָט זיא אָבער זעהר ווייניג פרייד מיט אַלעמען

וואָס האָט פּאַסירט אין דיעזער נאַכט; ווייל אַלעס איז געקומען אונאַי־בערלעגט, צו שנעל, צו אונערוואַרטעט.

אָבער ראָמעא האָט ניט געוואָלט פּערלירען דעם גינסטיגען מאָמענט, און וויא יעדער יונגער פּערליעבטער, האָט ער געוואָלט זיי זאָלען ביידע שווערען, אַז זיי בעלאַנגען איינער צום צווייטען.

„איך האָב מיך דיר שוין אוועקגעגעבען, נאָך איידער דוא האָסט מיך פּערלאַנגט,“ האָט יוליא געמורמעלט.

פון דעסטוועגען איז זיא געווען צופריעדען נאָך אַ מאָל צו ווידער־האָלען, אַז זיא איז זיינע אויף אימער און אייביג.

זיס איז דיא ליעבע, הייליג זיינען איהרע געפיהלען, און עס ווערט גאָר ניט נמאס נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל זיך איבערצוגעבען צו דיעזען וואָס מען ליעבט.

פּלוצלונג אָבער האָט איהר גאָווערנאַנטקע, וועלכע פּלעגט שלאָ־פען מיט איהר, ערוואַכט, און זיא אוועקגערופען פון דיעזען ליעבעס געצ־שפּרעך. זיא איז שנעל אוועק, אָבער באַלד האָט זיא צוריקגעקעהרט און אין עטליכע ווערטער האָט זיא איהם געזאָגט, דאָס אין פּאַל זיין ליעבע איז אַן עהרענהאַפטע און זיין אבזיכט איז צו הייראַטהען, וועט זיא איהם, אויפ'ן צווייטען טאָג, שיקען אַ שליח אום צו בעשטימען אַ צייט פאַר זייער חתונה, און דאַן וועט זיא זיך צו איהם איבערגעבען, איהם אנערקענען אַלס איהר הערר און איהם נאָכפאָלגען איבער דער גאַנצער וועלט.

וועהרענד זיי האָבען געהאַלטען אין בעשפּרעכען זייערע פּלענער, איז יוליא גערופען געוואָרען עטליכע מאָל פון איהר גאָווערנאַנטקע.

מערקווירדיג, זיא האָט געוואָלט ראָמעא זאָל אי אוועקגעהן און אי בלייבען. ענדליך, זיך ווינשענדיג אַן אנגענעהמען שלאָף און זיסע חלומות האָבען זיי זיך צושיידט.

אין דרויסען האָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען ווען זיי האָבען זיך צוטהיילט. אָבער ראָמעא איז ניט געגאַנגען אַהיים, ער איז אוועק אין אַ מאָנאַסטיר פון יענער געגענד אום זיך צו בעגעגענען מיט דעם גייסטליכען, אָדער מאָנאַך לאָרענץ, וועלכער האָט זיך דאָרט געפונען. דער מאָנאַך איז שוין געווען אויפגעשטאַנען און געהאַלטען ביי זיינע מאָרגען־געבעטע. דער־זעהענדיג אָבער ראָמעאָ'ן אַזוי פריה, האָט ער זיך געטראַכט, אַז ער האָט געוויס נאָך ניט געשלאָפען און פערבראַכט דיא נאַכט ערגעץ־וואו אין יו־גענדליכען אונטערהאַלט. ער האָט געהאַט רעכט, ווען ער האָט גערעכענט,

אז ראָמעא איז נאָך ניט געשלאָפען, אבער דיא מיינונג, אז ראָמעא האָט פערבראכט מיט ראזאלינען, איז געווען א פאלשע. עס האָט אבער ניט פיעל געדויערט און ראָמעא האָט איהם אלעס מיט געטהיילט איבער זיין נייער ליעבע, אז ער ליעבט יוליא׳ן.. ער האָט איהם אויך געבעטען ער זאָל איהם העלפען דורכפיהרען זיין פלאַן און איהם פערהייראטהען נאָך אין דעם זעלבען טאָג מיט יוליא׳ן.

דער מאָנאך איז געווען שטארק איבערראשט הערענדיג וויא שנעל ראָמעא האָט איבערגעטראָגען זיין ליעבע, און וויא ברענענד ער ליעבט זיין נייע בעקאַנטע. נאָר אזוי וויא דערזעלבער מאָנאך האָט איהם א מאָל גע־ראטהען ער זאָל לאָזען געהן ראזאלינען, וויל זיא ליעבט איהם ניט, האָט ער יעצט געהאַט אורזאכע צו פערלאנגען זיין שטיצע אין א צייט ווען ביי־דע ליעבען זיך. ראָמעא האָט זיך געבעטען יהער מאָנאך זאָל זיך אריינ־מישען און זיי פערהייראטהען, וויל דאָס וועט ניט נאָר גליקליך מאכען דיא צוויי יונגע מענשען, זאָנדערן אויך פעראייניגען דיא קאפולעטס און מאָנטאגיוס וואָס יעדער האָט שוין לאנג געוואָלט איבערבעטען. דער לעצ־טער ארגומענט האָט געווירקט, און דער גייסטליכער האָט פערשפּראָכען זיי צו פערהייראטהען.

דיא געליעבטע האָבען זיך שפּעטערביידע צוזאַמען בעגעגענט ביים מאָנאך אין דער מאָנאסטיר, און זייענדיג איבערפילט פון גליק, האָט דער גייסטליכער זיי פעראייניגט. דער אלטער האָט אויך געבעטען גאָט ער זאָל בענשען דאָס יונגע פּאָאר און דורך זייער הייראטה זאָל עס פיהרען דיא צוויי קריעגערישע פאמיליען זאָלען ווערען פריינד.

נאָך דעם וויא דיא צערעמאָניע איז געווען פאָראיבער, איז יוליא שנעל אוועק צוריק אהיים וואו זיא איז פערבליבען אונגעדולדיג ווארטענדיג אויף דער נאכט און ראָמעא האָט פערשפּראָכען צו קומען און זיא בעגעג־נענען אין גאָרטען. אויף דעמזעלבען פּלאַטץ וואו זיי זיינען זיך שוין איינ־מאָל צוזאַמענגעקומען.

אין דעמזעלבען טאָג, אום מיטאג־צייט, האָט אבער פּאסירט א שרעקליכע געשיכטע — א געשיכטע וואָס איז געווען בעשטימט צו ענדיגען אלעס אין דער גרעסטער טראגעדיע. בענוואָליאָ און מערקוטיאָ, ראָמעא׳ס ברייגד האָבען שפּאציערט איבער דער שטאָדט און זיך בעגעגענט מיט טי־באלט׳ן. דיעזער איז געווען זעהר אויפגערעגט און ענטשלאָסען פאָרטצוזע־צען זיין קאמפף וואָס ער האָט אנגעפאנגען מיט ראָמעא׳ן לעצטע נאכט. עס

האָט ניט פיעל געדויערט און אַ העפטיגער וואָרט-שטרייט האָט אויסגע־בראָכען. אונגליקליכער ווייזע איז ראָמעא דארויף אָנגעקומען. אַבלאָזענדיג מערקוטיאָ'ן און בענוואָליאָ'ן, האָט ער זיך גענומען צו ראָמעאָ'ן, און איהם אָנגערופען „לומפ“.

ראָמעאָ האָט געוואָלט אויסמיידען אירגענד אַ שטרייט מיט טיבאָלט'ן, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער איז יוליא'ס שוועסטער-קינד און איז זעהר געאַכטעט פון איהר. איבערהויפּט האָט ראָמעא קיינמאָל ניט געהאַלטען פון דער פאַמיליען-קריעגעריי, און זייענדיג פון נאַטור אַ רוהיגער מענש, האָט ער אָנגעווענדעט אַלעס מעגליכעס צו בערוהיגען טיבאָלט'ן. ער האָט גערעדט שטיל, געלאַסען, געשמייכעלט און געזוכט יעדעס מיטעל וויא אָבצוהאַלטען טיבאָלט'ן פון אַן אויסברוך. אָבער טיבאָלט האָט געהאַסט דיא מאָנטאַגיו'ס וויא דעם טויט און ניט געוואָלט הערען פון קיין זאַך. נאָך מעהר, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ראָמעא'ס מילדקייט פאר אַ מין חוזק, און ניט וואר־טענדיג פיעל, האָט ער ארויסגעצויגען זיין שווערד.

מערקוטיאָ, ניט וויסענדיג פון ראָמעא'ס ליעבעס געהיימנים און ניט זייענדיג בעקאַנט, ווארום ראָמעא וויל פריעדען, האָט בעטראַכט ראָמעא'ס האַנדלונג אַלס פון אַ פייגלינג, אַ טרוס. ער האָט דערפאר אויך שנעל ארויסגעצויגען זיין שווערד און גענומען קעמפפען מיט טיבאָלט'ן. עס האָט ניט פיעל געדויערט, און טיבאָלט'ס שווערט האָט דורכגעבויערט מערקוטיאָ'ס ברוסט. מערקוטיאָ איז געפאַלען טויט.

דיעזע סצענע האָט אָנגעצונדען ראָמעאָ'ס צאָרן, און פערגעסענדיג אַן אַלעמען. האָט ער אויך ארויסגעצויגען זיין שווערד. אַ נייער בלוטיגער קאַמפּף איז ענטשטאַנען און דיזעס מאָל האָט ראָמעאָ געזיעגט, טיפאלט איז געפאַלען דורכגעבויערט.

דאָס אַלעס האָט פּאַסירט אין דער עפענטליכער גאַס פון ווערָאָנאַ. דיא נאַכריכט דערפון האָט זיך שנעל פערברייטעט איבער דער גאַנצער שטאָדט, און דיא קאַפּולעטס מיט דיא מאָנטאַגיוס און זייערע פרויען, צו־זאַמען מיט פיעלע אַנדערע מענשען זיינען געקומען זעהען וואָס עס איז פאָרגעקומען. צוזאַמען מיט זיי איז אויך ערשיענען דער פּרינץ פון ווערָאָנאַ, וועלכער איז געוועזען אַ פריינד פון מערקוטיאָ'ן, וועמען טיבאָלט האָט ער־מאָרדעט.

דער פּרינץ האָט ניט נאָר איינמאָל געהאַט גרויסע צרות דורך דעם

שטרייט פוןביידע פאמיליען; ער האט א סך מאל פערשוויגען. יעצט אבער איז ער געווען ענטשלאסען צו מאכען א סוף פון אלעמען.

בענעוואליא, וועלכער איז געווען ביי דער גאנצער טראגעדיע, איז בעאויפטראגט געווארען פון דעם פרינץ צו דערצעהלען וואס עס איז געוועזען. ער האט מיטגעטהיילט אלעס, זיך האלטענדיג אזוי וויים אן דער וואהרהייט וויא עס איז נאר געווען מעגליך. אין דערזעלבער צייט אבער, האט ער זיך ניט געקענט העלפען און פערטהיידיגט ראמעא'ן, ארויפווארפענדיג דיא גאנצע שולד אויף טיבאלט'ן.

מאדאם קאפולעט, וועלכע איז געווען זעהר בעטריעבט דורך דעם פערלוסט פון איהר קרוב טיבאלט, האט געבעטען דעם פרינץ ער זאל ניט אכטען בענעוואליא'ס ווערטער, וועלכער איז ראמעא'ס פריינד. אזוי האט דיעזע פרוי זיך אוועקגעשטעלט אלס א שרעקליכע געגנערין געגען איהר נייעם איידעם און פערלאנגט מיט טרערען אין דיא אויגען, זיין טויט.

מאדאם מאנטאגיו וויעדער האט בעהויפטעט, אז איהר זוהן האט געהאנדעלט וויא יעדער עהרענמאן וועט האנדלען אין זיין לאגע און טיבאלט, נאך איהר מיינונג, האט עהרליך פערדיענט דעם טויט.

דער פרינץ איז געווען ענטשלאסען צו נעהמען שטרענגע מאסרעגעלען, און אום יוצא צו זיין פון ביידע זייטען, האט ער פעראורטהיילט ראמעא'ן פערטריבען צו ווערען פון ווערא̇נא.

שוידערהאפט איז געווען דיא נאכריכט, וועלכע האט געגרייכט דיא אונגליקליכע יוליא. בלויז עטליכע שטונדען זיינען פאראיבער זייט זיא האט חתונה געהאט און יעצט, האט עס אויסגעזעהען, אז זיא מוז געשיעדען ווערען פון העם מאן וואס זיא ליעבט אזוי.

אין אנפאנג, ווען זיא האט געהערט וואס עס איז פארגעקומען, האט זיא אויסגעגאסען כל־חמתה אויף ראמעא'ן, וועלכער האט דער'הרג'עט איהר שוועסטער־קינד. זיא האט ראמעא'ן אנגערופען שעהנער טיראן, טייוולישער מלאך, א רויבזיכטיגע טויב, א שעפס מיט א וואלף'ס נאטור, א שלאנגען־הארץ מיט א בלומען־געזיכט, און נאך אזעלכע ווידערשפרעכענדע נעמען, וועלכע האבען אנגעצייגט דעם שווערען קאמפף פון ליעבע און האס אין איהר הארצען. ענדליך אבער האט דיא ליעבע געזיעגט, דיא טרערען האבען פלאטץ געמאכט פאר דעם שמערץ צוליעב איהר געליעבטען, און נייע טרערען, פריידען־טרערען האבען אנגעפאנגען צו רינען, דאס טיבאלט, וועלכער האט געוואלט הרג'ענען איהר ראמעא'ן, איז טויט, און ראמעא לעבט!

אָבער דער גרעסטער שמערץ איז געווען, וואָס ראָמעא מוז פערטריבען ווע-
רען פון דער שטאָדט.

ראָמעאָ, נאָך דעם גאַנצען אונגליק, איז ער אוועק צום מאָנאַך, וואו ער האָט אויסגעדריקט זיין גאַנצען שמערץ און זיין גאַנצע פערצווייפלונג. דער מאָנאַך האָט איהם פערשטאַנען, ער האָט איינגעזעהען, אַז ראָמעא איז געטריבען געוואָרען צו בעגעהן דעם מאָרד געגען זיין אייגענעם ווילען. ער האָט איהם געטרייסט און בערוהיגט און געראָטהען ער זאָל וואַרטען ביז ביי נאַכט, דאַן זאָל ער, וויא פריהער, בעזוכען יוליא'ן און נאַכהער שנעל אוועק קיין מאַנטוא, וואו ער זאָל וואַרטען אַזוי לאַנג געדולדיג, ביז דער מאָנאַך וועט געפינען אַ פּאַסענדע צייט איבערצובעטען ביידע פאַמי-
ליען. ווען דער פּרינץ וויעדער, וועט זעהען אַז פון דיא שונאים איז געוואָרען פריינד, וועט ער בעגנאַדיגען ראָמעא'ן. אין דער זעלבער צייט, וועט דער מאָנאַך איהם שיקען אָפט בריעף און איהם בענאַכריכטען וואָס עס געהט פאָר.

דיא לעצטע נאַכט האָט ראָמעא פערבראַכט מיט זיין יונגער און שעהנער פרוי. זיא האָט איהם אַריינגענומען אין איהר צימער. זיי האָבען ביידע געוויינט און זיך געפרייט, אַזוי איז דיא נאַכט פאַראיבער ביז עס האָט אָנגעהויבען צו ברעכען אויף טאָג.

אין דרויסען האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען דיא לערכע, אָבער יוליא האָט זיך געוואָלט טרייסטען און געמיינט, אַז דאָס איז דיא נאַכטיגאַל. דאַן ווען דער טאָג האָט זיך אָבער דייטליך בעוויזען אין מזרח זייט, האָבען זיי ביידע פערשטאַנען דיא טרויעריגע ווירקליכקייט. זיי האָבען זיך גע-
מוזט שיידען. ער האָט זיך אויסגעריסען פון איהר אומאַרמונג, וויל ער האָט געוואוסט, אַז אין פאַל מען כאַפּט איהם ווען עס ווערט טאָג, איז זיין לעבען פערלוירען. ער האָט איהר פערשפּראָכען צו שרייבען יעדע שטונדע פון טאָג.

ווען ער איז ענדליך אַרונטער אין גאָרטען און זיא האָט צו איהם אַראָפּגעקוקט, האָט ער ביי איהר אויסגעזעהען, גלייך וויא טויט, אין קבר. אויך ראָמעא איז געווען אַזוי טרויעריג. דער קומענדער טאָג האָט איהם אָבער דערמאָהנט אַז ער מוז אוועק.

נאָך איניגע טעג זיינען פאַראיבער נאָך דיעזער געשיכטע, ווען דער אַלטער קאַפּולעט האָט פאַרגעלעגט פאַר זיין טאָכטער אַ שדוך. ער האָט נאַטירליך ניט געוואוסט, אַז זיא איז שוין פערהייראַטהעט, אַז זיא איז אַ

פרוי, און האט א מאן. דעם חתן וואס ער האט איהר גערעדט, איז געווען א געוויסער גראף פאריז, א יונגער און בראוור עדעלמאן.

ווען יוליא האט דאס דערהערט, איז זיא פערציטערט געווארען. זיא האט געבעטען איהר פאטער ער זאל זיא נאך צורה לאזען, ווייל זיא איז צו יונג, ווייל זיא איז אין טרויער נאך איהר שוועסטער־קינד טיבאלט, אבער וואס פאר אן אורזאכע זיא האט געקענט אנגעבען, האט אויף איהר פאטער ניט געווירקט. ער האט גע׳טענה׳ט, אז דאס איז דער בעסטער שידוך פאר איהר און זיא האט קיין רעכט ניט אוועקצולאזען אזא גליק.

אין איהר פערצווייפלונג האט זיך יוליא געווענדעט צום מאנאך נאך א ראטה. אין דערזעלבער צייט האט זיא איהם געזאגט, דאס זיא וועט גיכער שטארבען איידער בלייבען איהר מאן אונגעטריי.

דער מאנאך האט איהר געגעבען א מערקווירדיגע עצה. ער האט איהר געהייסען אהיים געהן, ערשיינען מונטער און פרעהליך, איינשטימען צו ערפילען איהר פאטער׳ס וואונש, און, מיט א טאג פאר דער חתונה, זאל זיא אויסטרינקען א פלעשעלע מיט פליסיגקייט וואס ער האט איהר געגעבען. דיעזער געטראנק וועט האבען דיא ווירקונג, וואס זיא וועט באלד אומר פאלען וויא טויט. יעדער וועט זיא אויך רעכענען פאר טויט, אבער פונקט אין 48 שטונדען ארום וועט זיא ערוואכען וויא פון א חלום. דער חשבון איז געווען אזוי: מען וועט זיא אריינלעגען אין דער העהל וואו דער בית־הקברות פון דער פאמיליע געפינט זיך. ער, דער מאנאך, וועט ערשיינען פונקט צו דיא 48 שטונדען, זיא פון דארט ארויסנעהמען און אוועקשיקען צו איהר מאן נאך מאנטוא.

עס איז געווען א שרעקליכער פארשלאג, אבער אום צו דערגרייכען איהר ציעל און פערבלייבען ראמעא׳ס פרוי, האט זיא געפאסט מוטה און איינגעשטימט אויף אלעמען.

געהענדיג צוריק פון מאנאסטיר, האט זיא בעגעגענט גראף פאריז, און, האלב שעהמעדיג, האלב פערשטעלט, האט זיא איינגעשטימט מיט איהם צו הייראטהען. ווען דער אלטער קאפולעט האט דערפון געהערט, איז ער געווען אויסער זיך פאר פרייד. ער האט געהאלזט און געקושט זיין טאכטער, וועלכע איז ענדליך בעשטאנען צו ערפילען זיין וואונש. אונגעהייערע און קאסטבארע פארבערייטונגען זיינען געמאכט געווארען צו דער חתונה. גאנץ ווערא[נ]א האט ערווארטעט צו זעהען אזא צערעמאניע, וויא מען האט נאך קיינמאל ניט געזעהען.

מיטוואָך איז געווען דער טאָג פאַר דער האָכצייט, און אבענד האָט יוליא אויסגעטרונקען וואָס דער מאָנאך האָט איהר געגעבען. ווען דער יונגער גראַף איז געקומען גאַנץ פריה בעגריסען זיין כלה מיט מוזיק, האָט ער זיא געטראָפען טויט.

פאַריז האָטווירקליך געליעבט דיא שעהנע יוליא, און איהר טויט האָט דערשטיקט אַלע זיינע שעהנע האָפנונגען פאַר דער צוקונפט. אָבער נאָך טרויעריגער איז געווען דער שמערץ פון איהרע עלטערן.

אנשטאָט אַ גייסטליכער זאָל זיא פערהייראטהען, האָט מען גערופען אַ גייסטליכען ער זאָל זיא בעערדיגען.

שלעכטע נאַכריכטען וואַנדערן שנעלער וויא גוטע. דער מאָנאך האָט אפילו אָבגעשיקט אַ שליח קיין מאַנטוא בעקאַנט צו מאַכען ראָמעאָ'ן מיט דיא ריכטיגע פּאַסירונגען, אָבער ראָמעאָ האָט פריהער ערפאַהרען, אַז יוליאַ איז טויט.

שרעקליך איז געווען דער קלאַפּ פאַר דעם אונגליקליכען יונגען פערליעבטען. ניט צו וואַרטען קיין סך, איז ער אוועק צו אַן אַפּאַטהעקער, איהם בעצאָהלט וויפיעל געלד ער האָט געוואָלט, און ביי איהם געקריגען איינעם פון דיא געפעהרליכסטע גיפטען — אַ גיפט, לויט וויא דער אַפּאַטהעקער האָט בעהויפּטעט, ווען אַ מענש זאָל אין זיך האָבען דעם כח פון צוואַנציג פערזאָן, וועט דאָס איהם שנעל פערטיג מאַכען.

מיט דיעזען גיפט ביי זיך, איז ראָמעא אוועק קיין ווערא̈נא, אויפזוכען דעם קבר, נאָך אַ מאָל זעהען זיין געליעבטע, אָבפּרעסען אַ לעצטען קוש אויף איהרע ליפּען און דאַן שטאַרבען נעבען איהר. אום האַלבע נאַכט איז ער אהין אָנגעקומען, און מיט אַ האַק אין האַנד, האָט ער אָנגעפאַנגען אויפצוברעכען דעם קבר. ער איז אָבער אונטערבראָכען געוואָרען הערענדיג יעמאַנדען איהם אָנרופען „לומפּיגער מאָנטאַגיו", און איהם וואַרנענדיג ער זאָל ניט פעראונהייליגען קיין קבר.

דאָס איז געווען גראַף פאַריז, וועלכער איז געקומען מיט פרישע בלומען צו לעגען אויף זיין כלה'ס קבר. ער האָט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַן אינטערעס ראָמעא האָט ביי יוליא'ס טויטען קערפּער, אָבער ער האָט געדעכענט, אַזוי וויא ער איז אַ מאָנטאַגיו, איז ער געווים אהין ניט געקומען מיט קיין גוטער אַבזיכט. ראָמעא, ערביטערט און מיט אַ געבראָכען הארץ, האָט געבעטען פאַריז'ן ער זאָל איהם לאָזען צורוה און איהם ניט צווינגען צו קיין נייעם פערברעכען. אָבער דער גראַף האָט איהם געענטפערט מיט

שפּאַט. אַ קאַמפּף האָט אויסגעבראָכען און פּאַריז איז געפאַלען טויט.

ביז ראָמעא האָט איהם ניט בעטראַכט ביים שיין פון אַ ליכט, האָט ער גאָר ניט געוואוסט ווער זיין לעצטער קרבן איז געווען. ער האָט דאַן אויפגעהויבען דעם יונגען מאַן׳ס קערפּער און ערקלערט, אַז ער וועט איהם בעערדיגען מיט עהרע, צוזאַמען מיט יוליא׳ן.

דאַן האָט ער געעפענט יוליא׳ס טרונע. דאָרט איז זיא געלעגען דיא טויטע געטין! אפילו דער טויט האָט ניט געקענט ענדערן איהר הימלישע שעהנהייט. זיא האָט אויסגעזעהען פרישׁ און בליהענד, גלייך וויא זיא וואָלט געלעבט. ניט ווייט פון איהר איז געלעגען טיבאַלט, וועמען ראָמעא האָט געבעטען אום פערצייהונג, און צוליעב יוליא׳ן, האָט ער איהם גערופען

ראָמעא האָט זיך צוגעבויגען צו יוליא׳ס ליפּען, זיי געקושט מיט עהרפורכט, און דאַן האָט ער אויסגעטרונקען דעם גיפט. און דיעזע פליססיג־קייט איז ניט געווען וויא חעם מאָנאַך׳ס, זיא האָט אין דער ווירקליכקייט באַלד געענדיגט ראָמעאָ׳ס לעבען און ער איז אומגעפאַלען טויט נעבען יוליא׳ן.

וויא עס שיינט, האָט דער מאָנאַך געהאַט דיא אַבזיכט צו קומען מיט ראָמעאָ׳ן ווען יוליא וועט ערוואַכען. נאָר אַזוי וויא, דורך אַן אונ־גליקליכען צופאַל האָט איהם זיין שליח ניט געגרייכט, איז ער אַליין גע־קומען מיט אַ האַק און מיט אַ לאָמפּ צו בעפרייען דיא יונגע פרוי פון איהר לעבעדיגען קבר. מען קען זיך אַלזאָ לייכט פאָרשטעלען דעם מאָנאַך׳ס איבערראַשונג, ווען ער האָט געפונען אַ לאָמפּ שוין ברענענדיג אין חעם טויטען־מאָנומענט פון דער פאַמיליע קאַפּולעט און נעבען חעם פערבלוטיגטע שווערדען און אויך דיא טויטע קערפּערס פון דיא צוויי יונגע לייט, ראָמעאָ און פּאַריז.

וועהרענד דיעזער שרעקליכער ענטדעקונג, האָט יוליא ערוואַכט. זיא האָט זיך ארומגעקוקט און דערזעהען נעבען זיך דעם גייסטליכען. אָנפאַנגס האָט זיא ניט געוואוסט וואו זיא איז, אָבער לאַנגזאַם האָט זיא זיך אַן אַלעם דערמאָהנט, און איהר ערסטע פראַגע איז געווען:

„וואו איז מיין ראָמעאָ?"

דער מאָנאַך, ציטערענדיג, האָט זיא געבעטען ארויסצוקומען פון איהר אָרט, ווייל אַ העכערע מאַכט האָט צושטערט אַלע זיינע פּלענער.

יוליא איז אויפגעשטאַנען. זיא האָט באַלד דערזעהען פאַר זיך איהר טויטען מאַן. דאָס פלעשעל פון גיפט אין זיין האַנד, האָט איהר באַלד דער־

צעהלט וואָס עס האָט פּאַסירט; אַז גיפט האָט געמאַכט אַ סוף פון זיין לעבען. זיא האָט געוואָלט טרינקען פון דעמזעלבען גיפט, אָבער עס איז מעהר ניט געווען. דאַן איז זיא צוגעפאַלען צו זיינע ליפּען און זיי אָנגעהויבען צו זויגען אום פון זיי אַרויסצוציהען דעם טויט אויך פאַר זיך. זיא האָט געוואָלט קושענדיג שטאַרבען לעבען זיינע ליפּען. פּלוצלונג האָט זיא דערהערט שטימען פון מענשען. לעבען האָט זיא מעהר ניט געוואָלט.

יוליא האָט ביי זיך געהאַט אַ קינזשאַל, וועלכען זיא האָט בעהאַלטען אין איהר בוזים. זיא האָט דיעזען קינזשאַל שנעל ארויסגעצויגען און זיך דורכגעבויערט איהר ברוסט. זיא איז דאַן געפאַלען טויט נעבען איהר געליעבטען.

דער וועכטער איז דערווייל צוגעקומען צום בית־הקברות, פאַריז'עס אַ דיענער איז אויך אָנגעקומען, עס איז געוואָרען אַ רעש, און מען האָט נאַכהער געבראַכט דיא נאַכריכט פון דעם אונגליק צו ביידען'ס עלטערען.

שרעקליך איז געווען דיא סצענע, ווען דער אַלטער קאַפּולעט און דער אַלטער מאָנטאַגיו זיינען געשטאַנען נעבען דיא טויטע קערפּערס פון זייערע יונגע קינדער.

דער מאָנאַך, געבראָכען אין גייסט, האָט דערצעהלט אַלעס וואָס עס איז פאָרגעקומען.

דיא צוויי אַלטע לייט, דערשטיקט פון טרעהרען און שמערץ, האָבען זיך געגעבען דיא הענד. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. ביידע האָבען פערשפּראָכען אויפצושטעלען מאָנומענטען פאַר זייערע קינדער און וואָס דאָס לעבען האָט ניט געקענט טהון, האָט דער טויט געווירקט — דיא שטרייטענדע פאַמיליעס האָבען זיך איבערגעבעטען!

# קעניג ליער.

דער קעניג ליער פון בריטאניען האט געהאט דריי טעכטער: גענאריל, דיא פרוי פון דעם דיוק פון אלבאני; רעמאן, דיא פרוי פון דעם דיוק פון קארנוואלל; און קארדעליא, א יונגע מיידעל, וועלכע אי דער קעניג פון פראנקרייך, אי דער דיוק פון בורגונדי, האבען זיך צו איהר גע'שדכנ'ט. ביידע האבען זיך דאן געפונען אין פאלאטץ פון קעניג ליער.

ליער איז שוין געווען אן אלטער מאן, ער איז אלט געווען איבער 80 יאהר. דיא לאנגע יאהרען און דיא ארבייט פון דער רעגיערונג, האבען איהם פערמאטערט. ער האט בעשלאסען איבערצוגעבען דיא רעגיערונג אין דיא הענד פון איינגערע און קרעפטיגערע מענשען און זיך דערווייל פאר־בערייטען צו דער אייביגער רייזע — צום טויט, וועלכער האט שוין ניט געקענט זיין שטארק ווייט.

ער האט דערפאר געלאזט רופען צו זיך זיינע דריי טעכטער אום צו הערען פון זייער מויל, וועלכע איז איהם געטרייער, וועלכע ליעבט איהם אם בעסטען, און ווען ער וועט אויסגעפינען וואס ער וויל וויסען, זאל ער פער־טהיילען זיינע לענדער צו יעדער איינער לויט איהר טרייהייט און ליעבע.

דיא עלטסטע, גאנעריל, האט ערקלעהרט, אז זיא ליעבט איהר פאטער פיעל מעהר וויא ווערטער קענען אויסדריקען; אז ער איז ביי איהר טהייערער וויא דאס ליכט פון איהרע אויגען, טהייערער וויא לעבען און פרייהייט. זיא האט נאך געזאגט עהנליכע ווערטער, וועלכע מען האט גע־קענט יא גלויבען און ניט גלויבען. ווען ליער האט דאס געהערט, איז זיין פאטער־הארץ געווען זעהר צופריעדען, און ניט קלערענדיג קיין סך, האט ער אוועקגעגעבען א דריטעל פון זיין קעניגרייך פאר איהר און איהר מאן.

רעמאן האט אויך געזאגט אונגעפעהר דאס זעלבע, און ליער האט איהר געגעבען דאס צווייטע דריטעל פון זיין קעניגרייך.

קעניג ליער

קאָרדעליא װיעדער, װעלכע איז תמיד געװעזן זיין געליעבטעסטע טאָכטער, האָט בלויז געענטפערט, אַז זיא ליעבט איהר פאָטער אַזוי פיעל וויא איהרע פליכטען זיינען, ניט מעהר און ניט װעניגער.

דער אַלטער קעניג, װעלכער איז אימער געװעזן בעקאַנט דורך זיין אויפרעגונג און שנעלע האנדלונג, איז געװאָרען שטארק אין כעס אויף זיין איינגסטער טאָכטער, װעלכע האָט ניט געקענט אַזוי שמייכלען װיא איהרע שװעסטער, און ניט קלערענדיג פיעל, האָט ער אװעקגעגעבען דעם דריטען טהייל פון זיין קעניגרייך צו זיינע צװיי עלטערע טעכטער. אין דער געגענ־װאָרט אַלזאָ פון זיין גאַנצען הויף, האָט ער געקרוינט זיינע צװיי טעכטער מיט זייערע מענער, אַלס זיינע נאָכפאָלגער ביים לעבען.

אַזאַ איבעראיילטע האנדלונג אװעקצוגעבען זיין קעניגרייך ביים לע־בען און דערצו נאָך בלויז צו צװיי קינדער און דעם דריטען גאָר ניט, אַליין זיך לאָזענדיג גלאַט אַזוי אויפ'ן צופאַל, האָט ניט נאָר איבעררײַשט אַלע זיינע הויפּלייט, זאָנדערן זיי אויך אָנגעפיללט מיט טרויער און שמערץ. אָבער קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט דעם מוטה עפּעס צו זאָגען, מיט אויסנאַהמע פון דעם מאַרקיז קענט, װעלכער האָט געװאָלט עפּעס זאָגען פאַר קאָרדעליא'ן, זיא פערטהיידיגען, ערקלעהרען, אַז זיא איז אַ גוט קינד, אָבער ליער האָט איהם אונטערבראָכען און פערבאָטען צו זאָגען אַ װאָרט, זאָנסט װעט ער דערפאַר בעצאָהלען מיט זיין לעבען.

נאָר קענט האָט זיך דערמיט ניט צופריעדען געשטעלט. ער איז אימער געװעזן איינער פון ליער'ס בעסטע אנהענגער; ער האָט איהם געליעבט אַלס פאָטער, געעהרט אַלס קעניג און נאָכגעפאָלגט אַלס הערר. ער איז אימער געװעזן בערייט פאַר איהם אָבצוגעבען זיין לעבען און זעהענדיג, אַז ער האָט בעגאַנגען אַזאַ פעהלער, האָט ער ניט געקענט שװייגען.

ליער, װעלכער האָט אָבער ניט געװאָלט הערען פון קיין מוסר און מאָרווירפע, האָט פעראורטהיילט זיין געטרייען קענט פערטריבען צו װער־רען פון לאַנד ביז אין פינף טעג צייט, און, װען ער װעט דאָס ניט בע־פאָלגען, זאָל מען איהם, אויפ'ן זעקסטען טאָג הרג'ענען.

קענט האָט דאַן גענומען אבשיעד פון דעם געװעזענעם קעניג און דער־ביי בעמערקט, אַז עס װאָלט פאַר איהם סאַי־װיא־סאַי געװעזן פערטריי־בונג פון לאַנד װען ער זאָל דאָרט װייטער פערבלייבען. ער האָט אויך גע־בעטען גאָט צו בעשיטצען קאָרדעליא'ן, דאָס מיידעל װאָס האָט ניט געקענט שמייכלען גלייך מיט איהם, און געװאונשען, אַז איהרע שװעסטער זאָ־

לען וועניגסטענס עפּעס האַלטען פון דער ליעבע צו זייער פאַטער פון וועלכער זיי האָבען אַזוי פיעל געפּלוידערט. דאַן איז ער אַוועק.

דער קעניג פון פראַנקרייך, און דער דיוק פון בורגונדי, וועלכע זיינען אויך אימער געווען אין פּאַלאַץ, זיינען געווען גערופען געוואָרען, און מען האָט זיי בעקאַנט געמאַכט מיט ליער'ס האַנדלונג, דאָס הייסט, אַז קאָרדעליא האָט קיין זאַך מעהר אויף דיעזער וועלט, אויסער איהר אייגענע פּערזאָן. קיין קרוין און קיין נדן.

דער דיוק פון בורגונדי, וועלכער האָט וואַהרשיינליך אַרויסגעקוקט אויף אַ רייכען שידוך, האָט זיך באַלד ענטזאַגט פון איהר. דער קעניג פון פראַנקרייך וויעדער האָט פערשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעגאַנגען, אַז קאָרדעליא האָט איינפאַך ניט געקענט זיין אַזאַ שמייכלערין וויא איהרע שוועסטער, האָט אָנגענומען קאָרדעליא'ן ביי דער האַנד און ערקלערט, אַז איהר טוגענד, איהר אויפריכטיגקייט האָבען ביי איהם מעהר ווערטה וויא אַ קעניגרייך און ער איז בערייט זיא מיטצונעהמען מיט זיך, צו ווערען זיין קעניגין און זיא זאָל רעגיערען איבער פראַנקרייך, אַ שעהנערעס לאַנד וויא איהרע שוועסטער האָבען. אין דערזעלבער צייט האָט ער ניט אויסגע-זידעלט דעם דיוק פון בורגונדי, וועלכער האָט ניט געזוכט קאָרדעליא'ס פּערזאָן, נאָר איהר נדן.

קאָרדעליא, וויינענדיג, האָט דאַן גענומען אַבשיעד פון איהרע שוועסטער און זיי געבעטען, אַז זיי זאָלען ליעבען זייער פאַטער און האַל-טען וואָרט, אַז זיי וועלען איהם אימער פערבלייבען געטרייע און גוטע קינדער. זיי וויעדער, דיא צוויי נייע קעניגינס, האָבען מיט כעס געענט-פערט, אַז זיי דאַרפען ניט מען זאָל זיי לערנען, ווייל זיי קענען גוט זייערע פּליכטען. אין דערזעלבער צייט האָבען זיי בעמערקט מיט שפּאָט, אַז זיא, קאָרדעליא, וועלכע איז אַ קבצן'טע, זאָל בעסער זעהען צו-פריעדען שטעלען איהר מאַן.

דיא אָרעמע קאָרדעליא האָט גוט געקענט איהרע שוועסטער. זיא האָט דערפאַר גענומען איהר לעצטען אַבשיעד מיט אַ שווער האַרץ ווי-סענדיג, אַז זיא לאָזט איבער איהר אַלטען פאַטער אין זעהר שלעכטע הענד.

אַזוי שנעל וויא קאָרדעליא איז אַוועקגעפאָהרען, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויעזען דער וואַהרע כאַראַקטער פון דיא צוויי שוועסטער. ליער האָט בעדאַרפט וואָהנען איין מאָנאַט מיט זיין עלטסטע טאָכטער גאָנעריל.

אָבער נאָך איידער דיעזער מאָנאָט איז פאַראיבער, האָט שוין דער אַלטער קעניג ארויסגעזעהען זיין גרויסען טעות. נאָכדעם וויא גאָנעריל האָט ארויסגעקריעגען יעדע מאַכט און דאָס גאַנצע פערמעגען פון איהר פאַטער האָט זיא באַלד אָנגעהויבען ארויסצו־ווייזען איהר אונצופריעדענהייט מיט דעם אַלטען מאַן, זיא האָט איהם ניט פערגונען אפילו דאָס ביסעל כבוד וואָס איז איהם צוריק געבליעבען אַלס געוועזענער קעניג. זיא האָט ניט געקענט ליידען וויא ער איז נאָך אימער ארומגערינגעלט פון זיינע ריטער. ווען זיא האָט בעגעגענט דעם פאַטער, האָט זיא געמאַכט אַ קרום פּנים אויסדריקענדיג איהר פעראַכטונג. ווען ליער האָט געוואָלט רעדען מיט איהר, האָט זיא ענטוועדער איהם געלאָזט וויסען אַז זיא איז קראַנק, אָדער אַן אַנדערער תירוץ, אבי איהם ניט אָנצוזעהען אין דיא אויגען. זיא האָט איינפאַך געזעהען אין זיין לעבען אַ לאַסט פאַר איהר, און אין זיין בעדיענונג אַן איבריגע הוצאה.

דאָס וואָס זיא אַליין האָט איהר פאַטער ניט מעהר נוהג כבוד געווען, איז נאָך ניט געווען אַלעס, זיא האָט אָנגעזאָגט אפילו איהרע דיענער ניט נאָר איהם ניט צו פאָלגען, זאָנדערן זיך צו מאַכען גאָר ניט הערענדיג ווען ער האָט עפּעס פערלאַנגט.

אָרעמער ליער! זיין הארץ האָט געבלוטעט, אָבער ער האָט זיך געמאַכט ניט זעהענדיג און ניט הערענדיג פון זיין אונגליק.

אמת׳ע ליעבע און אויפריכטיגע פריינדשאַפט ווערט נאָר דאַמאַלס געשטעלט אויף דער פּראָבע, ווען אַ מענשען טרעפט אַן אונגליק. דאָס אונגליק לייטערט אויס דיא פסולת אין דער פריינדשאַפט. דאָס פאַלשע פאַלט אוועק און דאָס עכטע בלייבט. קענט איז געווען פון דיא עכטע און אמת׳ע פריינד. ניט קוקענדיג דאַרויף וויא ליער האָט איהם בעהאַנדעלט, וויא ער האָט איהם בעצאַהלט פאַר זיין טרייהייט, האָט ער ביי זיך ניט געקענט פועל׳ן אוועקצופאָהרען און איהם, זיין אַלטען קעניג, איבערצולאָזען אַליין. אָבער אַזוי וויא ער האָט מעהר ניט געקענט ערשיינען אַלס קענט, האָט ער זיך פערשטעלט פאַר אַ פּראָסטען מענשען, זיך אַ נאָמען געגעבען קאַיוס און איז געוואָרען ליער׳ס אַן איינפאַכער דיענער.

ליער האָט קיין פערדאַכט געהאַט, אַז קאַיוס איז קענט, און ער האָט איהם געהאַלטען אַרום זיך. קאַיוס האָט אויך באַלד געפונען אַ געלעגענהייט ארויסצו־ווייזען זיין טרייהייט און געווינען ליער׳ס פערטרויען.

דיא געשיכטע איז אזוי געווען: גאנעריל'ס הויז־מייסטער האט ניט נאר געקוקט מיט פעראכטונג אויף דעם אלטען ליער, זאנדערן איהם אויך בע־ליידיגט. דאס איז געווען געווים אויף דעם אויפטראג פון זיין הערין. ווען קאיוס האט דאס געזעהען און געהערט, האט ער דעם הויז־מייסטער גוט אנגעבראכען דיא ביינער. זייט דיעזער צייט האט ער שטארק נושא חן געווען ביי דעם געפאלענעם קעניג:

ליער האט געהאט נאך איין געטרייען פריינד. דאס איז געווען דער הויפנאר אדער קאמיקער פון דעם קעניג'ס פאלאץ. דיא עובדא פון דיעזען הויפנאר איז געווען, פרעהליך צו מאכען דעם קעניג ווען ער איז געווען מיעד פון זיין ארבייט אדער ניט אויפגעלעגט. ער איז א מאל געווען מיט ליער'ן, ווען ער האט געהערשט, און אין זיין יעצטיגען צו־שטאנד האט ער איהם ניט געוואלט פערלאזען. מיט זיין וויטץ האט ער ניט נאר איין מאל געטראפען גאנעריל'ן, זיא געזידעלט און בעליידיגט פאר איהר אויפפיהרונג, און ער האט געקריעגען א ווארנונג, דאס אין פאל ער וועט ניט אויפהערען צו קריטיקירען איהר מאיעסטעט, וועט מען איהם אנשמייסען.

איין מאל האט גאנעריל געזאגט איהר פאטער, אז דיא צייט איז געקומען ער זאל שוין פערגעסען וואס עס איז א מאל געווען, אז ער זאל פון זיך פערטרייבען דיא הונדערט ריטער וואס רינגלען איהם ארום, אז פאר איהם איז ניט פאסענד מען זאל מאכען קולות און געוואלטען מיט סעודות און אמוזירונגען אין פאלאץ, און אם בעסטען וואלט געווען ער־ זאל ארום זיך האבען עטליכע אלטע לייט וויא ער אליין איז.

ווען ליער האט געהערט דיעזע ווערטער איז ער שטארק פערביטערט געווארען און עס האט אויסגעבראכען צווישען איהם מיט זיין טאכטער א שטרייט. אין זיין אויפרעגונג האט ער זיא גוט אויסגעזידעלט, ווייל ער האט געוואוסט, אז זיינע ריטער מאכען ניט קיין קולות און געוואלטען, און אלעס וואס זיא בעהויפטעט, איז איינפאך א בלבול אדער גלאט א ליעגען. ער האט דאן געהייסען איינשפאנען זיינע פערד אום אבצורייזען צו זיין צווייטע טאכטער, רעגאן.

מיט א שרעקליכען פלוך אויף זיינע ליפען פאר זיין טאכטער גא־נעריל, איהר ווינשענדיג צו האבען אזעלכע קינדער וויא זיא איז, האט ער זיך פארטיג געמאכט אין וועג אריין.

גאנעריל'ס מאן, דער דיוק פון אלבאני, האט אנגעפאנגען זיך

צו ענטשולדיגען, ערקלערענדיג, אַז ער איז אונשולדיג אין זיין פרוי'ס האַנדלונגען, אָבער ליער האָט איהם ניט געוואָלט אויסהערען און איז אַוועק צו זיין צווייטער טאָכטער.

אויף'ן וועג האָט ער אָנגעהויבען נאָכצוקלערען איבער קאָרדעליא'ן, אַז עס איז מעגליך, דאָס זיא האָט געהאַט רעכט, אַז שמייכלעריי איז אָפטמאָל ניט קיין סימן פון וואַהרער ליעבע. זיך דערמאַהנענדיג וויעדער אָן גאָנעריל, האָט דער אַלטער אָנגעהויבען צו וויינען. ער האָט זיך אָבער געשעהמט פאַר זיך אַליין, ווען אַזאַ בריאה וויא גאָנעריל האָט געקענט אַרויסרייסען טרערען פון זיינע אַלטע אויגען.

וועהרענד רעגאַן און איהר מאַן האָבען זיך אַמוזירט אין זייער קעניגליכען פּאַלאַץ, האָט ליער אָבגעשיקט זיין דיענער קאיוס פאָראויס אָנצוזאָגען אַז ער קומט, כדי זיא זאָל איהם עמפּפאַנגען. גאָנעריל האָט זיך אָבער געאיילט פאַר איהם, דען זיא האָט פריהער אָבגעשיקט בריעף צו איהר שוועסטער איהר דערצעהלענדיג אַלערליי שרעקליכע זאַכען איבער איהר פאָטער. איהר שליח איז אָנגעקומען אין דערזעלבער צייט מיט קאיוס'ן און זיי האָבען זיך ביידע בעגעגענט. קאיוס איז געווען איבערראַשט צו טרעפען זיין אַלטען שונא, גאָנעריל'ס הויז־מייסטער אַלס דעם שליח.

קאיוס האָט פערדעכטיגט דעם הויז־מייסטער און ער האָט איהם אָנגעפאַנגען צו זידלען און בעליידיגען, דאַן האָט ער איהם אַרויסגעפאָדערט אויף אַ דועל, אָבער דער הויז־מייסטער האָט ניט געוואָלט קעמפּפען. קאיוס האָט איהם דאַן גלאַט אַזוי אָנגעבראָכען דיא ביינער.

ווען רעגאַן און איהר מאַן האָבען דאַריבער ערפאַהרען, האָבען זיי געהייסען קאיוס'ן אַריינזעטצען אין קלאָטץ, אַ מין שענדליכע געפענגניס־שטראַף. ווען דער אַלטער ליער איז אָנגעקומען, האָט ער צום ערשטען בעגעגענט זיין געטרייען דיענער זיך געפינענדיג אין דער שענדליכער לאַגע.

דאָס איז געווים געווען אַ שלעכטער סימן באַלד ביי זיין אָנקונפט, אָבער דעם אונגליקליכען פאָטער האָט בעדאַרפט נאָך עפּעס ערגערעס בעגעגנען. ווען ער האָט געפרעגט וואו זיין טאָכטער איז, האָט מען איהם געענטפערט, אַז זיא איז מיעד פון דער רייזע און זיא קען איהם ניט זעהען. ווען ער האָט אָבער געדרונגען און געשריען, אַז ער וויל זיא אונבעדינגט זעהען, קען מען זיך לייכט פאָרשטעלען זיין ערשטוינען, ווען זיא איז ערשיענען

צוזאַמען מיט איהר עלטערע שוועסטער גאָנעריל. דיעזע שלאַנג איז געלאָפען פאַראוים אום אָנצורייצען איהר שוועסטער אויף איהר אונגליקליכען טאַ־טען.

גאָנעריל, אום זיך צו רייצען מיט ליער׳ן האָט זיא אָנגענומען רעגאַנען ביי דער האַנד און איז איהם ענטקעגען געקומען.

„שלאַנג !“ האָט דער עלענדער אַלטער מאַן אויסגעשריען, „שעהמסטו דיך ניט צו קוקען אויף מיין ווייסער אַלטער באָרד מיט שפּאָט אין דיינע אויגען ?“

רעגאַן האָט פּרובירט איהם צו בערוהיגען און איהם געראַטהען ער זאָל צוריק פאָהרען מיט איהר שוועסטער, לעבען מיט איהר בשלום, אָבזאָגען אַ העלפט פון זיינע בעגלייטער, און בעטען גאָנעריל׳ן אום פערצייהונג.

„יאַ, יאַ, טאַטע“, האָט רעגאַן צו איהם געזאָגט. „דו בּיסט שוין אַן אַלטער מאַן, אַבּיסעל עובר בטל, און דוא דאַרפסט דיך לאָזען פיהרען פון מענשען וואָס האָבען מעהר טאַקט וויא דוא.“

ליער האָט דערצו ניט געקענט איינשטימען און ערקלעהרט, אַז ער וועט פערבלייבען מיט אַלע זיינע ריטער ביי זיין טאָכטער רעגאַן. און ווען רעגאַן וועט דערצו ניט איינשטימען, וועט ער בעסער אוועקפאָהרען צו זיין טאָכטער נאָך פראַנקרייך, וועלכע האָט וועניגער אורזאַכע ווי זיי איהם ליעב צו האָבען.

אָרעמער ליער, ער האָט געהאַט אַ גרויסען טעות ווען ער האָט געמיינט, אַז רעגאַן איז בעסער וויא גאָנעריל. נאָך מעהר, זי האָט זיך באַלד אַרויסגע־וויעזען, אַז זיא קען איבערשטייגען איהר שוועסטער אין אונבאַרעמהערציג־קייט. זיא האָט איהם ערקלעהרט, אַז 25 ריטער זיינען אויך גענוג פאַר איהם. דאַן האָט זיך ליער געווענדעט צו גאָנעריל און געזאָגט, אַז ער וועט צוריק קעהרען מיט איהר, וויל 50 ריטער איז דאָך בעסער ווי בלויז 25.

אָבער גאָנעריל האָט אויך שנעל חרטה געהאַט און געזאָגט, וואָס טויג איהם גאָר איבערהויפּט ריטער? ער קען זיך לאָזען בעדיענען פון איהרע אייגענע ריטער.

אַזוי אָרונטערשליידערן אַ קעניג און אַ פאָטער, איז שוין געווען צו פיעל. ער האָט עס מעהר ניט געקענט ערטראָגען. ער האָט געשריען און געליאַרמט, אָבער ער איז געווען הילפלאָז, ער האָט גאָר ניט געקענט טהון.

אין דרויסען האָט געוויטהעט אַ פירכטערליכער שטורם, אָבער איי־

דער צו פערבלייבען מיט איינער פון דיעזע שלאנגען, האט ער בעשלאסען זיך בעסער איבערצוגעבען דעם ווילדען שטורם, וועלכער האט ניט געקענט זיין ערגער וויא זיינע טעכטער. ער האט אלזא געהייסען שפאנען זיינע פערד אוועקצופאהרען.

דער ווינט האט זיך געשטארקט, דער רעגען האט געקלאפט מיט גרויסער געוואלט און דער דונער האט שרעקליך געקראכט. ער איז אוועק און זיינע טעכטער האבען איהם געלאזט געהען.

פיעלע מיילען האט ער אזוי געוואנדערט.

„קראך דוא ווילדער דונער!“ האט דער אלטער קעניג געשריען, „רוישט איהר צולאזענע ווינטען, שטורמט און וויטהעט, צושמעטערט דיא ערד, שליידערט זיא אריין אין קאכעדיגען ים, זאל אלעס אונטערגעהען, קיין זאך זאל בלייבען ווען עס געפינען זיך אזעלכע אונדאנקבארע בעסטיעס וויא מענשען זיינען!“

דער אלטער קעניג איז געבליעבען אליין, בלויז זיינע צוויי טרייעסטע בעגלייטער, דער הויפנאר און קאיוס, האבען פון איהם ניט אבגעטרעטען.

דיא פינסטערניס איז געווארען געדיכטער און קאיוס האט אויסגערופען:

„אך, הערר! וואו זייט איהר? אפילו ברואים וואס ליעבען דיא נאכט קענען ניט וועלען אזא נאכט וויא מיר האבען. דער שרעקליכער שטורם האט פערטריעבען דיא חיות אין זייערע בעהאלטענישען. דעם מענשען'ס נאטור קען ניט אריבערטראגען דיא צרות אדער שרעקען.“

ליער האט געענטפערט, אז דאס אלעס איז נאך גאר ניט געגען דעם גרויסען שמערץ וואס ער טראגט אין זיין אלטער ברוסט.

קאיוס האט איהם ענדליך בעוואויגען אריינצוגעהען אין א קליין שטיבעל. דער הויפנאר איז פריהער אריין זעהען וואס דארט איז און איז ארויסגעלאפען מיט שרעק, ערקלערענדיג, אז ער האט דארט געטראפען א גייסט. אן אונטערזוכונג האט אבער בעוויעזען, אז דער גייסט איז בלויז געוועזען אן ארעמער בעטלער.

אזוי האט ליער דארט צוגעבראכט דיא נאכט, און גאנץ פריה, מיט דער הילף פון עטליכע געטרייע צוריקגעבליעבענע ריטער, האט ער איהם אוועקגעפיהרט אין זיין פרעכטיגען פאלאץ פון דאווער. ער אליין, אלס מארקיז קענט, איז גלייך אוועקגעפאהרען קיין פראנקרייך און דארט אבגעשילדערט פאר קארדעליא'ן וואס עס איז געווארען פון איהר פאטער.

קאָרדעליא האָט אַלעס אויסגעהערט וויא אין אַ חלום. זיא האָט גוט געקענט איהרע שוועסטער, אָבער אַזאַ רציחה האָט זיא זיך פון זיי ניט געקענט פאָרשטעלען. מיט טרעהרען אין דיא אויגען האָט זיא גע־בעטען איהר קעניגליכען מאַן ער זאָל איהר געבען מיליטער און ערלויבען אָבצורייזען נאָך בריטאַניען אום צו בעשטראָפען איהרע אונמענשליכע שוועסטער. דער קעניג האָט ערפילט איהר וואונש און זיא האָט געלאַנדעט מיט אַן אַרמעע אין דאָווער.

דער אונגליקליכער ליער איז שוין ביי דיעזער צייט געוועזען פאָל־שטענדיג משוגע. דער גרויסער שמערץ האָט צושטערט זיין פערשטאַנד. אין אַזאַ לאַגע איז ער געלאָפען פון דעם פּאַלאַץ, און מען האָט איהם גע־פונען וואַנדערענדיג מיט אַ שטרויענע קרוין אויף זיין קאָפּ און זינגענדיג.

דיא גוטע קאָרדעליא האָט צוזאַמען גערופען איהרע ערצטע און זיי פערשפּראָכען אָוועקצוגעבען איהר גאַנצעס פערמעגען, אבי זיי זאָלען קורירען איהר פאָטער. זיי האָבען אַלעס מעגליכע אָנגעווענדעט, און אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט ליער געקענט בעגעגענען זיין טאָכטער.

דיא צוזאַמענקונפט איז געוועזען אַ ריהרענדע. שאַנדע, פרייד און שמערץ האָבען אָנגעפילט דעם אַלטען מאַן'ס הארץ דערזעהענדיג נאָך אַמאָל זיין גוטע און אמת־ליעבענסווירדיגע טאָכטער. זיא ווידער האָט איהם געקושט און געהאַלזט, און זיין משוגעת האָט איהם אַפּטמאָל צומישט און ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס געהט פאָר.

באַלד האָט אָבער ווידער צוריק געקעהרט זיין פערשטאַנד, און אַלט און געבראָכען וויא ער איז געווען, איז ער געפאַלען אויף זיינע קניעס פאַר קאָרדעליא'ן און זיא געבעטען אום פערצייהונג.

„ניין, ניין, פאָטער", האָט זיא געזאָגט וויינענדיג און אויך ניעדער געקניעט. „ניט דוא דאַרפסט פאַר מיר אַזוי שטעהען. וואָס איך טהו איז עס מיין פליכט אַלס דיין קינד. שטעה אויף, פאַטער, און בענש מיך."

זיא האָט איהם געקושט און געמורמעלט: „אַך, פאַטער, איך וויל אָוועקקושען מיינע שוועסטער'ס בייזקייט און שלעכטסקייט פון דיר... שעהמען מעגען זיי זיך וויא זיי האָבען געהאַנדעלט געגען דיר..."

דאַן האָט זיא איהם מיטגעטהיילט, אַז זיא איז געקומען מיט אַן אַרמעע איהם צו העלפען און איהם ווידער גליקליך מאַכען.

קאָרדעליא איז פערבליעבען נעבען איהר אונגליקליכען פאַטער. מיט

דער הילף פון דיא דאָקטוירים איז איהר לאַנגזאַם געלונגען איהם ביכּ־לעכוויז צו טרייסטען און ווידער אויפמונטערן.

אין דערזעלבער צייט וועט זיין אינטערעסאַנט צו זעהען וואָס עס איז געוואָרען פון איהרע צוויי שוועסטער.

דיעזע בייזע און גיפטיגע שלאַנגען, וועלכע האָבען אזוי געמיין גע־האַנדעלט געגען זייער גוטען אַלטען פאטער, האָבען ניט געקענט זיין בעסער צו זייערע מענער.

עס איז מערקווירדיג, דאָס שלעכטע ברואים בלייבען אַמאָל דורך אומשטענדען גוט, און אזוי שנעל וויא זיי האָבען אַ געלעגענהייט, קענען זיי זיך מעהר ניט בעהאַלטען.

זייענדיג קעניגינס און אַליין בעלי־בתים, האָבען זיי אַרונטערגע־וואָרפען פון זיך יעדע פליכט צו זייערע מענער. אפילו פאַר דער וועלט האָבען זיי מעהר ניט געצייגט קיין ליעבע און טרייהייט צו זיי.

אינטערעסאַנט איז אָבער געווען, וואָס דאָס שיקזאַל האָט זיי גע־פיהרט, אַזביידע זאָלען זיך פערליעבען אין איין מאַן. דיעזער מאַן איז געווען אַ געוויסער עדמונד, דער אונגעזעצליכער זוהן פון דעם מאַרקיז גלאָוסטער. בעסער געזאָגט, עדמונד דער ממזר. דיעזער עדמונד, דורך זיינע אינטריגען, איז איהם געלונגען צו שטירצען זיין ברודער עדגאַר, דאָס הייסט, עדגאַר, וועלכער איז געווען דער געזעצליכער זוהן פון דעם מאַרקיז גלאָוסטער, האָט געמוזט אויפגעבען זיין ירושה און עדמונד איז געוואָרען דער גאַנצער יורש.

אין אַלגעמיין איז עדמונד געווען אַ שעהן שטיקעל סחורה, און אין איהם האָבען זיך דיא צוויי טהייערע שוועסטער פערליעבט.

דאַן האָט פּאַסירט וואָס דער דיוק פון קאָרנוואָלל, רעגאַן'ס מאַן, איז פּלוצלונג געשטאָרבען. רעגאַן האָט באַלד ערקלעהרט, אַז זיא געהט חתונה האָבען מיט עדמונד'ן. דאָס האָט אָבער באַלד דערוועקט גאָנעריל'ס אייפערזוכט, און ניט קלערענדיג קיין סך, האָט זיא באַלד אָבגעשאַפּט איהר שוועסטער פון דעם וועג, דערמיט וואָס זיא האָט זיא פער'סמ'ט.

גאָנעריל'ס אייגענער מאַן האָט זיא אָבער געפּאַקט ביי דיעזען מאָרד און אויך ענדעקט איהר זינדיגע ליעבע און ער האָט זיא אַרעסטירט. אין איהר פערצווייפלונג האָט זיא זיך גענומען דאָס לעבען.

אזוי האָט זיך געענדיגט דיא קאַריערע פון דיעזע צוויי גיפטיגע ברואים.

וועהרענד יעדער האָט אָבער געשטוינט איבער דיעזער גערעכטער שטראַף וואָס האָט בעפאַלען דיא צוויי פערברעכערינס, איז דערווייל פאָר־געגאַנגען אַ שווערער און בלוטיגער קאַמפּף צווישען קאָרדעליאַ'ס אַרמעע און דיא אַרמעען פון איהרע שוועסטער, וואָס זיי האָבען אַרויסגעשיקט געגען איהר. דער סוף איז געווען, וואָס רעגאַן'ס און גאָנעריל'ס סאָלדאַטען האָבען געזיעגט, קאָרדעליא איז געפאַנגען געוואָרען און איהר אַרמעע צור־שלאָגען. דיא גוטע און ערעלע קאָרדעליא האָט זיך דאַן אויך גענומען דאָס לעבען.

דיא גוטע מיט דיא שלעכטע זיינען אַלזאָ געפאַלען צוזאַמען און ליער איז געבליעבען גאָר אָהן קינדער. ער האָט אָבער ניט פיעל געלעבט אום צו פערטראָגען דעם גרויסען שמערץ. דער טויט האָט זיך אויף איהם דערבאַרעמט און געמאַכט אַ סוף אויך פון זיין לעבען.

איידער דער אַלטער ליער איז געשטאָרבען, האָט דער מאַרקיז קענט זיך געגעבען צו דערקענען צו ליער'ן, און איהם דערצעהלט, אַז ער איז עס געווען וואָס האָט איהם איבעראַל נאָכגעפאָלגט אַלס זיין דיענער קאַיוס. ליער'ס צורודערטער און געשטערטער געדאַנקען האָבען אָבער ניט געקענט געננוי פערשטעהען וואָס עס האָט פּאַסירט. דער אונגליקליכער אַלטער מאַן האָט אַלזאָ געשלאָסען זיינע אויגען ניט בעגרייפענדיג אַקוראַט וואָס עס איז פאָרגעגאַנגען.

עס האָט זיך נאָכהער אַרויסגעוויזען, אַז דער דיוק פון אַלבאַני, איז געווען גאַנץ אונשולדיג אין דיא האַנדלונגען פון זיין פרוי גאָנעריל. ער איז ניט געווען איינפערשטאַנען מיט איהר וויא זיא האָט בעהאַנדעלט איהר פאָטער.

ער, דער דיוק פון אַלבאַני, האָט אַלזאָ בעשטיגען דעם טהראָן און איז געוואָרען בריטאַניען'ס קעניג.

דער קויפמאן פון ווענעדיג (שיילאָק).
נאָך דעם אורטייל

# דער קויפמאַן פון ווענעדיג.

(שײלאָק)

אין ווענעדיג האָט געוואָהנט אַ איד מיט דעם נאָמען שײלאָק. ער איז געווען אַ פּראָצענטניק, און ער האָט געמאַכט אַ גרויסעס פערמעגען לײהענדיג געלד אויף פּראָצענט צו די דאָרטיגע קריסטען.

שײלאָק האָט ניט איבריג ליעב געהאַט זיינע קריסטליכע שכנים, און די קריסטען האָבען איהם נאָך ווייניגער געליעבט. איינער פון זיי, אַ געוויסער אנטאָניא, אַ יונגער קויפמאַן פון ווענעדיג, האָט איבערהויפּט געהאַסט שײלאָק'ן. ווען אַנטאָניא האָט בעגעגענט שײלאָק'ן אויף דער ריאַלטאָ (מאַרק,) האָט ער איהם געזידעלט און בעליידיגט. שײלאָק האָט געשוויגען, אָבער ער האָט דערוויל געפּלאַנט זיך נוקם צו זיין אָן איהם.

אנטאָניא האָט געהאַט אַ גוטען פריינד, אַ געוויסען באַסאַניאָ. דיעזער באַסאַניאָ איז געווען אַ וואוילער יונג, אַ קליינער עושר און ליעב געהאַט צו לעבען איבער זיינע איינקינפטע. באַסאַניאָ האָט דערפאַר אָפט בענעטהיגט געלד און אנטאָניא האָט איהם אימער געהאָלפען.

איינמאָל איז באַסאַניאָ געקומען צו אנטאָניא'ן און איהם דערצעהלט אזא געשיכטע: ער ליעבט שוין זייט לאַנג אַ יונגע און שעהנע דאַמע. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז איהר פאָטער געשטאָרבען און איהר איבערגעלאָזט אַ גרויס פערמעגען. יעצט וויל ער זיך ווענדען צו דיעזער דאַמע און דאַרף ערשיינען וויא עס פּאַסט ווענינגסטענס פאַר אַ רייכען מאַן. ער האָט אָבער קיין געלד ניט און ער פערלאַנגט, אַז אנטאָניא זאָל איהם אויסבאָרגען די נעטהיגע סומע.

גראַדע דאַמאָלס האָט אָבער אנטאָניא קיין געלד ניט געהאַט. זיין גאַנצעס פערמעגען איז געווען אריינגעלעגט אין שיפען מיט סחורה וואָס

האָבען געדאַרפט אָנקומען. אָבער אום צו העלפען זיין פריינד, האָט ער בעשלאָסען זיך צו ווענדען צו שיילאָק׳ן און גאַראַנטירען פאַר דעם געלד מיט זיינע שיפען.

אנטאָניא און באסאניאָ זיינען דאַן ביידע אוועק צו שיילאָק׳ן און פערלאַנגט ער זאָל אויסבאָרגען דריי טויזענד דוקאטען, און גאַראַנטירען פאַר דער הלואה מיט דער סחורה אויף דיא שיפען.

ווען שיילאָק האָט דאָס געהערט, האָט ער געמורמעלט צו זיך אַליין:—

„אַך, ווען איך זאָל איהם אמאָל קענען אריינכאַפּען, וואָלט איך מיך מיט איהם אָבגערעכענט פאַר אַלע אַלטע חשבונות. ער האסט אונזער אידישע נאַציאָן, און ווען מיר קומען צווישען סוחרים, שפּאָטעט ער און זידעלט מיך פאַר מיינע גוט־פערדיענטע מציאות וואָס ער רופט פּראָצענט. פערפלוכט זאָל איך זיין ווען איך וועל איהם פערצייהען!“

אנטאָניא האָט געזעהען וויא דער איד איז פערטראַכט, האָט ער געזאָגט:

„הערסטו שיילאָק? ווילסטו מיר לייהען דאָס געלד?“

שיילאָק האָט געענטפערט:

„סיניאָר אנטאָניאָ! אויף דער ריאַלטאָ האָסטו מיך מעהרערע מאָל און זעהר אָפט געזידעלט פאַר מיין געלד און פאַר מיינע פּראָצענטען, און איך האָב אַלעס ערטראַגען מיט אַ געדולדיגען ציה מיט דיא אַקסלען, וויל ליידען איז דער חותם פון מיין גאַנצער נאַציאָן. דאַן האָסטו מיך גערופען אונגלויביגער, האַלז־שניידער, געשפּיגען אויף מיינע אידישע קליידער און מיך געשטויסען מיט דיין פוס, פּונקט וויא איך וואָלט געוועזען אַ הונד. איצט קומסטו צו מיר און פערלאַנגסט מיין הילף; דוא קומסט און פערלאַנגסט שיילאָק זאָל דיר באָרגען געלד. האָט אַ הונד געלד? קען אַ הונד לייהען דריי טויזענד דוקאטען? זאָל איך אפשר פאַר דיר ניעדערקניען און זאָגען, גנעדיגער הערר, דוא האָסט אויף מיר געשפּיגען לעצטען מיטוואָך, אַ צווייטעם מאָל האָסטו מיך גערופען הונד, און פאַר אַלע דיעזע קאָמפּלימענטען זאָל איך דיר לייהען געלד?“

„הער אוים שיילאָק“, האָט אנטאָניא געענטפערט, „איך קען דיר ווידער טהון דאָסזעלבע, דיך רופען הונד, אויף דיר שפּייען און דיך פערשטויסען. ווען דוא ווילסט מיר לייהען דאָס געלד, דאַן טהו עס ניט אַלס אַ פריינד, זאָנדערן באָרג עס מיר אַלס אַ שונא, כדי, ווען איך וועל עס דיר

ניט אָבגעבען אין דער צייט, זאָלסטו קענען טהון מיט מיר וואָס עס וועט דיר מעגליך זיין".

„זעה נאָר זעה," האָט שיילאָק געזאָגט, „וויא ער צוקאָכט זיך! איך וואָלט וועלען זיין פריינדליך צו דיר און האָבען דיין פריינדשאַפט, לאָמיר פערגעסען אָן דיא חרפות וואָס דוא האָסט אויף מיר געבראַכט. איך וועל דיר געבען וואָס דוא פערלאַנגסט און איך פאָדער קיין פּראָצענט פאַר מיין געלד".

דיא לעצטע ווערטער וואָס שיילאָק האָט געזאָגט, האָט ער ניט גע־מיינט. אנטאָניאָ האָט אָבער גערעכענט, אז ער איז ערנסט. אנטאָניא האָט נאַטירליך איינגעשטימט צו נעהמען דאָס געלד. בלויז איין זאַך האָט שיילאָק פערלאַנגט, און דאָס איז געווען, אַז זיי זאָלען ביידע אַוועק צו אַן אדוואָקאַט און דאָרט זאָל אַנטאָניא אונטערשרייבען אַ מין שפּאַס־קאָנטראַקט, דאָס הייסט, ווען ער וועט ניט האַלטען קיין וואָרט און ניט אָבגעבען דאָס געלד אין צייט, דאַן זאָל שיילאָק האָבען אַ רעכט אויסצושניידען אַ פונט פלייש פון אירגענד אַ טהייל אין אַנטאָניא'ס קערפּער.

„צופריעדען!" האָט אנטאָניא אויסגעשריען. „איך וועל אונטער־שרייבען דעם קאָנטראַקט און צוגעבען, אַז אין אַ אידען איז אויך דאָ גוטעס".

באַסאַניאָ האָט ניט געוואָלט ערלויבען זיין פריינד זאָל אונטערשריי־בען אַזאַ קאָנטראַקט. ווערהרענד זיי ביידע האָבען אַזוי גע'טענה'ט, האָט שיילאָק בעמערקט:

„מיין גאָט! וואָס פאַר אַ פערדעכטיגע מענשען דיעזע קריסטען זיינען! זייערע אייגענע שלעכטע האַנדלונגען פיהרען זיי דערצו צו פער־דעכטיגען אויך אַנדערע. איך בעט דיך, זאָג מיר נאָר באַסאַניא, ווען ער זאָל ברעכען דעם קאָנטראַקט, וואָס וועל איך פּראָפיטירען דערפון? אַ פונט פלייש ארויסגענומען פון אַ מענשען איז ניט אַזאַ טהייערע מציאה; עס האָט אפילו ניט ווערטה אַזוי פיעל וויא שעפּסען אָדער רינד־פלייש. איך זאָג, אום זיך איבערצובעטען מיט איהם, באַט איך אָן דיעזע פריינד־שאַפט. אויב ער איז צופריעדען, גוט, ווען ניט, אַדיע."

ענדליך, געגען דער איינשטימונג פון באַסאַניא'ן, האָט אנטאָניא אונטערגעשריבען דעם קאָנטראַקט.

דיא רייכע דאַמע, מיט וועלכער באַסאַניאָ האָט געוואָלט הייראַטהען, האָט געוואָהנט נעבען ווענעדיג, אין בעלמאָנט. זיא האָט געהייסען פּאָרטיאַ, זעהר אַ שעהנע און אַ קלוגע.

מיט א צייט שפעטער, איז באסאניא, וועלכער האט שוין געהאט געלד, אוועק צו איהר, בעגלייטעט פון פיעלע דיענער און זיינער א פריינד מיט דעם נאמען גראטיאנא. עס האט ניט פיעל געדויערט און פארטיא האט איינגעשטימט צו הייראטהען מיט באסאניא'ן. ביי דיזער געלעגענהייט האט זיא איהם געשענקט א רינג, און באסאניא האט א נדר געטהאן, אז ער וועט זיך מיט דיעזען רינג קיינמאל ניט שיידען.

אין דער זעלבער צייט האט באסאניא געפונען פאר נעטהיג מיט־צוטהיילען פארטיא'ן, אז אויסער זיין אדעליגען שטאם, פערמאגט ער קיין זאך. זיא האט איהם ערקלעהרט, אז זיא איז רייך גענוג און איז צופריע־דען מיט איהם צו הייראטהען וויא ער שטעהט און געהט.

פארטיא האט געהאט א יונגע גאווערנאנטין מיט דעם נאמען נאריססא. באסאניא'ס פריינד, גראטיאנא, האט זיך געליעבט מיט נאריססא'ן. נאכדעם וויא פארטיא האט איינגעשטימט צו הייראטהען מיט באסאניא'ן, האט גראטיאנא געבעטען פארטיא'ן זיא זאל איהם ערלויבען חתונה צו האבען מיט איהר גאווערנאנטין. זיא האט גלייך איינגעשטימט און עס איז בעשלאסען געווארען צו פייערןביידע חתונות צוזאמען.

אזוי האבען דיא געליעבטע פערבראכט אפט צוזאמען. אין א טאג, ווען באסאניא איז געווען אין פארטיא'ס פאלאטץ, האט ער ערהאלטען א בריעף, און וויא ער האט איהם איבערגעלעזען איז ער זעהר בלאס גע־ווארען.

באסאניא האט זיך דאן געווענדעט צו פארטיא'ן און איהר מיט־געטהיילט וויא אזוי זיין פריינד אנטאניא האט פאר איהם געקריעגען דיא דריי טויזענד דוקאטען, און נאכהער האט ער פאר איהר פארגעלעזען אנ־טאניא'ס בריעף, וואס האט געהאט פאלגענדען אינהאלט:

„טהייערער באסאניא! מיינע שיפען זיינען אלע אונטערגעגאנגען.
„מיין קאנטראקט מיט דעם אידען איז געבראכען. און אזוי וויא איך קען
„מיין חוב נאר בעצאהלען מיט מיין לעבען, וואלט איך וועלען דו זאלסט
„זיין ביי מיין טויט. פון דעסטוועגען, אויב טראכט דיין ליעבע פאר מיר
„קענסטו אלץ ניט קומען, דאן...."

ווען ער האט איבערגעלעזען דעם בריעף, האט פארטיא אויסגע־שריען:

„מיין טהייערער! ווער שנעל פערטיג מיט אלע דיינע געשעפטען און פאהר גיך אוועק, דוא האסט וויפיעל געלד דוא ווילסט, אפילו צוואנציג

מאָל אזוי פיעל זאָלסט בעצאָהלען איידער דיין טהייערן פריינד זאָל אפילו געקרימט ווערען א האר אויף זיין קאָפּ.“

פּאָרטיא האָט נאכהער ערקלעהרט, אזוי וויא זיא וויל באסאניא זאָל האָבען א געזעטצליכעס רעכט איבער איהר געלד, זאָלען זיי באלד, אין דעמזעלבען טאָג חתונה האָבען. דיא חתונה איז געפייערט געוואָרען צווישען באסאניא און פּארטיא און צווישען גראטיאנא און נעריססא. באסאניא און גראטיאנא זיינען דאן ביידע אוועקגעפאָהרען קיין ווענעדיג וואו זיי האָבען געטראָפען אנטאָניא'ן אין געפענגניס.

דער צאָהל־טאָג איז שוין געווען פאָראיבער און שיילאָק האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָננעהמען דאָס געלד וואָס באסאניא האָט איהם אָנגעבאָטען. אַלעס וואָס ער האָט געוואָלט, איז געווען א פונט פלייש.

מען האָט דאן בעשטימט ווען דער פּראָצעס זאָל פאָרקומען פאר דעם פּרינץ פון ווענעדיג.

פּארטיא האָט געהאט א פריינד אין ווענעדיג, אַן אדוואָקאט מיט דעם נאָמען בעלאַריא. אזוי שנעל וויא איהר מאַן איז אוועק געפאָהרען, האָט זיא געשריעבען בעלאַריא'ן א בריעף, איהם בעקאַנט מאַכענדיג מיט אַלע איינצעלהייטען פון דעם פּראָצעס און פערלאַנגט פון איהם א ראַטה, וויא אנטאָניא דאַרף פערטהיידיגט ווערען. זיא האָט אויך געבעטען ער זאָל איהר בעזאָרגען דיא קליידער אָדער אוניפאָרמע פון אַן אדוואָקאַט.

ווען פּארטיא האָט דאָס אַלעס ערהאַלטען האָט זיא זיך פערקליידעט אַלס אדוואָקאַט און איהר גאָווערנאַנטקע נעריססא האָט זיך פערקליידעט אַלס געהילף. ביידע זיינען דאַן אוועקגעפאָהרען און אָנגעקומען קיין ווענעדיג אין טאָג פון דעם פּראָצעס.

זיי זיינען אריין אין געריכט־הויז און פּארטיא האָט איבערגעגעבען דעם פּרינץ א בריעף פון בעלאַריא, וואו דער לעצטער בעהויפּטעט, אז ער איז קראַנק, און אנשטאָט איהם זאָל דער יונגער באַלטהאזאר (אזוי האָט זיך פּארטיא גערופען,) פיהרען דעם פּראָצעס אין דער פערטהיידיגונג פאר אנטאָניא'ן. דער פּרינץ האָט זיך אפילו שטארק געוואונדערט אויף דער יוגענד פון דעם אדוואָקאַט, אָבער ער האָט דעם וואונש ערפילט.

איידער מיר געהען ווייטער שילדערן וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי דעם פּראָצעס, וויא שיילאָק איז געבליעבען האַרטנעקיג און געוואָלט דורכ־אויס א פונט מענשען־פלייש, ווילען מיר פריהער איבערגעבען שיילאָק'ס טענות. אָט זיינען זיינע ווערטער (אין א גענויער איבערזעטצונג:) —

(יא, איך וויל דאָס פונט פלייש) „צו כאַפּען פיש דערמיט; ווען עס וועט קיין אַנדערע זאַך ניט ערנעהרען, וועט עס ערנעהרען מיין ראַכע. ער האָט מיך געשענדעט און מיר געשאַדעט אויף אַ האַלבען מיליאָן; געלאַכט פון מיין היזק, געשפּאָטעט פון מיין פּערדיענסט, חוזק געמאַכט פון מיין נאַציאָן, אָבגעשלאָגען מיינע מציאות, אָבגעקיהלט מיינע פריינד, אונטערגעהעצט מיינע שונאים; און ווארום איז דאָס אַלעס געווען? בלויז דערפאַר וואָס איך בין אַ איד! האָט אַ איד ניט קיין אויגען? האָט ער ניט קיין הענד, גליעדער, חושים, ליעבע, נייגונגען? איז ער ניט גענעהרט מיט דערזעלבער נאַהרונג, פערוואונדעט מיט דיעזעלבע וואַפען, אונטערוואָרפען צו דיעזעלבע קראַנקהייטען, געהיילט מיט דיעזעלבע מיטלען, געוואַרמט און געקיהלט דורך דעם זעלבען זומער און ווינטער וויא דער קריסט? ווען איהר שטעכט אונז, רינט ניט אונזער בלוט? ווען איהר קיצעלט אונז, לאַכען מיר ניט? ווען איהר פערגיפטעט אונז, שטאַרבען מיר ניט? און ווען איהר טהוט אונז אונרעכט, זאָלען מיר ניט זוכען נקמה? ווען מיר זיינען וויא איהר אין אַלע אַנדערע זאַכען, וועלען מיר צו אייך ענליך זיין אויך אין דעם. ווען אַ איד בעגעהט אונרעכט געגען אַ קריסט, וואָס זאָל ער ערוואַרטען? ראַכע. ווען אַ קריסט בעגעהט אונרעכט געגען אַ אידען, וואָס זאָל זיין דיא שטראָף לויט קריסטליכעןביישפּיעל? ראַכע, געוויס!"

אָט אין דיעזען גייסטעס-צושטאַנד איז געווען שיילאָק ווען דער פּראָצעס האָט אָנגעפאַנגען.

פּאָרטיא האָט זיך אַרומגעקוקט און בעמערקט שיילאָק'ן פון איין זייט —שיילאָק, האַרט, ענטשלאָסען, ראַכע-זיכטיג, און באַסאַניא'ן פון דער צווייטער זייט שטעהענדיג נעבען אַנטאָניא'ן.

צום אָנפאַנג האָט זיא זיך געווענדעט צו שיילאָק'ן. זיא האָט איהם ערקלעהרט, אַז לויט דיא געזעטצע פון ווענעדיג, האָט ער אַ פאָלשטענדיגעס רעכט צו האַלטען אַנטאָניא'ן ביי זיין קאָנטראַקט, אָבער מיטלייד, דיעזע שעהנע הימלישע מתנה, שטעהט העכער פון אַלעס און ער דאַרף פערצייהען.

שיילאָק האָט זיך געהאַלטען ביי זיינעם, אַז ער וויל דער קאָנטראַקט זאָל דורכגעפיהרט ווערען.

„קען ער דען ניט בעצאָהלען דאָס געלד?" האָט זיא געפרעגט.

ביי דיעזע ווערטער האָט באַסאַניא איהם אָנגעבאָטען צוויי מאָל דריי טויזענד דוקאַטען, אָבער שיילאָק האָט ניט געוואָלט קיין געלד, ער האָט פערלאַנגט אַ פונט קריסטליכעס פלייש.

באסאניא, אַלץ מײנענדיג, אַז דער יונגער אַדװאָקאַט איז אַ פרעמ־דער, האָט געבעטען, אַז פּארטיא זאָל העלפען אביסעל אומדרעהען דאָס געזעץ. אָבער פּארטיא האָט געענטפערט. גאַנץ ערנסט, אַז דיא געזעטצע טאָרען ניט געשטערט װערען. װען שײלאָק האָט דאָס געהערט, האָט עס איהם אויסגעװיזען, אַז זיא האַלט פאַר איהם. ער האָט דאַן אויסגעשריען מיט בעװאונדערונג:

„אַך, קלוגער, יונגער ריכטער, װיא איך עהרע דיך! דוא ביסט פיעל עלטער אין חכמה װיא אין דײן אויסזעהען!“

פּארטיא האָט דאַן געפאָדערט, אַז שײלאָק זאָל איהר געבען איבער־לעזען דעם קאָנטראַקט. װען זיא האָט דאָס איבערגעלעזען, האָט זיא בע־מערקט:

„דיעזער קאָנטראַקט איז שוין געבראָכען, און לויט דעם, קען דער איד געזעטצליך פאָדערן דאָס פונט פלײש װאָס זאָל אויסגעשניטען װערען פון דעם פּלאַטץ נאָהענט צו אַנטאָניא׳ס האַרץ.“

דאַן האָט זיא זיך געװענדעט צו שײלאָק׳ן און אַזוי געזאָגט:

„זײ בארמהערציג, נעהם צו דאָס געלד און לאָז מיך צורײסען דעם קאָנטראַקט“.

„איך שװער“, האָט שײלאָק געענטפערט, „אַז עס איז נישטאָ קײן קראַפט אין אַ געװעהנליכער צונג מיך צו ענדערען“.

„אויב אַזוי, אַנטאָניא“, האָט פּארטיא געזאָגט, „דאַן מוזטו זיך פאַרבערײטען; גיב דײן ברוסט איבער צום מעסער“.

שײלאָק האָט דערװײל אַרויסגענומען אַ מעסער און דאָס אָנגעהויבען צו שאַרפען.

„אַנטאָניא“, האָט באסאניא געזאָגט צו זײן פרײנד, „איך בין פער־הײראַטעט צו אַ פרוי װאָס איז בײ מיר פונקט אַזוי טהײער װיא דאָס גאַנ־צע לעבען; אָבער דאָס לעבען אַלײן, מײן פרוי און אַלעס אין דער װעלט איז בײ מיר ניט געשעצט מעהר װיא דײן לעבען. איך װאָלט פערלירען אַלעס, איך װאָלט אַלעס מקריב געװען אבי דיך צו ראַטעװען פון דיעזען טײוועל“.

װען פּארטיא האָט געהערט דיעזע װערטער, האָט זיא געזאָגט צו באסאניא׳ן:

„אײער פרוי װאָלט אײך זעהר װעניג געדאַנקט, װען זיא זאָל דאָ זײן און הערען אַזעלכע װערטער פון אײך“.

גראַטאַינא, וועלכער האָט געמיינט, אז ער דאַרף אַלעס נאָכטהאָן באַסאַניאָ'ן, האָט געזאָגט — וועהרענד נעריססאַ, אַלס אַדוואָקאַטען־געהילף האָט געהערט: „איך האָב אַ פרוי, וועלכע איך ליעב זעהר; איך ווינש מיר, הלואי וואָלט זיא געווען אין הימעל, און דאָרט פּיעללייכט וואָלט זיא גע־קענט בעטען עמיצען ער זאָל אומענדערן דעם בעשלוס פון דיעזען הינטישען אידען".

נעריססאַ האָט געענטפערט:

„עס איז גוט וואָס איהר זאָגט דאָס הינטער איהר רוקען, ווען זיא וואָלט דאָס געהערט, וואָלט פערשוואונדען געוואָרען אייער שלום־בית".

שיילאָק האָט דערווייל אויסגעשריען:

„מיר פערלירען צייט. זייט אַזוי גוט און גיט מיר שוין אַרויס דעם אורטהייל".

יעדער איז געווען זעהר נייגיעריג צו הערען וואָס עס וועט ווייטער געשעהען. פּאָרטיאַ האָט געפרעגט אויב דיא וואָג־שאָלען זיינען פּאַרטיג אַבצו־וועגען דאָס פליישׁ. דאַן האָט זיא זיך געווענדעט צום אידען און אַזוי געזאָגט:

„שיילאָק, דוא מוזט דאָ האָבען עפּעס אַן אַרצט, וועלכער זאָל אַכטונג געבען, אז אַנטאָניאָ'ן זאָל ניט אַברונען דאָס בלוט און ער זאָל שטאַרבען דערפון".

„דאָס שטעהט ניט דערמאָהנט אין קאָנטראַקט", האָט ער געענט־פערט.

„אמת, עס שטעהט ניט דערמאָהנט אין קאָנטראַקט, אָבער וואָס איז דער חילוק? דוא וואָלסט דערמיט בלויז געטהאָן אַ גוטע זאַך".

„עס שטעהט ניט אין קאָנטראַקט דעריעבער".

„דאַן", האָט פּאָרטיאַ פּאָרטגעזעצט, „בעלאַנגט צו דיר אַ פונט פון אַנטאָניאָ'ס פליישׁ. און דוא מעגסט עס אויסשניידען פונקט פון זיין ברוסט. דאָס געזעטץ ערלויבט עס, און דאָס געריכטהויז פּסק'ענט עס דיר צו".

„אַך, קלוגער און געערעכטער ריכטער!" האָט שיילאָק אויסגעשריען. שאַרפענדיג ווייטער זיין מעסער, האָט ער זיך געווענדעט צו אַנטאָניאָ'ן און געזאָגט: „קום, מאַך דיך פאַרטיג".

„וואַרט אויס אַביסעל, איד!" האָט פּאָרטיאַ זיך אריינגעמישט. „עס איז נאָך עפּעס דאָ דערביי. דער קאָנטראַקט רעדט גאָר ניט איבער קיין בלוט. דיא ווערטער לויטען בלויז, „אַ פונט פליישׁ". ווען ביים אויסשניי־

דען דאָס פונט פלייש וועסטו פערגיסען נאָר איין טראָפּען קריסטליכעס בלוט, דאַן איז דיין הויז, דיין פערמעגען, לויט דיא געזעטצע פון ווענעדיג, קאָנפיסקירט פאַר דעם שטאאַט".

עס איז נאַטירליך געוועזען אונמעגליך אויסצושניידען אַ פונט פלייש און דערביי ניט פערגיסען אפילו איין טראָפּען בלוט, און דאָך האָט אַזוי געלויטעט דער קאָנטראַקט, פלייש און קיין בלוט. דאָס האָט געראַטעוועט אנטאָניא'ס לעבען. יעדער האָט אויסגעדריקט זיין בעוואונדערונג אויף דיעזען איינפאַל.

באסאניא האָט דאַן אויסגעשריען צו שפּאָטען פון שיילאָק'ן:

„אַך, קלוגער און גערעכטער ריכטער!"

ווען שיילאָק האָט געזעהען, אַז ער האָט פערלוירען דאָס פונט פלייש, האָט ער וועניגסטענס געוואָלט ראַטעווען זיין געלד.

„דאָ האָסטו דאָס געלד!" האָט באסאניא אויסגעשריען.

„נאָר לאַנגזאַם, איילט זיך ניט", האָט פּאָרטיא וויטער געזאָגט, „דעם אידען קומט קיין אַנדערע זאַך אויסער דאָס וואָס עס שטעהט אין זיין קאָנטראַקט. שיילאָק, נעהם און שנייד אויס דאָס פלייש. אָבער גיב אַכטונג, קיין בלוט פערגיסען. אויסער דעם זעה דוא זאָלסט ניט אָבשניידען ניט מעהר און ניט וועניגער וויא אַ פונט. ווען דאָס וועט זיין מעהר אָדער וועניגער מיט איין לויט, ביסטו פעראורטהיילט, לויט דיא געזעטצע פון ווענעדיג, צום טויט, און דיין גאַנצעס פערמעגען בעלאַנגט צום סענאַט."

„גיט מיר מיין געלד און לאָזט מיך געהען", האָט שיילאָק וויטער געזאָגט.

„דאָ איז עס פּאַרבערייטעט". האָט באסאניא געענטפערט.

שיילאָק האָט אויסגעשטרעקט דיא האַנד צו נעהמען דאָס געלד, ווען פּאָרטיא האָט איהם ווידער צוריק געהאַלטען.

„וואַרט אויס איד", האָט זיא געזאָגט. „לויט דיא געזעטצע פון ווענעדיג, איז דיין פערמעגען יעצט פערשפּיעלט צום שטאאַט, ווייל דוא האָסט געמאַכט אַ קאָנספּיראַציע געגען דעם לעבען פון איינעם פון איהרע בירגער, און דיין אייגענעס לעבען איז יעצט אין דיא הענד פון דעם פּרינץ. דערפאַר, קניע ניעדער, איד, און בעט ער זאָל דיר פערצייהען".

„אום דוא זאָלסט איינזעהען דעם אונטערשיעד פון דעם קריסטליכען גייסט", האָט דער פּרינץ בעמערקט, „שיינק איך דיר דיין לעבען נאָך איידער

דוא בעטסט דערפאר. א העלפט פון דיין פערמעגען בעלאנגט צו אנטאניא'ן, און דיא אנדערע העלפט צום שטאאט".

מיר דארפען דא בעמערקען, אז שיילאק האט געהאט איין קינד, איין טאכטער דזשעסיקא, און דיעזע איז פון איהם ענטלאפען און חתונה געהאט מיט א קריסט. זיינע פאטער-געפיהלע, געשענדעטע נאציאנס-געפיהלע, האבען דיא גוטע קריסטען ניט גענומען אין אנבעטראכט. נאר אום זיך צו צייגען גוט און בארמהערציג, האט אנטאניא געזאגט, אז ער בעשטעהט אבצוגעבען שיילאק'ן צוריק א העלפט פון דעם פערמעגען, ווען ער וועט בעשטעהען אנצושרייבען א צוואה, דאס נאכדעם וויא ער וועט שטארבען, זאל דאס פערמעגען געהערען צו זיין טאכטער דזשעסיקא, וועלכע האט חתונה געהאט מיט דעם קריסט לארענזא און דערמיט געבראכען זיין פאטער-הארץ.

שיילאק האט דערצו איינגעשטימט, דאן האט ער געזאגט:

„איך בין קראנק, לאזט מיך געהען אהיים. שיקט דיא צוואה צו מיר און איך וועל אבשרייבען א העלפט פון מיין פערמעגען צו מיין טאכטער."

„געה דיר, געה", האט דער פרינץ געענטפערט, „און פערגעס ניט צו טהון וואס דוא זאגסט. און ווען דוא וועסט חרטה האבען אויף דיינע זינד און דיך שמד'ן, ווערען א קריסט, וועט דיר דער שטאאט אויך מוחל זיין און דיר אבגעבען צוריק דיא אנדערע העלפט פון דיין פערמעגען."

דערמיט האט זיך געענדיגט דער פראצעס.

דער פרינץ האט שטארק בעוואונדערט דעם יונגען אדוואקאט, (פארטיא,) און זיא איינגעלאדען מיט איהם צו עסען מיטאג. אבער אזוי וויא זיא האט געוואלט פריהער אהיים פאהרען נאך בעלמאנט, פאר איהר מאן, האט זיא געענטפערט:

„איך דאנק הערצליך אייערע גנאדען, אבער איך מוז שוין אוועק."

דער פרינץ האט אויסגעדריקט זיין בעדויערן און זיך ווענדענדיג צו אנטאניא'ן, האט ער בעמערקט:

„בעלוינט דיעזען הערען; וויל, לויט וויא איך דענק, זייט איהר שטארק פערפליכטעט צו איהם."

באסאניא האט זיך דאן געווענדעט צו פארטיא'ן מיט דיעזע ווערטער:

„זעהר ווירדיגער הערר, איך און מיין פריינד אנטאניא, האבען מיר דיא עהרע אייך צו זאגען, אז דורך אייער קלוגשאפט זיינען מיר היינט ניצול געווארען פון א שווערער פלאג. איך בעט אייך, איהר זאלט אננעהמען דיא

דריי טויזענד דוקאַטען וואָס מיר האָבען בעדאַרפט געבען דעם אידען.״

„און מיר װעלען צו אייך זיין פערפליכטעט״, האָט אַנטאָניא בע־מערקט, „דאָס גאַנצע לעבען״.

פּארטיא האָט דאָס געלד ניט געוואָלט אננעהמען. װען באסאניא האָט זיא אָבער שטארק געבעטען, האָט זיא געזאָגט:

„גיט מיר אייערע האַנדשוה, איך וועל זיי טראָגען אַלס אַן אנדענקען״.

באסאניא האָט שנעל אַרונטערגעצויגען דיא האַנדשוה און זיא האָט בעמערקט איהר רינג אויף זיין פינגער. זיא האָט אַבזיכטליך איהם געהייסען אויסטהאָן דיא האַנדשוה כדי זיא זאָל קענען פערלאַנגען דעם רינג. דאַן האָט זיא בעמערקט:

„און צו אַן אייביגעם אַנדענקען, וועל איך טראָגען דיעזען רינג פון אייער פינגער״.

באסאניא איז געװען זעהר בעטריבט הערענדיג אַזאַ פאָדערונג און ערקלעהרט, אַז ער קען דעם רינג ניט אַוועקגעבען, ווייל דאָס איז אַ מתנה פון זיין ווייב, און ער האָט אַ נדר געטהון קיינמאָל זיך ניט צו שיידען מיט דיעזען רינג; אַז ער איז בערייט איהר צו געבען וואָס זיא וויל האָבען אין װענעדיג, אָבער ניט דעם רינג.

פּארטיא האָט זיך געמאַכט, אַז זיא געפינט זיך שטארק בעליידיגט.

„טהייערער באסאַניא״, האָט אַנטאָניא זיך אריינגעמישט, „גיב איהם דעם רינג; זאָל דיין ליעבע צו מיר און דעם גרויסען דיענסט וואָס ער האָט פאַר אונז געלייסטעט שטעהען העכער איבער דער אונצופריעדענהייט פון דיין פרוי״.

פּארטיא איז דערווייל אַוועק, און באסאניא האָט געגעבען גראטיאנא׳ן דעם רינג ער זאָל איהם נאָכטראָגען דעם יונגען אַדוואָקאַט.

אין דערזעלבער צייט האָט דער אַדוואָקאַטען געהילף, נעררישא, וועל־כע האָט אויך געגעבען גראטיאנא׳ן אַ רינג, פערלאַנגט ער זאָל איהר געבען אַ מתנה. וועלענדיג נאָכטהאָן באסאניא׳ן, האָט גראטיאנא אַוועקגעגעבען דעם רינג.

שפּעטער האָט שטאַטגעפונדען אַ גאַנצער שטרייט איבער דיא רינגען, ביז דיא גאַנצע קאָמעדיע האָט זיך אויפגעדעקט, און אַלעס האָט זיך גע־ענדיגט אין פרייד און געלעכטער.

## נאכבעמערקונג פון דעם בעארבייטער:

„דער קויפמאן פון ווענעדיג“, אדער וויא דאס ווערק רופט זיך אין אנדערע שפראכען וויא אין ענגליש, „שיילאק“, בעלאנגט צו שעקספיער’ס קאמעדיען, און דיעזע קאמעדיע איז מעהר קריטיקירט געווארען וויא אלע זיינע ווערק.

שעקספיער שטעלט דא פאר א אידען צו וועלכען ער ווייזט האס און פעראכטונג. נאך מעהר, דעם אידען’ס ליידען זיינען מעהר ניט וויא הומאריסטישע שטריכען פון דעם פערפאסער. אבער דאס איז נאך ניט אלעס: ער שטעלט פאר דעם אידען אלס א בלוט־דורשטיגע חיה, וואס וויל ניט אנדערש וויא א פונט פלייש פון דעם קריסט.

אמת, שעקספיער איז געוועזן א גרויסער זשעניע, אבער נאך אלעמען, איז ער געוועזן ניט מעהר וויא א מענש, און געמוזט, פיעל אדער וועניג ליידען פון דעם איינפלוס פון דיא אומגעבונגען.

עס וועט ניט זיין איבערטריבען ווען מיר וועלען זאגען, אז שעקס־פיער האט גאר קיין אידען אין זיינע אויגען ניט אנגעזעהען. דאמאלס זיי־נען קיין אידען ניט געוועזן אין ענגלאנד. מען האט זיי מיט הובשע עטליכע יאהר פריהער, ארויסגעטריבען פון ענגלאנד, און ערשט שפעטער, נאך שעקס־פיער’ס טויט, זיינען זיי צוריק געקומען. דער נאמען איד, איז געוועזן פער־האסט אין ענגלאנד. ער איז געוועזן דער „קראיסט קיללער“ (גאטטעס־מער־דער) און מען האט איהם פעראכטעט איבעראל.

דאן ווייטער: שעקספיער איז געוועזן א פערפאסער פון דראמען, ער האט געשריעבען פאר’ן טהעאטער, פאר געלד. ער האט געוואלט אמו־זירען דעם עולם, און, אום צו אמוזירען אן עולם, מוז מען פאר איהם שריי־בען אזעלכע זאכען וואס דריקען אויס זיין גלויבען און פאראורטהיילע. ער האט אלזא ניט געקענט פארשטעלען קיין אנדערן אידען וויא אזעלכען וואס דער עולם האט זיך פארגעשטעלט.

א צווייטע טהעאריע איז דיעזע: שעקספיער האט געוואלט פאר־שטעלען א אידען, און ניט קענענדיג דעם אידען, האט ער שטודירט דעם אידען’ס גאט, דעם „אל קנא ונוקם“ פון דער ביבעל. שיילאק איז אלזא ארויס־געקומען דער ראכזיכטיגער, דער בעל־נקמה.

אין דערזעלבער צייט זעהען מיר אבער, אז דער זשעניע שטייגט אריבער אפילו דעם גלויבען און דיא פאראורטהיילען. שעקספיער האט גע־

וואָלט מאַכען פון שיילאָק'ן אַ מיאוס'ע קאַריקאַטור, פון דעסטוועגען איז שיילאָק דער אויפריכטיגסטער און אַנשטענדיגסטער פון אַלע זיינע טיפּען אין דיעזער דראַמאַ.

שיילאָק'ס גרעסטער חסרון איז, וואָס ער איז האַרטנעקיג און פערלאַנגט אַ פונט פלייש פון דעם קריסט. ווארום טהוט ער עס?

שעקספּיער ערקלעהרט עס.

דיעזער קריסט, אַנטאָניא, האָט אויף איהם געשפּיעגען, פון איהם חוזק געמאַכט, איהם פערפאָלגט און פערשפּאָטעט, און ענדליך איז ער אַריינגעפאַלען אין זיינע הענד. נאָך מעהר, דיעזער קריסט איז געווען אַ מיטגליעד פון דערזעלבער נאַציאָן וואָס האָט געליעפערט אַ לאָרענזאָ אום אָוועקצורויבען זיין איינציגע טאָכטער דזשעסיקאַ.

נקמה איז זיס, און ער האָט געוואָלט נקמה!

און ווער זיינען געווען דיא קריסטען וואָס שעקספּיער האָט פאָרגעשטעלט? זייער קריסטליכע באַרמהערציגקייט בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי טרעטען דעם אידען'ס געפיהלען מיט דיא פיס; זיי זיינען אַזוי גוט, אַז איינער פון זיי, אַנטאָניא, מאַכט שיילאָק'ן אַ פּרעזענט פון זיין אייגענעם פערמעגען באופן ער זאָל דאָס אָוועקגעבען זיין טאָכטער, דער משומדת, וועלכע האָט איהם איבערגעלאָזט אין שמערץ און פערצווייפלונג. דער פּרינץ ווידער איז בערייט איהם צוריק צו געבען דיא אַנדערע העלפט פון פערמעגען, ווען ער וועט זיך שמד'ן.

שיילאָק וויל קיין געלד; ער וויל נקמה. שיילאָק איז בערייט צו פערלירען זיין פערמעגען, אָבער שמד'ן וועט ער זיך ניט.

יאַ, דער גרויסער שעקספּיער האָט געמאַכט אַ גרויסען טעות מיט דער פאָרשטעלונג פון שיילאָק'ן, אָבער זיין זשעניאַלער גייסט האָט איהם, אומווילענדיג, געראַטעוועט!

# אטהעללא.

סענאטאָר בראבאנטיא איז געווען איינער פון דיא רייכסטע בירגער אין ווענעדיג, זעהר אנגעזעהען, איינפלוסרייך און געעהרט. דערצו האָט ער געהאט א טאָכטער מיט אלע מעלות, יונג, קלוג און זעהר שעהן. דער נאָמען פון דיעזער טאָכטער איז געווען דעסדעמאָנא.

דיא פראָמינענטעסטע און אנגעזעהענסטע יונגע לייט האָבען זיך צו איהר געשדכנ'ט, אָבער קיינער פון זיי איז איהר ניט געפעלען געוואָרען. דער פאָטער האָט זיא אויך ניט געוואָלט צווינגען זיא זאָל הייראטהען געגען איהר ווילען, און אזוי וויא זיא איז נאָך געווען יונג, האָט ער בעשלאָסען צו וואַרטען.

אין דערזעלבער צייט אָבער האָט עפּעס פּאַסירט אין לעבען פון דער שעהנער דעסדעמאָנא וואָס האָט בעשטימט איהר מערקווירדיגעס שיקזאל פאַר א טרויעריגער צוקונפט. דיא שעהנע יונגע לייט פון איהר ווייסער ראַסע, האָבען ביי איהר ניט נושא חן געווען, דאַגעגען אָבער האָט זיא זיך פּלוצלונג פערליעבט אין א מור, א שוואַרצען, א נעגער.

דיעזער איז געווען א געוויסער אטהעלא, און אָבוואָהל פון דער שוואַרצער ראַסע, האָט ער געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין שטאָדט. ער איז געווען א סאָלדאַט, א קריגער, א בראַווער און אונערשראָקענער מענש, און דורך זיין העלדישער אויפפיהרונג, האָט ער איינינע מאָל געפיהרט דיא אַרמעע פון ווענעדיג צום זיעג און טריאומף אויפ'ן שלאַכטפעלד געגען דיא טערקען. דאָס האָט געפיהרט אזוי וויט, אז ער איז געוואָרען דער ערשטער גענעראַל פון דער אַרמעע און געוואונען דיא אַלגעמיינע אכטונג פון גאנצען פאָלק.

בראבאנטיא, איינער פון זיינע פערעהרער, איז געווען שטאָלץ דאַ-

אטהעללא

רויף צו זיין אטהעלא׳ס פריינד און ער האָט איהם אָפט איינגעלאדען צו זיך אין הויז. אונאזוי וויא אטהעלא האָט פיעל גרייזט, פיעלעס געזעהען, פלעגט דער אלטער סענאטאָר האָבען דאָס גרעסטע פערגעניגען איהם צו הערען דערצעהלען זיינע אינטערעסאנטע רייזע־געשיכטען און ערפאהרונגען.

דיא שעהנע דעסדעמאנא איז דערביי געזעסען, צוגעהערט אלעס און בעוואונדערט דיעזען שווארצען אָבער העלדישען מאַן.

איין מאָל האָט עס פאסירט וואָס ער האָט זיא אליין געטראָפען און זיא האָט איהם געבעטען ער זאָל איהר דערצעהלען זיין גאנצע לעבענס־געשיכטע, פון וועלכער זיא האָט געהערט אזוי פיעל דערצעהלען פון אנדערע.

ער האָט איהר צוליעב געטהאָן. און אזוי וויא אטהעלא איז אמאָל געווען אַן ארמער און עלענדער אינגעל, זיך זעהר פיעל געפּלאגט און געמאַטערט, האָט זיין שילדערונג ביי איהר ארויסגערופען פיעלע טרעהרען.

ווען ער איז געווען צו ענדע, האָט זיא געזאָגט: „הלואי וואָלט איך דאָס אלעס ניט געהערט, פון דעסטוועגען ווינש איך מיר, אז גאָט זאָל מיך געווען מאַכען פאַר אזא מאַן וויא דוא ביסט“.

דאַן האָט זיא איהם געדאנקט און געזאָגט: „אויב דוא האָסט א פריינד, וועלכער ליעבט מיך, דאַרפסטו איהם בלויז אויסלערנען וויא צו דערצעהלען זיין לעבענס־געשיכטע און דאָס וואָלט מיך געוואונען.“

אטהעללא דער גענעראַל, האָט געוואוסט, אז ערשטענס איז ער ניט קיין גאנץ יונגער מאַן און צווייטענס איז ער שווארץ. ער וואָלט קיינמאָל ניט געוואָגט צו ערקלעהרען דעסדעמאָנא׳ן קיין ליעבע. אָבער הערענדיג איהרע לעצטע ווערטער, האָט ער זיך געמערקט, אז ער קען האָפען און וואַגען. און געליעבט האָט ער דעסדעמאנא׳ן מיט זיין גאנצעם ברייטעם און גוטעם הארץ.

ער האָט דאַן אָנגעפאנגען אויף א צערטליכען אופן צו־צו־קומען נעהענטער צו איהר, ביז ער האָט פאַר איהר אויסגעדריקט זיינע געפיהלע, און דעם סענאטאָר׳ס שעהנע טאָכטער, האָט איהם פערשפּראָכען צו ווערען זיין פרוי.

מען מוז צוגעבען, אז אטהעללא איז ניט געווען קיין פאסענדער שידוך פאַר דעסדעמאנא׳ן. טאַקי ער איז געווען א גענעראַל, א העלד, אָבער ערש־טענס, איז ער ניט געווען רייך גענוג, און צווייטענס איז זיין קאָליר, דאָס הייסט, זיין שווארצקייט, געווען געגען איהם.

בראבאנטיא האט קיינמאל ניט בעאבזיכטיגט צו צווינגען זיין טאכ־טער צו הייראטהען ועמען ער וויל, אבער ער האט קיינמאל ניט ערווארטעט, אז זיא אליין זאל זיך אויסקלייבען א מאן וואס איז ניט פאסענד פאר אן ארעליגער פאמיליע פון ווענעדיג. דאס אלעס האט דעסדעמאנא גאנץ גוט געוואוסט און זיא האט גאר ניט געוואגט צו דערצעהלען איהר פאטער, אז זיא ליעבט דעם מור, אטהעללא׳ן.

אום צו פערמיידען אן עפענטליכען סקאנדאל מיט דעם פאטער, האט זיא געהייראטה מיט אטהעללא׳ן אין געהיים און געטראכט דאס צו האלטען אזוי לאנג בסוד וויא עס איז נאר מעגליך. אבער עס האט ניט פיעל גע־דויערט און דאס געהיימניס איז ארויס.

דער פאטער איז געבליעבען וויא געטראפען פון א דונער ווען ער האט דאס געהערט. ער האט זיך ניט געקענט גלויבען זיינע אייגענע אויערן וואס מען האט איהם דערצעהלט, נאר ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז דאס איז א פאקט, האט ער ניט פיעל געווארט און איז ערשיענען פאר׳ן סע־נאט וואו ער האט ערהויבען א שווערע אנקלאגע געגען אטהעללא׳ן. ער האט איהם בעשולדיגט אין פער׳כישוף׳ן און פערפיהרען זיין טאכטער, און זיא פערנארט מיט איהם חתונה צו האבען אהן דער איינשטימונג פון דעם פאטער. פאר אזא פערברעכען, לויט דיא ווענעציאנישע געזעטצע, איז געקו־מען — טויט.

פונקט דאמאלס אבער האט פאסירט א וויכטיגע צוטרעפונג אין ווענעדיג. מען האט ערפאהרען, אז דיא טערקען האבען ארויסגעשיקט א גרויסע און מעכטיגע פלאטע איינצונעהמען דיא אינזעל ציפערן, וואס האט בעלאנגט צו ווענעדיג און געבילדעט איינעם פון דיא וויכטיגסטע האנדעלס צענטערס. יעדער איינער האט דאמאלס אויפגעהויבען זיינע אויגען צו אטהעללא׳ן און פון איהם ערווארטעט ער זאל פערטהיידיגען דיא ווערטה־פוללע אינזעל. ער איז אויך געווען דער איינציגער פאסענדער מענש צו אונטערנעהמען דעם קאמפף געגען דיא טערקען.

אטהעללא איז אלזא גערופען געווארען אין סענאט פאר צוויי זאכען, ערשטענס זיך צו פערטהיידיגען געגען בראבאנטיא׳ס שווערע אנקלאגע, און צווייטענס מען זאל איהם בעאויפטראגען צו ראטעווען ציפערן.

בראבאנטיא איז געווען א זעהר געאכטעטער מענש און אן אלטער סענאטאר. מען האט אלזא בעשלאסען איהם אויסצוהערען. ער איז אבער געווען אזוי אויפגערעגט און זיך געפיהלט אזוי בעליידיגט, אז ער האט

געמאכט א גאנצען הויפען בעשולדיגונגען, דארונטער נארישע, וועהרענד אין אמת'ן, איז דאס אלעס בלויז געווען אן איינפאכע ליעבעס געשיכטע. פון דעסטוועגען האט מען אויסגעהערט זיין צד, און דאן האט מען פארגע־רופען אטהעללא'ן צו הערען וואס ער האט צו זאגען.

אטהעללא האט אין געוועהנליכע ווערטער געשילדערט דיא ריינע וואהרהייט, דערצעהלט וויא ער האט זיך פערליעבט אין דעסדעמאנא'ן, וויא זיא האט זיך פערליעבט אין איהם הערענדיג זיינע רייזע געשיכטען, און עס איז בלויז געווען א פעראייניגונג פון צוויי הערצער.

דער פרינץ, וועלכער איז געזעסען אלס אויבער־ריכטער אין סענאט, האט דאן ערקלעהרט, דאס ער רעכענט, אז אטהעללא'ס האנדלונג וואלט גע־קענט געווינען אויך זיין איינענע טאכטער, אין וואס עס אנבעלאנגט דיא בע־שולדיגונגען פון כישוף, וואס בראבאנטיא האט געמאכט, איז עס געווען, לויט זיין מיינונג, געוועהנליכע ליעבעס ערקלעהרונגען אין וועלכע יעדער מאן איז שולדיג. אין אלגעמיין, האט דער פרינץ געזאגט, זעהט ער דא קיין אוי־סערגעוועהנליכע זאך.

אטהעללא'ס ווערטער זיינען נאכהער בעשטעטיגט געווארען אויך פון דעסדעמאנא'ן, וועלכע איז ערשיענען פאר'ן סענאט. אין דערזעלבער צייט האט דעסדעמאנא בעמערקט, אז זיא אנערקענט איהר שולד און פליכט צום פאטער פאר דער ערציהונג און בילדונג וואס ער האט איהר געגעבען, אבער זיא האט יעצט העכערע פליכטען און שולדען צו דעם מאן וואס זיא ליעבט, און זיא האנדעלט ניט ערגער וויא איהר מוטער האט געהאנדעלט, ווען זיא האט געליעבט איהר מאן בעסער וויא איהר פאטער.

בראבאנטיא האט געזעהען, אז יעדער איז געגען איהם, און ער האט בעשלאסען בעסער איינצושטימען, ווייל ער האט סאי־וויא־סאי קיין אנדערע ברירה ניט געהאט. ער האט זיך אלזא איבערגעבעטען מיט אטהעל־לא'ן, איהם זאגענדיג, אין דערזעלבער צייט, אז עס פרעהט איהם וואס ער האט בלויז איין טאכטער, דען, ווען ער וואלט געהאט נאך איינע, וואלט ער געמוזט ווערען געגען איהר א טיראן, כדי זיא זאל ניט טהון דאסזעלבע וויא דעסדעמאנא.

נאכדעם וויא אלעס האט זיך רעגולירט, האט אטהעללא זיך דער־מאהנט אן זיין הויכער מיליטערישער פפליכט. ער האט בעשלאסען באלד אבצורייזען נאך ציפערן און אנפאנגען דיא פערטהיידיגונג געגען דיא טער־

קען. דעסדעמאנא האט איינגעשטימט מיט איהם מיטצופאהרען און טהיילען אלע געפאהרען מיט איהם.

אזוי שנעל אבער וויא אטהעללא מיט זיין יונגער און שעהנער פרוי האבען געלאנדעט אין ציפערן, איז ערהאלטען געווארען דיא נאכריכט, אז א גרויסער שטורם האט צושמעטערט דיא גאנצע טערקישע פלאטע, און דער־מיט האט זיך שנעל געענדיגט זיין גאנצע מיליטערישע טהעטיגקייט.

ווען אטהעללא איז לויז געווארען פון א קריעג מיט דיא טערקען דורך א שטורם אויפ'ן ים, האט אבער זיין שיקזאל איהם געטריעבען צו אן אנדערן קריעג, א פיעל געפעהרליכערן, פון וועלכען ער איז מעהר ניט ארויס דער זיעגער וויא ביז צו יענער צייט.

צווישען דעם גענעראל'ס פריינדע איז געווען איינער וואס איז גע־ווען זיין פערטרויעסטער. ער האט געהייסען קאססיא. מיכאעל קאססיא איז געווען א יונגער אפיציער, געשטאמט פון פלארענטין, מונטער, פרעהליך, ליע־בענסווירדיג און מיט אלע מעלות אום נושא חן צו זיין ביי פרויען. ער איז אויך געווען שעהן, גאלאנט און מיט זיך פארגעשטעלט אלעם אום ארויסצור־רופען אייפערזוכט אין א מאן וואס איז עלטער און ניט אזוי שעהן. אטהעללא איז שוין ניט מעהר געווען קיין יונגער מאן, און זיין שווארצקייט האט איהם געמאכט ווייט פון שעהן. אבער אטהעללא, וועלכער האט געהאט אן ערדלעם הארץ, איז געווען ווייט פון אייפערזוכט. נאך מעהר, ער האט אליין אמאל גע־שיקט קאססיא'ן צו רעדען פאר איהם מיט דעסדעמאנא'ן און אויסדריקען זיינע ליעבעס־געפיהלע צו איהר.

אטהעללא איז געווען א העלד אויפ'ן שלאכטפעלד. אבער אין דער בעגעגנווארט פון פרויען איז ער געווען הילפלאז.

צו שיקען אזא יונגען און שעהנעם מאן וויא קאססיא צו ערקלערען פאר איהם ליעבע, איז אפילו געווען א געוואגטער שריט. אבער אטהעללא האט יעדען געגלויבט און זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז יעמאנד זאל איהם בעטריגען. דעסדעמאנא ווידער האט געהאלטען קאססיא'ן בלויז פאר א גוטען הויז־פריינד, און אזוי איז ער אויך פערבליעבען נאך דער חתונה.

ער פלעגט אפט קומען אין זייער הויז, און אזוי וויא אטהעללא האט ניט אימער געקענט אונטערהאלטען זיין יונגע און שעהנע פרוי, איז ער געווען איינפאך זעהר צופריעדען וואס קאססיא האט מיט איהר גערעדט און זיא אמוזירט.

אוים דאנקבארקייט און פריינדשאפט, האט אטהעלא, אין דער לעצ־

טער צייט, געמאכט קאסיא'ן פאר א ליטענאנט און אויך פאר זיין אדיוטאנט, א שטעלע וואס האט מיט זיך געטראגען אי עהרע, אי גרויסע פעראנטווארט־ליכקייט.

דיעזער שריט אבער האט שטארק אויפגערעגט א צווייטען אפיציער, אן עלטערן אין דיענסט, א געוויסען יאגא, וועלכער האט גערעכענט, אז על־פי יושר איז איהם געקומען דיעזער פאסטען. יאגא האט אפטמאל חוזק גע־מאכט פון קאססיא'ן, בעהויפטענדיג, אז ער ווייסט אזוי פיעל פון קריעג וויא א מיידעל. דאן האט איהם יאגא אויך געהאסט, און מיט איהם האט ער געהאסט אטהעללא'ן פאר וואס ער האט איהם דערהויבען צו אזא שטעלע.

און יאגא'ס ברוסט איז געווארען פול מיט גיפט, און זיין קאפ פול מיט פלענער וויא אזוי זיך נוקם צו זיין אן אלעמען. ער האט בעשלאסען צו בעשטראפען קאססיא'ן, אטהעללא'ן און מיט ויי זאל אויך ליידען דיא אונ־שולדיגע דעסדעמאנא.

שרעקליך איז געוועזן זיין נקמה!

יאגא איז געוועזן איינער פון יענע מענשליכע טייוואלים, וועלכער שטודירט זיין מיט־מענשען, קריכט אריין טיעף אין זיין נשמה, און דאן ווענדעט ער אן זיין כיטראסט יענעם צו רואינירען. יאגא האט אויך געוואוסט, אז אייפערזוכט איז איינע פון דיא געפעהרליכסטע ליידענשאפטען, און ווען זיא קריכט אריין אין א מענשען, דאן פערגיפטעט זיא זיין גאנצען קערפער און זעעלע.

זיין פלאן איז אלזא געווען צו מאכען אטהעלא'ן אייפערזיכטיג איבער קאססיא'ן, און אזוי שנעל וויא ער וועט דערגרייכען דיעזען ציעל, דאן וועט ער שוין קענען טהון וואס ער וויל און דורכפיהרען זיין נקמה.

דיא אנקונפט פון דעם גענעראל מיט זיין פרוי און דיא נאכריכט, אז דיא טערקישע פלאטע איז אונטערגעגאנגען, האט ארויסגערופען א פרעה־ליכען יום־טוב ביי דיא איינוואהנער פון ציפערן. מען האט געגעסען, געטרונ־קען און געהוליעט. ווײן האט געפלאסען פון אלע זייטען און יעדער האט געטרונקען צו דער געזונדהייט פון אטהעללא'ן מיט זיין פרוי.

קאססיא איז געוועזן בעאויפטראגט אכטונג צו געבען, אז ער זאל ניט דערלאזען דיא סאלדאטען זאלען צו פיעל טרינקען, כדי זיי זאלען ניט בעראורזאכען קיין סקאנדאלען.

אין א נאכט האט יאגא אנגעפאנגען זיין טייוולישע ארבייט. ער האט בעזוכט קאססיא'ן, און אונטער דעם מאנטעל פון פריינדשאפט צו

אטטהעללא'ן און פריינדשאפט צו קאססיא'ן האט ער איינגעלאדען יעדען צו טרינקען. קאססיא האט א לאנגע צייט געקעמפפט געגען דיזער איבער־רעדונג, אבער אזוי וויא ער איז געוועזן א גוטער און וואוילער לעבע־יונג, איז ער ענדליך געפאלען צו יאגא'ס איבעררעדונג. ער האט זיך אנגע־שיכור'ט, און אין זיין בעזויפענהייט, האט ער געלויבט און געריהמט דיא שעהנע דעסדאמאנא, געשריען, געזונגען, ביז ער האט זיך אין גאנ־צען פערלוירען. דאן האט ער זיך צוקריעגט מיט זיינע געסט, אויך אויף יאגא'ס אנרייצונג, און עס איז געקומען צו א שלאכט. קאססיא האט ארויסגעצויגען זיין שווערט און פערוואונדעט א גוט־בעקאנטען און געאכ־טעטען אפיציער מאנטאנא.

דיא אויפרעגונג און האס געשלעג האבען געוואקסען. ווען יאגא האט געזעהען, אז דער סקאנדאל איז שוין גענוג גרויס, האט ער אליין געהאל־פען פערברייטען דיא נאכריכט דאריבער און געפיהרט דערצו מען זאל קלינ־גען מיט דעם אלארם־גלאק, וועלכער איז געשטעלט געווארען אנצוצייגען א רעוואלוציאנס אויסברוך, אבער קיין מהומה פון שיכורים.

דיעזער אלארם האט אויפגעוועקט אטהעללא'ן, וועלכער האט זיך שנעל אנגעקליידעט, ארונטערגעלאפען און געפרעגט קאססיא'ן וואס עס האט פאסירט.

קאססיא האט זיך באלד דערמונטערט, בעגריפען וואס ער האט אויפגעטהאן, און פאר שאנדע האט ער ניט געקענט ענטפערן.

יאגא ווידער, זיך מאכענדיג, אז ער וויל ניט רעדען קיין שלעכטס אויף קאססיא'ן, און זיך לאזען צווינגען פון אטטהעללא'ן עפעס צו זאגען, האט דערצעהלט אלעס וואס עס האט פאסירט, אויסלאזענדיג אבער זיין אייגענעם אנטהייל; און אזוי וויא קאססיא האט אין זיין בעטרונקענהייט ניט געדענקט גענוי וואס עס איז געשעהען, האט ער שטילשווייגענד איינ־געשטימט צו אלעס וואס יאגא האט מיטגעטהיילט.

אטטהעללא האט ליעב געהאט דיסציפלין און ארדנונג. הערענדיג דאס אלעס, האט ער אראבגעזעטצט קאססיא'ן פון זיין פעראנטווארטליכעס אמט.

דאס איז געווען יאגא'ס ערשטע געלונגענע ארבייט. אבער ער האט זיך דערביי ניט אבגעשטעלט און איז געגאנגען ווייטער.

ווען קאססיא האט זיך אויסגעניכטערט, האט ער געפונען יאגא'ן פאר זיין איינציגען פריינד פאר וועלכען ער האט אויסדערצעהלט זיין הארץ

און זיך אליין אנגערופען ווילדער און אומגעלומפערטער, ווען ער האט זיך געקענט לאזען אזוי פערפיהרען פון ווייב.

„וואס זאל איך טהון?“ האט ער געפרעגט. „איך בין פערלוירען. ווען איך זאל מיך נאך א מאל ווענדען צו אטהעללא׳ן און פערלאנגען צוריק מיין שטעלע, וועט ער מעגען מיט רעכט זאגען, אז אויף קיין שיכור קען מען זיך ניט פערלאזען.“

יאגא ווידער האט איהם אויסגערעדט, ערקלערט, אז עס איז גאר ניט, אז אטהעללא וועט בעסער ווערען און אלעס וועט זיין וויא עס איז א מאל געווען. נאר ווען קאססיא רעכענט ווירקליך, אז אטהעללא וועט איהם גאר ניט פערצייהען, דאן ראטהעט ער איהם זיך צו ווענדען צו זיין ליעבע פריינדין, דעסדעמאנא, און זיא וועט געוויס אלעס שנעל רעכט מאכען.

וואס יאגא האט געזאגט, האט אויסגעזעהען גאנץ ריכטיג, אבער דאס אונגליק איז געווען, וואס ער האט געהאט איינע פון זיינע טייוולישע פלענער דערביי.

עס האט ניט פיעל געדויערט און קאססיא האט זיך געווענדעט צו דעסדעמאנא׳ן, בעטענדיג זיא, אז זיא זאל זיך פאר איהם אינטערעסירען ביי אטהעללא׳ן. דעסדעמאנא איז געווען זעהר גריהרט דערפון און פערשפראכען ניט צו רוהען ביז זיא וועט קאססיא׳ן צוריקגעבען זיין אלטע שטעללע.

אום ניט פיעל צו ווארטען, האט זיא גלייך אויפגעזוכט אטהעללא׳ן, איהם אנגעהויבען צו בעטען, און ער האט איהר ניט געקענט זאגען „ניין“. פון דעסטוועגען האט ער פראבירט צו בעטען זיא זאל נאך אבווארטען א שטיקעל צייט, ווייל אזא פערברעכען טאר מען ניט לאזען גאנץ אונבעשטראפט, אבער זיא האט איהם העכסטענס געגעבען נאך איין מעתלעת צייט.

ווען אטהעללא האט נאך אלץ ניט געקענט נאכגעבען, האט זיא געזאגט בעליידיגט:

„וואס, מיין הערר! דארף איך אזוי פיעל בעטען פאר מיכאעל קאססיא, דערזעלבער קאססיא וואס איז געקומען פאר דיר צו מיר ערקלערען ליעבע, און אפט מאל, ווען איך האב פון דיר חוזק געמאכט, האט ער דיך פערטהיידיגט! דאס וואס איך האב פון דיר פערלאנגט, רעכען איך בלויז פאר א קלייניגקייט. און ווען איך וועל וועלען מעהר

אויספּרובירען דיין ליעבע, דאן וועל איך פערלאנגען א פיעל גרעסערע זאך."

אטהעללא האָט ווייטער ניט געקענט קעמפּפען געגען איהר, און אַלעס וואָס ער האָט פערלאנגט איז געווען, אַז זיא זאָל איהם נאָר געבען א ביסעל צייט, און דאן וועט ער קאססיאָ'ן צוריקגעבען זיין אַלטע שטעלע.

עס האָט פּאַסירט, אָדער יאגאָ האָט עס אזוי געפיהרט, דאָס אטהעללא און יאגאָ זאָלען אריין אין דעסדעמאָנא'ס צימער פּונקט דאַמאַלס ווען קאססיא איז דאָרט געווען צו בעטען פאר זיך, און ארויסגעהענדיג דורך דער צווייטער טהיר, האָט ער עפּעס געזאָגט דעם־דעמאָנא'ן.

„מיר געפעלט דאָס ניט," האָט יאגאָ געמורמעלט וויא צו זיך אליין, אָבער אטהעללא האָט דאָס ניט בעמערקט. שפּעטער אָבער האָט ער געדענקט. ווען דעסדעמאָנא איז אוועק, האָט יאגא, בלויז אזוי אויס נייגיעריגקייט, גע־פרעגט אטהעללא'ן אויב דאַמאַלס ווען ער אטהעללא, האָט זיך געשדכ'ענט צו דעסדעמאָנא'ן, האָט קאססיאָ אויך דערפון געוואוסט.

אטהעללא האָט געענטפערט, אַז ניט נאָר האָט קאססיאָ דערפון גע־וואוסט, זאָנדערן ער איז אויך מעהרערע מאָל געווען דער ליעבעס־שליח צווי־שען איהם און דעסדעמאָנא.

און דער טייוועל יאגאָ האָט אימער פערשטאַנען צו מאַכען אזא גנבה'שע מינע, אַז ער זאָל ארויסרופען טויזענדער פערדעכטיגע געדאנקען אין דעם אונשולדיגען און עהרליכען אטהעללא. ווען יאגאָ האָט געהערט אט־העללא'ס לעצטע ערקלערונג, האָט ער אויפגעהויבען דיא אויגען, פערקנייטשט דעם שטערן, געעפענט דאָס מויל, און געזאָגט, „אָה, איצט פערשטעה איך."

דאָס האָט שוין ערוועקט יאגא'ס ווערמער וואָס ער האָט געזאָגט, ווען ער איז אריינגעקומען און געזעהען דעסדעמאָנא'ן מיט קאססיאָ'ן צוזאַ־מען. אטהעללא האָט אָנגעהויבען צו דענקען, אַז דאָ מוז עפּעס זיין, אַז יאגא'ס ווערטער האָבען עפּעס א צוזאַמענהאַנג. דאָס אונגליק איז נאָך געווען גרעסער, וואָס יאגא האָט אימער געשפּיעלט דיא ראָלע פון אן עהרענמאַן און אטהעללא האָט איהם ווירקליך געהאַלטען פאר אזעלכען.

דער אָרעמער אטהעללא האָט ניט געקענט אונטערשיידען פון א כיט־ראָסט ביז אן עהרליכקייט. יאגא'ס בעמערקונגען האָבען איהם אונטערגעצונ־דען, ארויסגערופען פינסטערע רעיונות אין זיין מוח און ער האָט איהם אָנגע־הויבען צו בעטען, ער זאָל איהם זאָגען וואָס ער מיינט, וואָס ער דענקט, וואָס ער רעכענט.

# אטהעללא.

יאגא האט זיך געלאזט בעטען, און דאן האט ער אנגעהויבען צו זאגען, אז עס וואלט פיעל גלייכער געווען פאר אטהעללא'ן ער זאל ניט וויסען וואס ער דענקט, ווייל דאס קען צושטערען זיין רוה און זיין גליק.

אבער אנשטאט דאס זאל בערוהיגען אטהעללא'ן, האט ער נאך מעהר געברענט מיט פערלאנגען צו וויסען אלעס.

יאגא האט איהם אבגעהאלטען א פארטראג איבער אייפערזוכט, אז דאס איז א שלעכטע מדה אין א מענשען און יעדער בעל־שכל דארף זיך דער־פון צוריק האלטען, אויסהיטען און פערמיידען אזעלכע געדאנקען.

„איך וויס, איך וויס," האט אטהעללא געענטפערט, „אז מיין פרוי איז שעהן, אז זיא ליעבט געזעלשאפט, אז זיא ליעבט זיך צו אמוזירען; זיא זינגט, שפיעלט און קען גוט טאנצען; אבער דארט וואו צניעות געפינט זיך, איז דאס אלעס א טוגענד, א מעלה. יא, יא, איך מוז פריהער האבען בעווייזע איידער איך ווארף אויף איהר א חשד פון אונארענטליכקייט."

יאגא האט זיך געמאכט, אז איהם פרייט עס זעהר וואס אטהעללא לאזט זיך ניט אזוי גרינג פערפיהרען, וואס ער גלויבט ניט אזוי שנעל אן אלעס און ער האט געבעטען אטהעללא'ן ער זאל אויך אזוי בלייבען, ניט אורטהיילען ביז ער וועט האבען אונבעשטרייטבארע בעווייזע.

אין דערזעלבער צייט אבער, האט יאגא איהם דערצעהלט פון זיינע ערפאהרונגען, אז ער קען גאנץ גוט דיא איטאליענישע דאמען, אז ער וויסט זייער נאטור, און דאס דיא פרויען פון וועניגדיג טהון פיעלע זאכען וואס זיי פערבארגען פאר זייערע מענער. דאן, אלס א זייטיגע בעמערקונג, האט ער געזאגט, אז דעסדעמאנא האט שוין איינמאל ארויסגעוויעזען, דאס זיא קען שפיעלען א דאפעל ראלע, און דאס איז געווען טאקי מיט אטהעללא'ן אליין, ווען זיא האט אבגענארט איהר פאטער, דאס דער אלטער האט געמיינט, אז דאס איז געווען א כישוף.

דער לעצטער ארגומענט האט דורכגעשאסען אטהעללא'ן וויא מיט פערגיפטעטע פיילען. א פרוי וואס קען אבנארען איהר פאטער, קען אויך אב־נארען איהר מאן. אטהעללא איז געווען זעהר גערידהרט און אויפגערעגט.

דער פוקס יאגא האט איהם געבעטען אום ענטשולדיגונג ווארום ער האט אין איהם ארויסגערופען אזעלכע טרויעריגע געדאנקען. אבער אטהעללא האט איהם געבעטען ער זאל ווייטער דערצעהלען, אלעס מיטטהיילען וואס ער וויסט.

יאגא, מיט פיעלע ענטשולדיגונגען גלייך וויא עס איז איהם זעהר

שוועד עפּעס צו זאָגען געגען זיין פריינד קאַססיאָ, האָט ער אָבער דאָך דער־צעהלט, אז קיין יונגער און לעבהאַפטער מאַן דרעהט זיך ניט אזוי פיעל ארום אַ פרויענצימער וויא קאַססיאָ האָט געטהאָן, אָהן אַן אבזיכט. דאַן איז ער ווידער איבערגעגאַנגען צו רעדען וועגען דעסדעמאָנא׳ן און דערמאָהנט אָט־העללאָ׳ן, אַז זיא איז פון דער נאַטור אַן איינגעשפּאַרטע, הארטנעקיגע, מיט מערקווירדיגע נייגונגען; אַז זיא האָט צוריקגעוויזען שידוכים פון איהר איינענער ראַסע און געהייראַטה איהם, אָטהעללאָ׳ן, אַ מור, אַ שווארצען, און דאָס אלעס, נאָך אלעמען, איז בלויז געוועזען אַ קאַפּריז אויף אַ מאָמענט. דער קאַפּריז איז פאַראיבער, זיא האָט חרטה געהאַט און איינגעזעהען, אַז עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען איינעם פון דער ווייסער ראַסע ביז צו איינעם פון דער שווארצער.

יאַגאָ האָט געשלאָסען זיין ארגומענט דערמיט וואָס ער האָט גע־ראַטהען אָטהעללאָ׳ן ער זאָל נאָך אזוי גיך ניט פערצייהען קאַססיאָ׳ן און דערווייל שטודירען מיט וואָס פאַר אַן אייפער און וואונש דעסדעמאָנא בעט פאַר איהם.

אָט אזוי האָט דיעזער גיפטיגער אינטריגאַנט געלעגט זיינע פּלענער און נעמט אום אריינצובאַפּען אין זיי אונשולדיגע און בראַווע מענשען, וועל־כע וואָלטען קיינעם קיין שלעכטס ניט געטהו

דיא אונטעררעדונג האָט זיך געענדיגט דערמיט וואָס יאַגאָ האָט גע־בעטען אָטהעללאָ׳ן ער זאָל ניט פערגעסען איין זאַך, אַז יעדער מענש איז אונשולדיג ביז עס ווערען ניט געבראַכט קיין אונבעשטרייטבארע בעוויזע דאַגעגען. אָטהעללאָ האָט איהם פערשפּראָכען צו זיין געדולדיג. אָבער פון יענעם מאָמענט אָן, האָט דער אָרעמער אָטהעללאָ שוין מעהר ניט געוואוסט פון אַ צופריעדענעם מאָמענט אין זיין לעבען.

אָטהעללאָ האָט פערשפּראָכען צו זיין געדולדיג, אָבער דאָס זיינען נאָר ווערטער. דער אייפערזיכטיגער מאַן קען ניט זיין געדולדיג. ער איז פער־גיפטעט און דער גיפט ברענט זיין הארץ, זיין ברוסט, זיין גאַנצע נשמה. ער האָט פערלוירען דיא געדולד צו אלעמען. זיין בעשעפטיגונג אלס קאָמאַנדאַנט, אלס גענעראַל, איז איהם נמאס געוואָרען. ער האָט שוין מעהר ניט געפונען קיין טרייסט און פרייד אין מיליטערישע איבונגען, זיין הארץ, וואָס האָט אימער ערוואַכט מיט פרייד ווען ער האָט געזעהען דיא רייהען פון זיינע סאָל־דאַטען, דיא פאָהנען און דעם קריעגס־מאַרש; זיין הארץ וואָס האָט געטאַנצט

ביי דעם קלאַנג פון דער פּויק, ביי דעם סיגנאַל פון טראָמפּייט, דאָס אַלעס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין שמערץ און וועהטאָג.

מאַנכע מאָל, גלייך ווי ער וואָלט זיך וועלען טרייסטען, האָט ער ביי זיך בעשלאָסען, אַז זיין פרוי איז עהרליך און געטריי; באַלד אָבער איז געקומען אַ רייהע פינסטערע געדאַנקען און אַלעס האָט זיך געענדערט. אַמאָל האָט ער געדענקט, אַז יאַגאָ איז אַן עהרליכער מאַן, און דאַן ווידער, אַז ער איז אַ שווינדלער, אַן אינטריגאַנט. נאָך דעם פלעגט ער זיך ווינשען, אַז הלוואי וואָלט ער פון קיין זאַך ניט ערפאַהרען, און ער וואָלט געווען גליקליך אין זיין אונוויסענהייט.

שמערץ, אויפרעגונג און פערצווייפלונג האָבען פון דעם צאַרטען אָטהעללאָ געמאַכט אַ ווילדע חיה. איינמאָל האָט ער אָנגעכאַפּט יאַגאָ׳ן ביים גאָרגעל און פערלאַנגט באַלד, זאָפאָרט בעווייזע איבער זיין פרוי׳ס אונעהר־ליכקייט, זאָנסט דריקט ער ארויס זיין לעבען פאַר זיינע שקרים.

יאַגאָ האָט דאַן געשפּיעלט די ראָלע פון דער עהרליכער בעסטיע, זיך מאַכענדיג, אַז ער געפינט זיך בעליידיגט ווען אָטהעללאָ קען האָבען זאָגאַר דעם מינדעסטען פערדאַכט איבער זיינע אַבזיכטען. ער האָט נאָך אימער זיך געמאַכט, אַז ער וויל ניט ארויסזאָגען אַלעס וואָס ער ווייסט, נאָר, ווען אָטהעללאָ האָט קיין געדולד ניט, האָט ער ניט קיין אַנדערע ברירה און מוז ארויס מיט שפּראַך.

„האָסטו אַמאָל געזעהען אַ טאַשענטוך,“ האָט יאַגאָ געפרעגט, „אַ טאַשענטוך בעשפּרענקעלט מיט יאַגדעס בלימלעך ביי דעסדאַמאָנאַ׳ן?“

„דאָסזעלבע טאַשענטוך,“ האָט יאַגאָ געזאָגט, „האָב איך היינט גע־זעהען ביי קאַססיאָ׳ן זיך אָבווישענדיג זיין פּנים דערמיט.“

„אויב עס איז אַזוי ווי דו זאָגסט,“ האָט אָטהעללאָ אויסגעשריען, „דאַן וועל איך ניט רוהען ביז אַ ברייטער קבר פון נקמה וועט זיי איינשלינגען. יעצט וויל איך זעהען אויב דו ביסט מיר געטריי. איך בעאויפטראַג דיך, אַז ביז אין דריי טעג, זאָל קאַססיאָ הינגעריכטעט ווערען. און וואָס עס אַנבע־לאַנגט דעם שעהנעם טייוועל (דעסדעמאַנאַ,) וועל איך מוזען נאָכדענקען איבער אַ שנעלען טויט פאַר איהר.“

עס איז מערקווירדיג, דאָס פאַר דעם אייפערזיכטיגען איז גענוג אַ שטרוי אום דערפון אויפצובויען אַ גאַנצען מאָנומענט פון פערדאַכט און שולד. שטעלט זיך פאָר, אַ טאַשענטוך וואָס זיין ווייב האָט געהאַט, האָט מען געזעהען ביי קאַססיאָ׳ן, אַלזאָ, וואָס בעווייזט דאָס? ערשטענס קענען

זיין א סך אזעלכע טאשענטיכער, צווייטענס קען מען אזא טאשענטוך פער־לירען און נאך אנדערע ערקלערונגען, אבער דער אייפערזיכטיגער אטהעללא האט ווייטער ניט געקלערט. דאס איז שוין גענוג געווען צו פעראורטהיילען צוויי מענשען צום טויט.

דער אמת איז געווען, אז דעסדעמאנא האט קיינמאל ניט געגעבען קאססיא׳ן דאס טאשענטוך אלס פּרעזענט, און זיא וואלט אויך קיינמאל ניט בעגאנגען אזא נאררישקייט אוועקצוגעבען איהר מאן׳ס מתנות א פרעמדען. אי דעסדעמאנא, אי קאססיא זיינען געווען גאנץ אונשולדיג אין אירגענד אן אורזאכע געגען אטהעללא׳ן. דאס אלעס איז בלויז געווען דער רעזולטאט פון יאגא׳ס טייוולישע פּלענער. יאגא האט געהאט א פרוי, א גוטע און אונ־שולדיגע פרוי. ער האט זיא איינפאך געצוואונגען אוועקצוגנב׳ענען דאס טאשענטוך ביי דעסדעמאנא׳ן. ער האט דאן דאס טאשענטוך אוועקגעלעגט אויף׳ן וועג וואו קאססיא האט בעדארפט פארבייגעהען. קאססיא האט דאס טאשענטוך געזעהען און עס ווירקליך אויפגעהויבען.

ווען אטהעללא האט באלד נאכהער בעגעגענט זיין פרוי, האט ער זיך געמאכט, אז ער האט קאפּ־וועהטאג. ער האט זיא געבעטען איהם לייהען דאס טאשענטוך אום ער זאל עס צולעגען צו זיינע שלייפען.

דעסדעמאנא האט גלייך ארויסגעצויגען א טאשענטוך.

„ניין, ניט דאס,“ האט אטהעללא געזאגט, „גיב מיר דאס טאשענטוך וואס איך האב דיר געגעבען.“

דעסדעמאנא האט דאס טאשענטוך ניט געהאט, ווייל יאגא׳ס פרוי האט עס אוועקגעגנב׳עט.

„דאס איז זעהר ניט גוט,“ האט אטהעללא געזאגט זיך צווינגענדיג צוריק צו האלטען זיין צארן. „דאס טאשענטוך האט מיין מוטער געקריעגען פון אן עגיפּטישער פרוי; זיא איז געווען א מכשפה און געקענט לעזען דיא געדאנקען פון מענשען; זיא האט געזאגט מיין מוטער, דאס וועהרענד זיא וועט האבען דאס טאשענטוך, וועט זיא זיין ליעבענסווירדיג און מיין פאטער וועט זיא אימער ליעב האבען. קוים אבער וועט זיא עס פערליערען אדער אוועקגעבען, וועט מיין פאטער שוין ניט זיין דערזעלבער מענש, און פונקט וויא ער האט זיא אמאל געליעבט, אזוי וועט ער זיא האסען. אויף איהר שטערבע בעט האט זיא מיר דאס געגעבען, און מיר אנגעזאגט, דאס ווען איך וועל אמאל הייראטהען, זאל איך עס געבען מיין ווייב. אזוי האב איך געטהאן, גיב אכטונג. היט עס וויא אן אויג אין קאפּ.“

„איז דאָס מעגליך!“ האָט דיא דערשראָקענע דעסדעמאָנא אויסגערופען.

„יא, יא, עס איז מעגליך, אזוי איז עס,“ האָט ער געענטפערט. „עס איז אַ צויבער־טאַשענטוך. אַ סיבילע (פּריסטערין) וואָס האָט געלעבט מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק, האָט, אין אן אנפאל פון פּראָפעטישער אויפרעגונג דאָס אויסגעאַרבייט; דיא זיידען־ווערעם וואָס האָבען געליעפערט דיא זייד, זיינען געווען געהייליגט; מען האָט עס געפאַרבט אין דער אויפלעזונג פון אַ מומיע'ס (באַלזאַמירטע קערפּער) האַרץ פון אַ מיידעל“ . . .

ווען דעסדעמאָנא האָט דאָס אלעס געהערט, האָט זיא אויפגעציטערט פאַר שרעק, ווייל זיא האָט געוואוסט, אַז זיא האָט דאָס טאַשענטוך פערלוירען, און, מיט דעם, אויך איהר מאַן'ס ליעבע.

אטהעללאָ האָט מעהר זיין געמאַכטע רוהיגקייט ניט געקענט אָנהאַלטען און ער האָט אָנגעהויבען צו פערלאנגען דאָס טאַשענטוך. זיא האָט אָנגעהויבען איהם צו פערנעהמען מיט אנדערע רייד און דאַן האָט זיא געזאָגט, אַז זיא זעהט איין, דאָס ער טהוט דאָס אַלעס אַבזיכטליך כדי זיא זאָל ווייטער ניט בעטען פאר קאססיאָ'ן. אין דערזעלבער צייט, האָט זיא געלויבט און געריהמט קאססיאָ'ן, ביז אטהעללאָ, אין ווילדער אויפרעגונג, איז ארויסגעלאָפען פון הויז וויא אַ ווילדער.

ערשט דאַמאַלס האָט דעסדעמאנא, צום ערשטען מאָל זיך געמערקט, אַז אטהעללאָ איז אייפערזיכטיג.

זיא האָט אָנגעהויבען נאָכצוקלערען און נאָכצופאָרשען צו געפינען אַן אורזאכע וואָס עס האָט געקענט ארויסרופען זיין אייפערזוכט, אָבער זיא האָט ניט געקענט ענטדעקען קיין איינציגע, אין דערזעלבער צייט האָט זיא אָנגעהויבען זיך אליין צו מאַכען פאָרווירפע ווארום זיא בעשולדיגט איהר מאַן, איהר עדלען אטהעללאָ, אין אזא מיאוס'ן חסרון.

אָבער ווארום איז ער דאָך אזוי אויפגערעגט? דאַרויף האָט זיך דעסדעמאנא אליין געענטפערט. ער האָט וואַהרשיינליך ערהאַלטען טרויעריגע נאַכריכטען פון ווענעדיג, אָדער אירגענד אַן אַנדערע רעגיערונגס זאָרג האָט איהם געפיהרט צו דעם אונגעוועהנליכען צושטאַנד. דאַן האָט זיא בעמערקט:

„מענער זיינען, נאָך אַלעמען, ניט קיין געטער, און דערפאַר דאַרפען מיר פרויען, ניט ערוואַרטען צו זעהען אימער דיעזעלבע ליעבענסווירדיגקייט פון זיי נאָך דער חתונה וויא אין טאָג פון דער חופּה.“

מיט איינעם ווארט, זיא האט אלעם מעגליכע אנגעווענדעט צו פער־טרייבען אידגענד וועלכען שלעכטען געדאנק איבער איהר מאן.

צום צווייטען מאל, ווען אטהעללא און דעסדעמאנא האבען זיך בע־געגענט, האט ער זיא שוין דייטליכער בעשולדיגט אין אונארענטליכקייט, איהר פארגעווארפען, אז זיא ליעבט אן אנדערן מאן, אבער ער האט זיין נא־מען ניט אנגערופען.

עס האט גענומען אטהעללא'ן פיעל מיה און אנשטרענגונג ארויס־צוברענגען אזעלכע ווערטער פון זיין מויל. דערפאר, ווען ער איז פארטיג געווארען, האט דיעזער מעכטיגער מאן אויסגעבראכען אין א געוויין, פונקט וויא ער וואלט געווען א קינד.

דעסדעמאנא האט זיך צו איהם דערנעהנטערט און איהם געפרעגט, ווארום ער וויינט.

אטהעללא האט איהר געענטפערט, אז ער וואלט געקענט ערטראגען אלעם אין דער וועלט, יעדעס אונגליק, ארעמקייט, קראנקהייט און זאגאר ערניעדערונג, אבער איהר אונארענטליכקייט אליין איבערשטייגט אלעם און דאס האט צובראכען זיין הארץ.

דיא אונשולדיגע דעסדעמאנא, ציטערענדיג, האט געמורמעלט:

„איך וויל האפען, אז מיין הערר רעכענט מיך פאר אן עהרליכע פרוי."

„אך דיא בלום," האט ער געענטפערט, „וואס ביסט געווען אזוי ליעבליך שעהן און געשמעקט אזוי זיס, אז דוא האסט פערטומעלט אפילו דיא חושים — אך, בעסער וואלסטו גאר ניט געבוירען געווארען!"

„אך, וואס פאר אן אונוויסענדע זינד האב איך בעגאנגען?"

דיא, אייפערזוכט פערבלענדעטע דיא אויגען און פערניבעלט דעם געדאנק. אטהעללא האט פון קיין זאך ניט געוואלט הערען. ווען ער איז אוועק, האט זיא ווידער אמאל אנגעהויבען צו קלערען און פארשען וואס פאר א זינד זיא האט בעגאנגען. דיא אונגליקליכע דעסדעמאנא האט זיך קיין ער־קלערונג געקענט געבען. דאן איז געקומען אויף איהר א מאטקייט און מיעד־קייט, און זיא האט געהייסען איהר דיענערין פאר איהר אויסבעטען און דארט אויפשפרייטען דיא חתונה דעקען.

ווען דעסדעמאנא האט זיך געלעגט, האט זיא געווענט, אז אטהע־לא וועט באלד נאכקומען. זיא האט געוואלט ווארטען אויף איהם, אבער איהר מיעדקייט האט געווירקט וואס זיא איז איינגעשלאפען.

ווען אטהעללא איז אריין אין שלאפצימער, איז ער שוין געקומען

פארטיג מיט דעם אבגעמאכטען געדאנק צו מאכען א סוף פון דעסדעמאנא׳ס אונשולדיגעם לעבען. אבער ווען ער האט זיא געזעהען שלאפען, האט ער געצעגערט, ער האט גערעכענט זיא צו דערשטעכען, אבער דאס האט ער ניט געקענט. ער האט געוואלט ניט פערניכטען איהר בלוט. ער האט ביי זיך ניט געקענט פועל׳ן צו פערפלעקען איהר שעהנעם לייב וואס איז געוועזן ווייסער וויא אלאבאסטער.

דאן איז געקומען דער פינסטערער און שווארצער טייוועל, אייפער־זוכט, און איהם איינגעראמט, אז שטארבען מוז זיא, זאל זיין אהן בלוט־פערגיסונג, אבי זיא זאל ניט לעבען. ניין, זיא טאר ניט לעבען, דען זיא וועט נאך בעטריעגען אנדערע מענער אויך.

ציטערענד פון קאפ ביז פים פאר אויפרעגונג, האט נאך אטהעללא זיך צוגעבויגען צו איהר אום איהר צו געבען דעם לעצטען קוש פאר׳ן טויט. ער האט זיא געקושט, נאר דער קוש איז געוועזן אזוי זיס, דאס ער האט דאס געמוזט ווידערהאלען. דערביי האט ער זיך צורווינט, נאר זיינע טרערען זיינען ניט געוועזן קיין טרערען פאר גוטעס, זאנדערן פאר א שלעכטער און שרעקליכער אבזיכט.

פון איהר מאן׳ס קושען האט דעסדעמאנא ערוואכט. קוקענדיג צו אטהעללא׳ן מיט א שמייכעל אויף איהרע ליפען, האט זיא פלוצלונג בעמערקט וויא ער קריצט מיט דיא צייהן און זיינע אויגען בליטצען מיט אן אונהיימ־ליכעם פייער. דער שמייכעל פון איהרע ליפען איז באלד פערשוואונדען, ווייל זיא האט געוואוסט, אז ווען אטהעללא איז אין אזא צושטאנד, איז ער דער געפעהרליכסטער מענש.

דאן האט ער אויסגעברומט, אז זיא זאל זיך פארבערייטען צום טויט, זאגען איהרע לעצטע געבעטע, ווייל ער וויל ניט טויטען צוזאמען מיט איהר קערפער אויך איהר נשמה.

דיא אונגליקליכע און אונשולדיגע דעסדעמאנא, ליעגענדיג אין בעט, האט זיא געבעטען, ער זאל אויף איהר רחמנות האבען און איהר וועניגסטענס זאגען אין וואס פאר א זינד ער בעשולדיגט זיא.

דאן האט ער אנגערופען קאססיא׳ס נאמען און דערמאהנט דאס טאשענטוך, בעהויפטענדיג, אז זיא האט עס איהם אוועקגעגעבען.

דעסדעמאנא האט געפאסט מוטה און געוואלט איהם בעווייזען, אז ער האט אן אומזיסטיגען פערדאכט, אז זיא איז אונשולדיג — אבער אט־העללא האט מעהר פון קיין זאך ניט געוואלט וויסען, גאר ניט געוואלט הערען,

און זיא שנעל צודעקענדיג מיט דעם בעטגעוואנט, האָט ער זיא דערשטיקט.

אזוי גיך וויא דיעזער גרויזאַמער מאָרד איז געוועזן פּאַראיבער, האָט מען אריינגעבראַכט קאססיאָ'ן אין הויז, פערוואונדעט און בלוטענדיג. יאגא האָט איינעם אָנגעשטעלט צו ערמאָרדען קאססיאָ'ן. אָבער דעם גדונגענעם מערדער איז בלויז געלונגען צו פערוואונדען זיין קרבן. דאַן האָט יאגא אליין ערמאָרדעט זיין געדונגענעם מערדער, כדי ער זאָל איהם ניט אויסגעבען. דאָס וויכטיגסטע דערביי איז אָבער געווען, וואָס אין דעם טויטען'ס קע־שענעס האָט מען געפונען מעהרערע פּאַפּירען, וועלכע האָבען אויפגעדעקט דיא גאַנצע בלוטיגע אינטריגע, בעווייזענדיג יאגאָ'ס שולד און קאססיאָ'ס אונשולד. קאססיאָ האָט זיך אלזאָ געלאָזט ברענגען אין פּאַלאַץ אום צו בעטען ענטשולדיגונג ביי אָטהעללאָ'ן און איהם אויך פרעגען וואָס פאר א חטא ער האָט אויף איהם געפונען, אז ער האָט בעדאַרפט אָנשטעלען יאגאָ'ן איהם צו טויטען.

וויא אַ דוננערשלאַג האָט דיעזע ענטדעקונג געטראָפען אָטהעללאָ'ן. עס האָט ניט פיעל געדויערט און ער האָט איינגעזעהען, אז ער איז אַן איינ־פאַכער מערדער, אז ער האָט ערמאָרדעט זיין אונשולדיגע און עהרליכע פרוי, וועלכע איז איהם געווען געטריי.

אַזאַ ענטדעקונג האָט איהם ניט געקענט געבען ווייטערן מוטה צום לעבען. ניט קלערענדיג פיעל, האָט ער ארויסגעצויגען זיין שווערט, אומגע־קעהרט דיא שאַרפע זייט צו זיין ברוסט, דאַרויף געפאַלען, זיך דורכגעשטאָ־כען און ער איז געשטאָרבען נעבען זיין טויטער פרוי.

דיא אַנוועזענדע, וואָס האָבען בייגעוואָהנט דיעזע סצענע, האָבען אַלע אויפגעשוידערט. יעדער וואָס האָט געקענט אָטהעללאָ'ן, האָט איהם געליעבט און געשעטצט. יעדער האָט אויך געוואוסט, אז ער האָט קיינעם קיין לייד געטהאָן און איז געווען פריינדליך צו אַלעמען. צו זעהען אַזאַ שרעקליכען סוף פון איהם און פון זיין געליעבטע און שעהנער פרוי, האָט אַלעמען ארויסגעבראַכט פון דיא כלים.

עס האָט ניט פיעל געדויערט און יעדער האָט בעגריפען וואָס עס האָט איהם געטריעבען דערצו. יאגא, דער געפעהרליכער אינטריגאַנט איז געווען שולדיג אין אַלעמען.

אַלעס וואָס זיין נאָכפאָלגער האָט געקענט טהון איז געווען צו כאַפּען יאגאָ'ן און איהם היגריכטען אונטער שרעקליכע מאַטערנים, דאַן האָט ער געמעלדעט נאָך וועגעדיג איבער דעם טרויעריגען סוף פון דעם בע־ריהמטען גענעראַל און פעלד־מאַרשאַל אָטהעללאָ.

דער חלום פון אַ מיטען זומער נאַכט

# דער חלום פון א מיטען-זומער נאכט.

אטהען, דיא הויפטשטאדט פון גריכענלאנד, האט אין אלטע צייט געהאט א מערקווירדיגעס געזעטץ. דיעזעס געזעטץ האט געזאגט, אז יעדער בירגער פון אטהען האט געמעגט צווינגען זיין טאכטער צו הייראטהען וועמען ער וויל. דיא טאכטער וויעדער, ווען זיא האט זיך ענטזאגט, איז זיא געווען חייב מיתה ; דער פאטער האט געקענט פאדערן איהר הינריכטונג און דאס געזעטץ האט געמוזט דורכפיהרען דיעזע פאדערונג.

אזעלכע פעללע זיינען אבער זעלטען אדער קיינמאל ניט פארגעקומען, און דאס געזעטץ איז געבליעבען ניט מעהר וויא א סטראשונקע פאר אונגעהארכזאמע מיידלעך.

איינמאל האט עס אבער פאסירט, וואס א פאטער האט ווירקליך געפאדערט דיא הינריכטונג פון זיין טאכטער און עס האט שוין געהאלטען דערביי דאס שרעקליכע געזעטץ זאל דורכגעפיהרט ווערען.

דיא געשיכטע איז אזוי געווען : אין אטהען האט געוואהנט א בכבוד׳יגער בירגער מיט דעם נאמען עגעאוס, וועלכער האט געהאט א שעהנע טאכטער מיט דעם נאמען הערמיא. עגעאוס האט געוואלט, אז זיין טאכטער זאל חתונה האבען מיט א געוויסען דעמעטריוס, א יונגער מאן פון אדעליגער פאמיליע אין אטהען. זיא, הערמיא, האט אבער געליעבט א געוויסען ליסאנדער און זיך ענטזאגט צו ערפילען איהר פאטער׳ס וואונש.

עגעאוס איז שטארק אויפגערעגט געווארען ווען הערמיא האט זיך ענטזאגט איהם צו פאלגען און ער איז אוועק צו פרינץ טהעזעאוס פארדערענדיג דאס געזעטץ זאל טהון זיין פליכט.

הערמיא איז אויך ערשיענען און ערקלערט, אז זיא קען ניט טהון אזא זאך, אז זיא טאר ניט הייראטהען מיט דעמעטריוס׳ן, ווייל דעמעטריוס

איז א פאלשער מענש, ווייל ער האט נאך פריהער פערשפראכען איהר פריינדין העלענא מיט איהר צו הייראטהען און ער האט קיין ווארט ניט געהאלטען. נאך מעהר, ווען זיא זאל טהון אזא זאך, וועט זיא אונגליקליך מאכען איהר פריינדין העלענא, וועלכע ליעבט נאך אימער דעמעטריוס'ן, פאר וועלכען זיא וואלט זיך מקריב געוועזן.

דאס איז געוועזן זעהר אן עהרענהאפטע אורזאכע ווארום הערמיא זאל ניט הייראטהען מיט דעמעטריוס'ן, אבער עגעאוס האט דערפון ניט געוואלט וויסען. ענטוועדער, האט ער געזאגט, זיא הייראטה מיט דעמעטריוס'ן וויא ער וויל, אדער זיא מוז שטארבען.

פרינץ טהעזעאוס האט אין זיין הארצען געהאלטען מיט הערמיא'ן, אבער ער האט גאר ניט געקענט העלפען, ער האט געמוזט בעפאלגען דיא געזעטצע פון אטהען. ניט זעהענדיג קיין איינציגען אויסוועג וויא צו ראטע־ווען דאס אונגליקליכע מיידעל, האט ער איהר געגעבען פיער טעג צייט אויף נאכצודענקען, און ווען זיא וועט, צום ענדע פון דיעזער צייט ניט איינ־וויליגען צו איהר פאטער'ס פערלאנג, זאל מען זיא הרג'ענען.

אזוי שנעל וויא הערמיא איז אוועק פון געריכט־הויז, איז זיא גלייך געלאפען צו איהר געליעבטען ליסאנדער און איהם דערצעהלט אין וואס פאר א לאגע זיא געפינט זיך, זיא האט איהם ערקלעהרט, אז זיא האט בלויז צוויי וועגען, איינער איז צו הייראטהען דעמעטריוס'ן און לעבען, אדער ענט־זאגען און שטארבען.

ווען דער יונגער מאן האט געהערט דיעזע טרויעריגע נאכריכט, איז ער געוועזן שטארק בעטריעבט. פלוצלונג אבער האט ער זיך דערמאהנט אן א וויכטיגער זאך. ער האט געהאט א מוהמע, וואס האט געוואהנט א היבשע שטרעקע פון אטהען, און דארט, וואו דיעזע מוהמע האט געלעבט, האט מען איהר גאר ניט געקענט טהון, ווייל דאס געזעטץ איז געוועזן בלויז פאר אטהען אליין, און ארוים פון דער שטאדט, האט עס קיין ווערטה ניט געהאט. ער האט דערפאר געמאכט הערמיא'ן א פארשלאג: אז זיא זאל זיך ארויסגנב'ענען ביי נאכט, ווען קיינער זעהט ניט, ענטלויפען מיט איהם צו זיין מוהמע, און דארט זאלען זייביידע חתונה האבען.

„איך וועל דיך בעגעגנען אין וואלד,“ האט ליסאנדער געזאגט צו הערמיא'ן, „אין וואלד וואס ליעגט אייניגע מיילען פון דער שטאדט; אין דעמזעלבען שעהנעם וואלד וואו מיר האבען אזוי אפט שפאצירט מיט העלע־נא'ן אין דעם שעהנעם מאנאט מאי.“

הערמיא האָט זיך זעהר הערפרייט הערענדיג דיא עצה און זיא האָט איהם פערשפּראָכען צו קומען קיינער זאָל ניט וויסען. זיא האָט עס אויך קיינעם ניט דערצעהלט אויסער איהר פריינדין העלענא.

העלענא איז בטבע ניט געווען קיין שלעכטע אָדער א פאלשע. אָבער זיא איז געווען א האָפנונגסלאָזע פערליעבטע, וואָס דאָס איז נאָך ערגער. אין ווען א מיידעל ליעבט פון איהר גאנצען הארצען און קען איהר ציעל ניט דערגרייכען, וועט זיא בעגעהען מאנכע נאררישקייטען און אויך געמיינהייטען.

אנשטאט צו שווייגען און ניט פערראטהען איהר פריינדין'ס געהיימניס, איז זיא באלד אוועק צו דעמעטריוס'ן און עס איהם דערצעהלט. זיא האָט עס איהם דערצעהלט, כדי זיא זאָל האָבען אַן אויסרייד מיט איהם צו רעדען און אויך נאָכפאָלגען איהר פאלשען געליעבטען אין וואלד, צו זיין נעבען איהם. און אזוי וויא זיא האָט געוואוסט, אז דעמעטריוס וועט געווים אוועק אין וואלד, האָט זיא בעשלאָסען, אָהן זיין וויסען, איהם נאָכצוגעהען.

יעצט פאנגט אָן א גאנץ נייע געשיכטע. דער וואלד, וואו ליסאנדער און הערמיא האָבען זיך בעדארפט בעגעגענען, איז געווען א געגענד פאר שרעטעלעך און עלפען*).

אבעראן איז געווען דער קעניג פון דיא שרעטעלעך און טוטאניא איז געווען זיין קעניגין. זיי האָבען געהאט א געוואלטיגע גרויסע נאכפאָלגערשאפט, וועלכע האָבען צוזאמען זיך אמוזירט אין וואלד.

צווישען דעם קליינעם קעניגעל און קעניגין, האָט אָבער פונקט דא־

*) אין אָריגינאל הייסען דיעזע „פעיריעז" און „עלאז." אין דייטשען ווערען דיעזע ווערטער איבערזעטצט מיט פעען און עלפען. איך איבערזעטץ עס מיט שרעטעלעך און עלפען. שרעטעלעך, וויא מיר שיינט, איז א לאָקאלער אויסדרוק, בעקאנט בלויז אין רומעניען, בעסאראביען און א קליינער טהייל פון זיד־רוסלאנד. עס דריקט אָבער אויס דעם געדאנק פון פעירי און פעע. שרעטעלעך הייסט עס, זיינען גאנץ קליינע מענשעלעך, א מין גייסטער, נאָר גוטע גייסטער, וועלכע געפינען זיך ערגעץ־וואו אין וואלד, נאָר צייטענווייז, ווען איינעם איז עפּעס בעשערט א גליק, קומען זיי און ברענגען איהר דאָס גליק. עס איז פונקט דאָסזעלבע וויא דיא מיינונג אין ענגליש און דייטש. אין פראנצויזיש הייסט עס „סילף."

עלפען וויעדער, האָב איך געלאָזט וויא אין דייטשען. עס איז אונגעפעהר דאסעלבע וויא פעירי, אָדער פעע.

דער בעארבייטער.

מאָלס, ווען אונזער געשיכטע האַנדעלט, אויסגעבראָכען אַ שטרייט. זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט בעגעגענט אונטער דיא זילבערנע שטראַהלען פון דער לבנה, אָדער אין שאָטען פון דיא הויכע בוימער, זיי זאָלען זיך ניט קריגען. זייערע קולות האָבען געפיהרט דערצו, וואָס זייערע נאָכפאָלגער, דיא עלפען, פלעגען אין אַזעלכע צייטען ענטלויפען און זיך בעהאַלטען אין דיא לעכער פון דיא בוימער פאר מורא.

דיא אורזאַכע פון דיעזער מחלוקה צווישען דעם קעניג פון דיא שרעטעלעך מיט זיין קעניגין, האָט געשטאַמט דערפון, וואָס קעניג אבעראָן האָט עפּעס פערלאַנגט ביי קעניגין טיטאַניא, און זיא האָט זיין וואונש ניט געוואָלט ערפילען. טיטאַניא האָט אַמאָל געהאַט אַ פריינדין, אַ מענש, אַ שטערבליכע בריאה, און ווען דיעזע פריינדין איז געשטאָרבען, האָט זיא איבערגעלאָזט אַ קליין אינגעלע, וועלכען טיטאַניא האָט צוגעגנב'עט, אוועקגעפיהרט אין וואַלד אריין און איהם דאָרט ערצויגען. אָט דאָס אינגעלע האָט אבעראָן פערלאַנגט זיא זאָל איהם שענקען כדי ער זאָל ווערען זיין פּאַזש (בעדיענער.) טיטאַניא וויעדער, האָט עס ניט געוואָלט.

אין יענער נאַכט, ווען דיא געליעבטע האָבען זיך בעדאַרפט בעגעגענען, האָט טיטאַניא שפּאַצירט אין וואַלד אין דער בעגלייטונג פון איהרע קאַמער־פרויען. אבעראָן איז איהר אַנגעקומען ענטקעגען.

„זעהר שלעכט בעגעגענט ביי לבנה־ליכט," האָט אבעראָן בעמערקט.

„וואָס!" האָט דיא קעניגין אויסגעשריען, „אייפערזיכטיגער אבעראָן, ביסטו עס? שרעטעלעך, ענטלויפט! איך האָב געשוואוירען זיך ניט צו געפינען אין זיין געזעלשאַפט."

„וואַרט, איבעראיילטע שרעטעלע!" האָט דער קעניג געזאָגט, „בין איך ניט דיין הערר? פאַר וואָס איז טיטאַניא אימער אַ געגנערין פון איהר הערשער? גיב מיר דאָס קליינע אינגעל פאַר מיין פּאַזש."

„בלייב נאָר רוהיג," האָט זיא געענטפערט, „דיין גאַנצעס שרעטעלע קעניגרייך וועט ניט קענען אָבקויפען דאָס אינגעל ביי מיר."

זיא איז דאַן אוועק פון איהם אין גרויסער אויפרעגונג.

„געה, געה," האָט אבעראָן געמורמעלט וויא צו זיך אליין, „נאָך איידער דער מאָרגען וועט קומען, וועל איך דיך האַרט בעשטראָפען פאַר דיעזער בעליידיגונג."

אבעראָן האָט דאַן געשיקט רופען דאָס שרעטעלע פּאָק, וועלכער איז געוועזען זיין ליעבלינג און אויך זיין פּריוואַט סעקרעטער.

פאק, אדער וויא מאנכע רופען איהם, „ראבין דער גוטער ברודער,“ איז געוועזן א קלוגער עזות'ניק; ער האט ליעב געהאט אבצוטהון פערשיעדענע שפיטצלעך אין יענער געגענד. איינמאל איז ער אריינגעקראכען אין מילך־הויז און געמאכט דיא גאנצע מילך זאל גערונען ווערען.*) אן אנדער מאל, איז ער אריין מיט זיין קליין קערפערל אין דער קאן וואס מען שלאגט דיא פוטער און אזוי געפיהרט, אז דאס מילך־מיידעל האט בשום אופן ניט געקענט ארויסברענגען דיא פוטער. איינמאל, ווען אן אלטע פרוי האט זיך געוואלט אוועקזעטצען אויף דעם דריי־פיסיגען בייגקעלע צווישען דיא שכן'טעס, האט ער ארויסגעשלעפט דאס ביינקעל, דיא אלטע איז געפאלען, און דיא סעדיכעס האבען געהאט צו דערצעהלען פערשיעדענע מעשות זיך האלטענדיג ביי דיא זייטען פאר געלעכטער.

„קום נאר אהער פאק,“ האט אבעראן געזאגט צו זיין קליינעם נאכט־וואנדלער. „ברענג מיר נאר שנעל אהער דיא בלום וואס דיא מיידלעך רופען „ליעבע און לעדיג־געהעריי“; דיא זאפט פון דיעזער קליינער פורפיר בלום, ווען זיא ווערט ארויפגעקאפעט אויף דיא ברעמען פון איינעם וואס שלאפט, וועט פעראורזאכען, אז דער שלאפענדער, אזוי שנעל וויא ער וועט ערוואכען, וועט ער זיך פערליעבען אין דעם ערשטען וואס ער וועט דער־זעהען, אביסעל זאפט פון דיעזער בלום וועל איך ארויפקאפען אויף טיטאניא'ס ברעמען וועהרענד זיא שלאפט; דערנאך, ווען זיא וועט עפענען איהרע אויגען, וועט זיא ליעבען דיא ערשטע בריאה וואס זיא וועט דערזעהען. דאס מעג זיין א בער, א לייב, א מאלפע אדער א בלונדערענדע אפע, זיא וועט זיך אין דעם פערליעבען. און איידער איך וועל ארונטערנעהמען דעם כישוף פון איהרע אויגען, וואס איך קען טהון מיט אן אנדערער בלומענזאפט, וועט זיא מיר מוזען געבען דאס אינגעל.“

פאק האט ליעב געהאט אזעלכע זאכען און דיא שליחות האט איהם שטארק דערפרייט. ער איז אוועק זוכען דיא בלום וואס זיין העררר האט איהם בעאויפטראגט. אבעראן האט דערוויל געווארט אויף איהם, וועהרענד אבעראן איז אזוי געשטאנען, האט ער בעמערקט דעמעטריוס'ן און העלענא'ן

---

*) פאק איז בעקאנט אלס א זא־גענאנטע מיטהאלאגישע פיגור, וואס טהוט אב שפיטצלעך, אלעס וואס עס ווערט דא אויסגערעכענט און נאך מעהר, האבען דיא אנגלא־זאקסען צוגעשריעבען דיעזער קליינער פרעהליכער און קאמישער פיגור.— דער בעארבייטער.

אריינגעהענדיג אין וואלד. דאן האט ער געהערט וויא זיי האבען זיך געקריגט, העלענא האט איהם דערמאהנט אן זיין פריהעריגער ליעבע צו איהר און וויא פאלש ער איז נאכהער געווארען, דעמעטריוס איז געווארען שטארק אין כעס און איבערגעלאזט העלענא'ן, לויט וויא ער האט געזאגט, זיא זאל אויפגעפרעסען ווערען פון דיא ווילדע חיות אין וואלד. ער אליין איז שנעל ענטלאפען פון איהר.

דער שרעטעלעך קעניג, וועלכער איז אימער געווען זעהר פריינד־ליך צו געליעבטע און פערליעבטע, האט שטארק רחמנות געהאט אויף העלע־נא'ן. ער האט זיך דערמאהנט אן איהר, ווען זיא פלעגט ארומשפאצירען אין וואלד מיט דעמעטריוס'ן און מיט איהם גערעדט פון ליעבע. דערפאר, אזוי שנעל וויא פאק האט צוריק געקעהרט מיט דער פורפור בלום, האט אבעראן צו איהם געזאגט אזוי:

„נעהם א טהייל פון דיעזער בלום, דא איז געווען א שעהן אטהענישעם מיידעל, וועלכע ליעבט א שלעכטען יונגען מאן; ווען דוא געפינסט איהם שלאפענדיג, לאז ארויפקאפען עטליכע טראפען אויף זיינע אויגען פון דיעזען ליעבעס־זאפט, אבער גיב אכטונג, אז אזוי גיך וויא ער וועט ערוואכען, זאל דאס מיידעל זיין נעבען איהם כדי ער זאל קענען אויף איהר צום ערשטען קוקען. דוא וועסט דערקענען דעם מאן אן זיינע אטהענישע קליידער וואס ער טראגט."

פאק האט פערשפראכען דורכצופיהרען דעם אויפטראג גאנץ פינקט־ליך. דאן איז אבעראן אוועק און אויפגעזוכט דיא בלומען־קוסטע אונטער וועלכער זיין קעניגין טיטאניא איז געשלאפען. דיא בלומען־קוסטע איז בעשטאנען פון שעהנע רויזען, זיסע וויאלעטען און איז געווען איבערגע־האנגען מיט מאסק רויזען און גרינע גלעקלעך. דארט האט טיטאניא פער־בראכט כמעט אימער א טהייל פון דער נאכט. איהר צודעק איז בעשטאנען פון א געפינטעלטעם שלאנגען־פעלכעל, און אבוואהל דאס איז געווען קליין, איז עס אבער געווען גענוג צוצודעקען דיא שרעטעלעך קעניגין.

ער האט געטראפען טיטאניא'ן אויסטהיילענדיג בעפעהלע צו דיא שרעטעלעך און עלפען וואס זיי זאלען טהון בשעת זיא וועט שלאפען.

„א טהייל פון אייך," האט איהר מאיעסטעט געזאגט, „מוזט ארומ־געהען און אויס'הרג'ענען דיא זשוקעס וואס קריכען ארום אויף דיא בלעט־לעך פון דיא מאסק־רויזען, א טהייל זאלען פיהרען א קריעג מיט דיא פלעדער־מייז צוליעב זייערע לעדערנע פליעגלען אום דערפון צו מאכען עלפען־

מענטעלעך; אַנדערע מוזען וואַכען געגען דיא נאַכטאייל'ען זיי זאָלען ניט צוקומען נאָהענט צו מיר, און דערווייל זינגט מיר אַ ליעד איך זאָל קענען איינשלאָפען.״

זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו זינגען אַ שלאָף־ליעד און דיא קעניגין האָט רוהיג איינגעשלומערט. דאַן זיינען זיי אַוועק ערפילען איהרע אויפטרעגע.

וויא אבעראָן האָט דאָס בעמערקט, האָט ער זיך דערנעהנטערט צו טיטאַניאַ'ן און אַריינגעקאַפּעט עטליכע טראָפען פון דעם ליעבעס־זאַפט אין איהרע אויגען.

יעצט לאָמיר זעהען וואָס עס איז געוואָרען פון הערמיאַ'ן. נאָכדעם וויא זיא איז ענטלאָפען פון איהר פאטער'ס הויז, איז איהר געלונגען אָבצוקומען אין וואַלד וואו זיא האָט זיך געטראָפען מיט איהר געליעבטען ליסאנדער, וועלכער האָט שוין אויף איהר געוואַרט, אום זיא אַוועקצופיהרען צו זיין מוהמע'ן. אָבער איידער זיי האָבען אָנגעפאַנגען דיא רייזע, האָט ליסאַנדער בעמערקט, אַז זיא איז זעהר מיעד און ער האָט זיא געבעטען זיא זאָל זיך דערווייל לעגען אויפ'ן ווייכען גראָז און זיך אויסרוהען, זיא האָט געפאָלגט און איז באַלד אנטשלאָפען געוואָרען. ער האָט אויך אָנגעהויבען צו שלאָפען.

אָט אַזוי שלאָפענדיג, האָט זיי פּאָק געטראָפען, און בעמערקענדיג, אַז דער יונגער מאַן טראָגט אַטהענישע קליידער און נעבען איהם ליעגט אַ שעהן מיידעל, האָט ער זיך געמערקט, אַז דאָס זיינען זיי איבער וועלכע קעניג אבעראן האָט איהם געגעבען דעם אויפטראג. ניט קלערענדיג ווייטער, האָט ער אריינגעקאַפּעט עטליכע טראָפען פון דער פורפור בלום אין זיינע אויגען.

דאַן האָט פּאַסירט אַ מערקווירדיגע געשיכטע. דיא אָרעמע העלענא, וואַנדערענדיג איבער'ן וואַלד איינע אליין, איז זיא אָנגעקומען אַהין. ליסאַנדער האָט פונקט דאַמאַלס ערוואַכט, זיין ערשטער בליק איז געפאַלען אויף העלענא'ן. דיא גאַנצע ליעבע צו הערמיאַ'ן איז פערשוואונדען און ער האָט זיך באַלד פערליעבט אין העלענא'ן.

ווען ער וואָלט פריהער ערבליקט הערמיאַ'ן, וואָלט פּאָק'ס טעות קיין חילוק ניט געמאַכט, ווייל בעסער ליעבען הערמיא'ן וויא ער האָט זיא געליעבט האָט גאָר ניט געקענט זיין, אַזוי אָבער איז געשעהען אַ גאַנצע קאַטאַסטראָפע.

ווען העלענא האט דערזעהען ליסאנדער׳ן, האט זיא זיך זעהר גע־פרייט, ווייל דאס האט זיא געראטעוועט פון דער שרעקליכער איינזאמקייט. מען קען זיך אבער פארשטעלען העלענא׳ס איבערראשונג, ווען זיא האט געזעהען ליסאנדער׳ן זיך דערנעהנטערן צו איהר מיט צארטע ליעבעס בליקען און דאן איז ער געפאלען פאר איהר אויף דיא קניעס, ערקלערענדיג, אז זיא איז א מיליאן מאהל שעהנער וויא הערמיא און ער ליעבט זיא אליין איבער אלעס אין דער וועלט.

דיא ארעמע העלענא האט ניט געקענט גלויבען וואס איהרע אויערן האבען געהערט. זיא האט גערעכענט, אז ליסאנדער מאכט חוזק פון איהר.

„אך!“ האט זיא אויסגעשריען, „צו וואס בין איך גאר געבוירען געווארען, אז יעדער זאל פון מיר שפאטען? יונגער מאן, איז עס ניט גענוג וואס איך בין אזוי פערשאלטען ניט צו קענען קריגען קיין גוטעס ווארט פון דעם מאן וואס איך ליעב, קומסטו נאך און מאכסט פון מיר חוזק? ניין, ליסאנדער, איך האב דיך גערעכענט פאר א גרעסערען עדעלמאן וויא דוא ווייזט זיך יעצט ארויס.“

ווען זיא איז פארטיג געווארען מיט דיעזע ווערטער, איז זיא אין גרויסען צארן, אנטלאפען. ליסאנדער, פערגעסענדיג, אז הערמיא שלאפט נאך, איז איהר נאכגעלאפען.

ווען הערמיא האט ערוואכט, האט זיא אויפגעציטערט זעהענדיג, אז זיא איז איינע אליין. זיא האט אנגעהויבען צו וואנדערן איבער דעם וואלד, שטארק בעזארגט, ניט וויסענדיג וואס פון ליסאנדער׳ן איז געווארען.

דעמעטריוס וויעדער, ניט קענענדיג געפינען הערמיא׳ן מיט ליסאנ־דער׳ן, איז ער זעהר מיעד געווארען געהענדיג. ער האט זיך אוועקגעלעגט און איינגעשלאפען. אבעראן האט איהם אזוי געטראפען. עס ווייזט זיך ארויס, אז אבעראן, פרעגענדיג פאק׳ן אויב ער האט געטהאן וואס ער האט געהייסען, האט ער זיך געמערקט פון זיין בעשרייבונג, אז ער האט דעם ליעבעס־זאפט ניט ארויפגעקאפעט אויף דיעזע אויגען וואס ער האט איהם געהייסען, יעצט וויעדער, טרעפענדיג דיא ריכטיגע פערזאן, האט ער איהם געגעבען דיא טראפען פון דער פורפור בלום.

העלענא. וועלכע איז אנטלאפען פון ליסאנדער׳ן, איז אנגעקומען פונקט דאמאלס ווען דעמעטריוס האט געעפענט זיינע אויגען. דעמעטריוס האט זיך גלייך פערליעבט אין איהר גראדע וויא ליסאנדער.

דאס ארעמע מיידעל האט ניט געקענט פערשטעהען וואס עס געהט

פאַר, און זיא האָט זיך געטראַכט, אַז הערמיא האָט אַנגעשטעלטביידע יונגע לייט חוזק צו מאַכען פון איהר.

דאַן איז אויך הערמיא אָנגעקומען, און זעהענדיג וויא ביידע מענער ערקלערען זיך אין ליעבע צו העלענאַ'ן, איז זיא געווען פונקט אזוי איבער־ראַשט וויא העלענאַ.

דיא צוויי מיידלעך, וועלכע זיינען פריהער געווען שטאַרקע פריינדינס איינע דער צווייטער, האָבען זיך יעצט אָנגעהויבען צו קריגען.

„שלעכטע הערמיא,“ האָט העלענאַ געקלאַגט. „דוא ביסט עס דיעי־ניגע וואָס האָט אָנגעשטעלט ליסאנדער'ן חוזק צו מאַכען פון מיר מיט ליע־בעס־ערקלערונגען. דיין אַנדערער געליעבטער, דעמעטריוס, וועלכער האָט מיך כמעט געטרעטען מיט דיא פיס, האָסטו איהם ניט אָנגעזאָגט ער זאָל מיך רופען געטטין, נימפע, זעלטענע, טהייערע און הימלישע? ער וואָלט צו מיר, וועמען ער האַסט, ניט אזוי גערעדט, ווען דוא וואָלסט איהם ניט אָנגע־שטעלט אזוי צו זאָגען. שלעכטע הערמיא, איז דאָס שעהן זיך צו פעראיי־ניגען מיט מענער געגען דיין אָרעמע פריינדין? האָסטו שוין פערגעסען אַן אונזער פריינדשאַפט נאָך פון דער שולע?“

„איך בין איבערראַשט הערענדיג דיינע צאָרניגע ווערטער,“ האָט הערמיא געענטפערט. „איך פעראַכטע דיך ניט, עס זעהט אויס, אַז דוא פעראַכטעסט מיך.“

„אזוי, אזוי,“ האָט העלענאַ געזאָגט, „פערשטעל דיך נאָך ווייטער, קרים דיך נאָך און שטעל מיר ארויס אַ פייג הינטער'ן רוקען. ווען דוא וואָלסט געהאַט רחמנות, מיטגעפיהל און מענשליכקייט, וואָלסטו ניט אזוי געהאַנדעלט געגען מיר.“

בשעת העלענאַ און הערמיא האָבען זיך אזוי אויסגעטענה'עט, זיינען דעמעטריוס און ליסאנדער אַוועק אום אויסצוקעמפפען אַ דועל איבער העלענאַ'ן.

ווען דיא מיידלעך האָבען געזעהען, אַז דיא יונגע לייט זיינען אַוועק, האָבען זיי זיך אויך צוטהיילט און אָנגעפאַנגען צו וואַנדערן איבער'ן וואַלד זוכענדיג זייערע געליעבטע.

אבעראַן און פאַק האָבען צוגעזעהען און אויסגעהערט אַלעס וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

„אָט דאָס איז דיין נאכלעסיגקייט, פאַק,“ האָט דער קעניג פון דיא

שרעטעלעך געזאגט, „אדער אפשר האסטו גאר דאס געטהאן אוממיסטען וויא דיין טבע איז?“

„גלויב מיר, קעניג פון דיא שאטענס,“ האט פאק געענטפערט, „עס איז געוועזן א טעות. האסטו מיר געהייסען אויפזוכען דעם יונגען מאן מיט דיא אטהעניִשע קליידער? אזוי האב איך געטהאן. וויא דיא זאך אבער איז, האב איך קיין חרטה ניט, ווייל דיא גאנצע געשיכטע מאכט א שעהנעם שפאס.“

„דוא האסט געהערט,“ האט דער קעניג בעמערקט, „אז דעמעטריוס און ליסאנדער זיינען אוועק זוכען א פאסענדען פלאטץ וואו אויסצוקעמפפען דעם דועל, איך בעפעהל דיר איינצוהילען דיא נאכט אין א דיקען וואלקען און זעהען, אז דיעזע קריעגערישע פערליעבטע זאלען פערבלאנדזעט ווערען אין דער פינסטער כדי זיי זאלען זיך ניט קענען שלאגען. מאך נאך זייערע שטימען און מיט שפאטישע אויסדריקע זעה זיי זאלען דיר נאכפאלגען. אזוי זאלסטו זיי פיהרען און צושיידען ביז דוא וועסט זיי פערמאטערן. דאן, ווען ליסאנדער וועט אנידערפאלען און איינשלאפען, זאלסטו אריינקאפען אין זיינע אויגען עטליכע טראפען פון דיעזער בלום, כדי, ווען ער וועט ערוואכען, זאל ער פערגעסען אן העלענא׳ן און צוריק קעהרען ווידער צו הערמיא׳ן. דאן וועלעןביידע שעהנע מיידלעך זיין גליקליך, אבער זעה נאר פאק, מאך עס שנעל, און איך וועל דערווייל געהען געוואהר ווערען אין וועמען מיין טיטאניא האט זיך פערליעבט.

טיטאניא האט נאך אימער געשלאפען און אבעראן האט געטראפען ניט ווייט פון איהר זיטצענדיג א קלאון,*) וועלכער איז פערבלאנדזעט געווארען אין וואלד און איז דארט אנטשלאפען געווארען.

„אט דיעזער חברה־מאן,“ האט אבעראן געזאגט, „זאל זיין מיין טיטאניא׳ס געליעבטער.“

זאגענדיג דיעזע ווערטער האט ער איהם אנגעטהאן אן עזעל׳ס קאפ דאס האט איהם פיעל בעסער געפאסט וויא זיין מענשליכער קאפ, ווייל ער איז געוועזן סאי־וויא־סאי דום געגוג.

---

*) איך האב געלאזט „קלאון“ וויא אין ענגלישען אריגינאל. עס לאזט זיך ניט איבערזעטצען, ווייל אמבעסטען וואס מען קען, איז עס א קאמיקער, און דאך איז עס ניט אזוי קאמיקער וויא מיר פערשטעהען יעצט אין אידיש. דיעזער „קלאון“, אין דער דראמא, איז אויך געוועזן איינער פון דיא שוישפיעלער וואס האט בעדארפט ערשיינען פאר דעם פרינץ פון אטהען. — דער בעארבייטער.

## דער חלום פון א מיטען־זומער נאכט.

אבוואהל אבעראן האט איהם זעהר שנעל און צויבערהאפט ארויפ־געזעצט דעם עזעל'שען קאפ, האט דאס דעם קלאון דאך אויפגעוועקט. ער איז גלייך אויפגעשטאנען, און ניט וויסענדיג וואס פאר א קאפ ער האט, איז ער געגאנגען פאראווערטס ביז ער האט דערגרייכט קעניגין טיטאניא'ס בלומען־קוסטע.

טיטאניא האט ערוואכט זיך ארומקוקענדיג, דאס זיא צום ערשטען ערבליקט דעם קלאון מיט דעם עזעל'שען קאפ.

„אך!" האט זיא אויסגעשריען, „וואס פאר אן ענגעל זעה איך דארט?"

דער כישוף האט געווירקט. זיא האט זיך פערליעבט. דאן האט זיא געמורמעלט צערטליך צום עזעל־קאפ:

„ביסטו אויך אזוי קלוג וויא שעהן דוא ביסט?"

„אך, מאדאם," האט דער דומער קלאון געענטפער, „ווען איך זאל קענען זיין קלוג גענוג צו געפינען א וועג וויא ארויסצוגעהען פון דאנען, דאן וועל איך זיין א חכם."

„ניין, מיין טהייערער," האט דיא קעניגין גזאגט, „דוא זאלסט גאר ניט אוועק פון דיעזען וואלד. איך בין א גייסט מיט גרויסער מאכט. פאלג מיר נאך און דוא וועסט זיין גליקליך, קום מיט מיר, געליעבטער, און איך וועל דיר געבען שרעטעליך דיך צו בעדיענען.

טיטאניא האט שנעל צוגערופען פיער שרעטעלעך מיט פאלגענדע נעמען: ארבעס־בליטהע, שפינוועב, מויל און מושטאר־זאמען.

„פאסט אויף," האט דיא קעניגין גזאגט, „איבער דיעזען שעהנעם הערן, טהוט וואס ער הייסט אייך. שפרינגט פאר איהם, טאנצט פאר איהם. גיט איהם עסען וויינטרויבען און פערסיקעס, גנב'עט פאר איהם דיא האניג־זעקעלעך פון דיא ביהנען. קום אהער, מיין טהייערער, זעטץ זיך דא נעבען מיר און לאז מיך שפיעלען זיך מיט דיזע ליעבליכע האאריגע באקען. אך, מיין שעהנער עזעל, לאז מיך קושען דיינע שעהנע לאנגע אויערן, אך, מיין צערטליכע ברייד!"

„וואו איז ארבעס־בליטהע?" האט דער עזעל־קעפיגער קלאון געפרעגט זיך ניט פיעל קימערנדיג אום דער קעניגין'ס ליעבע, נאר שטאלץ אויף זיין לאגע.

„דא בין איך, מיין הערר," האט ארבעס־בליטהע אויסגעשריען.

„קראַץ מיך אין קאָפּ," האָט דער קלאָון געזאָגט. „וואו איז שפּינ־וועב ?"

„דאָ בין איך," האָט שפּינוועב געענטפערט.

„זעהר גוט, הערר שפּינוועב," האָט דער קלאָון געוואָרטשעט. „ברענג מיר עטליכע ביהנען וואָס שטעהען דאָרט אויף יענעם דאָרן. פערגעס אויך ניט מיר צו ברענגען עטליכע האָניג־זעקעלעך. וואו איז מושטאָר־זאַמען ?"

„דאָ בין איך, וואָס איז דיין פערלאַנג ?"

„גאָר ניט, פּשוט אזוי האָב איך דיך גערופען, נאָר אין איין וועג העלף שוין מיר קראַצען אין קאָפּ. הער אויס, מושטאָר־זאַמען, איך דענק, אַז עס איז שוין צייט צו געהען צו אַ באַרבער ער זאָל מיך אָבראַזירען, וויל מיין פּנים איז דאכט זיך צו שטאַרק בעוואַקסען געוואָרען."

„מיין זיסער געליעבטער," האָט דיא קעניגין געמורמעלט, „וואָס ווילסטו עפּעס עסען ? איך האָב אַ פעהיג שרעטעלע וואָס קען דיר ברענגען פון דער וועוויארקע'ס נעסט עטליכע פרישע ניס."

„גיב מיר בעסער אַ ביסעל דאַרע אַרבעס," האָט דער קלאָון געזאָגט, וועלכער האָט שוין געהאַט אַן עזעל'ס אַפּעטיט. „אָבער הער וואָס איך וועל דיר גאָר זאָגען. זאָל מיך נאָר קיינער ניט שטערען, וויל איך האָב בדעה צו כאַפּען אַ דרעמעל."

„שלאָף, מיין טהייערער," האָט דיא קעניגין געענטפערט, „און איך וועל דיך פערוויעגען אויף מיינע הענד. אָך, וויא איך ליעב דיך ! וויא איך פערגעטער דיך !"

ווען אבעראָן האָט געזעהען דעם קלאָון מיט דעם עזעל־קאָפּ שלאָפענדיג אויף זיין קעניגין'ס הענד, איז ער צוגעקומען נעהנטער, זיך בעוויעזען פאַר איהר און אָנגעפאַנגען איהר צו מאַכען פאָרווירפע פאַר וואָס זיא האָט זיך פערליעבט אין אַן עזעל.

דיא אָרעמע קעניגין האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהון, ער האָט זיא געכאַפּט ביי דער האַנד, דער עזעל־קאָפּ איז ווירקליך געשלאָפען אויף איהרע אָרעמס.

נאָכדעם וויא אבעראָן האָט זיך גוט געריייצט מיט זיין פרוי, האָט ער וויעדער ביי איהר פערלאַנגט דאָס אינגעל פאַר זיין פּאַזש. ער האָט אויך רחמנות געהאַט אויף טיטאַניא'ן צו וואָס פאַר אַן ערניעדערונג ער האָט זיא געבראַכט, און ניט קלערענדיג פיעל, האָט ער אָרויסגעשפּריטצט עטליכע טראָפּענס אויף איהרע אויגען. דיא שרעטעלעך קעניגין האָט באַלד ער־

וואכט וויא פון א שווערען חלום און זיך געוואונדערט וויא זיא האט זיך געקענט פערליעבען אין אזא העססליכקייט וויא א קלאון מיט אן עזעל־קאפּ.

אבעראן האט ארונטערגענומען דעם עזעל־קאפּ און אנגעטהאן דעם קלאון זיין אייגענעם קאפּ פון פריהער און איהם געלאזט ווייטער שלאפען.

נאכדעם וויא דער קעניג מיט דער קעניגין האבען ווידער געשלאסען פריעדען, האט זיא איינגעשטימט איהם צו געבען דאס אינגעלע און ער האט איהר דערצעהלט דיא געשיכטע מיט דיא צוויי פערליעבטע פּאארלעך. זיא האט דאן געבעטען ער זאל זיא אויך מיטנעהמען און זעהען וואס עס איז צוטהון אום אלעס ווידער גוט צו מאכען.

אבעראן און טיטאניא האבען גלייך געפונען דיא צוויי יונגע לייט מיט דיא צוויי שעהנע מיידלעך, שלאפענדיג אויף׳ן גראז פערמאטערט.

פּאק, אום צו פעררבכטען זיין פעהלער האט ער אלעס מעגליכע אנגע־ווענדעט און געזעהען זיי צוזאמען ברענגען אויף איין פּלאטץ, אהנע איי־נער זאל וויסען פון דעם צווייטען. דאן האט ער לאנגזאם ארונטערגענומען דעם כישוף פון ליסאנדער׳ס אויגען און הארט ארויפגעקאפּעט פון דעם אנדערן זאפט וואס אבעראן האט איהם געגעבען.

צום ערשטען האט הערמיא ערוואכט, און זעהענדיג איהר פערלוירע־נעם ליסאנדער שלאפענדיג נעבען איהר, האט זיא איהם בעטראכט און זיך געוואונדערט וויא ער האט זיך אזוי געקענט פערבייטען מיט זיין ליעבע.

ליסאנדער האט אויך באלד געעפענט דיא אויגען און זעהענדיג הערמיא׳ן האט זיין פערשטאנד ווידער צוריק געקעהרט און דערמיט אויך זיין ליעבע צו איהר. זיי האבען אנגעהויבען צו רעדען איבער דעם וואס עס האט פּאסירט און זיך פארגעשטעלט אלעס פאר א מערקווירדיגען חלום.

אין דערזעלבער צייט האט אויך העלענא ערוואכט און נאכהער דע־מעטריוס. זיא איז שוין געווען רוהיג, אבער פון איהם איז דער כישוף ניט ארונטער און וועהרענד ער האט ווייטער געפלוידערט פון זיין ברענענדער ליעבע, האט זיא איהם רוהיג אויסגעהערט און אויך אנגעהויבען צו גלויבען וואס ער זאגט.

דיא צוויי מיידלעך זיינען געווען פאלשטענדיג צופריעדען מיט זייער יעצטיגער לאגע. זיי האבען איבערגעבעטען איינע דיא צווייטע און זיך מוחל געווען אויף דעם וואס זיי האבען זיך פריהער אנגערופען אין זייער צארן.

זיי האָבען נאָכהער אָנגעהויבען זיך צו בעראַטהען וואָס עס איז צו טהון.

עס האָט ניט פיעל געדויערט און זיי האָבען בעשלאָסען, דאָס נאָכדעם וויא דעמעטריוס האָט אויפגעגעבען הערמיא'ן און ער איז פאָלשטענדיג צופריעדען מיט העלענא'ן, בלייבט דאָס איינציגע מיטעל צוריק צו קעהרען אין שטאָדט אריין, געהען צו הערמיא'ס פאַטער און זעהען איהם בעוועגען ער זאָל צוריק ציהען דיא טויטעס שטראָף געגען איהר.

דעמעטריוס איז געוועזען העכסט צופריעדען דערפון, און זיי האָבען אָנגעפאנגען זייער רייזע אין שטאָדט אריין. פונקט דאַמאַלס האָבען זיי בעגעגענט הערמיא'ס פאטער, עגעאוס, וועלכער איז געקומען אין וואלד אריין זוכען זיין ענטלאָפענע טאָכטער.

אין קורצע ווערטער האָט דעמעטריוס ערקלעהרט, אז ער זאָגט זיך אָב פון הערמיא'ן, און עס איז זיין איינציגער וואונש ליסאנדער זאָל מיט איהר חתונה האָבען כדי ער זאָל אויך קענען חתונה האָבען מיט העלענא'ן, דאָס איינציגע מיידעל וואָס ער ליעבט.

עגעאוס איז געוועזען ערשטוינט, אָבער ער האָט קיין אנדערע ברירה ניט געהאַט און פערשפּראָכען, אז הערמיא זאָל חתונה האָבען אויף'ן פיערטען טאָג, דאָס הייסט, אין דערזעלבער צייט אויף וועלכען איהר היגריכטונג איז אָבגעלעגט געוואָרען.

אזוי האָט עס אויך פּאַסירט. דיא געליעבטע האָבען זיך געהייראַטה און געוועזען גליקליך.

קעניג אָבעראָן און זיין קעניגין טיטאַניא, וועלכע זיינען געוועזען אונזיכטבארע צושויער ביי אַלעם וואָס איז פאָרגעגאנגען, זיינען געוועזען העכסט צופריעדען וואָס דיא ראָמאַנטישע געשיכטע האָט זיך אזוי געענדיגט.

זיי האָבען דאן צוריק געקעהרט אין וואלד, צוזאַמען גערופען אַלע שרעטעליך און עלפען און געפייערט אַ גרויסען יום־טוב אין שרעטעלע קעניגרייך.

דערמיט ענדיגט זיך דער חלום פון אַ מיטען זומער נאַכט.



דער שטורם

# דער שטורם.

אויף'ן ים איז געווען אן אינזעלע, בעדעקט מיט בוימער און גרינעם גראז, געבאָדען אין זונען־שטראהלען און זיינע ברעגעס זיינען אימער געוואַשען געוואָרען פון דיא קריסטאַל־קלארע ים־כוואליעס. אויף דיעזער אינזעל האָט געוואָהנט אן אַלטער מאַן מיט דעם נאָמען פּראספּערא און זיין יונגע און שעהנע טאָכטער מיראנדא. זיא, מיראנדא, איז געבראכט געוואָרען אויף דיעזען אינזעל ווען זיא איז נאָך געווען אזוי יונג, אז זיא האָט זיך ניט געקענט עראינערן זעהענדיג אן אַנדערן מאַן אויסער איהר פאטער.

זיי האָבען געהאַט א העהל אין א גרויסען פעלזען וואו זיי האָבען גע־וואָהנט. דיעזער העהל איז געווען איינגעטהיילט אין עטליכע צימערן, און איינער פון זיי האָט געדיענט אַלס פּראספּערא'ס שטודיר־צימער. דאָרט האָט ער געהאַלטען זיינע ביכער, וועלכע זיינען מייסטענטהיילס בעשטאַנען פון מאגיק אָדער כישוף, און אין דיעזען שטודיום פון מאגיק אָדער כישוף, האָט דער אַלטער מאַן פערבראכט דעם גרעסטען טהייל פון זיין צייט. ער איז געוואָרען אזוי פאָלקאָמען אין דיעזער איבערנאַטירליכער וויסענשאַפט, דאָס ער האָט דורך דעם געקענט הערשען איבער גייסטער און זיי אויסניטצען צו זיינע צוועקען.

איידער פּראספּערא איז געקומען אויף דיעזען אינזעל, האָט דאָרט גע־וואָהנט א גרויסע מכשפה מיט דעם נאָמען סיקאָראקס. דיעזע מכשפה האָט דורך איהר צויבער אבגעשלאָסען פיעלע גייסטער און פעלזען און בוימער. פּראספּערא האָט זיי בעפרייעט און זיי זיינען איהם געווען זעהר דאנקבאר. איינער פון זיי, מיט דעם נאָמען אריאל, איז געווען דער פאָרשטעהער פון דיא גייסטער און זיך פערהאַלטען זעהר פריינדליך צו זיין בעפרייער.

אריאל האָט געהאַט בלויז איין קליינעם חסרון, און דיעזער איז גע־

ווען צו פלאגען און מאטערן א מין פערזעהעניש, האלב מענש און האלב חיה, מיט דעם נאמען קאליבאן. ער האט דאס געטהאן אויס עראינערונג צו דער שלעכטער מכשפה סיקאראקס, וועמעס זוהן קאליבאן איז געווען.

פראספערא האט געפונען קאליבאנען אין וואלד און ער האט איהם גענומען צו זיך, און ער האט איהם אויסגעלערענט רעדען. עס איז קיין צווייפעל, דאס אבוואהל קאליבאן איז געווען אזוי מיאוס, וואלט דאך פראספערא געווען צו איהם זעהר גוט, אבער דיא שלעכטע נאטור פון זיין מוטער, דיא מכשפה איז אויך געלעגען אין זיין בלוט, און קאליבאן האט ניט געוואלט לערנען קיין גוטע זאך. איהם ניט קענענדיג פערווענדען צו קיין בעסערע זאך, האט איהם פראספערא געשטעלט ברענגען און האקען האלץ און טהון שווערע ארבייט. אריאל האט שוין אכטונג געגעבען ער זאל ניט זיין פויל און טהון וואס מען האט איהם געהייסען.

ווען קאליבאן האט געוואלט זיין פויל און גאר ניט טהון, פלעגט אריאל באלד קומען און איהם מאכען לעבעדיג. קיינער, אויסער פראספערא'ן, האט ניט געזעהען אריאל'ן, נאר קאליבאן האט געפיהלט פון איהם א קניפ און אפטמאל האט ער איהם אריינגעווארפען אין בלאטע. ווען דאס האט אויך ניט געהאלפען, האט זיך אריאל פערשטעלט פאר א גרויסער און מיאוסער מאלפע און איהם אנגעטהאן געברענטע צרות. א מאל האט זיך אריאל פערשטעלט פאר א שטאכעלשוויין, זיך געלעגט פונקט אין וועג וואו קאליבאן האט זיך געפונען און איהם געשטאכען מיט זיינע שארפע שפיזען. אזוי האט קאליבאן געמוזט ארבייטען און דורכפיהרען וואס פראספערא האט איהם בעפוילען.

אזוי וויא פראספערא האט געהאט דיא מעכטיגע גייסטער צו זיין דיענסט, האט ער געקענט בעפעהלען איבער דיא ווינטען, כוואליעס פון ים און אלע כוחות פון דער נאטור צו טהון זיין ווילען. זיי האבען געקענט, אויף זיין אויפטראג, אויפקאכען דעם ים, מאכען א געפעהרליכער שטורם זאל וויטהען און נאך אזעלכע זאכען.

איינמאל האט געוויטהעט א געפעהרליכער שטורם און פראספערא האט ארויסגערופען זיין טאכטער מיראנדא און איהר געוויעזען א גרויסע און פרעכטיגע שיף וויא זיא קעמפפט מיט דיא כוואליעס און האלט ביים צושמעטערט ווערען. ער האט איהר אויך דערצעהלט, אז דיא שיף איז געפאקט מיט מענשען.

„ליעבער, גוטער פאטער!“ האט דאס שעהנע מיידעל אויסגעשריען,

„אויב דיעזער שטורם איז געקומען דורך דיין צויבער, דאן בעט איך דיך, האב רחמנות אויף דיא אונגליקליכע מענשען. זעה נאר זעה, אט ווערט דיא שיף צושמעטערט אויף שטיקער! אָרעמע מענשען! זיי וועלען אלע אונטערגעהען. אך, ווען איך זאל האבען כח, וואלט איך פערזונקען דעם ים אונטער דער ערד און געראטעוועט אלע ברואים וואס געפינען זיך אויף דער שיף."

„זיי ניט אזוי דערשראקען, מיין טאכטער," האט פראספערא געזאגט, „עס וועט זיי גאר ניט שאטען. איך האב בעפוילען, אז קיינעם פון דער שיף זאל קיין בייז ניט געשעהען. און וואס איך האב געטהאן איז געווען אלץ צוליעב דיר, מיין קינד. דוא ווייסט ניט ווער און וואס דוא ביסט, אדער פון וואנען דוא קומסט. אלעס וואס דוא ווייסט איבער מיר איז, אז איך בין דיין פאטער און וואהן דא מיט דיר אויף דיעזער אינזעל. קענסטו געדענקען א צייט איידער מיר זיינען אהער געקומען? איך מיין, אז דוא קענסט עס ניט געדענקען, ווייל דוא ביסט דאמאלס קוים אלט געווען דריי יאהר."

„איך געדענק יא, פאטער," האט מיראדא געענטפערט.

„וויא אזוי? וואס?" האט פראספערא געפרעגט. „קענסטו דיך ער־אינערן אן עפעס א הויז אדער א פערזאן? דערצעהל מיר, מיין קינד וואס דוא געדענקסט."

„מיר שיינט," האט מיראנדא אנגעפאנגען, „אז איך עראינער מיך אן עפעס, אבער אלעס זעהט ביי מיר אויס וויא א חלום. מיר דאכט, אז איך האב א מאל געהאט ארום מיר פיער אדער פינף פרויען וואס האבען מיך בעדיענט."

„ריכטיג, ריכטיג," האט פראספערא בעמערקט, „פיער אדער פינף און נאך מעהר, אבער וויא איז דאס מעגליך דאס אלעס זאל נאך לעבען אין דיינע עראינערונגען? געדענקסטו וויא דוא ביסט אהער געקומען?"

„ניין, פאטער, דאס געדענק איך ניט."

„דאן, מיין קינד, וועל איך דיר דערצעהלען," האט פראספערא גע־זאגט מיט א זיפץ. „מיט צוועלף יאהר צוריק בין איך געווען דער פירסט פון מילאן, און דאמאלס ביסטו געווען א קליינע פרינצעסין און מיין איינ־ציגע יורש'טע. איך האב געהאט א איינגערן ברודער מיט דעם נאמען אנ־טאניא. דיעזען ברודער האב איך געליעבט און אלעס פערטרויעט אויף איהם. איך האב ליעב געהאט איינזאמקייט און שטודירען. דערפאר האב

איך אפט איבערגעלאזט דיא פיהרונגען פון דער רעגיערונג אויף דיין אָנקעל. וועלכער האט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען, אלס א פאלשער און שלעכטער מענש. איך האב פערנאכלעסיגט אלעס וועלטליכע ארום מיר און מיך פערטיעפט און פערלוירען אין מיינע ביכער. איך האב אָבגעגעבען מיין גאנצע צייט צו לערנען נאך חכמה און וויסענשאפט. מיין ברודער, נאטירליך, האט גענאצט דיא גאנצע מאכט אין זיינע הענד, און מיט דער צייט, האט ער זיך אליין אָנגעהויבען צו בעטראכטען אלס דער פירסט און הערשער. דיא געלעגענהייט וואס איך האב איהם געגעבען זיך צו מאכען פּאָפּולער צווישען מיינע אונטערטהאנען, האט אין איהם ערוועקט דיא שלעכטע נאטור פון א שטאלצער אמביציע און ער האט געפּלאנט מיך צו בערויבען פון מיין פירסטענטהום. עס האט אויך ניט פיעל געדויערט, און ער האט זיך פעראייניגט מיט דעם קעניג פון נעאפעל, א מעכטיגער פּרינץ, וועלכער איז אויך געוואָרען מיין שונא."

„ווארום האָבען זיי אונז דאמאלס ניט דער'הרג'עט?" האט מיראנדא געפרעגט.

„מיין קינד," האט דער פאטער געענטפערט, „זיי האָבען שוין אזוי ווייט ניט געוואגט צו געהען, ווייל מיין פאלק האט מיך זעהר געליעבט. אנטאניא האט אונז פערנאַררט אויף א שיף, און ווען מיר זיינען שוין געווען עטליכע מיילען אויף'ן ים, האט ער מיך און דיך מיט געוואלט ארויפגעזעצט אויף א שיפעל אָהן א מאסט-בוים און אָהן א זעגעל. דאן האט ער אונז איבערגעלאזט מיט דער אבזיכט, אז מיר זאלען דערטרונקען ווערען. אָבער איינער פון מיינע גוטע און געטרייע הויף-הערען, מיט דעם נאָמען גאָנזאַלאָ, וועלכער האט מיך זעהר געליעבט, האט אין געהיים בעזאָרגט אונזער שיפעל מיט וואסער, שפּייז, קליידער און מאנכע ביכער, וואס איך האב געהאלטען טהייערער וויא מיין גאנצעס פירסטענטהום."

„אך, פאטער," האט מיראנדא געזאגט גערירט, „וואס פאר א לאסט איך האב געמוזט זיין פאר דיר!"

„ניין, מיין ליעבעס קינד, דוא ביסט געווען מיין קליינער טרייסט-ענגעל, וואס האט מיך געראטעוועט פון פערצווייפלונג. דיין אונשולדיגער שמייכעל, האט מיר געגעבען מוטה, אלעס צו ערטראגען. אונזער שפּייז האט אָנגעהאלטען ביז מיר האָבען געלאנדעט דא, אויף דיעזען אינזעל. זייט יענער צייט, מיראנדא, איז געווען מיין איינציגע פרייד אין לעבען, צו זיטצען

און לערנען מיט דיר. איך בין אויך שטאָלץ דערמיט וויסענדיג, אַז דוא האָסט דיין צייט ניט פערבראכט אומזיסט."

„זאָל דיך גאָט בעלוינען, מיין ליעבער פאטער! יעצט וויל איך, דוא זאָלסט מיר דערצעהלען דיא אורזאכע צו וועלכען צוועק דוא האָסט געמאכט דיעזען שטורם אויף'ן ים?"

„דוא זאָלסט וויסען," האָט פּראָספּערא ערקלערט. „דורך דיעזען שטורם זיינען מיינע שונאים, דער קעניג פון נעאַפּעל און מיין ברודער, פערוואָרפען געוואָרען אויף דיעזער אינזעל."

ווען פּראָספּערא האָט געענדיגט דיעזע ווערטער, האָט ער, מיט זיין צויבער-שטאָק, בעריהרט זיין טאָכטער און זיא איז באַלד שטארק אנטשלאָ-פען געוואָרען. דיא אורזאכע דערפון איז געוועזן, ווייל פונקט דאמאלס איז פאר איהם ערשיענען דער גייסט אריאל אום איהם אָבצוגעבען א בעריכט איבער דעם שטורם און וואָס ער האָט געטהאָן מיט דער מאַנשאַפט פון דער שיף, און כאָטש מיראנדא האָט קיין מאָל ניט געזעהען דיא גייסטער, האָט אָבער פּראָספּערא ניט געוואָלט, אַז מיראָנדא זאָל הערען וויא ער רעדט מיט דיא גייסטער, ווייל פאר איהר וואָלט עס אויסגעזעהען גלייך וויא ער רעדט מיט דער לעדיגער לופט.

„אַלזאָ מיין בראווער גייסט," האָט פּראָספּערא זיך געווענדט צו אריאל'ן, „וואָס האָסטו מיר מיטצוטהיילען?"

אריאל האָט איהם געגעבען א פאָלשטענדיגע בעשרייבונג איבער דעם שטורם און איבער דער טויט-שרעק פון דיא רייזענדע; וויא דעם קעניג'ס זוהן, פערדינאנד, איז געוועזן דער ערשטער אריינצושפּרינגען אין ים; וויא זיין פאטער האָט געמיינט, אַז זיין טהייערער זוהן איז פערשלונגען גע-וואָרען פון דיא כוואַליעס און דערטרונקען.

„אָבער עס האָט איהם גאָר ניט געשאַדט," האָט אריאל ווייטער דער-צעהלט. „ער געפינט זיך יעצט אין א ווינקעל אויף דער אינזעל, זיטצענדיג מיט פערלעגטע הענד, זעהר פערטרויערט און פערזאָרגט. ער רעכענט, אַז זיין פאטער איז דערטרונקען געוואָרען. קיין האָאר פון זיין קאָפּ איז געקרימט געוואָרען. אויסער וואָס זיינע פּרינצליכע קליידער זיינען נאַס, זעהט ער אליין אוים נאָך לעבעדיגער און פרישער וויא פריהער."

„בראַוואָ, מיין ליעבער אריאל!" האָט פּראָספּערא אויסגעשריען. „יעצט ברענג איהם אהער. מיין טאָכטער דאַרף זעהען דיעזען יונגען פּרינץ. וואו איז דער קעניג, מיין ברודער?"

„איך האָב איהם איבערגעלאָזט", האָט אריאל געענטפערט, „זוכענדיג פערדינאַנד'ן, וועלכען ער רעכענט, פון דעסטוועגען, פאַר פערלוירען. פון דער מאַנשאַפט פון דער שיף, פעהלט קיין איינציגער, אָבוואָהל יעדער בעזונדער רעכענט, אַז ער איז דער איינציגער וואָס האָט זיך געראַטעוועט. דיא שיף, כאָטש זיי זעהען זיא ניט, איז אין זיכערהייט געאַנקערט אין האַפען."

„אריאל," האָט פּראָספּערא געזאָגט, „דיין ארבייט איז ריכטיג און פּינקטליך דורכגעפיהרט, אָבער דוא האָסט נאָך עפּעס צו טהאָן."

„נאָך ארבייט ?" האָט אריאל געפרעגט. „לאָמיך דיך דערמאַהנען, מייסטער, אַז דוא האָסט מיר פערשפּראָכען פרייהייט. איך בעט דיך, געדענק, איך האָב פאַר דיר אַלעם מעגליכע געטהאָן, דיך קיין מאָל ניט פערפיהרט, ניט געמאַכט קיין טעות'ן, און דיך געדיענט טריי, איבערגעבען, אָהן אַ פּראָטעסט."

„דאָס איז ניט שעהן," האָט פּראָספּערא בעמערקט. „געדענקסטו שוין ניט וויא איך האָב דיך בעפרייעט פון מאַטערניס ? האָסטו שוין פערגעסען אָן דער שלעכטער מכשפה סיקאָראַקס, וועלכע, פון אַלטקייט און שלעכטקייט איז זיא געוועזען כמעט אין צווייען געבויגען ? וואו איז זיא געבוירען געוואָרען ? זאָג, דערצעהל מיר."

„אין אַלזשיר, מיין הערר," האָט אריאל געענטפערט.

„אין אַלזשיר ? ריכטיג. יעצט מוז איך דיר דערצעהלען וואָס דוא ביסט געוועזען, וועלכעס, וויא עס שיינט, האָסטו שוין פערגעסען. דיעזע געמיינע מכשפה, וועלכע האָט שוין מעהר ניט געקענט וואָהנען צווישען מענשען, איז פערשיקט געוואָרען פון אַלזשיר און דאָ איבערגעלאָזט פון דיא מאַטראָזען. און וויל דוא ביסט געוועזען אַזאַ גוטער גייסט, וועלכער האָט ניט געוואָלט דורכפיהרען איהר שלעכטען ווילען, האָט זיא דיך פערשלאָסען אין אַ בוים. וואו איך האָב דיך געפונען שרייענדיג און וויינענדיג. דוא דאַרפסט אַלזאָ ניט פערגעסען, אַז פון דיעזע שמערצען און מאַטערניסע, האָב איך דיך בעפרייעט."

„ענטשולדיגט מיר, טהייערער מייסטער," האָט אריאל זיך געבעטען פערשעהמט פאַר זיין אונדאַנקבאַרקייט, „איך וועל פאָלגען דיינע בעפעהלע."

„דאָס איז גוט." האָט פּראָספּערא געזאָגט. „און דאַן וועל איך דיך בעפרייען."

ער האָט איהם דאַן בעאויפטראַגט מיט אַ ווייטערע שליחות. אריאל איז גלייך אוועק טהאָן דעם בעפעהל. פאַר אַלעמען האָט ער אויפגעזוכט פערדינאַנד׳ן, וועלכען ער האָט געפונען זיצענדיג אויף׳ן גראָז אין דערזעלבער טרויעריגער לאַגע וויא פריהער.

„אַך, מיין יונגער הערר,“ האָט אריאל געזאָגט דערזעהענדיג פערדינאַנד׳ן. „איך וועל דיך באַלד אויפוועקען. וויא מיר שיינט, דאַרף מען דיך ברענגען אום מיראַנדאַ זאָל דיך זעהען. קום, פאָלג מיר נאָך.“

דאָס אַלעס האָט אריאל געזאָגט, אַז פערדינאַנד זאָל איהם ניט הערען. אָבער נאָכהער האָט ער אָנגעהויבען צו זינגען ערקלערענדיג, אַז פערדינאַנד׳ס פאַטער איז טויט.

דאָס האָט שוין דער יונגער מאַן געהערט און ער האָט ערוואַכט פון זיין פערהטראַכטקייט. ער האָט דאַן אָנגעהויבען נאָכצופאָלגען דעם געזאַנג און ער האָט אויסגעזעהען וויא בעצויבערט. אַזוי איז ער געגאַנגען אַ שטיק וועג ביז ער האָט דערגרייכט דעם פּלאַץ וואו פּראָספּערא איז געזעסען מיט מיראַנדאַ׳ן אויף אַ שטיין אין שאָטען פון אַ גרויסען בוים.

יעצט האָט מיראַנדאַ צום ערשטען מאָל דערזעהען נאָך אַ מאַן, אויסער איהר פאַטער.

„מיראַנדאַ,“ האָט פּראָספּערא געזאָגט צו זיין טאָכטער, „זאָג מיר נאָר, קינד, וואָס קוקסטו אַזוי נייגיעריג אַהין אין דער ווייטקייט?“

„אַך, פאַטער,“ האָט מיראַנדאַ געענטפערט איבערראַשט. „דאָס איז געוויס אַ גייסט, אַ גייסט! מיין גאָט, זעה נאָר וויא ער קוקט אום! יאַ, פאַטער, דאָס איז זעהר אַ שעהנע בעשעפעניש, איז דאָס אַ גייסט?“

„ניין, קינד,“ האָט איהר פאַטער געענטפערט. „עס איז ניט קיין גייסט, זאָנדערן אַ מענש גלייך מיט אונז, וועלכער עסט, שלאָפט און האָט אַזעלכע חושים וויא מיר. דיעזער יונגער מאַן, וועמען דוא זעהסט יעצט, איז געוועזען אויף דער שיף. ער איז אַ ביסעל געענדערט דורך צרות, זאָנסט וואָלסטו איהם געמעגט אָנרופען אַ שעהנע פּערזאָן. ער האָט פערלוירען זיינע בעגלייטער און ער געהט יעצט אַרום זיי זוכען.“

מיראַנדאַ, וועלכע האָט גערעכענט אַלע מענער מיט ערנסטע געזיכטער און גרויע בערד אַזוי וויא איהר פאַטער, איז געוועזען שטאַרק דערפרייט, זעהענדיג דיעזען יונגען און שעהנעם פּרינץ. פערדינאַנד ווידער, דערזעהענדיג אַזאַ שעהנע דאַמע אין דיעזען וויסטען אָרט, און פון דיא מערקווירדיגע קולות וואָס ער האָט געהערט, האָט ער גערעכענט — אַז ער איז אויף אַ

פערצויבערטען אינזעל און דארף זעהען נאָר וואונדערבארע זאכען. מיראַנדאַ'ן ווידער האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, איז דיא געטטין פון דיעזען פּלאַטץ, און אַלס צו אַ געטטין האָט ער זיך געוועגדעט צו איהר.

פערשעהמט און אַ ביסעל אונרוהיג, האָט איהם מיראַנדאַ געענטפערט, אַז זיא איז ניט קיין געטין, נאָר אַן איינפאַכעס מיידעל, און אָנגעפאַנגען איהם צו דערצעהלען ווער זיא איז, ווען פּראָספּערא האָט זיא פּלוצלונג אונ־טערבראָכען.

פּראָספּערא איז געווען פאָלקאָמען צופריעדען דערפון וואָס דיא צוויי יונגע מענשען האָבען זיך געפעלען איינער דעם אַנדערן, און ער האָט אויך בעמערקט, אַז זייערע בליקען דערצעהלען, דאָס זיי ליעבען זיך פון דעם ערשטען בליק. דער אַלטער האָט אָבער געוואָלט בעסער אויספּרובירען פערדינאַנד'ן. ער האָט דערפאַר בעשלאָסען מיט איהם צו מאַכען אַ פּראָבע.

ניט טראַכטענדיג פיעל, איז ער צוגעגאַנגען צום פּרינץ, אָנגעפאַנגען צו רעדען מיט איהם זעהר שטרענג און ערנסט און איהם מיטגעטהיילט, אַז ער, פערדינאַנד, איז געווים געקומען אויף דער אינזעל אַלס אַ שפּיאָן, מיט דער אבזיכט אוועקצורייבען דעם פּלאַטץ איבער וועלכען ער, פּראָספּערא, איז דער בעל־הבית.

„קום מיט מיר,“ האָט פּראָספּערא ווייטער געזאָגט, „איך וועל דיר בינדען הענד און פּיס. דוא זאָלסט טרינקען ים־וואסער; פוילע פּיש, פער־וויאַנעטע וואָרצלען און דיא שאָלעכץ פון ניס זאָלען זיין דיין שפּייז.“

„ניין,“ האָט פערדינאַנד געענטפערט בעליידיגט. „איך וועל בשום אופן ניט דולדען אזא בעהאַנדלונג, ביז איך וועל ניט זעהען פאַר מיר אַ מעכטיגערן שונא וויא דוא ביסט.“

ביי דיעזע ווערטער האָט ער אַרויסגעצויגען זיין שווערט.

נאָך איידער פערדינאַנד האָט אָבער צייט געהאַט עפּעס צו טהון, האָט פּראָספּערא אַ מאַך געטהאָן מיט זיין צויבער־שטאָק און וויא צוגענאָגעלט פערדינאַנד'ן צו דער ערד, אַזוי אַז ער האָט זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט.

מיראַנדאַ האָט אומאַרמט איהר פאַטער און זיך געבעטען: „אָך פאַר וואָס ביסטו אַזוי גרויזאַם? האָב מיטלייד, מיין הערר; איך וועל פאַר איהם גאַראַנטירען. דאָס איז דער צווייטער מאַן, וועלכען איך זעה, און איך רעכען, אַז ער איז אַ גוטער.“

„רוהיג,“ האָט פּראָספּערא בעפוילען. „נאָך איין וואָרט, און איך וועל דיך אנזידלען. וואָס! דוא ווילסט גאָר ווערען אן אדוואָקאט פאר א שווינדלער? דוא מיינסט, ווייל דוא האָסט ניט געזעהען מעהר וויא קאַליבאַנען אין איהם זיינען שוין מעהר ניטאָ קיין פיינערע מענשען אויף דער וועלט? הער מיך אויס, נאַררישע מיידעל, עס זיינען דאָ פיעלע מענער וואָס זיינען שעהנער וויא ער, פּונקט וויא ער איז שעהנער פון קאַ־ליבאַנען.“

פּראָספּערא האָט דאָס אַלעס געזאָגט, אום אויסצופּרובירען זיין טאָכ־טער'ס טרייהייט און ליעבע.

„מיין פּערזאָן,“ האָט זיא געענטפערט, „האָט ניט קיין גרויסע פּרעטענציעס. איך וויל ניט קיין בעסערן אָדער קיין שענערען מאַן וויא ער איז.“

„קום, יונגער מאַן,“ האָט פּראָספּערא געזאָגט צום פּרינץ, „דוא האָסט קיין מאַכט זיך צו שטעלען געגען מיין ווילען.“

„ניין, ניין,“ האָט פערדינאַנד געענטפערט פערצווייפעלט, „איך האָב ניט קיין מאַכט.“

ניט וויסענדיג, אז דער צויבער האָט פון איהם צוגענומען יעדע מאַכט פון ווידערשטאַנד, איז ער אַליין געוועזן ערשטוינט וויא אזוי ער, דער אמאָליגער שטאָלצער און מוטהיגער, איז געצוואונגען צו טהון וואָס דער אַלטער הייסט איהם.

אין דערזעלבער צייט, וויא ער איז נאָכגעגאַנגען פּראָספּערא'ן, האָט ער צוריקגעבליקט צו מיראַנדא'ן און אזוי לאַנג געקוקט אויף איהר, ביז ער איז אריין מיט פּראָספּערא'ן אין דער העהל.

צו זיך אַליין האָט ער געמורמעלט:

„עס איז וואהר, איך האָב פערלוירען מיין מוטה; אַלעס זעהט ביי מיר אויס וויא א חלום. אָבער אַלע בטראַשונקעס פון דיעזען אַלטען, צו־זאַמען מיט מיין גאַנצער שוואַכקייט, וואָלטען מיך ניט געשראָקען און ביי מיר געוועזן א שפּיעל, ווען איך זאָל זיא קענען זעהען וועניגסטענס איין מאָל אין טאָג.“

פּראָספּערא האָט ניט לאַנג געהאַלטען פערדינאַנד'ן פערשפּאַרט. ער האָט איהם אין א קורצע צייט אַרום אַרויסגענומען פון זיין געפענגניס און איהם געשטעלט טהון א שווערע אַרבייט. ער האָט איהם נעמליך בעאויפ־טראַגט צו מאַכען א שטיקעל אַרבייט פון וועלכע ער זאָל גוט שוויט־

צען. אין דערזעלבער צייט האָט ער געזעהען, אַז זיין טאָכטער זאָל הערען וואָס ער הייסט איהם טהון. דאן האָט ער זיך צוריקגעצויגען און איז אריין אין זיין שטודיר־צימער. אָבער ער האָט פון דאָרט ארויסגעקוקט און אויפגעפאסט צו זעהען וואָס עס געהט פאָר.

פערדינאַנד'ס ארבייט איז געווען צוזאמען צו לעגען גרויסע און שווערע קלעצער אויף א הויפען. נאָר אזוי וויא פרינצען זיינען ניט געוואָהנט גע־וואָרען צו אזא ארבייט. האָט מיראנדא באלד אויסגעפונען, אַז איהר גע־ליעבטער איז האלב טויט פאר מיעדקייט.

„אַך!“ האָט זיא געזאָגט זעהר געריהרט, „ארבייט ניט אזוי שווער. מיין פאטער איז יעצט אין זיין שטודיר צימער, וואו ער וועט פערבלייבען וועניגסטענס דריי שטונדען. דיעזע צייט וועסטו אויסמיידען און ניט אר־בייטען. זעטץ דיך אוועק, רוה דיך אויס.“

„אַך, מיין טהייערעס פריילין,“ האָט פערדינאנד געענטפערט, „איך טאָר עס ניט טהון. איך מוז פארטיג מאכען מיין ארבייט איידער איך רוה מיך אויס.“

„ווען דוא וועסט זיטצען,“ האָט מיראנדא בעמערקט, „וועל איך דער־וויל צוזאמען נעהמען דיא קלעצער.“

אָבער פערדינאנד האָט דערצו ניט געוואָלט איינשטימען.

אנשטאט א הילף, איז מיראנדא געוואָרען א שטערונג, דען עס האָט ניט פיעל געדויערט און זיי האָבען אָנגעפאנגען א געשפּרעך. ער האָט דער־וויל גאָר ניט געקענט טהון.

פּראספּערא, וויא עס שיינט, האָט פערדינאנד'ן געשטעלט צו דיע־זער ארבייט בלויז פאר א פּראָבע צו זעהען אויף וויא ווייט זיין ליעבע געהט. ער איז דערפאר דאמאלס ניט געזעסען ביי זיינע ביכער, זאָנדערן ער האָט זיך געמאכט מען זאָל איהם ניט זעהען און ער האָט אלעס געקענט הערען און בעטראכטען.

דיא צוויי יונגע מענשען זיינען דערווייל געוואָרען שטאַרק בעפריינדעט. ער האָט זיא געפרעגט וויא זיא הייסט, און זיא האָט איהם געענטפערט, אין דערזעלבער צייט האָט זיא איהם מיטגעטהיילט, אַז דאָס איז אויסדריקליך געגען איהר פאטער'ס בעפעהל, וועלכער האָט איהר אָנגעזאָגט ניט צו דער־צעהלען איהר נאָמען.

ווען פּראספּערא האָט דאָס געהערט, האָט ער געשמייכעלט. איהם איז גאַנץ גוט געפעלען געוואָרען זיין טאָכטער'ס ערשטע אונגעהאָרכזאמקייט,

ווייל, פיהרענדיג מיט זיין צויבער זיין טאָכטער זאָל זיך אזוי שנעל פערליע־בען, איז ער געווען גאנץ צופריעדען דערפון, אז דורך דיעזער ליעבע זאָל זיא פערגעסען דיא פליכט צו איהם.

פראספערא איז אויך געווען אויסער זיך פאר פערגניגען, ווען ער האָט געהערט פערדינאַנד'ן אָבהאלטענדיג א לאנגע רעדע מיט א ליעבעס ערקלע־רונג, דערצעהלענדיג מיראנדא'ן, אז ער ליעבט זיא מעהר וויא אירגענד א פרויענצימער וואָס ער האָט נאָך ביז דאמאלס געזעהען.

ווען פערדינאַנד, וויא יעדער בעגייסטערטער געליעבטער, האָט געזאָגט מיראנדא'ן, אז זיא איז שעהנער וויא אירגענד א פרויענצימער וואָס ער האָט נאָך ביז דאמאלס געזעהען, האָט זיא געענטפערט:

„איך געדענק ניט דאָס געזיכט פון א פרוי, און איך האָב נאָך אויך ניט געזעהען קיין אנדערע געזיכטער פון מענער וויא אויסער דיך. מיין ליעבער פריינד, און מיין פאטער. וויא אנדערע זעהען אויס, וויים איך ניט. אָבער, גלויב מיר, מיין פריינד, אז איך וואָלט ניט וועלען האָבען קיין אנדערן בעגלייטער אויסער דיך. מיין פאנטאזיע קען זיך אויך ניט פאָרשטעלען קיין בעסערן און קיין שענערן אויסער דיר. אָבער, מיין הערר, איך גלויב, אז איך רעד צו דיר א ביסעל צו פיעל, צו פריי, און איך האָב פערגעסען אן דעם וואָס מיין פאטער האָט מיר אָנגעזאָגט."

ווען פראספערא האָט דאָס געהערט, האָט ער געשמייכעלט. ער האָט געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ און געמורמעלט צו זיך אליין:

„אלעס געהט וויא איך האָב געוואָלט. יא, מיין טאָכטער וועט זיין דיא קעניגין פון נעאפעל."

פערדינאַנד, וועלכער איז פון מינוט צו מינוט, אלץ מעהר פערליעבט געוואָרען, האָט וויא יעדער אייפערזיכטיגער פערליעבטער ניט געקענט האל־טען קיין סודות פאר זיין געליעבטער, און ער האָט דערצעהלט מיראנדא'ן, אז ער איז א פרינץ, אז ער איז דער יורש פון נעאפעל'ס טראָהן און ער האָפט, אז זיא וועט זיין זיין קעניגין.

מיראנדא'ס אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען. דאן האָט זיא געזאָגט האלב בליפענדיג:

„אך, וויא נאַרריש איך בין צו וויינען ווען איך דאַרף מיך גאָר פרייען. איך וועל דיר ענטפערן אין איינפאכער, אָבער אין הייליגער אונשולד — איך וועל זיין דיין פרוי אויב דוא וועסט נאָר וועלען הייראטהען מיט מיר."

פערדינאַנד וואָלט איהר דאַמאָלס געדאַנקט, אָבער פּראָספּערא איז פלוצלונג ערשיענען פאַר זיי.

„האָב קיין מורא ניט, מיין קינד,“ האָט ער זיך געווענדעט צו דער דערשראָקענער מיראַנדאַ. „איך האָב זיך אַלעס אונטערגעהערט און איך שטים פאָלקאָמען איין מיט אַלעס וואָס דוא האָסט געזאָגט. און יעצט, פערדינאַנד, אויב איך בין געווען שטרענג צו דיר, וועל איך זוכען צו גע־ווינען דיין פערצייהונג דערמיט וואָס איך וועל דיר געבען מיין טאָכטער. אַלע דיינע יסורים, זיינען נאָר געווען פּראָבעס אויסצוגעפינען דיין ליעבע און דוא ביסט דיעזע פּראָבע העלדיש דורכגעשטאַנען. אַלס אַ מתנה, וואָס דיין טרייע און עהרליכע ליעבע האָט פערדיענט, גיב איך דיר מיין טאָכטער, און דוא זאָלסט גאָר ניט שמייכלען ווען איך וועל דיר זאָגען, אַז זיא שטעהט העכער פון יעדען לויב.“

פּראָספּערא האָט איהם דאַן געזאָגט, אַז ער איז זעהר בעשעפטיגט און ער מוז אַוועקגעהען. ער האָט זיי געבעטען זיי זאָלען זיך אַוועקזעטצען און רעדען צוזאַמען וואָס זיי ווילען ביז ער וועט צוריק קומען. מיראַנדא איז געווען העכסט צופריעדען דערפון.

ווען פּראָספּערא איז אַוועק, האָט ער גערופען דעם גייסט אַריאַל, וועל־כער איז שנעל ערשיענען בערייט צו טהון אַלעס פאַר פּראָספּערא׳ס ברודער און דעם קעניג פון נעאַפּעל.

אַריאַל האָט מיטגעטהיילט זיין העררען, אַז ער האָט זיי איבערגעלאָזט, כמעט משוגע פאַר מורא, נאָכדעם וויא ער האָט פאַר זיי פאָרגעבראַכט וויל־דע און משונה׳דיגע זאַכען. ווען זיי זיינען מיעד געוואָרען וואַנדערנדיג, און פערלוירען זייערע כוחות פאַר הונגער, האָט ער פאַר זיי שנעל צוגעגרייט אַ פּראַכטפאָלען באַנקעט, אָבער אַזוי שנעל וויא זיי האָבען זיך געוואָלט נעהמען עסען, איז ער פאַר זיי ערשיענען אין דער פאָרמע פון אַ ריעז און אַלעס אויפגעפרעסען.

וואָס עס האָט זיי נאָך מעהר ערשטוינט און איבעררואַשט, איז גע־ווען, ווען דיעזער ריעז, האָט צו זיי גערעדט וויא אַ מענש און זיי דער־מאַהנט אן זייער רציחה און אכזריות ווען זיי האָבען פערטריעבען פּראָספּע־ראַ׳ן פון זיין פירסטענטהום און איהם געלאָזט ער זאָל אומקומען מיט זיין טאָכטער אויף׳ן ים. דער ריעז האָט זיי געזאָגט, אַז פאַר דעם אַלעמען, ליי־דען זיי אַזוי פיעל.

דער קעניג פון נעאַפּעל און אַנטאָניא, פּראָספּערא׳ס ברודער, האָבען

ביידע שטארק חרטה געהאט אויף דעם וואס זיי האבען געטהאן. אריאל האט מיטגעטהיילט זיין העררן, אז ער רעכענט, דאס זייער חרטה איז א ריכטיגע, און אפילו ער, אלס א גייסט, זעהענדיג זייערע ליידען, האט ער אויף זיי רחמנות געהאט.

„דאן ברענג זיי אהער, שנעל, אריאל", האט פראספערא בעפוילען. „ווען דוא, גייסט, קענסט אויף זיי רחמנות האבען אין זייערע ליידען, וואס זאל איך זאגען אלס מענש? מיין גוטער אריאל, פערליר קיין אויגענבליק, און ברענג זיי גיכער אהער."

עס האט ניט פיעל געדויערט, און אריאל האט צוריק געקעהרט ברענגענדיג דעם קעניג, אנטאניא'ן און גאנזאלא'ן, וועלכער איז געקומען צוזאמען מיט זיי. געבראכט האט ער זיי שפיעלענדיג א מערקווירדיגע מוזיק אין דער לופט, און זיי האבען נאכגעפאלגט דיא טענער. ווען פראספערא האט דערזעהען גאנזאלא'ן, האט ער זיך באלד דערמאהנט וואס ער האט געטהאן פאר איהם, וויא ער האט איהם בעזארגט מיט שפייז, קליידער און דאן ביכער ווען זיין ברודער האט איהם אוועקגעווארפען מיט מיראנדא'ן אויפ'ן ים.

אלע דריי אבער, דער קעניג, אנטאניא און גאנזאלא, זיינען געווען האלב אהנמעכטיג פאר שרעק, און ווען זיי האבען דערזעהען פראספערא'ן, האבען זיי איהם ניט דערקענט.

פראספערא האט אבער קיין גערולד ניט געהאט צו ווארטען, און צוגעהענדיג צום אלטען גאנזאלא, האט ער איהם אנגערופען פריינד און רעטער פון זיין לעבען. אנטאניא, הערענדיג דיעזע ווערטער און זיך איינקוקענדיג בעסער אין פראספערא'ס געזיכט, האט ער איהם דערקענט. דאסזעלבע איז אויך געווען מיט דעם קעניג פון נעאפעל.

אנטאניא, מיט טרערען אין דיא אויגען, און מיט ווערטער פול טרויער און חרטה, האט געבעטען ביי זיין ברודער ער זאל איהם פערצייהען. דער קעניג האט אויסגעדריקט זיין אויפריכטיגעס בעדויערן דערפאר וואס ער האט געהאלפען אנטאניא'ן ארויטערזעטצען זיין ברודער פון דעם טראהן.

אנטאניא האט זיך דאן ערקלערט בערייט אומצוקעהרען דאס פירסטענטהום צו פראספערא'ן. דאן, זיך ווענדענדיג צום קעניג, האט ער צו איהם געזאגט:

„איך האב פאר דיר א שטיקעל איבערראשונג." ביי דיעזע ווערטער

האָט ער געטראָפען אַ טהיר און איהם געוויעזען וויא זיין זוהן פערדינאַנד זיטצט און שפּיעלט שאַך מיט מיראנדא'ן.

דיא פרייד פון פאטער און זוהן, וועלכע האָבען איינער דעם אַנדערן געהאַלטען פאַר טויט, איז געוועזען אונגעהייער גרויס. זיי האָבען זיך אומאַרמט און פערגאָסען פריידען-טרערען.

„וויא וואונדערבאַר!" האָט מיראנדא אויסגעשריען. „וואָס פאַר נאָבעלע ברואים דיעזע זיינען! עס מוז געוויס זיין אַ שעהנע וועלט, וועלכע האָט אַזעלכע מענשען אין זיך."

דער קעניג פון נעאַפּעל איז געוועזען פונקט אַזוי ערשטוינט און איבעראַשט פון מיראנדא'ס שעהנהייט, וויא זיין זוהן איז געוועזען.

„ווער איז דאָס מיידעל?" האָט ער געפרעגט. „זיא זעהט אויס וויא דיא געטטין וואָס האָט אונז צושיידט און דאַן ווידער פעראייניגט."

„ניין, מיין הערר," האָט פערדינאַנד געענטפערט האָבענדיג פערגעניעגען וואָס זיא געפעלט זיין פאטער. „זיא איז אַ שטערבליכער מענש גלייך מיט אונז אַלעמען, נור דורך דער אונשטערבליכער השגחה איז זיא יעצט מיינע. אָך, פאטער, איך האָב זיא אויסגעקליעבען ווען איך האָב דיין ערלויב-ניס ניט געקענט פערלאַנגען, מיינענדיג, אַז דו לעבסט ניט מעהר. זיא איז דיא טאָכטער פון דיעזען פּראָספּערא, וועלכער איז דער בעריהמטער פירסט פון מילאַן, פון וועלכען איך האָב אַזוי פיעל געהערט אָבער קיינמאָל ניט געזעהען ביז יעצט. דורך איהם האָב איך ערהאַלטען אַ נייעס לעבען; ער איז מיר געוואָרען אַ צווייטער פאַטער ווען ער האָט איינגעשטימט מיר צו געבען דיעזע געטטין, וויא דו רופסט זיא."

„דאַן מוז איך זיין איהר פאָטער," האָט דער קעניג געזאָגט. „אָך, אָבער וויא פרעמד מוז עס קלינגען ווען איך וועל מוזען בעטען פערצייהונג ביי מיין קינד."

„קיין וואָרט מעהר דאריבער," האָט פּראָספּערא זיך אַריינגעמישט. „לאָמיר מעהר ניט געדענקען אונזערע צרות פון דער פערגאַנגענהייט ווען אַלעס האָט זיך געענדיגט אַזוי גליקליך."

דאַן האָט פּראָספּערא אומאַרמט זיין ברודער און איהם נאָך אַ מאָל פערזיכערט, אַז ער איז איהם מוחל.

„דאָס אַלעס," האָט פּראָספּערא געזאָגט, „איז געוועזען דיא פיהרונג פון דער השגחה העליונה. איך זאָל פערטריעבען ווערען פון מיין פירסטענ-טהום, פערוואָרפען ווערען אויף דיעזער אינזעל מיט מיין טאָכטער, און

דאָ זאָל זיא בעגעגענען פערדינאַנד׳ן און עס זאָל בעשלאָסען ווערען זיי זאָלען זיין מאַן און ווייב.״

מיט דיעזע ווערטער וואָס פּראָספּערא האָט געזאָגט, מיינענדיג צו טרייסטען זיין ברודער, האָט עס אנטאָניא׳ן אַזוי געריהרט מיט שאַנדע און חרטה, אַז ער האָט אויסגעבראָכען אין אַ האַרצרייסענדעם געוויין. דער אַלטער גאָנזאַלאָ האָט געוויינט פאַר פרייד און געבענשט דיא צוויי יונגע לייט זיי זאָלען זיין גליקליך.

דאַן האָט זיי פּראָספּערא מיטגעטהיילט, אַז זייער שיף איז ניט צו־שמעטערט געוואָרען פון דעם שטורם, און אַז זיא געפינט זיך אין האַפען אין פאָלקאָמענער אָרדנונג צוזאַמען מיט דער גאַנצער מאַנשאַפט, און ער מיט זיין טאָכטער זיינען בערייט זיי צו בעגלייטען אויף׳ן צווייטען טאָג.

„פאָרלויפיג,״ האָט ער געזאָגט, „זייט איהר געוויס הונגריג. קומט אריין אין מיין העהל און לעהנט זיך אונטער אייערע הערצער. נאָך׳ן עסען, אבענד, וועל איך אייך דערצעהלען מיין גאַנצע לעבענס־געשיכטע זייט דער צייט וואָס איך האָב געלאַנדעט אויף דיעזער אינזעל.״

ער האָט דאַן געלאָזט רופען קאַליבאַנען, ער זאָל פאַרבערייטען עסען און גרייטען צו טיש.

דיא געסט זיינען געוועזען איבעררראשט ערבליקענדיג אַזאַ פערזעהעניש וויא קאַליבאַן איז געוועזן. פּראָספּערא האָט זיי דאַן ערקלערט, אַז דאָס איז געוועזען זיין איינציגער מענשליכער דיענער אויף דער אינזעל.

איידער פּראָספּערא איז אַוועק פון דער אינזעל, האָט ער בעפרייעט אריאל׳ן. דער גייסט האָט זיך זעהר געפרייט וואָס ער קריעגט וויעדער דיא פאָלקאָמענע פרייהייט צו וואַנדערן אונגעשטערט אין דער לופט וויא לאַנג ער וויל און וויפיעל ער פערלאַנגט.

„מיין גוטער אריאל,״ האָט פּראָספּערא צו איהם געזאָגט, „דוא וועסט מיר זעהר פיעל אויספעהלען, אָבער דיין פרייהייט זאָלסטו דאָך האָבען.״

„איך דאַנק דיר, מיין ליעבער מייסטער,״ האָט אריאל געענטפערט, „אָבער איך בעט דיך דוא זאָלסט מיר ערלויבען דיך אַריבער צו פיהרען איבער׳ן ים, און דאַן, וועל איך קענען זיין גלקיליך, ווּיסענדיג, אַז דוא ביסט צופריעדען.״

פּראָספּערא האָט בעגראַבען טיעף אין דער ערד זיינע כישוף ביכער און זיין צויבער שטעקען, ווייל ער האָט בעשלאָסען קיין מאָל מעהר ניט צו מאַכען געברויך דערפון.

דאן האָט אָנגעפאנגען זייער רייזע איבער א רוהיגען און גלאטען ים, און אזוי האָט דיא שיף מיט אַלע מענשען אויף איהר, גליקליך גע־גרייכט דעם האפען וואו מען האָט געפייערט מיט גרויס פּאראד דיא חתונה צווישען פערדינאנד'ן און מיראנדא'ן.

אַ ווינטערדיגע געשיכטע

# א ווינטערדיגע געשיכטע.

פיעלע מענער לעבען אָב מיט פרויען זייער וועלט, ליעבען דיעזע פרויען און זיינען קיין מאָל ניט אייפערזיכטיג אויף זיי, רעכענענדיג, אַז זייערע פרויען זיינען אַזוי ריין וויא דיא זונן. און גראדע מאַכט זיך עס, וואָס דאָס איז ניט דער פאל און דיא מענער זיינען אין טעות. אַנדערע מענער וויעדער, ווערען אייפערזיכטיג ביז צום וואַהנזינן, רואינירען זיך און זייערע פרויען, און דער סוף, אַז זיי האָבען קיין מאָל ניט געהאַט קיין אורזאכע דערצו.

איינער פון דיא לעצטע איז געווען לעאָנטעס, דער קעניג פון סיציליען. ער און זיין פרוי, דיא שעהנע און גראַטענע הערמיאָנע, האָבען אַ היבשע צייט געלעבט זעהר גוט צוזאַמען.

לעאנטעס איז געווען אַזוי גליקליך מיט זיין הערשאַפט בכלל און מיט זיין פרוי בפרט, אַז ער האָט קיין איינציגען וואונש געהאַט אין לעבען אויסער צו זעהען נאָך אַ מאָל זיין יוגענד-פריינד און שול-קאמעראד, פאליקסענעס, קעניג פון בעהמען.

דיעזע צוויי, לעאנטעס און פאליקסענעס, זיינען ווירקליך אויפגעצויגען געוואָרען צוזאמען און זיי זיינען געוועזן איינפאַך וויא ברידער. אָבער דער טויט פון זייערע פאטערס האָט זיי צוטהיילט און גערופען יעדען בעזונדער צו הערשען איבער דעם לאנד פון זיינע עלטערן. דאָס האָט פעראורזאכט וואָס זיי האָבען זיך פיעלע יאָהרען ניט געזעהען, אָבוואָהל זיי האָבען וועהרענד דער צייט זיך געשיקט בריעף, מתנות און אמבאסאַדאָרען.

לעאנטעס האָט אָנגעהויבען אַזוי פיעל צו בייגקען נאָך זיין יוגענד פריינד, דאָס ער האָט געשריעבען מעהרערע בריעף קיין בעהמען איינלאַדענדיג צו זיך אויף אַ בעזוך פאליקסענעס'ן.

פאלעקסענעס האט ענדליך איינגעשטימט און איז געקומען.

דער עמפפאנג איז געוועזן א הערצליכער און א פרייליכער. לעאנטעס האט גאר ניט געוואוסט וואס צו טהון מיט זיין פיעל געליעבטען פריינד. ער האט איהם נאטירליך פארגעשטעלט פאר זיין שעהנער קעניגין הער־מיאנע און איהם רעקאמענדירט, אלס דעם טהייערסטען פריינד אין זיין לעבען.

דיא צוויי פריינדע האבען זיך דאן אוועקגעזעטצט און אנגעהויבען צו רעדען פון זייער פערגאנגענהייט, פון זייער גליקליכער קינדהייט, און הערמיאנע, וועלכע האט דאס צוגעהערט, האט געהאט גרויס פערגניגען.

אזוי זיינען אריבער א פאאר וואכען און פאליקסענעס האט זיך אנ־געהויבען פארצובערייטען אין וועג אריין, צוריק אהיים. לעאנטעס האט זיך פון איהם ניט געקענט שיידען.

„בלייב נאך דא, פריינד," האט ער זיך געבעטען.

„אונמעגליך," האט פאליקסענעס געענטפערט, „דיא פליכטען פון מיין רעגיערונג רופען מיך צוריק."

ווען לעאנטעס האט געזעהען, אז ער קען גאר ניט פועל'ן האט ער אנגעשטעלט הערמיאנע'ן, זיא זאל בעטען פאליקסענעס'ן נאך צו בלייבען.

עס זיינען דא פיעלע פרויען וואס שטירצען זיך אליין אין אונגליק ניט וויסענדיג אפילו וויא זיי טהוען עס.

הערמיאנע'ס צערטליכע נאטור, איהר זיסע שפראך, האבען געווירקט אויף'ן פאליקסענעס'ן, וואס לעאנטעס האט ניט געקענט דורכפיהרען, האט הערמיאנע געווירקט און פאליקסענעס האט פערשפראכען צו בלייבען נאך עטליכע וואכען.

וויא לעאנטעס האט געהערט, אז הערמיאנע האט בעוואויגען פאליקסע־נעס'ן צו בלייבען, האט ער געשפירט גלייך וויא א ברענענדע שפיז וואלט דורכגעבויערט זיין ברוסט.

לעאנטעס האט אפילו גוט געקענט זיין פריינד אלס א בראווען און עהרליכען מענשען, ער האט געוואוסט אז זיין קעניגין איז איהם טריי, אבער דיעזער פאקט אליין, אז זיא האט גע'פועל'ט, וואס ער האט ניט געקענט, האט איהם געמאכט שרעקליך אייפערזיכטיג.

וואס מעהר הערמיאנע האט געשענקט אויפמערקזאמקייט איהר מאן'ס פריינד, וואס מעהר זיא האט געטהאן פאר פאליקסענעס'ן אום

איהר מאַן צופריעדען צו שטעלען, אַלץ אייפערזיכטיגער איז געוואָרען לעאָנטעס.

אָן אייפערזיכטיגער מאַן איז אַ פאַלקאָמענער ווילדער. ער איז ניט נאָר וויא אַ ווילדע און אויפגערעגטע חיה, זאָנדערן אויך וויא אַ ווילדער מיט זיינע אומגעלומפּערטע פאַנטאַזיען. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דאָס ערגסטע און דאָס געמיינסטע צווישען זיין בעסטען פריינד און זיין קעניגין.

איין מאָל, ווען דיא ווילדע משוגעת פון אייפערזוכט האָט איהם בעהערשט, האָט ער געשיקט רופען זיין יועץ קאַמילאָ און איהם בעאויפטראַגט צו פערגיפטען פאָליקסענעס'ן.

קאַמילאָ איז געווען אי אַ גוטער מענש, אי אַ קלוגער. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דעם קעניג'ס אייפערזוכט האָט קיין ממשות. אָבער ער האָט אויך פערשטאַנען, אַז עס איז גרינגער צו קעמפּפען מיט אַ טיגער וויא צו אַרגומענטירען מיט אַן אייפערזיכטיגען מאַן.

וואָס האָט ער געקענט טהון? דער קעניג האָט בעפוילען און מען מוז פאָלגען. דאָך האָט ער ניט געקענט פועל'ן ביי זיך צו מאָרדען אַן אונשולדיגען מענשען. אנשטאָט צו פערגיפטען פאָליקסענעס'ן, האָט ער איהם דערצעהלט איבער דעם אויפטראַג וואָס ער האָט געקראָגען פון לעאָנטעס'ן.

פאָליקסענעס האָט פערשטאַנען, אַז ער געפינט זיך אין אַ קריטישע לאַגע, און ער האָט געפרעגט קאַמילאָ'ן וואָס עס איז צו טהאָן. קאַמילאָ האָט איהם גערעאַטהען צו ענטלויפען און זיך אַליין אָנגעבאָטען איהם צו בעגלייטען. פאָליקסענעס האָט געפאָלגט, און מיט קאַמילאָ'ס הילף איז איהם געלונגען זיך צו ראַטעווען פון סיציליען און צוזאַמען זיינען זיי גליקליך אָנגעקומען קיין בעהמען. קאַמילאָ האָט שוין נאַטירליך ניט געקענט צוריק פאָהרען און ער איז פערבליעבען אין בעהמישען קעניג'ס הויף.

אָבער דאָס האָט ניט פערבעסערט דיא לאַגע אין לעאָנטעס'עס הויף, אין געגענטהייל, עס האָט נאָך פערערגערט. פאַר דעם אייפערזיכטיגען לעאָנטעס איז דאָס געווען דער בעסטער בעוויז פון הערמיאָנע'ס שולד.

לעאָנטעס, אין אַן אנפאַל פון שרעקליכער אויפרעגונג, איז ער אוועק אין דער קעניגין'ס צימער וואו ער האָט זיא געטראָפען מיט איהר קליינעם

זוהן, פּרינץ מאמיליוס. דאָס קינד וועלכער איז געוועזן זעהר אַ קלוגעס און שטאַרק געליעבט זיין מוטער, האָט נאָך וואָס אַנגעהויבען איהר צו דערצעהלען אַ קינדער־געשיכטע, וועלכע זיא האָט אימער ליעב געהאַט צו הערען פון זיין מויל. פּונקט דאַמאלס איז אַנגעקומען דער ווילדער קעניג, פון איהר אַוועקגעריסען דאָס קינד. און זיא אליין, אָהן אַ פערהער, האָט ער אַוועקגעשיקט אין געפענגניס.

דאָס אונגליקליכע קינד, וועלכער האָט כמעט פערגעטערט זיין מוטער, הערענדיג פון איהר אונגליק, האָט ער אַנגעהויבען צו וויינען. ער האָט געטרויערט ביי טאָג און ביי נאַכט, יעדעס מאָל שוואַכער און קראַנקער געוואָרען, פערלירענדיג דעם אפּעטיט און דעם שלאָף און עס האָט אויסגעזעהען, אז דער שמערץ וועט איהם געוויס טויטען.

ווען דער קעניג האָט אַוועקגעשיקט זיין קעניגין אין געפענגניס, האָט ער באַלד געלאָזט רופען דיא צוויי סיציליזשע עדעל־לייט קלעאָמאַנעס און דיאָן און זיי בעאויפטראַגט מיט אַ וויכטיגער שליחות. ער האָט זיי דערצעהלט אַלעס וואָס עס איז פּאַרגעקומען, נאָר אום צו זיין נאָך זיכערער, זאָלען זיי אַוועקפאָהרען קיין דעלפאָס, און דאָרט בעזוכען דעם טעמפּעל פון דעם גאָט אַפּאָללא, וואו עס האָט זיך געפונען אַן אָראַקעל (אורים ותומים,) און פרעגען ביי דיעזען אָראַקעל אויב זיין קעניגין איז איהם געוועזן טריי אָדער ניט.

דערווייל איז דיא אָרעמע הערמיאָנע געלעגען אין געפענגניס און דאָרט האָט זיא געבוירען אַ קינד, אַ מיידעל. דיעזעס קינד איז געוועזן איהר איינציגע טרייסט, און דאָס האַלטענדיג אויף דיא הענד, האָט זיא, מיט טרערען אין דיא אויגען געזאָגט: „מיין אָרעמע קליינע געפאַנגענע, איך בין אזוי אונשולדיג וויא דוא."

קעניגין הערמיאָנע האָט געהאַט אַ גוטע און געטרייע פריינדין; איינע פון יענע וואָס ענטלויפען ניט, ווען דעם פריינד טרעפט אַן אונגליק, דיעזע פריינדין איז געוועזן פּאולינא, דיא פרוי פון אנטיגאנוס, אַ סיציליזשער עדעלמאַן. ווען פּאולינא האָט געהערט, אַז דיא קעניגין האָט געבוירען אַ אַבגעהאַלטען אַ שעהנע פערטהיידיגונגס רעדע פאַר הערמיאָנע'ן, פּאַר־קינד, איז זיא אַוועק אין געפענגניס זיא בעזוכען.

דיא איינציגע בעדיענטע וואָס דיא קעניגין האָט געהאַט, איז געוועזן אַ געוויסע עמיליא. זיך ווענדענדיג צו עמיליא'ן האָט זיא געזאָגט:

„איךביט דיך, געה זאָג דער קעניגין, אויב זיא וויל און קען מיר

פּערטרייען, דאַן זאָל זיא מיר געבען דאָס קינד און איך וועל עס טראָגען צום קעניג, דעם פּאַטער. דאָס אונשולדיגע געזיכט פון אזא קליין קינד, קען ווייך מאַכען זיין הארץ."

„גוטע דאַמע," האָט עמיליא געענטפערט, „איך וועל מיטטהיילען דער קעניגין דיין עדעלען וואונש. זיא האָט טאַקי היינט זיך אויסגעדריקט, אז זיא וואָלט וועלען האָבען אַזאַ פריינד וואָס זאָל נעהמען דאָס קינד צום פאַטער."

„דאַן זאָג איהר," האָט פּאולינא ווייטער בעמערקט, „אז איך וועל זעהר פיעל וואגען צו רעדען מיט דעם קעניג אין איהר פערטהיידיגונג."

„זאָל דיך גאָט דערפאַר בענשען," האָט עמיליא געענטפערט. „פאַר דיין גוטסקייט צו אונזער אונגליקליכע קעניגין."

עמיליא איז אַוועק צו הערמיאָנע'ן און איהר מיטגעטהיילט פּאולינא'ס וואונש. הערמיאָנע האָט מיט פרייד דארויף איינגעשטימט און איבערגע־געבען פּאולינא'ן דאָס קינד.

די גוטע פּאולינא האָט גענומען די קליינע פּרינצעסין, און איז אַוועק צום קעניג. איהר מאַן האָט אפילו ניט געוואָלט זיא זאָל שטערען לעאָנטעס'ן, אָבער זיא האָט זיך מיט געוואַלט אריינגעדרונגען אין פּאַ־לאַץ און אַוועקגעלעגט דאָס קינד פאַר זיין פּאַטער'ס פיס. דאַן האָט זיא אָבגעהאַלטען אַ שעהנע פערטהיידיגונגס רעדע פאַר הערמיאָנע'ן, פאַר־וואָרפענדיג דעם קעניג, אז ער האָט ניט ריכטיג געהאַנדעלט, און דאַן איהם געבעטען ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיין אונשולדיגער קעניגין און אויף איהר קינד.

אָבער פּאולינא'ס ווערטער האָבען גראַדע געהאַט אַ געגען־ווירקונג. לעאָנטעס איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען, און בעפוילען איהר מאַן, אַנ־טיגאָנוס'ן, ער זאָל אַוועקנעהמען זיין פרוי פון דאָרט.

ווען פּאולינא איז אַוועק, איז דאָס קינד געבליעבען נעבען פּאַטער'ס פיס. פּאולינא האָט געמיינט, דאָס ווען ער וועט בלייבען אַליין, וועט ער בעטראַכטען דאָס אונשולדיגע געזיכט פון דעם קינד און חרטה האָבען אויף זיין רציחה.

נאָר פּאולינא האָט אויך אין דעם געהאַט אַ טעות. אזוי שנעל וויא זיא איז ארויס, האָט דער אכזר'דיגער פּאַטער בעאויפטראַגט אַנטיגאָנוס'ן ער זאָל צונעהמען דאָס קינד, עס אַוועקטראָגען ערגיץ־וואו צום ים און עס דאָרט איבערלאָזען עס זאָל שטאַרבען.

אַנטיגאָנוס איז אָבער ניט געווען וויא קאַמילאָ, וועלכער האָט זיך

ניט געאיילט צו פאָלגען זיין הערר'ס בעפעהל. ער האָט גענומען דאָס קינד, דערמיט ארויף אויף א שיף און בעאבזיכטיגט דאָס איבערצולאָזען ערגיץ־וואו אויף א וויסטען ברעג.

לעאָנטעס איז געווען ביי זיך פאָלקאָמען איבערצייגט, אַז הערמיאָנע איז שולדיג. ער האָט דערפאר אפילו ניט געוואָלט ווארטען ביז קלעאמאָנעס און דיאָן וועלען צוריק קעהרען פון אפאלא'ס טעמפעל אין דעלפאָס. דערפאר, נאָך איידער דיא קעניגין איז געזונד געוואָרען פון איהר קימפעט און פון דעם שמערץ וואָס מען האָט ביי איהר צוגענומען דאָס קינד, האָט ער בעפוילען מען זאָל זיא שטעלען פאר דעם אדעל פון לאנד אַלס איהרע ריכטער און זיא זאָל פּראָצעסירט ווערען פאר בעטריגען איהר מאַן.

בלאָס, קראנק, נאָהענט צום צוזאמענברעכען, איז ערשיענען הערמיאָנע, דיא אונגליקליכע קעניגין אַלס געפאנגענע פאר איהרע געוועזענע אונטערטהאנען און ערווארטעט צו עמפּפאנגען א שרעקליכען אורטהייל. פונקט דאמאָל זיינען ערשיענען אויך קלעאָמאָנעס און דיאָן און געבראכט דעם קעניג דעם ענטפער פון אָראקעל אוים דעלפּאָס. לעאָנטעס האָט געגעבען א בעפעהל מען זאָל אויפברעכען דעם זיעגעל פון דעם בריעף וואו דער אָראקעל־שפרוך איז געווען פערשריעבען און געהייסען מען זאָל אַלעם פאָרלעזען הויך, יעדער זאָל הערען.

און אין דעם שפרוך פון דעם אָראקעל, זיינען געווען פאָלגענדע ווערטער: —

„הערמיאָנע איז אונשולדיג. פאָליקסענעס איז אונשולדיג. קאמילאָ
„איז א געטרייער פריינד. לעאָנטעס איז אַן אייפערזיכטיגער טיראַן, און
„דער קעניג זאָל לעבען אָהן א יורש, ביז דאָס פערלוירענע וועט געפונען
„ווערען."

אַלע אנוועזענדע האָבען אויפגעהויבען זייערע אויגען צום קעניג, נאָר קיינער האָט ניט געוואגט צו רעדען א וואָרט.

דאַן איז דער קעניג אויפגעשטאנען, און שטארק אויפגערעגט, האָט ער ערקלערט, אַז ער גלויבט ניט וואָס דער אָראקעל זאָגט; אַז אַלעס איז ליעגען און בעטרוג, אָנגעשטעלט און געפעלשט פון דער קעניגין'ס פריינד, און ער וויל, אָדער ער בעפעהלט, אַז דער פּאָרזיטצענדער ריכטער זאָל פאָרטזעטצען דעם פּראָצעס געגען דער קעניגין.

וועהרענד דער קעניג האָט גערעדט. איז אריינגעקומען א מאַן. נאָכדעם וויא דער קעניג האָט געענדיגט, האָט דער מאַן, אין א טרויעריגען

טאָן איבערגעגעבען דעם בעריכט, אַז דער קליינער פּרינץ מאַמיליוס, העדרענדיג, אַז זיין מוטער ווערט פּראָצעסירט פאר איהר לעבען, איז ער אומגעפאַלען, און פאר שאַנדע און שמערץ, איז ער געשטאָרבען.

ווען הערמיאָנע האָט געהערט וואָס עס האָט פּאסירט מיט איהר ליעבעם קינד, איז זיא אומגעפאַלען מיט אַ פערצווייפעלטען געשריי, און געחלש'ט.

דער אויפרוהר אין פּאַלאַץ איז געווען זעהר גרויס. יעדער האָט געשפּירט, אַז לעאָנטעס איז געווען דער מערדער פון דעם גוטען אָבער אונשולדיגען קינד, און אַלע האָבען אויך געגלויבט, אַז הערמיאָנע איז אונשולדיג.

לעאָנטעס אַליין, צום ערשטען מאָל זייט דיא אייפערזוכט האָט איהם אָנגעצונדען, האָט געפיהלט, אַז ער האַנדעלט ניט ריכטיג. ער האָט אַ קוק געגעבען אויף זיין אונגליקליכער קעניגין, ליעגענדיג אויף דער ערד בלאַס וויא אַ טויטע, און ער איז געריהרט געוואָרען. ער האָט דאַן שנעל צוגערופען פּאולינאַ'ן און דיא אנדערע הויף־דאַמען און בעפוילען מען זאָל אַרויסטראָגען דיא קעניגין און זיא דערמינטערן. זיין וואונש איז באַלד ערפילט געוואָרען, דאָס הייסט, מען האָט דיא קעניגין אַרויסגעטראַגען. עס האָט אָבער ניט פיעל געדויערט און פּאולינאַ האָט צוריק געקעהרט מיטטהיילענדיג דעם קעניג, אַז זיין פרוי הערמיאָנע איז טויט.

יעצט איז געקומען דיא צייט פון חרטה. פאַר דעם אייפערזיכטיגען קעניג האָט אויפגעבליטצט דאָס גאַנצע שרעקליכע בילד פון זיין אונבעגרינדעטען פערדאַכט און ער האָט אָנגעהויבען איינצוזעהען, אַז ער האָט געהאַנדעלט וויא אַן אמת'ער טיראַן. ער האָט געפיהלט, אַז ער איז געווען הערמיאָנע'ס מערדער, און דיעזעלבע הערמיאָנע, וועלכע ער האָט אַ מאָל אַזוי שטאַרק געליעבט, איז אונשולדיג. דאַן האָבען געקלונגען אין זיינע אויערן דיא ווערטער פון דעם אָראַקעל „ביז דאָס פערלוירענע וועט געפונען ווערען,“ און ער האָט זיך אויך דערמאַהנט אָן זיין ניי־געבוירענעם קינד וואָס ער האָט פון זיך פערשטויסען.

לעאָנטעס האָט געזעהען, אַז ער האָט געטויטעט זיין זוהן, זיין פרוי און פיעללייכט אויך זיין קליינע טאָכטער. יעדענפאַלס ווייסט ער ניט וואו דיא לעצטע איז.

פּונקט וויא פריהער דיא אייפערזוכט, אַזוי איז יעצט אַרויס דיא חרטה אין זיין האַרץ, נשמה און אַלע געפיהלען. דיא חרטה האָט זיך איינגע־

פרעסען טיעף אין איהם, בערויבט זיין רוה און זיין גליק און פון איהם געמאכט א שברי־כלי, א טרויעריגען און אונגליקליכען מענשען.

וואכען, מאנאטען און יאהרען זיינען אזוי אוועק, און יעדעס מאל — אלץ אונגליקליכער.

יעצט וועלען מיר צוריק קעהרען און זעהען וואס עס איז געווארען פון דער קליינער פרינצעסין. דיא שיף אין וועלכער אנטיגאנוס איז מיט איהר אוועק אויף'ן ים, איז געכאפט געווארען פון א וויטהענדען שטורעם און פערווארפען אין א האפען פון בעהמען, אין דעמזעלבען קעניגרייך וואו דער אומזיסט־בעליידיגטער קעניג פאליקסענעס האט זיך געפונען. אנטיגאנוס האט געלאנדעט און דארט איבערגעלאזט דאס קליינע קינד.

אבער אנטיגאנוס האט מעהר שוין ניט צוריק געקעהרט קיין סיציליען אום צו דערצעהלען לעאנטעס'ן וואס עס איז געווארען פון זיין טאכטער. דיא אורזאכע דערפון איז געוועזן פאלגענדע: אזוי וויא אנטיגאנוס האט געוואלט צוריק קעהרען צו דער שיף אין האפען, איז ארויס א בער פון וואלד און איהם צוריסען אויף שטיקער. דאס איז געוועזן א גערעכטע שטראף פאר א מענשען וואס פאלגט בעפעהלע פון שלעכטע און בייזע הערשער.

דאס קינד איז געוועזן אנגעטהאן אין טהייערע קליידער און אויף זיך געטראגען קאסטבארע בריליאנטען; ווייל הערמיאנע, איידער זיא האט עס געשיקט צו איהר מאן, האט זיא עס פיין אויסגעציערט. אנטיגאנוס וויעדער האט דאס קינד ניט געטשעפעט. ער האט עס געלאזט וויא עס איז געוועזן פון דער מוטער, און נאך צוגעקלעפט א צעטעל דערצו מיט דעם ווארט „פערדיטא", אלס נאמען פון דעם קינד. „פערדיטא" הייסט פערלוירענע, אבער ווער און וואס דאס קינד איז, האט דאס צעטעל ניט דערצעהלט.

א פאסטוך וואס איז דארט גראדע פארבייגעגאנגען, האט דערזעהען דאס ארעמע און פערלאזענע קינד און עס אויפגעהויבען. דער פאסטוך איז געוועזן אן עדעלער און גוטער מענש. ער האט דאס קינד געבראכט צו זיין פרוי און דיעזע האט זיך אנגענומען צו זיין דעם קינד'ס מוטער.

ווען דער פאסטוך מיט זיין פרוי האבען ארונטערגענומען דיא קליידער פון דעם קינד, אום דאס ארומצו־וואשען האבען זיי בעמערקט דאס גרויסע רייכטהום. זיי האבען אלזא בעשלאסען קיינעם ניט צו דערצעהלען, אז זיי האבען געפונען דאס קינד. זיי זיינען נאכהער אוועק אין אן אנדערן טהייל פון דעם לאנד, וואו דער פאסטוך האט פערקויפט א טהייל פון דיא

בריליאַנטען, פאַר דעם געלד זיך איינגעקויפט שאָף און רינדער און איז ד׳ערפון רייך געוואָרען.

דאָס קינד האָט ער גערופען מיט דעם נאָמען פּערדיטא, וויא דאָס צעטעל האָט געזאָגט, און ער האָט זיא ערצויגען אַלס זיין אייגענע. ווען פּערדיטא איז אויפגעוואקסען, האָט זיא זיך גערעכענט אַלס דעם פּאַס־טוך׳ס טאָכטער.

יאָהרען זיינען אַוועק און פון דער קליינער פּערדיטא איז געוואָרען אַ פּרעכטיגעס און שעהנעס מיידעל. כאָטש זיא האָט ניט געקענט האָבען קיין בעסערע ערציהונג וויא דיזע פון אַ פּאַסטוך׳ס טאָכטער, פון דעסט־וועגען איז זיא אויסגעוואקסען מיט אַ מין נאַטירליכער עדעלקייט און פיינקייט, וואָס איז געווען אַ ירושה פון איהר גוטער מוטער. דער אמת איז, אַז אָבוואָהל ערצויגען ביי אַ פּאַסטוך, האָט זיא זיך ניט בעדאַרפט שעהמען געגען אירגענד אַ דאַמע אין איהר פאַטער׳ס קעניגלי־כען הויף.

און דאָס שיקזאל האָט געפיהרט צו מערקווירדיגע זאכען. קעניג פּאָ־ליקסענעס האָט געהאַט אַן איינציגען זוהן מיט דעם נאָמען פלאָריזעל. איין מאָל איז דער יונגער פּרינץ אַרויסגעגאַנגען אויף דער יאַגד און דער וועג האָט איהם פאַרבייגעפיהרט נעבען דעם פּאַסטוך׳ס הויז, דאָרט האָט ער, דורך אַ צופאַל, דערזעהען פּערדיטאַ׳ן. איהר מערקווירדיגע שעהנ־קייט, גרויסאַרטיגע בענעהמונג און נאַטירליכע ליעבליכקייט, האָט איהם וויא בעצויבערט. עס האָט ניט פיעל געדויערט און ער האָט זיך פערליעבט אין איהר.

אָבער פּערדיטא האָט איהם ניט גערעכענט פאַר קיין פּרינץ. ער האָט זיך פאַר איהר פאָרגעשטעלט אונטער דעם איינפאַכען נאָמען, דאָריקלעס, און איהר דערצעהלט, אַז ער איז אַ יונגערמאַן פון רייכע אָבער גע־וועהנליכע עלטערן. אַלס אַזעלכער האָט ער אָפט בעזוכט דעם פּאַס־טוך׳ס הויז.

ווען מען פערליעבט זיך אין אַ שעהנעס און ליעבענסווירדיגעס מיידעל, פערגעסט מען אַן דער גאַנצער וועלט און איהר געזעלשאַפט איז דאָס איינ־ציגע וואָס מען זוכט. פלאָריזעל האָט דערפאַר אָפט פערגעסען, אַז ער איז אַ פּרינץ, אַז ער מוז זיין אין זיין פאַטער׳ס קעניגליכען הויף, און ער איז פערבליעבען נעבען זיין געליעבטע פּערדיטא.

קעניג פּאָליקסענעס האָט בעמערקט, אַז זיין זוהן פעהלט צו פיעל

אוים פון דער היים און דאס האט איהם שטארק בעאונרוהיגט. ער האט דערפאר אויפגעשטעלט זיינע שפיאנען זיי זאלען זעהען וואוהין ער געהט און וואו ער פערברענגט. זיי האבען אויסגעפונען דעם סוד, אז ער ליעבט דעם פאסטוך'ס טאכטער.

פילאקסענעס איז געווען א גוטער פאטער; ער האט אויך געוואלט, אז זיין קינד זאל גליקליך זיין, אבער קעניגליכער יחוס שטעהט העכער וויא אלעס און דאס האט איהם שטארק אויפגערעגט. סטייטש, זיין זוהן זאל זיך פערליעבען אין א פאסטוך'ס טאכטער! יעדענפאלס האט ער ניט גע־וואלט מאכען קיין איינציגען שריט פריהער ביז ער וועט זיך איבערצייגען, אז זיין זוהן האט זיך ווירקליך פערליעבט אין א פאסטוך'ס טאכטער. ער האט דערפאר געלאזט רופען זיין גוטען און געטרייען פריינד קאמילא, וועל־כער האט א מאל געראטעוועט זיין לעבען, און איהם געבעטען ער זאל מיט איהם מיטגעהען זעהען ווער דיעזע איז אין וועלכער זיין זוהן דער פרינץ, האט זיך געקענט פערליעבען.

דער קעניג און זיין פריינד האבען זיך פערשטעלט און אוועק צום פאכטוך. עס איז דאמאלס פונקט געוועזן דיא צייט ווען מען שערט דיא שאף און עס איז א יום־טוב. ווען דער פאסטוך האט זיי דערזעהען, אבוואהל ער האט זיי ניט געקענט און איז געווען שטארק בעשעפטיגט, האט ער זיי באלד איינגעלאדען אין זיין הויז אום אנטהייל צו נעהמען מיט דער פא־מיליע ביים עסען און טרינקען.

און דער נאטור־מענש מיט אלע ארום איהם האבען זיך געפרייט און זיך אמוזירט אויף'ן העכסטען אופן. נאך'ן עסען, האבען יונגע לייט און יונגע מיידלעך, זיהן און טעכטער פון דיא שכנים געטאנצט פארגניגט אויף'ן גראז און יעדער איז געוועזן גליקליך.

בשעת דאס אלעס איז פארגעקומען, איז פלאריזעל און פערדיטא, גע־זעסען ערגיץ אין א ווינקעל און הנאה געהאט פון זיך אליין, רעדענדיג וועגען זייער ליעבע און גליקליכע צוקונפט. אזוי זיינען געליעבטע, זיי אמור־זירט קיין זאך מעהר וויא זייער אייגענע געזעלשאפט.

דער קעניג און קאמילא זיינען געוועזן אזוי גוט פערשטעלט, אז קיינער האט ניט געוואוסט ווער זיי זיינען. פילאקסענעס איז דערפאר צוגעגאנ־גען נעהענטער אום צו הערען וואס דיא צוויי יונגע מענשען רעדען מיט אנאנדער.

פילאקסענעס איז געווען איבעראשט הערענדיג וויא שעהן, וויא אנ־

געגעהם און וויא עדעל דעם פאסטוך'ס טאָכטער האָט געֿרעדט מיט זיין זוהן. ער האָט דאן בעמערקט צו זיין בעגלייטער:

„דאָס מיידעל איז דאָס שעהנסטע פאָלקס־קינד וואָס איך האָב נאָך ביז יעצט געזעהען. אַלעס וואָס זיא טהוט און זאָגט פעררראַטה ניט איהר ניעדריגע געבורט. פערקעהרט, מען קען זיא רעכענען פאַר פיעל העכער."

„יאָ," האָט קאַמילאָ געענטפערט לאַכענדיג, „זיא איז דיא קעניגין פון פוטער און מילך."

דער קעניג האָט זיך דאן געווענדעט צום פאסטוך און געזאָגט:

„הער נאָר אויס, מיין גוטער פריינד. ווער איז דאָס דער שעהנער יונגער בחור וואָס רעדט צו דיין טאָכטער?"

„מען רופט איהם דאָריקלעס," האָט דער פאסטוך געענטפערט. „ער זאָגט, אַז ער ליעבט מיין טאָכטער. דער אמת איז, אַז איך קען ניט זאָגען ווער עס ליעבט וועמען אם בעסטען. ווען דער יונגער מאַן וועט זיא קענען קריעגען וועט זיא איהם מיטברענגען עפּעס, פון וועלכען ער האָט קיין מאָל ניט גע'חלום'ט."

דער פאסטוך האָט דערמיט געמיינט דיא ברילאַנטען וואָס ער האָט בעשטימט פאַר פערדיטאַ'ס נדן. מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז ער האָט בלויז געריהרט אַ קליינעם טהייל אום זיך איינצושאַפען אַ סטאַדע, און דאָס איבריגע וואָס איז געבליעבען, האָט ווירקליך ווערטה געהאַט אַ פערמעגען.

„הער נאָר אויס, יונגער מענש," האָט פּילאַקסענעס געזאָגט צו זיין זוהן. „דיין הארץ זעהט אויס אָנגעפילט מיט עפּעס וואָס נעהמט דיך אוועק אין גאַנצען פון דער שמחה וואָס געהט דאָ פאָר. ווען איך בין גע־ווען יונג און געליעבט, האָב איך מיין געליעבטע פערשאָטען מיט שעהנע מתנות. דו וויעדער האָסט פערגעסען אָן אַלעמען, דען דאָ איז נאָר וואָס געוועזן אַ פעדלער מיט שעהנע צאַצקעס און דו האָסט איהם געלאָזט אוועק־געהען און גאָר ניט געקויפט."

דער פּרינץ, ניט וויסענדיג, אַז דאָס רעדט צו איהם זיין פאטער, האָט געענטפערט:

„אַלטער הערר, זיא אינטערעסירט זיך ניט מיט קלייניגקייטען און נאַררישקייטען. דיא מתנות וואָס פערדיטאַ ערוואַרטעט פון מיר ליעגען דאָ, אָבגעשלאָסען אין מיין האַרצען."

דאן האָט דער פּרינץ געזאָגט צו פערדיטאַ'ן:

„הער, פערדיטא, אין דער געגענוואַרט פון דיעזען אַלטען הערר, וועל־כער זעהט אויס, אַז ער האָט אַ מאָל אויך געליעבט, וויל איך דוא זאָלסט אויסהערען וואָס איך זאָג דיר. איך ליעב דיך מיט דער גאַנצער קראַפט פון מיין נשמה, און דיעזע ווערטער זאָלען זיין צווישען אונז ביידע אַ קאָנטראַקט אונז צו פערייניגען אויף אייביג.“

וויטער האָט שוין פּילאַקסענעס דאָס ניט געקענט לאָזען געהען. זיך ענטדעקענדיג ווער ער איז, האָט ער אויסגעשריען :

„און איך צורייס דיעזע פעראייניגונג !“

נאָך דיעזע ווערטער, האָט דער קעניג געמאַכט זיין זוהן ביטערע פאָר־ווירפע וואָרום ער האָט געוואגט צו פערקערען מיט אַ מיידעל פון ניעדריגער געבורט. ער האָט איהם געזידעלט און זיא בעליידיגט.

„און ווען דוא, ניעדריגע !“ האָט ער געדונערט צו פערדיטא'ן, „וועסט דיך ניט צוריק ציהען פון איהם, וועל איך לאָזען דיין פאטער און דיך, אייך ביידע צוזאמען, אויפהיינגען וויא דיא הינט !“

ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט זיין זידלעריי, האָט ער, אין גרוי־סער אויפרעגונג, געהייסען קאמילא'ן, ער זאָל איהם נאכפאָלגען צוזאמען מיט פּרינץ פלאָריזעל.

ווען פּילאַקסענעס איז אוועק, איז פערדיטא צוגעקומען צו דיא איבריגע מענשען. שטאָלץ און ניט דערשראָקען, מיט אַ פעסטער שטימע, האָט זיא געזאָגט :

„כאָטש דאָס וואָלט אונז אַלע געקענט אונגליקליך מאכען, האָט דאָס מיר אַלץ ניט אָבגעשראָקען. איך האָב שוין געהאַלטען דערביי איהם צו זאָגען, אַז דיעזעלבע זונן וואָס שיינט אויף אַ פּאַלאַץ שיינט אויך אויף אַ קליין ארעם שטיבעל. אָבער איך האָב מיר גערעכענט, אַז דאָס לוינט זיך ניט. עם פרייט מיך וואָס דאָס האָט פּאַסירט. בעסער אַזוי. דער חלום איז פאַריבער. אויס געליעבטע, אויס קעניגין ! יעצט וועל איך געהען מעלקען דיא קיה, דיא שאָף און — וויינען.“

קאמילא האָט זיך געמאַכט אַ גאַנץ אַנדערן בעגריף פון דעם וואָס ער האָט ערפאהרען, פאַר אַלעמען איז איהם דאָס שעהנע און שטאָלצע מיידעל גאַנץ גוט געפעלען געוואָרען, און דאַן האָט ער פערשטאַנען, אַז דער יונגער פּרינץ איז שוין צו פיעל פערליעבט אין איהר און ווען ער וועט מיט איהר ניט חתונה האָבען, וועט זיך ניט אויסלאָזען גוט. ער האָט דערפאַר אָנ־

געהויבען צו קלערען מיטלען וויא אזוי ער זאָל דאָך פעראייניגען דיעזען אונ־גלייכען שידוך.

קאמילא האט ערפאהרען דורך זיינע פריינד אין דער היים, אַז קעניג לעאנטעס האָט שוין לאנג חרטה געהאַט אויף זיין איבעראיילטער אייפער־זוכט, און כאָטש קאמילא איז געווען דער גוטער פריינד און יועץ פון קעניג פילאקסענעס, האָט ער פון דעסטוועגען זיך געוואונשען נאָך צוריק צו קעה־רען אהיים און זיין אויף זיין אלטער שטעללע.

אין הויף פון פילאקסענעס האָבען זיך דערווייל אָנגעהויבען אינטרי־גען און סקאנדאלען איבער דער ליעבע פון פרינץ פלאָריזעל. קאמילא האָט זיך אין א טאָג מיישב געווען און געמאַכט פלאריזעל'ן אַ פאָרשלאג, אַז ער זאָל נעהמען פערדיטא'ן און צוזאמען מיט איהם, זאָלען זיי אַלע אַוועק־פאָהרען נאָך סיציליען און ער וועט פועל'ן, ערשטענס, אַז קעניג לעאנטעס זאָל זיי בעשיטצען, און דאַן זאָל ער אויסווירקען, אַז פילאָקסענעס זאָל איינשטימען, אַז דיא יונגע מענשען זאָלען חתונה האָבען.

דיא יונגע געליעבטע האָבען גלייך איינגעשטימט צו דיעזען פאָרשלאג. קאמילא, וועלכער האָט געפלאנט דיא גאנצע געשיכטע, האָט אויך מיט זיי מיטגעשיקט דעם אַלטען פאַסטוך.

דער פאסטוך האָט מיטגענומען פערדיטא'ס בריליאנטען, איהרע קלייד־לעך וואָס זיא האָט געטראָגען אַלס קינד, און אויך דאָס צעטעל וואָס איז געווען צוגעקלעפט צו איהרע מלבושים ווען ער האָט זיא געפונען.

עס איז געווען א געוואגטער שריט, אָבער דיא ליעבע וואגט און שטעלט איין אַלעס. עס איז דיא יונגע מענשען, צוזאַמען מיט דעם פאַסטוך, ענדליך געלונגען אָנצוקומען נאָך סיציליען און זיי זיינען אַריין אין הויף פון קעניג לעאנטעס.

קעניג לעאנטעס, וועלכער האָט נאָך אימער געקלאגט אויף הערמיאָנע'ן און אויף זיין פערלוירענעם קינד, האָט זעהר פריינדליך עמפפאנגען קא־מילא'ן און אויך העפליך אויפגענומען פרינץ פלאריזעל. אָבער פערדיטא, וועלכע פלאריזעל האָט פאָרגעשטעלט אַלס זיין פרינצעסין, האָט אויסגע־זעהען צו אינטערעסירען דעם קעניג מעהר וויא אלעס.

דיא אורזאכע דערפון איז געווען פאָלגענדע: אזוי וויא ער האָט דערזעהען פערדיטא'ן, האָט זיך איהם באַלד געוואָרפען אין דיא אויגען אַן עהנליכקייט — אַן עהנליכקייט צו זיין געליעבטע, פעראונגליקטע און בע־טרויערטע הערמיאָנע. און אזוי וויא ער האָט זיך גוט איינגעקוקט צו דער

עהנליכקייט, האָט איהם זיין הארץ אָנגעהויבען צו קלאַפּען און דער שמערץ איז אָבגעפרישט געוואָרען פון דאָס ניי.

„אַך,“ האָט ער זיך געטראַכט, „אַט אזא שעהנעס און ליעבענסווירדי־געס מיידעל האָב איך שוין יעצט געקענט האָבען אַלס מיין אייגענע טאָכ־טער, אָבער דורך מיין ווילדער אייפערזוכט, האָב איך אַלעס פערלוירען.“

דאן, זיך ווענדענדיג צו פלאריזעל, האָט ער געזאָגט:

„מיין ווערטהער יונגער פריינד! וואָס קען איך טהון פאר דיר? איך אַליין בין געבראָכען אין גייסט און מוטה, דיין פאטער׳ס פריינדשאַפט האָב איך פערלוירען, וואָס בין איך אימשטאַנדע צו טהון אום דיך גליקליך צו מאַכען?“

ווען דער אַלטער פּאסטוך האָט געהערט וויא לעאָנטעס האָט זיך אינ־טערעסירט מיט פּערדיטאַ׳ן, און אז ער האָט אויך פערלוירען אַ טאָכטער ווען זיא איז געוועזן אַ קליין קינד, האָט ער אָנגעהויבען אויסצורעכנען ווען און צו וואָס פאר אַ צייט דאָס האָט פּאסירט. דאן האָט ער זיך דער־מאהנט אן דיא רייכע קליידלעך, אן דער ציערונג, און ער איז געקומען צום בעשלוס, אז עס קען אנדערש ניט זיין, אז פּערדיטאַ איז דעם קעניג׳ס פערלוירענע טאָכטער.

אין אַ קורצע צייט אַרום, ווען פלאריזעל מיט פּערדיטאַ׳ן און קאמילא מיט דער אַלטער קעניגין׳ס פריינדין פאולינא, זיינען געוועזן צוזאַמען מיט׳ן קעניג, האָט דער פּאסטוך געבעטען אום ערלויבניס עפּעס צו דערצעהלען. דער קעניג האָט איהם ערלויבט

דער פּאסטוך האָט אָנגעפאנגען דיא געשיכטע וויא אזוי ער האָט געפונ־נען דאָס קינד, און דערביי דערצעהלט, אז ער האָט געזעהען אַ מאַן (אנ־טיגאָנוס׳ן) ענטלויפען און ער האָט געאורטהיילט, אז דיעזער האָט איבער־געלאָזט דאָס קינד, אין דערזעלבער צייט אָבער, האָט ער אויך מיטגע־טהיילט, דאָס פון וויטען האָט ער צוגעזעהען וויא אַ בער האָט צוריסען דעם מאַן אויף שטיקער.

אום צו בעשטעטיגען זיינע ווערטער, האָט ער ארויסגענומען דעם שעהנעם מאַנטעל אין וועלכען הערמיאָנע האָט איינגעוויקעלט פּערדיטאַ׳ן. פאולינא האָט גלייך דערקענט דעם מאַנטעל. נאָכדעם האָט ער ארויסגע־נומען דיא איבערגעבליעבענע ציערונג וואָס הערמיאָנע האָט ארויפגעלעגט אויף׳ן קינד און דעם צעטעל, אויף וועלכען פאולינא האָט אין אויגענבליק דערקענט איהר מאַן׳ס האַנדשריפט.

לעאָנטעס איז געווען וויא צוטומעלט, בערוישט, און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען.

דיא גוטע פּאולינא, איז געווען צווישען טרויער איבער איהר מאַן'ס טויט און צווישען פריידי וואָס דער אָראַקעל פון דעלפאָס איז ענדליך מקוים געוואָרען, אַז דעם קעניג'ס לאַנג פערלוירענע טאָכטער וועט געפונען ווערען און איז אויך געפונען געוואָרן.

דאַן האָט דער קעניג אָנגעהויבען זיך אַ ביסעל צו בערוהיגען, איבער־לעגען און פערשטעהען, אַז פּערדידאַ איז ווירקליך זיין קינד. ער האָט זיך געוואָלט פרייען, נאָר אויף זיינע געדאַנקען איז וויעדער געקומען דיא שרעק־ליכע עראינערונג פון הערמיאָנע'ס טרויעריגען טויט, און, אויסברעכענ־דיג אין טרעהרען, האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמעלט צו פּערדאַטאַ'ן דיא ווערטער:

„אָך, דיין מוטער, דיין מוטער!"

פּאולינא האָט אונטערבראָכען דיעזע פרעהליך־טרויעריגע סצענע, ווען זיא האָט זיך געווענדעט צו לעאָנטעס'ן און אַזוי געזאָגט:

„מאַיעסטעט, איך האָב אַ סטאַטוע, וועלכער דער גרויסער איטאַליע־נישער מייסטער זשוליא ראָמאַנאָ, האָט נאָר וואָס פאַרטיג געמאַכט. דיעזע סטאַטוע טראָגט דיא מערקווירדיגע עהנליכקייט צו דער קעניגין. ווען אייער מאַיעסטעט וויל, וועט איהר מיטגעהען מיט מיר אין מיין הויז און דאָרט וועט איהר זעהען עפּעס וואָס וועט אייך טרייסטען אויף אייער גרויסען פערלוסט."

דער קעניג איז געווען איבעראַשט. ער האָט ניט גענוי פערשטאַנען וואָס מען רעדט צו איהם, אָבער ער איז געווען בערייט צו געהען וואוהין מען וועט איהם פיהרען און טהון וואָס מען וועט איהם הייסען, אבי ער זאָל געפינען אַ ביסעל טרייסט.

זיי זיינען אַוועק. דער קעניג האָט געוואָלט זעהען סאַי־וואָס, אבי ער זאָל זיך עראינערן אָן זיין הערמיאָנע, און פּערדיטאַ איז געווען נייגיעריג צו זעהען אַ בילד פון איהר מוטער.

אַריינקומענדיג אין אַ גרויסען זאַל, האָט פּאולינא אויפגעהויבען אַ פּאָרהאַנג און פאַר זיי איז ערשיענען אַ וואונדערבאַרע סטאַטוע, וועלכע איז געווען אַזוי עהנליך צו הערמיאָנע'ן, דאָס דעם קעניג'ס גאַנצע שמער־צען האָבען ערוואַכט, און אַ לאַנגע צייט איז ער געשטאַנען וויא פּאַראַ־ליזירט, ניט קענענדיג רעדען אַ וואָרט פאַר שמערץ און ערשטוינען.

„מיר געפעלט אייער שוויינען, מאַיעסטעט.“ האָט פּאולינא געזאָגט. „עס דערצעהלט אייער אויפריכטיגע חרטה, איז דיא סטאַטוע ניט עהנליך צו דער קעניגין ?“

„יא, אַזוי פלעגט זיא שטעהען, אַזוי הערליך, אַזוי פּרעכטיג, און זאָגאר אין דיעזער פּאָזיציע האָב איך מיך צום ערשטען מאָל צו איהר ער־קלערט אין ליעבע. אָבער דאָך, פּאולינא, זאָג מיר, דאַמאלס, ווען איך האָב פערלוירען מיין הערמיאָנע׳ן, איז זיא נאָך געווען יונג, און יעצט, זעה, איז זיא געעלטערט.“

„דאָס איז דעם סקולפּטאָר׳ס קונסט,“ האָט פּאולינא געענטפער. „ער האָט געמאַכט, אַז פּאולינא זאָל אויסזעהען וויא זיא האָט געקענט זיין יעצט, ניט וויא אַ מאָל. אָבער, מאַיעסטעט, לאָזט מיך צוריק אַרונטער־לאָזען דעם פּאָרהאַנג, זאָנסט, אין אייער אויפרעגונג, ווערט זיך אייך אויסדאַכטען, אַז דיא סטאַטוע בעוועגט זיך.“

„ניין, ניין,“ האָט דער קעניג זיך געבעטען. „לאָז ניט צוריק אַרונ־טער דעם פּאָרהאַנג. הלוואי וואָלט איך געווען טויט איידער צו דערלעבען אַזאַ צייט. גוטער קאמילא, זאָג מיר, זעהט עס ניט אויס גלייך וויא זיא אָטהעמט ? איהרע אויגען זעהען אויס אין זיך צו האָבען בעוועגונג.“

„ענטשולדיגט, מאַיעסטעט,“ האָט פּאולינא געזאָגט אַ ביסעל שטרענג. „איך מוז אַרונטערלאָזען דעם פּאָרהאַנג. איהר זייט אַזוי אויפגערעגט, אַז איהר ווערט באַלד זאָגען, דאָס דיא סטאַטוע לעבט.“

„אָך, גוטע פּאולינא,“ האָט דער קעניג געמורמעלט מאַכטלאָז. „זאָל איך דענקען וואָס עס וויל זיך, זעה, זעה, מיר דאַכט פּאָרט, אַז איך שפּיר, דאָס אין דער סטאַטוע איז לעבען. וואָס איז דאָס פיר אַ קינסט־לער, ווען ער האָט געקענט אַזוי נאָכאַהמען דער נאַטור ? זאָל קיין מענש פון מיר חוזק מאַכען, איך מוז זיא קושען !“

„גוט, מאַיעסטעט,“ האָט פּאולינא געזאָגט, „טהוט וואָס איהר ווילט. דיא פּאַרב אויף איהרע ליפּען איז נאָך נאַס ; איהר ווערט זיך אויסשמירען דערמיט דיא ליפּען. לאָזט מיך צוריק אַרונטערלאָזען דעם פּאָר־האַנג.“

„ניין, ניין, טהו עס ניט !“ האָט דער קעניג געשריען ציטע־רענדיג.

פּערדיטא, וועלכע איז דיא גאַנצע צייט געשטאַנען קניענדיג און

בליקענדיג מיט בעוואונדערונג אויף איהר שעהנער מוטער, האט אויך גע־זאגט:

„שטערט אונז ניט אונזער טרייסט און פערגניגען. לאזט מיך ווייטער קוקען אויף מיין גוטער מוטער.“

„ענטוועדער איהר לאזט מיך ארונטערלאזען דעם פארהאנג,“ האט פאולינא געזאגט, אדער איהר וועט זיך פארבערייטען אויף א גרויסער איבערראשונג. יא, איך קען מאכען דיא סטאטוע זאל זיך בעוועגען. נאך מעהר, זיא זאל ארונטערשטייגען פון דעם פעדעסטאל און אייך אננעהמען ביי דיא הענד. אבער דאן וועט איהר מיינען, אז איך בין א מכשפה, און איך פערזיכער אייך, אז איך בין עס ניט.“

„אלעס וואס דוא קענסט מאכען זיא זאל טהון,“ האט דער ערשטוינ־טער קעניג געזאגט, „בין איך בערייט בייצו־וואהנען. וואס דוא קענסט איהר מאכען רעדען, בין איך בערייט צו הערען. ווייל, אזוי לאנג וויא זיא קען זיך בעוועגען, קען זיא שוין אויך רעדען.“

אויף א וואונק פון פאולינא׳ן, האט אנגעפאנגען אן ערנסטע שטילע מוזיק צו שפיעלען, וואס זיא האט פון פריהער פארבערייטעט פאר דיעזער געלעגענהייט. דאן, צום ערשטוינען פון אלע אנוועזענדע, האט דיא סטאטוע אנגעפאנגען ארונטער צו געהען פון דעם פעדעסטאל. אזוי וויא זיא איז ארונטער, איז זיא צוגעלאפען צו לעאנטעס׳ן, איהם אומארמט און צוגעדריקט צו איהר ברוסט.

דאן האט דיא סטאטוע אנגעהויבען צו רעדען און בעטען גאט פאר איהר מאן און פאר איהר קינד, דיא פערלוירענע און געפונענע פערדיטא.

אבער עס איז ניט געווען קיין סטאטוע פון קאלטען מארמאר, עס איז געווען דיא לעבעדיגע קעניגין הערמיאנע, וועלכע האט געוויינט פאר פרייד מיט הייסע און קאכעדיגע טרערען פון איהרע אויגען, וואס דאס שיקזאל האט זיי אלעמען וויעדער צוזאמענגעפיהרט.

עס האט זיך נאכהער ארויסגעוויעזען, אז פאולינא האט פערברייטעט א פאלשען בעריכט איבער דעם טויט פון הערמיאנע׳ן, אז דיא קעניגין האט געלעבט, און, ווען דיעזע נאכריכט וואלט ניט פערברייטעט געווארען, וואלט זיא דער קעניג, פיעלייכט, אין זיין ערשטען צארן, ערמארדעט.

און צוזאמען מיט דער גוטער פאולינא האט זיא געוואהנט דיא גאנצע צייט, אימער אכטונג געבענדיג, אז לעאנטעס זאל ניט ערפאהרען, אז זיא לעבט. דאס האט געדויערט אזוי לאנג, ביז זיא האט געהערט דיא

גליקליכע בשורה, אז איהר קינד, אז איהר פּערדיטא איז אויפגעזוכט גע־וואָרען און זיא געפינט זיך נאָהענט פון איהר. יא, ביז דאמאלס האָט זיא געשוויעגען, דען אָבוואָהל זיא האָט אַזוי שטארק געליעבט לעאָנטעס'ן, האָט זיא איהם דאָך ניט געקענט פערצייהען דיא גרויזאמקייט מיט וועלכער ער האָט געהאַנדעלט געגען איהר אונשולדיגעס קינד, וואָס ער האָט געהייסען איינפאך אומברענגען.

נאָכדעם וויא דיא טויטע קעניגין האָט צו איהם צוריק געקעהרט אַלס אַ לעבעדיגע, נאָכדעם וויא זיין פערלוירענע טאָכטער איז געפונען געוואָרען, האָט לעאָנטעס, נאָך זיין גרויסען טרויער און שמערץ, קוים געקענט אַרי־בערשטעהען דיא גרויסע פרייד.

פון אַלע זייטען זיינען געקומען פריינד און פערעהרער, אויסצודריקען זייערע גליקס־ווינשע און גראַטולירונגען דעם קעניג.

יעצט ערשט, האָבען לעאָנטעס און הערמיאָנע געדאַנקט, מיט טרערען אין זייערע אויגען, דעם פּרינץ פלאָריזעל, פאַר ליעבען זייער טאָכטער אַלס אַ פּאַסטוך'ס אַ קינד און ניט אַלס פּרינצעסין. זיי האָבען אויך ניט פערגעסען צו בענשען און לויבען דעם אַלטען פּאַסטוך, דערפאַר וואָס ער האָט אַזוי אָבגעהיט און ערצויגען זייער קינד.

קאַמיללאָ און פּאַולינא זיינען געוועזען איבער גליקליך וואָס זיי האָבען דערלעבט צו זעהען וויא גוטסקייט ווערט ענדליך אנערקענט און בעלוינט.

אין דערזעלבער צייט האָבען שליחים געאיילט צו קעניג פּאָליקסענעס און איהם בענאַכריכטעט, אַז זיין זוהן געפינט זיך ביי זיין אַלטען פריינד לעאָנטעס.

אום דיא שמחה זאָל זיין פאָלקאָמען, איז פּאָליקסענעס אָנגעקומען קיין סיציליען און איז אויפגענומען געוואָרען מיט דער גרעסטער עהרע אין לעאָנ־טעס'עס פּאַלאַץ.

דיא געשיכטע איז אַזוי געוועזען: ווען פּאָליקסענעס האָט צום ערשטען מאָל בעמערקט, אַז זיין זוהן, פּרינץ פלאָריזעל מיט קאַמיללאָ'ן, פעהלען, האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז קאַמיללא האָט שוין לאַנג געדענקט צוריק צו קעהרען נאָך סיציליען. ער האָט ריכטיג אויסגערעכענט, אַז זיי ביידע מוזען דאָרט זיין. אויף'ן וועג האָט ער בעגעגענט דיא שליחים און ער איז דערפאַר אָנגעקומען פּונקט צו דער שמחה.

פלאָריזעל, מיט דער ערלויבניס פון זיין פאָטער, האָט דאַן חתונה געהאַט מיט פּערדיטאַ'ן, און ביידע עלטערן האָבען דערלעבט צו זעהען זייע־רע קינדער גליקליך.

# פיעל רעש איבער גאר ניט.

אין דעם פאלאץ פון מעססינא, איטאליען, האבען געוואהנט צוויי דאמען, העראָ און ביטריס (בעאטריצא.) העראָ איז געווען דיא טאָכטער, און ביטריס דיא פליימעניצע (ניכטע) פון לעאָנאטא, דער גאָווערנאָר פון מעססינא.

ביטריס איז געווען א פרעהליך און מונטער מיידעל און ליעב געהאט צו אמוזירען איהר קוזינע הערא, וועלכע האָט געהאט אן ערנסטערע נאטור.

אין דער צייט פון וועלכער דיעזע געשיכטע פאנגט אָן, האָט פאסירט אזא זאך: איינינגע יונגע לייט, פון הויכען ראנג, אין דער ארמעע, זיינען פארבייגעפאָהרען מעססינא, זיי זיינען געקומען פון א גרויסער און שווערער מלחמה וואו זיי זיינען געווען דיא זיעגער, און יעדער איינער פון דיעזע יונגע מענער, האָט זיך אויסגעצייכענט אויף׳ן שלאכטפעלד מיט פערשיעדענע העלדענטהאטען. צוריק קעהרענדיג האָבען זיי אבגעשטיעגען אין מעססינא און זיי זיינען געווען דיא געסט פון לעאָנאטאָ׳ן.

אונטער דיעזע פראָמינענטע געסט האָט זיך געפונען דאָן פעדראָ, דער פרינץ פון ארראגאָן, און זיין פריינד קלאודיאָ, דער הערשער פון פלאָרענץ; מיט זיי איז אויך געקומען דער צולאָזענער און שארפזיניגער וויטצלינג בענעדיק, דער הערשער פון פאדוא.

אלע צוזאמען זיינען שוין פריהער געווען אין מעססינא און דער גאסטפריינדליכער גאָווערנאָר האָט זיי פאָרגעשטעלט, נאָך דאמאלס, פאר זיין טאָכטער און פלימעניצע, דערצעהלענדיג דיא מיידלעך, אז זיי, דיא יונגע לייט, זיינען אלטע בעקאנטע און פריינד.

דערפאר, ווען בענעדיק איז אריינגעקומען אין הויז, האָט ער, טאָ־

וויא אן אלטער בעקאנטער, באלד אנגעהויבען א געשפרעך מיט לעאנאטא׳ן און דעם פרינץ. מען האט געזאגט וויטצען, געלאכט און זיך הערצליך אמוזירט.

ביטריס, וואס האט ליעב געהאט אזעלכע סצענעס, איז אויך ארייו אין געשפרעך, און, וויא געוועהנליך, האט זיא באלד אנגעגריפען דעם וויטציגען בענעדיק מיט דיעזע ווערטער:

„מיך וואונדערט, סיניאר בענעדיק, וואס איהר האלט אין איין רעדען וועהרענד קיינער הערט אייך ניט.“

בענעדיק האט תמיד ליעב געהאט יענעם צו טרעפען מיט א שטאך־ווארט, אבער איהם האט גאר ניט געשמעקט, ווען מען האט זיך לוסטיג געמאכט אויף זיין חשבון. לויט זיין אנזיכט, איז עס געוועז גאנץ אונ־פאסענד פאר א יונגע און גוט־ערצויגענע דאמע צו האבען אזא אפען מויל. ער האט זיך אויך דערמאהנט, ווען ער איז געוועזען צום לעצטען מאל אין מעססינא, האט איהם דיעזעלבע ביטריס געמאכט פאר׳ן ציעל־ברעט פון איהרע שטעכעדיגע רייד.

בענעדיק און ביטריס האבען בעלאנגט צו איין קלאס, דאס הייסט, זיי האבען שטארק הנאה געהאט חוזק צו מאכען פון א צווייטען. און זיי האט גאר ניט געשמעקט, ווען יעמאנד האט זיי אנגעגריפען. דערפאר, האט דער פרינץ און אלע אנוועזענדע גערענקט, דאס ווען דיעזע צוויי האבען זיך בעגעגענט, האבען זיי זיך אימער געווערטעלט און זיך צושיידט האלב ברוגז.

ביטריס׳עס אריינפאהר אין זיין געשפרעך און איהם אונטערברעכענ־דיג, האט בענעדיק׳ן שטארק אויפגערעגט, און, האלב בייז, האט ער געענטפערט:

„וואס, מיין טהייערע דאמע פעראכטונג, איהר לעבט נאך? איך האב געמיינט, אז איהר זייט שוין לאנג אוועק שלאפען מיט דיא שוויי־געדיגע?“

דאס איז געוועז א קריעגס־ערקלערונג פוןביידע זייטען. זיי האבען זיך, אויף׳ן שעהנעם אופן, גאנץ גוט בעליידיגט. און ביטריס, אבוואהל זיא האט געוואוסט, אז בענעדיק האט זיך אויסגעצייכענט אלס גרוי־סער און בראווער העלד אין לעצטען קריעג, האט זיא שפאטיש בע־מערקט:

„סיניאָר, איך וואָלט וועלען אויפעסען אַלעס וואָס איהר האָט גע־הרג׳עט אויף׳ן שלאַכט־פעלד.“

דאָס האָט געהייסען, ערשטענס. אַז זיא גלויבט ניט אין זיינע העל־דען־טהאַטען, און, צווייטענס, בעמערקענדיג, אַז דער פּרינץ אַמוזירט זיך זעהר פון זיינע וויטצען, האָט זיא איהם אָנגערופען „דעם פּרינץ׳ס וויטצלינג.“

דיא לעצטע ווערטער איבערהויפּט, האָבען געטראָפען בענעדיק׳ן ביז אין דער טיעפקייט פון זיינע געפיהלען. ער, עמיצען׳ס וויטצלינג! דאָס איז געוועזען אַ שטאָך וואָס האָט וועה געטהאָן. דער אויסדרוק, אַז זיא וואָלט אויפגעגעסען וואָס ער האָט גע׳הרג׳עט, האָט איהם ניט געאַרט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז יעדען זיינען בעקאַנט זיינע גבורות; נאָר אַ מענש, וואָס זאָגט וויטצען, ווערט שרעקליך בעליידיגט, ווען מען רופט איהם עמיצען׳ס קאָמיקער אָדער וויטצלינג. דאָס איז אונגעפעהר, וויא האָפנאַר. און דיא אורזאַכע דערפון איז, ווייל דאָס איז, פּיעל אָדער ווע־ניג, אַז פּאַר׳ן אמת, ווערט יעדער ברוגז.

פאַר דעם אויסדרוק „דעם פּרינץ׳ס וויטצלינג,“ האָט ער איינפאַך גע־האַסט ביטריס׳ן.

דאָס שטילע און רוהיגע מיידעל הערא, האָט געשוויגען אין דער גע־גענוואַרט פון דיא אַדעליגע געסט. וועהרענד קלאָודיא האָט אויפמערקזאַם שטודירט איהר שעהנהייט וואָס איז געוואַקסען זייט דעם לעצטען בעזוך, און בעטראַכט איהרע פּערעכטיגע פיגור, ווייל זיא איז ווירקליך געוועזען אַ וואונדערבאַרע שעהנקייט, האָט זיך דער פּרינץ הערצליך אַמוזירט הערענ־דיג דעם וויטציגען געשפּרעך צווישען בענעדיק און ביטריס. זיך צובייגענ־דיג צו לעאָנאַטאָ׳ן האָט ער איהם איינגעראַמט:

„זיא איז אַ מוטהיגע און פרעהליכע דאַמע. זיא וואָלט געוועזען אַן אויס־געצייכענטע און פּאַסענדע פרוי פאַר בענעדיק׳ן.“

„אַך, מיין הערר,“ האָט לעאָנאַטאָ געענטפערט, „ווען זיי זאָלען זיין איין וואָך פערהייראַטעט, וואָלטען זיי אַזוי פּיעל אָנגערעדט איינער צום צווייטען, אַז זיי וואָלטען משוגע געוואָרען פון זייערע אייגענע רייד.“

אָבער טראָטץ דעם וואָס לעאָנאַטאָ האָט גערעכענט, אַז זיי וואָלטען געוועזען דאָס אונגליקליכסטע פּאָאַר פאָלק איז דעם פּרינץ אַריין אין קאָפּ אַ אידעע, אַז מען דאַרף צווישען זיי ביידע אויספיהרען אַ שידוך.

ווען דער פּרינץ איז צוריקגעקומען מיט קלאָודיא׳ן פון דעם פּאַלאַץ,

האָט ער ענטדעקט, אַז דער שידוך וואָס ער האָט געדעכענט אויסצופיהרען צווישען ביטריס'ן און בענעדיק'ן, איז ניט געווען דער איינציגער אייף'ן פּראָגראם, ווייל ער האָט געהערט קלאַודיאָ'ן רעדען מיט אַזאַ פייער און בעגייסטערונג איבער הערא'ן, אַז דער פּרינץ האָט באלד פערשטאַנען וואָס עס געהט פאָר אין קלאַודיאָ'ס הארץ. און דאָס איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען, ווייל ביי איהם האָט עס אויסגעזעהען גאַנץ פאסענד ווען דיא צוויי זאָלען זיך פערהייראטהען.

ער האָט דאַן קלאַודיאָ'ן אַזוי געפרעגט:

„ביסטו ווירקליך פערליעבט אין הערא'ן?"

„אך, מיין הערר," האָט קלאַודיאָ געענטפערט. „ווען איך בין געווען צום לעצטען מאָל אין מעססינא, האָב איך זיא בעטראכט מיט דיא אויגען פון א סאָלדאט, פון א קריעגער, וועלכען עס געפעלט א שעהן מיידעל, אָבער ער האָט קיין צייט ליעב צו האָבען. יעצט אָבער, אין דיעזער גליקליכער פריעדענס-צייט, האָבען דיא קריעגס-געדאַנקען מיך פערלאָזט און אַנשטאט דעם שפּיר איך גליקליכע געפיהלען, וועלכע דערצעהלען מיר וויא שעהן הערא איז, און דערמאַהנען מיך אויך, אַז איך האָב, אויך פאָר'ן קריעג, געליעבט הערא'ן, נאָר איך האָב עס אַליין ניט געוואוסט."

דער פּרינץ איז געווען זעהר צופריעדען וואָס קלאַודיאָ האָט איהם דערצעהלט דעם אמת. ער האָט אויך בעשלאָסען קיין צייט צו פערלירען און זעהען, אַזוי שנעל וויא מעגליך, צוזאַמען ברענגען דיעזע צוויי יונגע און ליעבענדע זעעלען. ער האָט אַלזאָ באַלד אויפגעזוכט לעאָנאַטאָ'ן און איהם פאָרגעשלאָגען קלאַודיאָ'ן פאַר אַן איידעם.

לעאָנאַטאָ האָט גלייך איינגעשטימט צו דיעזען פאָרשלאַג. דאָס איבריגע איז שוין צוגעגאַנגען גרינגער. קלאַודיאָ האָט דאַן אויפגעפּאַסט זיך צו טרעפען מיט דער שטילער און צערטליכער הערא אַליין און איהר דערצעהלען פון זיין ליעבע. זיא האָט איהם אויסגעהערט מיט פערגניגען, ווייל קלאַודיאָ איז ווירקליך געווען אַ יונגער מאַן מיט אַלע מעלות און זעהר רייך. נאָך אַ קורצער בעמיהונג האָט קלאַודיאָ פון איהר אַרויסגעקריעגען דאָס פערשפּרעכען, אַז זיא וועט מיט איהם הייראטהען.

דער פּרינץ האָט אָבער בעשלאָסען ניט צו פערלירען קיין צייט, און עס איז איהם געלונגען צו בעוועגען לעאָנאַטאָ'ן, ער זאָל בעשטימען אַ קורצע צייט ווען דיא חתונה זאָל פאָרקומען.

עס זיינען בלויז געווען נאָך איניגע טעג ביז צו דער חתונה, אָבער קלאַו־

דיא האָט זיך בעקלאָגט, אַז עס איז איהם אונהיימליך, אַז ער איז אונ־געדולדיג, וויא דער פאַל איז מיט פיעלע יונגע לייט, וועלכע וואָלטען שוין וועלען דערלעבען דעם מאָמענט ווען זייער הערצענס־וואונש זאָל ער־פילט ווערען.

דער פּרינץ האָט בעשלאָסען צו אַמוזירען זיין פריינד, כדי ער זאָל ניט זיין אונגעדולדיג. ער האָט דערפאַר פאָרגעשלאָגען קלאָודיאָ'ן, אַז זיי זאָלען צוזאַמען אויסקלערען אַ פּלאַן וויא צו מאַכען, דאָס ביטריס און בע־נעדיק זאָלען זיך פערליעבען. קלאָודיאָ'ן איז דער פאָרשלאַג זעהר געפע־לען געוואָרען און ער איז איינגעגאַנגען דארויף מיט לייב און זעעלע. אפילו לעאָנאַטאָ האָט זיי אויך פערשפּראָכען צו העלפען. דאַן האָט מען הערא'ן אויך גערופען צו דער בעראַטהונג, און זיא האָט געזאָגט, אַז וואָס מען וועט איהר הייסען וועט זיא טהון, אבי איהר קוזינע זאָל קריעגען אַ גו־טען מאַן.

דער פּרינץ איז געווען דער פיהרער. ער האָט פאָרגעשלאָגען, צום ערשטען, אַז מען זאָל עס אַזוי מאַכען, אַז בענעדיק זאָל גלויבען, דאָס ביטריס איז אין איהם שטאַרק פערליעבט, און הערא וויעדער זאָל זעהען פיהרען, דאָס ביטריס זאָל גלויבען, אַז בענעדיק איז אין איהר פערליעבט.

דער פּרינץ, לעאָנאַטאָ און קלאָודיאָ, האָבען זיך באַלד גענומען צו דער ארביים. זיי האָבען אָבגעוואַרט אַ געלעגענהייט, ווען בענעדיק איז געזעסען אונטער אַ בוים און געלעזען. דער פּרינץ און זיינע העלפער האָ־בען זיך אוועק געשטעלט פון וויימען, זיך מאַכענדיג, אַז זיי זעהען ניט בענעדיק'ן, אָבער וואָס זיי רעדען זאָל ער מוזען הערען.

נאָך פערשיעדענע אונוויכטיגע געשפּרעכען, האָט דער פּרינץ גע־זאָגט :

„קום נאָר אַהער לעאָנאַטאָ. וואָס האָסטו מיר עפּעס געזאָגט נעכ־טען, אַז דיין קוזינע ביטריס איז פערליעבט אין בענעדיק'ן ? איך האָב עס מיר קיין מאָל ניט געגלויבט, אַז אַזאַ מיידעל זאָל קענען ליעבען אירגענד אַ מאַן."

„ניין, איך האָב אויך ניט געגלויבט." האָט לעאָנאַטאָ געענטפערט.

„עס איז מערקווירדיג ווען זיא ליעבט אַזוי בענעדיק'ן, נאָכדעם, לויט וויא יעדען האָט עס געשיינט, האָט זיא איהם גאָר פעראַכטעט."

קלאָודיאָ וויעדער האָט דאָס אַלעס בעשטעטיגט, בעהויפּטענדיג, אַז הערא האָט איהם אויך דערצעהלט, דאָס ביטריס איז פערליעבט אין בע־

נעדיק'ן איבער דיא אויערן, און זיא וועט פּאזיטיוו שטאַרבען פון שמערץ, ווען ער וועט ניט ערוויעדערן איהרע ליעבעס־געפיהלע. לעאנאטא און קלאודיא האָבען וויעדער אויסגעשפּראָכען זייער מיינונג, אַז ביטריס האָט געבעך קיינע אויסזיכטען, ווייל אַזאַ מאַן וויא בענעדיק, וועלכער לאַכט און מאַכט חוזק פון אַלעמען, איז ניט קיין מענש וואָס זאָל ליעב האָבען.

דער פּרינץ האָט זיך געמאַכט, אַז ער הערט דאָס אַלעס צו מיט דער גרעסטער אינטערעסע, און ער האָט אויסגעדריקט זיין טיעפסטעס בעדויערן מיט ביטריס'ן.

„איך זאָג,“ האָט דער פּרינץ אָנגעפאַנגען, „אַז, נאָך אַלעמען איז דאָס ניט מעהר וויא אַ יושר מען זאָל דאָס אַלעס דערצעהלען בע־נעדיק'ן.“

„צו וועלכען צוועק?“ האָט קלאודיא געפרעגט. „איך בין זיכער, אַז דיעזער שפּאַס־פויגעל וועט העכסטענס נאָך מעהר חוזק מאַכען פון דעם אָרעמען מיידעל און דאָס וועט איהר פּעראורזאַכען נאָך אַ גרעסערען שמערץ.“

„ווען ער זאָל דאָס טהון,“ האָט דער פּרינץ געזאָגט, „דאַן וועט ער עס עהרליך פּערדיענען מען זאָל איהם אויפהיינגען. ווייל, וויא מיר אַלע ווייסען, איז ביטריס אַ גאַנץ וואוילע מיידעל; זיא איז קלוג אין אַלעמען, אויסער אין דעם וואָס זיא ליעבט בענעדיק'ן.“

דאַן האָט דער פּרינץ, אויף אַ וואונק, אָנגעצייגט זיינע בעגלייטער, זיי זאָלען אַוועקגעהען און איבערלאָזען בענעדיק'ן נאָכדענקען איבער דעם וואָס ער האָט געהערט.

עס איז קיין וואונדער ניט, דאָס בענעדיק האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. ער איז געווען איבער־ראַשט און ערשטוינט. ווען דער עולם איז אַוועק, האָט ער געמורמעלט צו זיך אַליין:

„איז דאָס מעגליך! קען דאָס מעגליך זיין?“

בלייבענדיג זיטצען אַליין, האָט ער ווייטער געזאָגט:

„דאָס קען ניט זיין קיין שפּיטצעל. ניין, איך גלויב עס ניט! זיי זיינען געווען צו ערנסט און זיי האָבען דאָס אויך געהערט פון הערא'ן. זיי זע־הען אויס רחמנות צו האָבען אויף דעם אָרעמען מיידעל. זיא ליעבט מיך! אַך, אַזאַ ליעבע מוז ערווידערט ווערען! איך האָב קיין מאָל ניט געדענקט חתונה צו האָבען. אָבער, ווען איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל שטאַרבען

אן אַלטער בחור, האָב איך ניט געדענקט צו דערלעבען דיא צייט ווען איך זאָל חתונה האָבען. זיי זאָגען, אַז זיא איז אַ זעלטענעם געראַטענעם מיידעל. יא, דאָס איז זיא. דערצו נאָך איז זיא שעהן און ליעבענסווירדיג. ווייטער זאָגען זיי, אַז זיא איז קלוג אין אַלעמען, אויסער אין דעם וואָס זיא ליעבט מיך. איך רעכען אָבער, אַז דאָס איז ניט קיין ארגומענט פאר איהר נאַרישקייט. אָבער, וואָס זעה איך, ביטרים געהט! ביי גאָט, זיא איז ווירקליך אַ שעהן מיידעל. איך בעמערק מאַנכע ליעבעס־צייכען אויף איהר."

ביטרים איז צוגעקומען, און מיט איהר געוועהנליכען חוזק־טאָן האָט זיא געזאָגט:

„געגען מיין ווילען בין איך געשיקט געוואָרען אייך איינצולאַדען צו מיטאג."

בענעדיק, וועלכער האָט ביז דאַמאַלס ניט געשפירט קיין לוסט צו רעדען מיט איהר שעהן און אָהן שטעך־ווערטלעך, האָט געענטפערט:

„שעהנע ביטרים איך דאנק אייך פאר אייער מיה."

אָבער ביטרים איז ניט געווען אויפגעלעגט מיט איהם צו רעדען וייך און צערטליך. זיא האָט איהם מכבד געווען מיט עטליכע זידלערייען און איז אוועק.

בענעדיק האָט גערעכענט, אַז ער האָט בעמערקט אַ געהיימע מיינונג בעהאַלטען אין איהרע זידעל און חוזק ווערטער, און דאן האָט ער געמורמעלט:

„ווען איך וועל אויף איהר קיין רחמנות ניט האָבען, דאן בין איך אַ שופט. ווען איך וועל זיא ניט ליעב האָבען, דאן בין איך אַ לומפ."

נאָכדעם וויא דיא קאָנספּיראַטאָרס האָבען געזעהען, אַז בענעדיק איז שוין אין זייער נעטץ, איז געווען דער נעכסטער שריט צו טהון דאָסזעלבע געגען ביטרים'ן. הערא איז געווען בעאויפטראגט מיט דיעזער ארבייט.

הערא האָט דערפאר געשיקט רופען איהרע צוויי קאמער־פרויען, אורסולא און מארגארעט, און זיך ווענדענדיג צו דער לעצטער האָט זיא אזוי געזאָגט:

„מיין גוטע מארגארעט, לויף אריין אין גרויסען זאלאָן; דאָרט וועסטו געפינען מיין קוזינע ביטרים רעדענדיג מיט'ן פרינץ און מיט קלאַודיאָ'ן. ראָם איין אין איהר אויער, אַז איך און אורסולא שפּאַציערען יעצט אין

גאַרטען און מירביידע פיהרען אַ זעהר ערנסטען געשפּרעך איבער איהר. זאָג איהר, אַז זיא זאָל זיך אַרויס׳גנב׳ענען און זיך בעהאַלטען אונטער דעם גרויסען בוים, וואו זיא וועט קענען אויסהערען אַלס וואָס מיר רע־דען.״

עס איז געווען דערזעלבע פּלאַץ וואו בענעדיק האָט געהערט איבער ביטריס׳עס ליעבע צו איהם.

„זיא וועט קומען,״ האָט מאַרגאַרעט געענטפערט. „איך וועל זיא מאַ־כען אַזוי נייגיעריג, אַז זיא וועט קומען צו לויפען.״

העראָ, שפּאַצירענדיג, מיט אורזולאַ׳ן איבער׳ן גאַרטען, האָט זיא צו איהר אַזוי געזאָגט:

„יעצט, הער אויס, אורסולאַ, ווען ביטריס וועט קומען, וועלען מיר געהען הין־און־צוריק און מיר וועלען רעדען בלויז איבער בענעדיק׳ן, און ווען איך וועל דערמאַהנען זיין נאָמען, זאָלסטו איהם אַזוי לויבען, גלייך וויא ער וואָלט געווען דער שעהנסטער און בעסטער מאַן אין דער וועלט. איך וועל וויעדער דיר דערצעהלען, וויא אַזוי בענעדיק איז פערליעבט אין ביטריס׳ן. יעצט, פאַנג אָן, וויל, זעהסטו דאָרט? — דאָרט גנב׳עט זיך דורך ביטריס אום זיא זאָל זיך אונטערהערען וואָס מיר רעדען.״

דאָס געשפּרעך האָט אָנגעפאַנגען.

אויף אַ בעמערקונג פון אורסולאַ׳ן, האָט העראָ געענטפערט:

„ניין, ניין, אורסולאַ, זיא איז אַ פעראַכטענסווערטהע פערזאָן. איהר גאַנצער גייסט איז אַזוי אונזיכער, פּונקט וויא דיאווילדע פייגעל דאָרט אויף׳ן שטיין.״

„אָבער,״ האָט אורסולאַ געזאָגט, „זייט איהר זיכער, אַז בענעדיק ליעבט ווירקליך ביטריס׳ן אַזוי שטאַרק?״

„וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? אַזוי זאָגט דער פּרינץ און מיין קלאַודיאַ, און זיי האָבען מיר אויך געבעטען איך זאָל מיט איהר רעדען דאַריבער. אָבער איך האָב זיי געבעטען, דאָס אין פאַל זיי ליעבען און שעטצען בענעדיק׳ן, וועט דאָס פאַר איהם זיין פיעל בעסער און געזינטער, ווען ביטריס וועט דערפון גאַר ניט וויסען.״

„דאָס איז זעהר אַ גוטער פּלאַן,״ האָט אורסולאַ בעמערקט. „עס וואָלט טאַקי ווירקליך ניט געווען גוט זיא זאָל וויסען דערפון. ווייל אַזוי שנעל וויא זיא וועט עס ערפאַהרען, וועט זיא נאָך לאַכען און חוזק מאַכען פון זיין ליעבע.״

„דער פאַקט איז,“ האָט הערא געזאָגט, „איך האָב נאָך ניט געזעהען קיין מאַן, וויא שעהן, יונג, עדעל און קלוג ער זאָל נאָך זיין, וואָס ביטרים זאָל פון איהם ניט מאַכען קיין שפּאָט און שאַנדע.“

„ווירקליך, אַזאַ נאַטור פון א מיידעל, איז ניט קיין גרויסע מתנה.“

„געוויס, עס איז זעהר שלעכט. אָבער ווער וועט עס וואגען איהר עס צו זאָגען? ווען איך, אַ שטייגער, וויא אַ קוזינע און אַן אויפריכטיגע פריינדין, זאָל מיט איהר רעדען דאריבער, וואָלט זיא מיך באַלד גע־מאַכט מיט דער בלאָטע. ווער קען דאָס שטעהען געגען איהר גיפטיגער צונג?“

„זעהט איהר,“ האָט פּלוצלונג געזאָגט אורסולא, „איך רעכען, אַז איהר זייט ניט גערעכט געגען אייער קוזינע. אַזוי נאַרריש, גלויב איך, קען זיא ניט זיין, צוריק צו ווייזען דיא האַנד פון אַזאַ נאָבעלען מאַן וויא סיניאָר בענעדיק.“

„יא, ער האָט אַן אויסגעצייכענטען גוטען נאָמען. ער איז דער ערשטער עדעלמאַן אין איטאַליען, אויסער, נאַטירליך, מיין קלאודיא.“

דערביי האָט הערא געגעבען איהר בעגלייטערין אַ וואונק, אַז עס איז צייט איבערצובייטען דאָס געשפּרעך.

אורסולא האָט דאן געפרעגט:

„און ווען, פריילין, רעכענט איהר חתונה צו האָבען?“

הערא האָט איהר דאן דערצעהלט, אַז זיא רעכענט חתונה צו האָבען מיט קלאודיא'ן, מיט איין טאָג שפּעטער, דאָס הייסט, אויף מאָרגען, און זיא וויל, אַז אורסולא זאָל מיט איהר געהען און צוזאמען זאָלען זיי נאָכ־זוכען וואָס עס קען זיין אַ פּאַסענדעס קלייד צו טראָגען אויף'ן צווייטען טאָג.

ביטרים האָט אויסגעהערט זייער געשפּרעך מיט געשפּאַנטער אויפ־מערקזאמקייט, ווען זיי זיינען אוועק, האָט זיא געזאָגט:

„וואָס פאר אַ פייער ווּטהעט יעצט אין מיינע אויערן? קען דאָס אַלעס זיין אמת? זייט געזונד, פעראַכטונג און חוזק, און דוא מיי־דעלשער שטאָלץ, אדיע! בענעדיק, דוא זאָלסט ליעבען! איך וועל דיין ליעבע ערווידערן. איך וועל אנווענדען אַלעס מעגליכע צו צעהמען מיין ווילדעס הארץ פאר דיין ליעבענדער האַנד!“

עס איז געווען ווירקליך אַ מערקווירדיגעס און אינטערעסאַנטעס ביילד

צו זעהען וויא דיא צוויי אַלטע און ביטערע שונאים זיינען געוואָרען צוויי ליעבענדע פריינד. זייער ערשטע בעגעגענונג, נאָך דעם וויא זיי האָבען ערפאהרען פון דיא ליעבעס, איז געווען א העכסט וויכטיגע. אָבער דיא גאנצע שמחה איז אונטערבראָכען געוואָרען דורך דער טרויעריגער ערייגניס וואָס האָט בעדארפט פּאסירען אין הערא׳ס לעבען. דער מאָרגען, וועלכער האָט געזאָלט אנפאנגען דעם טאָג פון איהר חתונה, האָט געבראכט טרויער און שמערץ פאר דער אונגליקליכער הערא און פערצווייפלונג פאר איהר גוטען פאטער לעאנאטאָ.

דיא געשיכטע איז אזוי געווען: דער פּרינץ האָט געהאט א שטיף־ברודער, וועלכער האָט צוריק געקעהרט פון דיא מלחמות און איז געקומען גלייך מיט׳ן פּרינץ קיין מעססינא. דער נאָמען פון דיזען שטיף־ברודער איז געווען דאָן זשואַן. ער איז געווען א מרה־שחורה׳דיגער, אונצופריעדענער און אייביג־קרעכצענדער מענש. אין דערזעלבער צייט האָט ער קיינעם ניט געקענט זעהען גליקליך און ער האָט, טאָג אזוי נאכט, געפּלאנט אינטריגעס און געמיינהייטען.

דאָן זשואַן האָט געהאסט זיין פּרינצליכען ברודער, און ער האָט אויך געהאסט קלאַודיאָ׳ן ווייל ער איז געווען זיין ברודער׳ס פריינד. דיא חתונה וואָס האָט געזאָלט פּאָרקומען צווישען קלאַודיאָ׳ן און הערא׳ן, איז איהם געשטאַנען וויא א ביין אין האלז. ער האָט קיינעם ניט פערגונען קיין גליק. ער האָט אַלזאָ בעשלאָסען אַלעס מעגליכע אָנצו־ווענדען אום צו צושטערען דיזע הייראטה. ער האָט דערביי קיין אנדערן מאָטיוו ניט געהאט, בלויז אַנדערע צו ערגערן. אין דערזעלבער צייט האָט ער געוואוסט, אז ער וועט שטארק טרעפען דעם פּרינץ, זיין ברודער, וועלכער האָט געמאכט אַלע פּאָרבערייטונגען זיך משמח צו זיין אויף דער חתונה.

אום דורכצופיהרען זיין טייוולישען פּלאַן, האָט ער געדונגען א געוויסען באָראקיאָ, א פערדאָרבענער קערל, פונקט וויא ער, און ער האָט איהם פערשפּראָכען א גרויסע סומע געלד אבי ער זאָל ערפילען זיין וואונש.

באָראקיא וויעדער האָט געהאט דיא בעסטע געלעגענהייט דורכצופיהרען וואָס דאָן זשואַן האָט געוואָלט. באָראקיאָ האָט געליעבט מארגארעטין הערא׳ס קאַמער־פרוי. דאָן זשואַן האָט דערפון גאַנץ גוט געוואוסט. ער האָט געזעהען דורכפיהרען, אז מארגארעט זאָל ביי נאכט רעדען דורך הערא׳ס פענסטער מיט איהר געליעבטען. דאָס זאָל געשעהען ווען הערא וועט שלאָפען, און וועהרענד דעם, זאָל מארגארעט טראָגען הערא׳ס א קלייד, אום

צו קענען בעסער אָבנאַרען קלאַודיא'ן ער זאָל מיינען, אַז הערא שטעהט דאָרט. אָבמאַכענדיג אַזא שטיקעל ארבייט, האָט ער גערעכענט, אַז דאָס וועט זיין גענוג צו שטערען דיא חתונה.

נאָכדעם וויא דאָן זשואַן האָט דאָס אַלעס איינגעאָרדנעט, איז ער אַוועק צום פּרינץ און צו קלאַודיא'ן און זיי דערצעהלט, אַז הערא איז זעהר אַן אונפאָרזיכטיגע דאַמע און אַז זיא רעדט מיט מענער, אום האַלבע נאַכט, דורך איהר פענסטער.

דאָס איז געווען, וויא מיר האָבען שוין בעמערקט, בלויז איין נאַכט פאַר דער חתונה. דאָן זשואַן, דערצעהלענדיג דאָס אַלעס, האָט זיך אָנגעבאָטען מיטצונעהמען ביידע מענער אויף אַזא פּלאַץ, אַז זיי זאָלען קענען זעהען וואָס עס געהט פאָר, דאָס הייסט, אַז זיי זאָלען בייוואָהנען אַ ליעבעס־געשפּרעך צווישען הערא'ן און איהר געליעבטען.

ביידע מענער האָבען גלייך איינגעשטימט צו געהען, און קלאַודיא, שטאַרק אויפגערעגט, האָט געזאָגט:

„ווען איך זאָל עפּעס זעהען היינטיגע נאַכט וואָס זאָל מיך בערעכטיגען מיט איהר ניט חתונה צו האָבען, דאַן וועל איך מאָרגען אין קירכע, וואו דיא חתונה דאַרף שטאַטפינדען, זיא אַזוי פערשעהמען און בעליידיגען, אַז זיא זאָל מיך האָבען צו געדענקען אויף איהר גאַנצען לעבען."

„און אַזוי וויא איך האָב דיר געהאָלפען מיט איהר פערלאָבט צו ווערען," האָט דער פּרינץ בעמערקט, „מעגסטו אויף מיר רעכענען דיר צו העלפען דורכפיהרען דיין ראַכע־אַקט."

דיא נאַכט איז געקומען שטיל און געהיימניספאָל. דאָן זשואַן האָט געבראַכט ביידע מענער נאָהענט פון הערא'ס צימער. דאָרט האָבען זיי בעמערקט אַ מאַן, דאָס איז געווען באָראַקיא, וועלכער איז געשטאַנען אונטער דעם פענסטער. ביים פענסטער האָט זיך געזעהען מאַרגאַרעט אין הערא'ס קליידער, זיי האָבען געמיינט, אַז דאָס איז הערא. דאַן האָבען זיי געהערט וויא דיא צוויי רעדען. זיי האָבען ניט געקענט אונטערשיידען גענוי דיא שטימע, אָבער דאָס איז שוין געווען גענוג. זיי האָבען געגלויבט אַלעס און וואָס זיי האָבען געזעהען און געהערט, האָט זיי איבערצייגט, אַז הערא איז שולדיג אין אונאַנשטענדיגקייט.

קיין צורייצטער ליעב איז בייזער וויא קלאַודיא איז דאַמאָלס געווען ווען ער האָט געמאַכט דיעזע ענטדעקונג. זיין גאַנצע ליעבע פאַר דער שעהנער און אונשולדיגער הערא איז ניט נאָר פערשוואונדען, זאָנדערן פערוואַנ־

דעלט געווארען אין א גיפטיגען האס. ער האט אלזא פעסט בעשלאסען זיא מבייש צו זיין אין דער קירכע אויף׳ן צווייטען טאג, וויא ער האט פריהער געזאגט.

דער פרינץ האט פאלשטענדיג איינגעשטימט דערצו, בעהויפטענדיג, אז קיין שטראפע איז שווער אדער שטארק גענוג פאר אזא פרויענצימער, וועלכע האט זיך ערלויבט צו רעדען מיט א מאן דורך א פענסטער אין דער נאכט איידער זיא האט בעדארפט חתונה האבען מיט דעם ערעלען קלאודיא.

דער צווייטער טאג איז געקומען. איין צד איז געוועזען פרעהליך, מונטער און גליקליך, וועהרענד דער צווייטער טרויעריג, ראכעזיכטיג און אונגליקליך.

אלע האבען זיך פון דעסטוועגען פערזאמעלט אין דער קירכע צו פייערן, וויא מען האט בעשטימט, די חתונה צווישען קלאודיא׳ן און עראָ׳ן.

ביידע זיינען געשטאנען איינער נעבען אנאנדער, און דער גייסטליכער האט אנגעפאנגען זיין צערעמאניע. פונקט דאמאלס איז קלאודיא ארויס אין פראנט, און מיט א ווילדע און אויפרעגענדע שפראכע, האט ער פראקלאמירט הערא׳ס שולד.

הערא האט אין אנפאנג גאר ניט פערשטאנען וואס עס געהט פאר. דאן, קוקענדיג אויף זיין געזיכט, וויא בלאס דאס איז געוועזען, האט זיא געפרעגט מיטליידיג:

„פיהלט מיין הערר גוט ווען ער רעדט אזוי ?"

לעאנאטא, ציטערנדיג אין יעדען אבר, איז צוגעגאנגען צום פרינץ און געפרעגט:

„מיין הערר, פאר וואס רעדט איהר ניט ?"

„וואס זאל איך זאגען ?" האט דער פרינץ געענטפערט. „איך ווייס בלויז, אז איך שטעה דא געשענדעט און בעליידיגט, ווייל איך בין געוועזען דעריעניגער וואס האב געהאלפען מיין פריינד קלאודיא זיך אויסקלייבען אזא פרויענצימער. הער אויס, לעאנאטא ! איך שווער דיר ביי מיין עהרע, אז איך, מיין ברודער און דיעזער געקרייגקטער קלאודיא, האבען געזעהען און געהערט לעצטע נאכט, פונקט אום האלבע נאכט, וויא זיא האט גערעדט מיט א מאן פון דעם פענסטער פון איהר צימער."

בענעדיק איז נאַטירליך אויך געווען ביי דיעזער סצענע, און הערענדיג וואָס עס געהט פאָר, האָט ער בעמערקט:

„ניין, וויא דאָס שיינט, זעהט דאָס ניט אוים וויא קיין חתונה.“

„איז עס אמת, אַך מיין גאָט!“ האָט הערא אויסגעשריען אַלס אַן ענטפער אויף בענעדיק'ס ווערטער. און דאַן, וויא זובענדיג לופט צו איהר שטיקענדען אטהעם, איז זיא אומגעפאַלען חלש'ענדיג, און, לויט וויא עס האָט אויסגעזעהען טויט.

דער פרינץ און קלאודיא האָבען ניט געוואָלט מעהר דאָרט פערבלייבען. און זיך אפילו ניט אומקוקענדיג צו זעהען וואָס פון הערא'ן איז געוואָרען, אָדער זיך אינטערעסירען מיט לעאָנאַטאָ'ס אונגליק, זיינען זיי אַוועק.

שרעקליך איז אייפערזוכט, שוידערהאַפט איז אינטריגע, גיפטיג איז דער ליעגען און דיא נקמה פון אַ שלעכטען מענשען!

אָבער בענעדיק איז געבליעבען. ער איז ניט נאָכגעגאַנגען. אנשטאַט דעם האָט ער געהאָלפען ביטרים'ן צו ערוואַכען הערא'ן פון איהר חלשות, אָבער דאָס אָרעמע מיידעל האָט געקריעגען אַ צו שטאַרקען קלאַפּ אום זיא זאָל זיך אַזוי שנעל קענען דערמינטערן.

„גוטע ביטרים,“ האָט בענעדיק געפרעגט, „וואָס הערט זיך מיט איהר?“

„איך מיין אַז זיא איז טויט.“ האָט ביטרים געענטפערט שטאַרק געערגערט און בעטריעבט.

ביטרים האָט ניט נאָר געליעבט איהר קוזינע, זאָנדערן זיא האָט אויך גוט געקענט דאָס אונשולדיגע און אָרענטליכע מיידעל. זיא איז געווען פאָלשטענדיג איבערציינגט, אַז אַלעס וואָס מען האָט אויף איהר געזאָגט, איז געווען ליעגען פון אנפאַנג ביז ענדע.

דער אַלטער פאַטער ווידער, לעאָנאַטאַ, האָט געגלויבט אין דער געשיכטע פון זיין קינד'ס שאַנדע. עס איז געווען הערצרייסענד צו הערען וויא ער האָט געוויינט און געקלאָגט איבער איהר, ווינשענדיג, אַז בעסער זאָל זיא שוין קיין מאָל ניט ערוואַכען פון איהר חלשות נאָכדעם וויא זיא איז געווען אימשטאַנד איהם אָנצוטהון אַזוי בושה.

דער אַלטער גייסטליכער אָבער, וואָס האָט אַלעס בייגעוואָהנט, איז געווען קליגער פון זיי אַלע. ער האָט געקענט דיא מענשען און געוואוסט פיעל איבער זייערע שוואַכקייטען. דער גייסטליכער האָט געהערט קלאָר־

דיא'ס בעשולדיגונג און אויך דאמאלס שטודירט הערא'ס געזיכט. ער האט בעמערקט וויא איהר געזיכט האט זיך בעגאסען מיט בלוט פאר שאנדע, דאן ווידער ווייס געווארען וויא שנעע, און צולעצט האט ער געזעהען דאס פייער פון בעליידיגטער אונשולד אין איהרע אויגען, וואס האט איהם דער־צעהלט, אז דיא אונשולד איז דא בעליידיגט געווארען.

„רופט מיך אן נאר!" האט דער גייסטליכער אויסגעשריען צום בע־טריעבטען פאטער, „גלויבט ניט מיין בילדונג, מיינע בעאבאכטונגען; טרויעט ניט מיינע יאהרען, מיין אמט און מיין פראפעסיאן — אבער איך שווער אייך, אז דיעזעס מיידעל וואס ליעגט דא וויא טויט, איז אונשולדיג, און זיא איז דער קרבן פון א שרעקליכען טעות."

ווען הערא האט ענדליך ערוואכט פון איהר אהנמאכט, האט זיך דער גייסטליכער צו איהר געווענדעט מיט דיעזע ווערטער:

„פריילין, זאגט מיר וואס דאס איז פאר א מאן מיט וועמען זיי בע־שולדיגען אייך?"

„זיי, וועלכע האבען מיך בעשולדיגט," האט הערא געענטפערט בלאס און ציטערענדיג, „ווייסען, איך ווייס גאר ניט."

דאן, זיך ווענדענדיג צו לעאנאטא'ן, איהר פאטער, האט זיא גע־זאגט:

„פאטער, ווען דוא קענסט מיר בעווייזען, אז איך האב ווען עס איז גערעדט מיט א מאן אין אונפאסענדע שטונדען, אדער אז איך האב נעכטען ביי נאכט, צו דער אנגעגעבענער צייט, גערעדט מיט אירגענד א בריאה, דאן ענטזאג זיך פון מיר, האס מיך, מארטער מיך ביז צו טויט!"

„יא, יא," האט דער גייסטליכער אונטערגעכאפט, „עס איז גע־ווען א שרעקליכער טעות וואס האט פערפיהרט דעם פרינץ און קלאו־דיא'ן."

אלע זיינען געבליעבען שטעהען שטיל און וויא פון א דונער דערשלא־גען, יעדער האט זיך איבערצייגט, אז הערא איז געווען א קרבן פון אן אירטהום, און דאס זיא איז פאלקאמען אונשולדיג.

פלוצלונג האט דער גייסטליכער געמאכט א פארשלאג. ער האט גע־זאגט לעאנאטא'ן, אז דיא בעסטע זאך איז, מען זאל פערברייטען דיא נאכ־ריכט, דאס הערא איז טויט. ער האט ווייטער בעהויפטעט, אז דאס וועט זיין לייכט צו גלויבען, וויל נאך אזא אהנמאכט איז ניט שווער צו שטאר־

בען. דאן האָט ער זיי גערעאטהען זיי זאָלען זיך פערקליידען אין טרויער און מאַכען אַלע פּאָרבערייטונגען צו דער לויה.

„צו וועלכען צוועק ? וואָס זאָל דערפון ווערען ?" האָט לעאנאטא געפרעגט.

"איך וועל אייך זאָגען," האָט דער גייסטליכער געענטפערט. „דיעזע נאַכריכט פון איהר טויט, וועט פערוועקסלען אַלע געפיהלע אין מיטלייד. דאָס איז דער ערשטער גוטער שריט. אָבער דאָס איז ניט אַלעס וואָס איך ערוואַרטע. ווען קלאַודיא וועט הערען, אַז זיא איז געשטאָרבען בלויז פון אויסהערען זיין בעשולדיגונג, וועט איהר לעבען ערשיינען פאר איהם אין אַן אנדערעם ליכט. אויב ער האָט זיא ווען עס איז געליעבט, וועט ער אויך טרויערן און זיך ווינשען, אַז הלוואי וואָלט ער זיא ניט בע־שולדיגט. יא, דאָס וועט זיין כאָטש ער וועט גלויבען, אַז זיא איז ניט שולדיג."

לעאנאטא," האָט בענעדיק אַנגעפאַנגען, „זאָל דיך דער גייסטליכער ראטהען און פאָלג איהם. און אָבוואָהל דוא ווייסט, אַז איך ליעב קלאָו־דיא'ן און דעם פּרינץ, פון דעסטוועגען, שווער איך דיר ביי מיין עהרע, אַז איך וועל עס זיי ניט ענטדעקען."

לעאנאטא האָט ענדליך איינגעשטימט.

„אַך, וויא ווערה דאָס טהוט מיר," האָט לעאָנאַטאָ געזאָגט פול מיט שמערצען, „אַז דער שוואכסטער פאדעם קען מיך יעצט פיהרען."

דער גוטער גייסטליכער האָט דאן אוועקגעפיהרט לעאנאטא'ן מיט הע־רא'ן זיי צו טרייסטען, און ביטריס מיט בענעדיק זיינען געבליעבען אַליין. דאָס איז געווען זייער ערשטע בעגעגענונג פון וועלכע זייערע מונטערע פריינד האָבען ערוואַרטעט אַ פרעהליכע און לוסטיגע צוזאַמענקונפט. אָבער דיעזע פריינד זיינען יעצט אַליין געווען פערזונקען אין שמערץ און טרויער. יעדע פרעהליכקייט איז פון זיי פערשוואונדען.

אַלזאָ, בענעדיק און ביטריס זיינען געבליעבען אַליין.

ער, בענעדיק, איז געווען דער ערשטער צו עפענען זיין מויל.

„פריילין ביטריס," האָט ער געזאָגט, „האָסטו געוויינט דיא גאַנצע צייט ?"

„יא," איז געווען דער ענטפער, „און איך וועל נאָך וויינען."

„איך צווייפעל ניט," האָט בענעדיק פאָרטגעזעצט, „אַז דיין שעהנע קוזינע איז אונשולדיג און מען האָט געגען איהר אונריכטיג געהאַנדעלט."

„אך !" האט ביטרים אויסגעשריען, „פיעל וואלט דיעזער מאן גע־קענט פון מיר ערוואַרטען, וועלכער זאל זיך נוקם זיין פאר דיעזען אונ־רעכט !"

„זאג מיר, ביטרים," האט בענעדיק וויעדער אנגעפאנגען, „איז דא אירגענד א וועג דיר צו ווייזען אזא פריינדשאפט ? איך ליעב קיין זאך אין דער וועלט אזוי פיעל וויא דיך. איז דאס ניט מערקווירדיג ?"

„עס וואלט פאר מיר אויך מעגליך געוועזען צו זאגען, אז איך ליעב קיין זאך אין דער וועלט מעהר וויא דיך, אבער גלויב עס מיר ניט, און דאך זאג איך ניט קיין ליעגען. איך בין אויף גאר ניט מודה, און איך לייקען אויך קיין זאך ניט אב. עס טהוט מיר זעהר לייד אום מיין ארעמע קוזינע."

„איך שווער דיר ביי מיין שווערט, אז דו ליעבסט מיך, און איך ליעב דיך. זאג, בעפעהל וואס איך זאל טהון אום דיר צו בעווייזען מיין ליעבע."

„טויטע קלאודיא'ן !" האט זיא אויסגערופען.

„אך ! ניין, ניט פאר דער גאנצער וועלט !" האט בענעדיק געענט־פערט, וויל ער האט געליעבט קלאודיא'ן און געגלויבט, אז מען האט איהם בעטראגען.

„איז ניט קלאודיא א לומפ ?" האט זיא געפרעגט, „האט ער ניט בעליידיגט, בעשמוטצט און ערניעדריגט מיין קוזינע ? אך, ווען איך וואלט געוועזען א מאן !"

„הער מיך אויס, ביטרים," האט בענעדיק זיך געבעטען.

אבער ביטרים האט גאר ניט געוואלט הערען אלם פערטהיידיגונג פאר קלאודיא'ן.

דאן האט זיא וויעדער געבעטען בענעדיק'ן ער זאל זיך נוקם זיין אן קלאודיא'ן.

„גערעדט מיט א מאן דורך'ן פענסטער," האט זיא געמורמעלט וויא צו זיך אליין. „דאס איז זעהר גרינג צו זאגען. ווער האט דאס געטהאן, הערא ? דיא זיסע, אונשולדיגע הערא ? מען האט זיא בעליידיגט, גע־שענדעט, רואינירט ! אך, ווען איך וואלט יעצט געוועזען א מאן ! אדער, ווען איך וואלט געהאט א פריינד וואס איז א מאן ! אבער אלע פריינדשאפ־טען און העלדענטהאטען ווערען אויפגעלעזט אין קאמפלימענטען און שמייכ־

לערייען. נאָר אזוי וויא איך קען ניט האָבען קיין פריינד וואָס זאָל זיין א בראוװער מאַן, וועל איך בעסער שטאַרבען אַן איינזאַמע פרוי."

„האָב גערולד, גוטע ביטרים," האָט זיך בענעדיק געבעטען. „איך שווער דיר ביי דיעזער האנד, אַז איך ליעב דיך."

„דאַן בענוטץ דיך מיט דיעזער האַנד פאַר מיין ליעבע אויף א גאַנץ אַנדערן אופן וויא שווערען דערביי."

„דענקסטו ערנסט, אויפריכטיג, פון דיין טיעפסטער זעעלע, אַז קלאַודיא האָט אומזיסט בעליידיגט העראָ'ן ?" האָט בענעדיק פלוצלונג א פרעג געגעבען.

„יא !" האָט ביטרים אויסגערופען. „איך בין אזוי זיכער דאריבער, פונקט וויא איך בין זיכער, אַז איך לעב !"

„גענוג !" האָט ער אויסגעשריען בעגייסטערט, „אַלעס איז געענדיגט. איך וועל איהם אַרויספאָדערן אויף א דועל. יעצט וועל איך קושען דיין האַנד און דיך פערלאָזען. ביי דיעזער טהייערער האַנד שווער איך, אַז קלאַודיא זאָל מיר אָבגעבען א טהייערען דין וחשבון ! איין זאַך וויל איך נאָר פון דיר בעטען, אַזוי וויא דוא וועסט הערען פון מיר זאָלסטו דענקען איבער מיר. יעצט געה און טרייסט דיין קוזינע."

אָבער וועהרענד ביטרים האָט אַזוי געבעטען בענעדיק'ן ער זאָל טויטען קלאַודיא'ן, האָט דערוויילע אויך לעאָנאטא אויפגעפאָדערט דעם פרינץ און קלאַודיא'ן זיי זאָלען איהם ענטפערן מיט זייערע שווערטען פאַר דער בע־ליידיגונג געגען זיין טאָכטער, וועלכע, לויט וויא ער האָט געזאָגט, איז געשטאָרבען פאַר שמערץ און אומזיסטיגע שאַנדע.

אָבער זיי האָבען רעספעקטירט זיינע יאָהרען און געאַכטעט זיין שמערץ.

„ניין, ניין," האָט דער פרינץ געזאָגט, „קריעג זיך ניט מיט אונז, גוטער אַלטער."

דאַן איז אָנגעקומען בענעדיק און אויך אַרויסגעפאָדערט קלאַודיא'ן אָבצוגעבען חשבון פאַר דעם אונרעכט געגען העראָ'ן.

ווען קלאַודיא האָט דאָס געהערט, האָט ער באַלד געזאָגט צום פרינץ:

„קיין צווייפעל, אַז ביטרים האָט איהם אָנגעשטעלט דערצו."

פון דעסטוועגען וואָלט קלאַודיא, געגען זיין ווילען, געמוזט אָננעהמען דיא אויפפאָדערונג פון בענעדיק'ן, ווען עס וואָלט ניט דאַמאַלס עפעס פאַ־

סירט, וועלכעס זאָל בעווייזען, אזוי קלאר וויא דער טאָג, אז הערא איז פאָלקאָמען אונשולדיג.

וועהרענד דער פרינץ און קלאודיא האָבען גערעדט וועגען בענעדיק'ס ארויספאָדערונג אויף א דועל, האט א ריכטער דערוויל געבראכט באָראַ־קיא'ן אלס א געפאַנגענער פאר'ן פרינץ.

דיא אורזאכע דערפון איז געווען, וואָס איינער האט זיך אונטער־געהערט וויא באָראקיא האָט דערצעהלט זיינעם א פריינד וועגען זיין שמוט־ציגער ארבייט וואָס ער האָט אָבגעטהאָן פאר דאָן זשואַן.

עס האָט ניט פיעל געדויערט, און באָראקיא האָט זיך פאָלשטענדיג מודה געווען פאר'ן פרינץ און קלאודיא'ן אז עס איז געווען מארגארעט, אין הערא'ס קליידער, מיט וועמען ער האט גערעדט דורך א פענסטער ביי נאכט, און זיי, דער פרינץ און קלאודיא, האָבען געמיינט, אז דאָס איז געווען הערא.

און אויב עס איז נאָך איבערגעבליעבען א שאטען פון פערדאכט, איז דיעזער באלד פערשוואונדען ווען מען האט ערפאהרען, אז דאָן זשואַן איז ענטלאָפען. יא, ער איז שנעל ענטלאָפען פון מעססינא אזוי גיך וויא ער האָט געהערט, אז מען ווייס שוין איבער זיינע געמיינהייטען. ער האָט אויך געהאט א גוטער אורזאכע צו ענטלויפען, וויל זיין ברודער'ס צאָרן איז געווען זעהר גרויס.

ווען קלאודיא האָט דאָס אלעס אויסגעהערט, איז ער געוואָרען זעהר בעטריעבט. ער האָט פאזיטיוו גערעכנט, אז דאָס אונשולדיגע מיידעל, וועלכע ער האָט אומזיסט געשענדעט און בעליידיגט, איז געשטאָרבען הע־רענדיג זיינע אומבארמהערציגע ווערטער. דיא עראינערונג אָן זיין גע־ליעבטע הערא, אין איהר גאנצער פראכט און ליעבליכקייט, איז וויעדער צו איהם צוריק געקומען און ער האָט געשפירט וויא זיין הארץ ווערט צו־זאמענגעדריקט מיט א טיעפען וועהטאָג.

„קלאודיא," האָט דער פרינץ צו איהם געזאָגט, „וועהרענד דוא האָסט דאָס אלעס געהערט, האָסטו ניט געשפירט, גלייך וויא איך, פונקט וויא מען שטעכט דורך דיין נשמה מיט ברענענדיגע אייזענס?"

„יא," האָט קלאודיא געענטפערט, „וועהרענד באָראקיא האט דער־צעהלט איבער זיין פערברעכען, איז דאָס געווען גלייך וויא איך וואָלט איינגענומען סם־המות."

קלאודיא האָט באלד חרטה געהאט — חרטה געהאט פון זיין טיעפסטען

הארצען, און ער האָט געבעטען, מיט טרערען אין דיא אויגען, אום פערציייהונג פון דעם אַלטען לעאנאטא ; ער האָט זיך אָנגעבאָטען אָנצור־נעהמען אירגענד א שטראף וואָס מען וועט אויף איהם ארויפלעגען, אבי ער זאָל אָבקומען פאר זיין אונפערצייהליכעס פערברעכען.

לעאנאטא האָט איהם אַ היבשע צייט בעטראכט, שטודירט זיין טרויער און זיך איבערצייגט, אז ער האָט ווירקליך חרטה, ער האָט דאן צו איהם געזאָגט דיעזע ווערטער :

„מיין שטראף פאר דיר איז פאָלגענדע : דוא מוזט מאָרגען פריה הייראטהען הערא'ס א קוזינע, וועלכע איז זעהר עהנליך צו הערא'ן, אָבער דוא זאָלסט בלינד בעפאָלגען מיין אויפטראג."

קלאודיא איז ניט געווען צופריעדען דערמיט, אָבער ער האָט זיין וואָרט ניט געוואָלט ברעכען און איינגעשטימט צו הייראטהען מיט דער אונבעקאנ־טער, אפילו ווען זיא זאָל זיין דעם טייוועל'ס מוטער.

אָבער קלאודיא'ס הארץ איז געווען פול שמערצען. ער האָט פער־בראכט דיא גאנצע נאכט אין טרערען ביי דעם קבר, וואו הערא האָט בע־דארפט בעערדיגט ווערען.

ווען עס איז טאָג געוואָרען, איז דער פרינץ צו איהם געקומען, און צוזאמען זיינען זיי אוועק אין קירכע, וואו דער גוטער גייסטליכער, לעאנאטא און זיין פלימעניצע, זיינען שוין געווען פון פריהער און געוואַרט צו פייערן דיא חתונה.

עס איז ערשיענען א פערשלייערטעס פרויענצימער, און לעאנאטא האָט פאָרגעשטעלט פאר קלאודיא'ן זיין צוקינפטיגע פרוי.

קלאודיא האָט אויפגעציטערט.

דאן, מיט א טרויעריגער און הייזעריגער שטימע האָט ער צו איהר געזאָגט :

„אונבעקאנטע, גיב מיר דיין האנד, און איך שווער דיר, אין דער געגענוואַרט פון דיעזען הייליגען גייסטליכען, אז איך וועל זיין דיין מאַן, אויב דוא ווילסט נאָר מיט מיר הייראטהען."

ביי דיעזע ווערטער האָט דיא פערשלייערטע ארונטערגענומען איהר שלייער, און פאר קלאודיא'ן איז געבליעבען שטעהען ניט לעאנאטא'ס א פלימעניצע, זאָנדערן זיין אייגענע טאָכטער, הערא.

קלאודיא, פאר בעוואונדערונג און איבעררראשונג, האָט ער צום אָנ־

פאנג ניט געקענט ארויסרעדען א ווארט. דער פרינץ נעבען איהם, איז ניט געוועזען וועניגער ערשטוינט.

דאן האט קלאודיא קוים ארויסגעשטאמעלט:

„איז דאס ניט הערא, הערא וועלכע איז געוועזען טויט?"

„יא," האט לעאנאטא געענטפערט, „זיא איז געוועזען אזוי לאנג טויט כל־זמן דיא שאנדע געגען איהר האט געלעבט."

עס האט זיך געזאלט ענטוויקלען א גאנצעס געשפרעך, אבער דער גייסטליכער האט זיי אונטערבראכען פערשפרעכענדיג צו געבען א פאלשטענדיגע ערקלערונג אבער שפעטער, נאך דער צערעמאניע.

דער גייסטליכער האט שוין אנגעפאנגען זיין ארבייט, ווען ער איז פלוצלונג אונטערבראכען געווארען פון בענעדיק׳ן, וועלכער האט פערלאנגט מען זאל איהם פערהייראטהען מיט ביטריס׳ן צו דערזעלבער צייט.

ביטריס האט זיך אפילו געקווינקעלט, ערקלערענדיג, אז זיא וויל ניט, אבער בענעדיק האט זיא געפרעגט וואו איהר ליעבע איז, פון וועלכער הערא האט געהאט אזוי פיעל צו דערצעהלען.

דאן איז שוין ווירקליך אלעס אונטערבראכען געווארען, און ערקלערונגען זיינען געקומען פון אלע זייטען.

דער סוף איז געוועזען, אז אין יענעם טאג האבען שטאטגעפונדען צוויי חתונות אין דער קירכע, און ביי לעאנאטא׳ן אין פאלאץ האבען זיך שפעטער צוויי יונגע פארלעך מיט זייערע געסט משמח געוועזען.



# וויא ס'געפעלט דיר.

אין אלטע צייטען, ווען פראנקרייך איז געווען צוטהיילט אין בעזונדערע פראווינצען, אדער פירסטענטהימער, האט אין איינער פון דיעזע פראווינצען געהערשט א פירסט, וועלכער האט קיין רעכט ניט געהאט צו זיין מלוכה. ער האט ארונטערגעווארפען זיין ברודער, דעם בע־עכטיגטען יורש עצר, און זיך געזעטצט אויף'ן טראהן.

דער פירסט, וועלכער איז פעריאגט געווארען פון זיין הערשאפט, איז ענטלאפען, צוזאמען מיט עטליכע פון זיינע געטרייע בעגלייטער, אין וואלד פון ארדען, און דארט האט ער זיך אויפגעהאלטען מיט זיינע געטרייע פריינד און נאכפאלגער.

דיעזע פירסטען־פריינד, זיינען אליין אוועק פון זייערע היימאטהען, וועהרענד דער אונבערעכטיגטער הערשער איז רייך געווארען צונעהמענדיג זייערע גיטער און פאלאצען.

פון א פירסטליכען פאלאץ ביז צו דער ווילדקייט פון וואלד, איז אפילו א גרויסער חילוק, אבער דיא נויטהווענדיגקייט איז דיא מוטער פון אלע בעדארפענישען, און צרות לערנען אויס א מענשען ליידען וואס דאס שיקזאל גיט איהם.

אזוי האבען זיך אויך דער פירסט און זיינע נאכפאלגער צוגעוואהנט צום וואלד און אנגעפאנגען צו פיהרען א לעבען, וויא א מאל דיא רויבער־באנדעס. דאס הייסט, גערויבט האט מען ניט, אבער דער וואלד איז געווארען דיא היים.

אין זומער זיינען זיי געלעגען אין שאטען פון דיא קיהלע בוימער, זיך אמוזירענדיג מיט יאגד און אנדערע זאכען. ערנעהרט האט מען זיך פון דיא הירשען וואס האבען אנגעפילט דעם וואלד.

נאר ווען דיא קאלטע ווינטער־ווינטען האבען אנגעהויבען צו בלאזען,

איז געוואָרען אונאַנגענעהם. דער פירסט אָבער האָט אַלעם ערטראַגען גע־דולדיג. און אין אזא צייט פלעגט ער זאָגען:

„דיעזע קאַלטע ווינטען וואָס נעהמען דורך מיין קערפּער, זיינען אמת׳ע טרייסטערס: זיי שמייכלען ניט, נאָר זיי שטעלען מיר פאָר מיין ריכ־טיגע לאַגע. כאָטש זיי בייסען און פעראורזאכען אַזעלכע שמערצען, זיי־נען זייערע צייהן דאָך ניט אַזוי שאַרף וויא דיעזע פון בייזקייט און אונ־דאנקבאַרקייט."

אזוי האָט דער אָרעמער פירסט פערבראַכט אין וואַלד, זיך ניט בע־קלאַגענדיג און זיך בלויז אונטערגעגעבען צום אונפערמיידליכען שיקזאַל.

און וואָס ניטצט ווירקליך אַ מענשען זיפצען און קרעכצען? דערמיט האָט זיך נאָך קיינער ניט בעסער געמאַכט. עס איז פיעל גלייכער אָנצו־נעהמען רוהיג און געדולדיג וואָס דעם מענשען קומט ענטקעגען און וואַרטען ביז דאָס רעדעל דרעהט זיך איבער.

דער פערטריעבענער פירסט האָט געהאַט איין־איינציגע טאָכטער מיט דעם נאָמען ראָזאַלינד, דיעזע האָט זיין פאַלשער ברודער, פירסט פרעדע־ריק, צוריק געלאָזט אין זיין הויף, נאָכדעם וויא ער האָט פעריאָגט דעם ברודער, כדי זיא זאָל זיין אַ חבר׳טע אָדער קאָמפּאַניאָן פון זיין אייגענער טאָכטער סיליא.

צווישען דיא צוויי מיידלעך, ראַזאַלינד און סיליא, האָט זיך דער־ווייל ענטוויקעלט אַ גרויסע פריינדשאַפט און ליעבע, וואָס איז געווען אַ געוואַלטיגער קאָנטראַסט צו דער שנאה וואָס האָט געהערשט צווישען זיי־ערע פאָטערס.

סיליא האָט אָנגעווענדעט אַלעם מעגליכע צו טרייסטען ראַזאַלינד׳ן און איהר אויסרעדען ווען זיא איז געווען טרויעריג און בעזאָרגט אום איהר פאָטער. דיא אָרעמע ראַזאַלינד האָט ניט אויפגעהערט צו טרויערן אויף דעם שיקזאַל פון איהר אונגליקליכען פאָטער.

אין אַ טאָג האָט סיליא געפונען איהר קוזינע זיטצענדיג זעהר בע־זאָרגט.

„גוטע ראַזאַלינד," האָט סיליא געזאָגט, „מיין אונגליקליכע פריינ־דין! איך בעט דיך, זיי ניט אַזוי בעטריעבט. זיי אַ ביסעל פרעהליך און מונטער."

וועהרענד דעם איז אָנגעקומען אַ שליח פון סיליא׳ס פאָטער, וועלכער

האָט גערופעןביידע מיידלעך בייצו־וואָהנען אַ קאַמפּף וואו צוויי מענער וועלען זיך ראנגלען.

דיא פאַרשטעלונג האָט נאָר וואָס בעדאַרפט אָנפאַנגען, און אויב דיא מיידלעך האָבען דאָס געוואָלט צוזעהען, האָבען זיי געמוזט באַלד קומען.

סיליא, רעכענענדיג, אַז דאָס וועט אַמוזירען ראזאלינד׳ן, האָט זיא געבעטען איהר שוועסטער־קינד מיטצוגעהען.

אין יענער צייט איז ראנגלען שטאַרק געווען אין דער מאָדע און דאָס איז געווען איינע פון דיא הויפּט־אַמוזירונגען פאַר דיא הויפליים און דיא שעהנע דאמען און פּרינצעסינס.

ראזאלינד האָט איינגעשטימט צו געהען, און זיא איז אַוועק מיט סיליא׳ן.

וואָס זיי האָבען דאָרט געטראָפען, איז געווען פאָלגענדעס: אַ גרויסער און שטאַרקער מענש, אַ ריעז, פיעל געאיבט אין ראנגלען, בעקאַנט אַלס אַזעלכער וואָס האָט שוין גע׳הרג׳עט מעהרערע מענער, האָט זיך בעדאַרפט בעגעגענען מיט אַ צאַרטען און יונגען מאַן, אָהן ערפאַהרונג, און עס האָט אויסגעזעהען, אַז דער ריעז וועט איהם צושמעטערן אויף שטיקער.

ווען דער פירסט האָט דערזעהען סיליא׳ן מיט ראזאלינד׳ן האָט ער געזאָגט:

„וואָס איז דאָס, טאָכטער מיינע און פּלימעניצע, ווען זייט איהר געקומען בייוואָהנען דעם קאַמפּף? עס שיינט מיר, אַז איהר וועט ניט האָבען קיין גרויס פערגניגען, וויל דאָס וועט זיין אַ זעהר אונגלייכער קאַמפּף. איך אַליין האָב אויך פריהער ניט געוואוסט וואָס דאָ וועט פאָרקומען. נאָר יעצט איז שוין פערפאַלען. יעדענפאַלס אָבער, וואָלט איך אייך געראַטהען איהר זאָלט אָנווענדען אַלעס מעגליכע אָבצורעדען דעם יונגען מאַן ער זאָל ניט געהען צום זיכערן טויט. רעדט מיט איהם, פּראָבירט, אפשר וועט עס אייך געלינגען."

דיא צוויי מיידלעך זיינען געווען זעהר צופריעדען דורכצופיהרען אַזאַ מענשליכע שליחות. צום ערשטען האָט סיליא געבעטען דעם יונגען מאַן ער זאָל זיך ניט אַריינלאָזען אין אַזאַ קאַמפּף. דאַן האָט צו איהם ראזאלינד גערעדט אין אַ צאַרטען און מילדען טאָן, אָבער אַנשטאַט דאָס זאָל איהם רידערען אויפצוגעבען דעם קאַמפּף, האָט ער בעהויפּטעט, אַז זייער סימ־

פּאַטהיע און גוטסקייט האָבען איהם געגעבען אַזוי פיעל מוטה, דאָס ער שפּירט זיך הונדערט מאָל אַזוי שטאַרק וויא פריהער און ער איז זיכער מיט אַ זיעג.

ווען זיי האָבען איהם אָבער ווייטער געבעטען, האָט ער, אין אַ זעל־טענעם עדעלען טאָן געענטפערט:

„עס טהוט מיר לייד צו ענטזאגען דעם וואונש פון אזעלכע עדעלע און שעהנע דאמען. אָבער ערלויבט מיר בעסער, אַז אייער עדעלקייט און שעהנהייט זאָלען מיך בעגלייטען צו מיין פּראָבע. און וואָס עס אנבעלאַנגט מיר, ווען איך זאָל שטאַרבען, גאַראַנטיר איך אייך, אַז אייער בליק ועט מיר געבען דיא גליקליכסטע מאָמענטען אין מיין לעבען ביז דער טויט וועט מיך אין גאנצען בערוהיגען. אויסער דעם, פערזיכער איך אייך, אַז קייד נער וועט ניט בעדויערן מיין טויט. איך האָב קיינעם ניט אויף דיעזער וועלט. איך פערנעהם העכסטענס אַן איבריגען פּלאַטץ, און עס וועט זיין פיעל גלייכער פּלאַטץ צו מאַכען פאַר אַנדערע."

דיא מיידלעך האָבען מעהר ניט געהאַט וואָס צו זאָגען. אין ראזאלינד'ס אויגען, האָבען געגלאַנצט דיא טרערען.

דאַן האָט אָנגעפאַנגען דער קאַמפּף.

סיליא האָט געוואָלט, אַז דער יונגער פרעמדער זאָל ניט בעשעדיגט ווערען. אָבער ראזאלינד האָט געשפּירט וויא איהר הארץ ווערט צוזאַמענ־געדריקט פאַר וועהטאָג.

זיין פריינדלאָזער און איינזאַמער צושטאַנד, זיין עלענדקייט און טרויער, אַז ער וויל בעסער שטאַרבען וויא לעבען, האָט געמאַכט ראזאלינד'ן דענקען, אַז ער איז אויך אַזוי אונגליקליך וויא זיא.

דיעזע געפיהלע פון רחמנות האָבען זיך שנעל פערוואַנדעלט אין סימ־פּאַטהיע און אויך ליעבע.

וואונדערבאַר זיינען דיא ווירקונגען פון אַ שעהנעם פּרויענצימער אויף אַ יונגען מאַן. אירגענד אַ סימפּאַטהיע און אַן אינטערעסע, רופען ארויס אין דעם יונגען מענשען אַ זעלטענעם קוראזש און גבורה. יאַ, דער יונגער ראַנגלער איז געוועזען קליין און שוואַך אין פערגלייך מיט זיין געגנער, אָבער ער האָט געקריגען אַזאַ וואונדערבאַרע קראַפט און מוטה, אַז ער האָט בע־זיעגט זיין מעכטיגען געגנער און איהם אַזאַ שליידער געטהאָן צו דער ערד, אַז ער האָט זיך ניט געקענט אויפהייבען.

פירסט פרעדעריק איז געוועזען זעהר צופריעדען מיט דעם מוטה און קונסט

פון דעם יונגען מאַן. ער האָט איהם דאַן צוגערופען און פערלאַנגט צו ווייסען זיין נאָמען און דעם נאָמען פון זיינע עלטערן, וואָס האָט געהייסען, אַז דער פירסט האָט בעשלאָסען איהם צו נעהמען אונטער זיין שוטץ.

דער ברעמידער האָט געענטפערט:

„מיין נאָמען איז אָרלאַנדאָ. איך בין דער אינגסטער זוהן פון סיר ראָלאַנד דע באָיז."

סיר ראָלאַנד דע באָיז איז שוין געווען טויט פון עטליכע יאָהר. אָבער, ווען ער האָט געלעבט, איז ער געווען אַ טרייער אונטערטהאַן און אַ גרויסער פריינד פון דעם פערטריבענעם פירסט. אַזוי שנעל אַלזאָ וויא פרעדעריק האָט געהערט, אַז אָרלאַנדאָ איז דער זוהן פון זיין פערטריבענעם ברודער'ס פריינד, האָט זיך זיין גאַנצע נייגונג צום יונגען מאַן פערוואַנדעלט אין פעראַכטונג.

ער האָט זיך שנעל אומגעווענדעט און איז אַוועק גאַנץ אונצופריעדען פון דעם פּאַלאַץ.

האָסענדיג אַפילו דעם נאָמען פון זיין ברודערס פריינד און דאָך בעוואונדערנדיג דעם יונגען מאַן'ס מוטה האָט ער געמורמעלט, אַוועקגעהענדיג:

„הלואי וואָלט ער געווען אַן אַנדערן'ס זוהן."

אויף ראָזאַלינד'ן ווידער, האָט דיא גאַנצע געשיכטע גאַר געמאַכט אַן אַנדערן איינדרוק. ווען זיא האָט געהערט ווער דער יונגער מאַן איז, האָט עס זיא זעהר געפרייט.

„מיין פאָטער האָט ליעב געהאַט סיר ראָלאַנד דע באָיז," האָט זיא געזאָגט צו סיליאַ'ן, „און ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז דיזער יונגער מאַן איז זיין זוהן, וואָלט איך נאָך צוגעלעגט אַ שטראָם טרעהרען ווערענד איך האָב איהם געבעטען ער זאָל ניט אונטערנעהמען דעם געוואַגטען קאַמפּף".

ביידע מיידלאַך זיינען דאַן צוגעקומען צו איהם, און זעהענדיג וויא בערצווייפעלט ער איז געבליבען נאָך דעם פירסט'ס בעהאַנדלונג, האָבען זיי צו איהם גערעדט מילד און טרייסטענדיג.

ווען דער יונגער מאַן האָט געהערט זייערע זיסע און פריינדליכע שטימען, האָט ער אויסגעזעהען צו קריגען מעהר מוטה.

אַוועקגעהענדיג, האָט זיך ראָזאַלאַנד נאָך אומגעווענדעט, און אַרונטער

נעהמענדיג אַ גאָלדענעם קייטעל פון דער האַלז, האָט זיא עס איהם געגע־בען זאָגענדיג:

„מיין הערר, נעהמט דאָס פון מיר אַלס אַן אָנדענקען. איך בין ניט רייך, אָבער, ווען איך וואָלט עס געווען, מעגט איהר מיר גלויבען, אַז איך וואָלט אייך מעהר געגעבען."

אָרלאַנדאָ האָט גענומען דיא מתנה און זיא געקושט גלייך וויא דאָס וואָלט געווען דיא גרעסטע הייליגקייט.

ווען דיא צוויי מיידלאַך זיינען אוועק, האָבען זיי נאָך אַ היבשע צייט געהאַלטען אין איין רעדען איבער אָרלאַנדאָ'ן. סיליא, וועלכע איז ניט געווען קיין נאַר, האָט באַלד בעמערקט וויא איהר שוועסטער־קינד האָט זיך פער־ליעבט אין דעם יונגען און שעהנעם ראַנגלער.

„איז עס מעגליך," האָט זיא געפרעגט, „אַז דו, ראָזאַלינד, זאָלסט זיך אַזוי שנעל פערליעבען?"

„מיין פירסטליכער פאָטער האָט אויך געליעבט זיין פאָטער", האָט ראָזאַלינד געענטפערט.

„איז דאָס עפּעס אַ ראיה," האָט סיליא ווייטער געפרעגט שמייכלענדיג, „אַז דערפאַר זאָלסטו ליעבען זיין זוהן? ווען דאָס זאָל ווירקליך זיין עפּעס אַ ראיה, וואָלט איך איהם גאָר בעדאַרפט האַסען, ווייל מיין פאָטער האָט פיינד געהאַט זיין פאָטער. פון דעסטוועגען האַס איך ניט אָרלאַנדאָ'ן."

פירסט פרעדעריק האָט ניט געקענט פערגעסען אַן סיר ראָלאַנד'ס זוהן און אַן דער גאַנצער בעגעגענונג. עס האָט איהם דערמאָהנט אַן דיא צאָהלרייכע פריינד פון דעם אַדעל, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט דעם פער־יאָגטען פירסט אין גלות.

אַלע דיעזע זכרונות האָבען ביי איהם דערוועקט זיין גאַנצע שלעכטע נאַטור, און ער האָט ניט נאָר מעהר געהאַסט זיין ברודער, זאָנדערן אויך אָנגעהויבען צו האַסען זיין טאָכטער, ראָזאַלינד'ן.

ראָזאַלינד האָט ביי איהם איבערהויפּט אין דער לעצטער צייט ניט שטאַרק נושא חן געווען. ניט דערפאַר חלילה, ווייל דאָס אונגליקליכע מיי־דעל זאָל האָבען געטהאָן עפּעס שלעכטס, נאָר איינפאַך, ווייל דאָס פאָלק האָט זיא געליעבט, געריהמט און געליעבט פאַר איהר טוגענד און גוטסקייט, און אויף איהר רחמנות געהאַט, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז זיא ליידעט צוליעב איהר פאָטער.

דאָס אַלעס אינאיינעם האָט געפיהרט וואָס פירסט פּרעדעריק איז שטאַרק בייז געוואָרען אויף דער אונגליקליכער ראזאַלינד.

ווערענד סיליא און ראָזאַלינד זיינען נאָךביידע געשטאַנען און גערעדט איז ער אַנגעקומען, און מיט אַ בליק פול צאָרן און פעראַכטונג, האָט ער ארויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז ראָזאַלינד זאָל זאָפאָרט פערלאָזען דעם פּאַלאַץ און אוועק צו איהר פאָטער דאָרט אין וואַלד, צו זיין גלייך מיט איהם אין גלות.

ווען ראָזאַלינד האָט געהערט דיעזען בעפעהל, איז זיא בלויז געבליבען שטעהן וויא געטראָפען פון אַ דונער. סיליא וויעדער, איז פריהער בלאַס געוואָרען און נאכהער האָט זיא אָנגעהויבען צו וויינען און בעטען פאר דער ליידענדער ראזאַלינד.

דער פירסט איז געבליבען הארטנעקיג.

„הער אויס, פאָטער," האָט דאָס גוטע מיידעל געזאָגט ענטשלאָסען, „דאמאַלס, ווען דו האָסט איהר געהייסען בלייבען, האָב איך עס פון דיר ניט פערלאַנגט. יעצט אָבער, ווען איך האָב געהאט אַ געלעגענהייט אַנצוערקענען איהר ווערטה, ווען איך האָב מיט איהר צוזאַמען געשלאָפען, צוזאַמען אויפגעשטאַנען, זיך געשפּיעלט, אַמוזירט, ביז איך האָב זיא ליעב בעקומען — יעצט קען איך מיך שוין פון איהר ניט שיידען!"

„נאַרישע מיידעל!" האָט פרעדעריק געברומט, „זיא איז צו כיטרע פאר דיר. איהר וויך צינגעלע, איהר שווייגען און איהר געדולד, דאָס אַלעס רעדט צום פאָלק מיט טויזענדער פלאַמען-צונגען. דאָס פאָלק האָט אויף איהר רחמנות. דו ביסט אַ נאר פאר איהר צו בעטען, וויל, ווען זיא וועט ניט זיין, וועסטו אַליין זיין דיא יעניגע, וועמען דאָס פאָלק וועט אַכטען און ליעבען. דערפאַר, בעפעהל איך דיר, אַז דו זאָלסט ניט מעהר עפענען דיינע ליפּען פאר איהר צו בעטען. מיין אורטהייל וואָס איך האָב איבער איהר אויסגעשפּראָכען בלייבט פעסט, און קיין מענש וועט מיך מעהר בעוועגען איהם צוריק צו ציהען."

ווען סיליאַ האָט איינגעזעהען, אַז זיא וועט ביי איהר פאָטער גאָר מעהר ניט פועל'ן בעטענדיג פאר ראָזאַלינד'ן, האָט זיא, אין איהר עדעלע נשמה, בעשלאָסען מיט איהר מיטצוגעהן — אויך אין גלות.

עס איז נאָך געוועזן אין יענער נאכט, ווען ראָזאַלינד, צוזאַמען מיט סיליא'ן, האָבען פערלאָזט דעם פּאַלאַץ און אוועק זוכען דעם פערטריבענעם פירסט אין דיא וועלדער פון ארדען.

אָבער איידער זיי זיינען אַוועק, האָט סיליא אויסגערעכענט, אַז עס וועט זיין צו פיעל געוואַגט פאַר צוויי מיידלאַך צו וואַנדערן אַליין אַזאַ לאַנגען וועג. אָבער אַזוי וויא זיא האָט ניט געהאַט אויף וועמען זיך צו פערטרויען, האָט זיא דערפאַר געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז זיי זאָלען זיך פערקליידען אַלס צוויי דאָרפס־מיידלאַך.

ראָזאַלינד'ן איז געפעלען געוואָרען דער פאָרשלאַג ניט צו וואַנדערן אַלס פּרינצעסינס. אָבער איהר איז איינגעפאַלען, אַז עס וואָלט נאָך בעסער געווען, ווען איינע פון זיי זאָל זיך פערקליידען אַלס מאַן.

סיליא איז געווען צופרידען.

ראָזאַלינד, וועלכע האָט געהאַט אַ העכערע פיגור, האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ יונגען בויער און סיליא פאַר אַ בויערן מיידעל. דאַן האָבען זיי אָבגעמאַכט, זיי זאָלען זיך רופען ברודער און שוועסטער. ראָזאַלינד האָט זיך אַ נאָמען געגעבען גאַנימעד און סיליא האָט אָנגענומען דעם נאָמען אַליענא.

מיטנעהמענדיג גענוג געלד אויף דער הוצאה, האָבען דיא צוויי שעהנע פּרינצעסינס אָנגעפאַנגען זייער שווערע און לאַנגע רייזע, וויל דער וואַלד פון ארדען איז געווען ווייט, העט אַריבער דיא גרענעצען פון דעם פירסט.

מיר וועלען אַלזאָ אויף אַ ווייַלע פערגעסען אָן ראָזאַלינד'ן און סיליא'ן. מיר וועלען פאַר אונזערע אויגען האָבען בלויז גאַנימעד און זיין שוועסטער אַליענא.

זיי איז געלונגען גליקליך אַרויסצוגעהן פון שטאָדט און ראָזאַלינד פּונקט וויא אַ ווירקליכער מאַן, האָט געשפּיעלט דיא ראָלע פון בעשיטצער איבער זיין שוואַכערע שוועסטער אַליענא.

ווען זיי זיינען ענדליך אָנגעקומען צום וואַלד פון אָרדען, האָבען זיי שוין מעהר ניט געפונען דיא בעקוועמע פעלד־שטיבלעך אָדער קרעטשמעס, וואו זיי האָבען געקענט איבערשלאָפען דיא נאַכט און זיך אויסרוהען. אַלעס ארום זיי איז געווען פעלד, וואַלד און הימעל.

זייערע שפּייזען האָבען זיך אויסגעלאָזט, און גאַנימעד, וואָס האָט ביז דאַמאָלס אַמוזירט זיין שוועסטער מיט שעהנע ווערטלאַך און וויטציגע געשיכטעס, האָט יעצט געמוזט מודה זיין, אַז ער איז שוין אויך מיעד.

„אַך,“ האָט גאַנימעד געזאָגט צו זיין שוועסטער, „ווען איך וואָלט מיך ניט געשעהמט פאַר מיינע מענערשע קליידער, וואָלט איך מיך אויך גוט אויסגעוויינט פּונקט וויא אַ פרוי.“

די אָרעמע אַליענאַ האָט ערקלערט, אַז עס מעג זיין וואָס עס וויל, ווייטער קען זיא שוין ניט געהן.

דאַן האָט זיך גאַנימעד ווידער דערמאַנט, אַז עס איז אַ מאַן'ס פליכט צו טרייסטען און ערמוטהיגען אַ פרוי, וועלכע איז דיא שוואַכערע. ער האָט זיך אויך געמאַכט האַרץ און געזאָגט:

„קום, שוועסטער, זיי בראַוו. מיר זיינען שוין ענדליך ביים סוף פון אונזערע רייזען. זיי מוטהיג.“

אָבער דער געמאַכטער מוטה האָט זיי מעהר ניט געקענט אונטערשטיצען און העלפען. זיי זיינען טאַקי שוין געווען אין וואַלד פון אַרדען, אָבער דער וואַלד איז געווען אונגעהייער גרויס און עס איז כמעט אונמעגליך געווען צו געפינען דעם פירסט.

דאַמאַלס האָט עס שוין אויך געהאַלטען דערביי, אַז דיא צוויי מיידלאַך זאָלען אויף אייביג ענדיגען זייער רייזע, ווייל זיי האָבען געקענט פערבלאָנדזשעט ווערען און אויסגעהן פאַר הונגער, אָבער אַ צופאַל האָט זיי גערעטעט. זיצענדיג, שוין אָהן כחות אויפ'ן גראָז, אָהן אַ שום האָפנונג, איז גראַדע פערביי געגאַנגען אַ בויער, און גאַנימעד, נאָך אַ מאָל פאַסענדיג מוטה, האָט ער געזאָגט:

„פאַסטוך, אויב דיא ליעבע צו געלד, קען דיך, אין דיעזען וויסטען אָרט פעראינטערעסירען, דאַן פיהר אונז ערגעץ וואו מיר זאָלען זיך קענען אויסרוהען; ווייל דאָס מיידעל דאָ, מיין שוועסטער, איז זעהר מיעד פון דער רייזע און זיא געהט איינפאַך אויס פאַר הונגער.“

דער מאַן האָט געענטפערט, אַז ער איז בלויז אַ פאַסטוך'ס דיענער, און דאָס הויז פון זיין בעל הבית האַלט גראַדע ביים פערקויפט ווערען, און דערפאַר וויים ער ניט, אויב זיי וועלען אין אַזאַ צייט דאָרט קענען נעכטיגען און עפּעס עסען. יעדענפאַלס אָבער, האָט ער זיי איינגעלאַדען מיטצוגעהן און געניסען אַזוי פיעל וויא עס איז מעגליך אונטער דיא אומשטענדען.

דאָס שטיקעלע האָפנונג אויף עפּעס עסען און רוה, האָט זיי געגעבען כח ווייטער צו געהן. אָנקומענדיג אַהין, האָבען זיי אויסגעקויפט דאָס הויז און דיא שאָף וואָס האָבען געהאַלטען אין פערקויפט ווערען. אויף אַזאַ אופן, האָבען זיי נאַטירליך באַלד געקריגען עסען און דאַן אַ ריינעם בעט. נאָכדעם וויא זיי האָבען זיך אויסגערוהט, האָבען זיי בעשלאָסען דאָרט אַזוי לאַנג צו וואַרטען, ביז זיי וועלען קענען אויסגעפינען וואו דער פירסט געפינט זיך ערגעץ.

דערוויל האָבען זיי אָנגעהויבען איינצוריכטען זייער נייע וואָהנונג און געפיהרט דאָס לעבען פון פאַסטוכער. צייטענווייז, האָט אָבער גאַנימעד זיך דערמאָהנט, אַז אַמאָל איז ער געווען פרינצעסין ראָזאַלינד און געליעבט דעם בראַווען אָרלאַנדאָ, ווייל ער איז געווען סיר ראָלאַנד׳ס זוהן, איהר פאַטער׳ס פריינד. אָבוואָהל גאַנימעד האָט גערעכענט, אַז אָרלאַנדאָ איז ווייט פון איהם פיעלע מיילען, פון דעסטוועגען האָט עס פּאַסירט, וואָס אָרלאַנדאָ איז אויך געקומען אין דעמזעלבען וואַלד פון אַרדען.

עס וועט יעצט זיין וויכטיג מיטצוטהיילען וויא דאָס אַלעס האָט פּאַסירט.

אָרלאַנדאָ איז געווען דער יינגסטער זוהן פון סיר ראָלאַנד דע באָיז. ווען סיר ראָלאַנד איז געשטאָרבען, איז נאָך אָרלאַנדאָ געווען אַ קליין קינד, און זיין עלטערער ברודער, אָליווער, האָט אויף איהם אַכטונג געגעבען. סיר ראָלאַנד׳ס אויפטראַג איז אויך געווען, אַז אָליווער זאָל איהם האַלטען אונ־טער זיין שוטץ און איהם געבען אַ גוטע ערציהונג, עס זאָל פּאַסען פאַר זייער אַלטער אַדעליגער פאַמיליע.

אָבער אָליווער איז ניט געווען קיין גוטער מענש. ניט אַכטענדיג אויף דעם אויפטראַג פון זיין שטערבענדען פאַטער, האָט ער זיין ברודער׳ל אפילו קיינמאָל ניט געשיקט אין שולע אריין, זאָנדערן ער האָט איהם געלאָזט אויס־וואַקסען ניט געבילדעט און שטאַרק פערנאַכלעסיגט.

אָבער עס פּאַסירט מעהרערע מאָל, אַז מענשען, אפילו ווען זיי זיינען ניט געבילדעט, האָבען זיי אין זיך אַ נאָבעלע נאַטור און אַן עדעלע נשמה. ראָלאַנד איז געווען איינער פון דיעזע. ער איז געווען שטאַרק עהנליך צו זיין פאַטער, און אָהן בילדונג און בעזאָנדערע ערציהונג, האָט ער אויס־געזעהען פּונקט אַזוי גוט וויא דיא קינדער פון עלטערן פאַר וועלכע מען האָט שטאַרק געזאָרגט.

אַנשטאָט אָליווער זאָל זיין צופריעדען דערמיט, האָט ער שטאַרק מקנא געווען זיין ברודער פאַר זיינע מעלות און ער האָט איהם געהאַסט. ענדליך האָט ער אויך געפּלאַנט איהם צו פערניכטען. און אום פון איהם פּטור צו ווע־רען, האָט ער עס אויסגעאַרבייט דעם פּלאַן, אַז אָרלאַנדאָ זאָל זיך ראַנגלען מיט דעם בעריהמטען ראַנגלער, וועלכער האָט שוין געטויטעט פיעלע מענ־שען. דאָס איז אויך געווען דיא סבה, ווארום אָרלאַנדאָ האָט בעהויפּטעט, אַז ער וואָלט בעסער וועלען שטאַרבען איידער צו פיהרען אַזאַ אונגליק־ליכעס לעבען.

דער סוף פון דעם קאמפף איז אונז שוין בעקאנט. טראָטץ אַליווער׳ס פּלענער, איז אָרלאַנדאָ ארויס דער זיעגער. דאָס האָט אָבער אַליווער׳ס האס נאָך גרעסער געמאכט, און ער האָט בעשלאָסען, איינמאָל פאר אלע מאָל, לויז צו ווערען פון זיין ברודער. אין זיין ווילדען צאָרן, האָט ער גע־שוואָרען צו פערברענען דאָס צימער אין וועלכען אָרלאַנדאָ איז געשלאָפען.

איינער פון סיר ראָלאַנד׳ס אַלטע און געטרייע דיענער האָט געהערט דיזע שבועה און ער האָט בעשלאָסען צו ראטעווען דאָס לעבען פון דעם יונגען מאַן.

דער אַלטער דיענער האָט בעגעגענט אָרלאַנדאָ׳ן אהיים קומענדיג פון דעם קאמפף. ער האָט איהם אָבגערופען אויף א זייט און איהם מיטגעטהיילט וועגען דעם געפאהר וואָס שוועבט איבער איהם.

„אָך, מיין גוטער הערר!“ האָט דער אַלטער געזאָגט וועהרענד דיא טרערען זיינען געשטאַנען אין זיינע אויגען, „ווארום ביסטו טוגענדהאפט, צערטליך, שטאַרק און עדעל? ווארום האָסטו בעזיעגט דעם מעכטיגען ראַנגלער? דיין לויב האָט געוואַנדערט פאר דיר אהיים, און דיין לעבען איז יעצט אין דער גרעסטער געפאהר.“

דער אַלטער דיענער האָט געהייסען אדאַם, און ער האָט געראטהען אָרלאַנדאָ׳ן צו ענטלויפען.

„יא, ענטלויפען,“ האָט אָרלאַנדאָ געמורמעלט וויא צו זיך אַליין. „ענטלויפען איז דיא בעסטע זאך פאר מיר. אָבער מיט וואָס? וויא אזוי? איך בין אָרעם, איך האָב קיין געלד.“

ביי דיעזע ווערטער האָט דער אַלטער ארויסגעצויגען א בינטעל געלד און דאָס דערלאַנגענדיג אָרלאַנדאָ׳ן האָט ער געזאָגט:

„איך האָב פינף הונדערט קרוינען, דיא סומע וואָס איך האָב אָבגע־שפּאָרט פון שווערער ארבייט אונטער דיין פאטער. איך האָב דאָס בעהאלטען אויף דער צייט ווען מיינע אַלטע גליעדער וועלען מעהר ניט קענען ארבייטען. נעהם דאָס, און ער, וואָס שפּייזט דיא פייגעל, זאָל מיך שפּייזען אויף מיין עלטער. נעהם דאָס געלד, אַלעס וואָס איך האָב, און לאָז מיך אויך זיין דיין דיענער. כאָטש איך זעה אוים אַלט, וועל איך זעהר ניצליך זיין פאר אזא יונגען מענשען וויא דו ביסט.“

„אָך, גוטער אַלטער!“ האָט אָרלאַנדאָ געזאָגט זעהר גערידהרט. „אין דיר שפּיעגעלט זיך אָב דיא גוטסקייט פון א פריהעריגער וועלט. דו ביסט גאָר ניט פאר דיעזע צייטען. יא, מיר וועלען געהן צוזאמען, און נאָך איידער

דיינע ערשפּאָרונגען וועלען זיין אויסגעבראכט, האָף איך צו געפינען עפּעס וואָס זאָל גענוג זיין אונז ביידען אויסצוהאַלטען."

דער טרייער דיענער און זיין בעליעבטער הערר, האָבען אָנגעפאַנגען זייער וואַנדערונג צוזאַמען. אָרלאַנדאָ און אדאם זיינען געגאַנגען ניט וויסענדיג געניו וואָס זיי ווילען, וואוהין זיי אַנטלויפען. זייערע וואַנדערונגען האָבען זיי אָבער ענדליך געבראַכט אין וואַלד פון אָרדען און דאָרט האָבען זיי זיך געפונען אין דערזעלבער נויט און פערצווייפלונג וויא גאַנימעד און אַליענא זיינען געוועזען.

זיי זיינען געגאַנגען, זוכענדיג עפּעס א מענשליכע וואָהנונג, ביז זיי זיינען ביידע צוזאַמענגעבראָכען געוואָרען פאַר הונגער און מיעדקייט.

„מיין גוטער הערר," האָט אדאם געזאָגט. „ווייטער קען איך שוין ניט געהן. איך וועל דאָ בלייבען און אויסגעהן פאַר הונגער."

אזוי האָט ער זיך אַנידערגעלייגט און געטראַכט דאָרט צו געפינען זיין קבר.

אָרלאַנדאָ, זעהענדיג דעם געטרייען אַלטען מאַן אין דיעזען צושטאַנד, האָט ער איהם אויפגעהויבען, ארויפגעלייגט אויף דיא פּלייצעס און איהם וויינינגסטענס צוגעטראָגען אונטערן שאָטען פון א ברייטען און הויכען בוים.

„מונטער אויף, אַלטער," האָט ער צו איהם געזאָגט. „רוה דיר אויס דיינע אַלטע און מיעדע ביינער, און רעד ניט פון שטאַרבען."

אָרלאַנדאָ האָט דאַן אָנגעהויבען צו זוכען עפּעס עסען, און דורך א צופאַל איז ער אָנגעקומען פונקט אין יענעם טהייל פון וואַלד, וואו דער פירסט איז געוועזען. דער פירסט און זיינע פריינדע, האָבען זיך פונקט דאַמאַלס געזעצט עסען מיטאג. דער פירסטליכער טיש, נאַטירליך, איז געוועזען דאָס גרינע גראָז אונטער דעם שאָטען פון ברייטע צווייגען.

אָרלאַנדאָ איז דאַמאַלס געוועזען פערצווייפעלט און ווילד פאַר הונגער. ער האָט אַרויסגעצויגען זיין שווערד און בעשלאָסען צו קריעגען עסען דורך מאַכט.

„הערט אויף, עסט ניט מעהר!" האָט ער געשריען. „איך מוז האָבען אייער שפּייז!"

דער פירסט האָט זיך ניט דערשראָקען. רוהיג און קאַלטבלוטיג האָט ער איהם געפרעגט, אויב הונגער האָט איהם געטריבען דערצו, אָדער ער איז גלאַט אזוי א פּערדאָרבענער מענש אָהן מאַניערען.

אָרלאַנדאָ האָט איהם גלייך געענטפערט, אַז ער שטאַרבט איינפאַך פון הונגער.

„אָרעמער יונג," האָט דער פירסט געזאָגט מיט בעדויערן, „דאַן ביסטו ווילקאָמען. זעטץ דיך אַוועק און עסס וויפיעל דו ווילסט."

ווען אָרלאַנדאָ האָט דאָס געהערט, האָט ער צוריקגעלעגט זיין שווערד אין שייד און זיך שטאַרק פערשעהמט.

„ענטשולדיגט מיר, איך בעט אייך," האָט ער געשטאַמעלט, „איך האָב געמיינט, אַז אַלסדינג דאָ איז שוין פערווילדעט געוואָרען, און דערפאַר האָב איך געמיינט, אַז קיין אַנדערער וועג איז נישטאָ וויא נאָר מיט געוואַלט צו קריעגען עסען. אָבער ווער איהר זאָלט ניט זיין, ווען איהר האָט אַמאָל געזעהען בעסערע טעג, ווען איהר זייט אַמאָל געזעסען ביי אירגענד אַ גוטען מענשען׳ס טיש, ווען איהר האָט אַמאָל אָבגעווישט פון אייערע אויגען אַ טרער, און איהר ווייסט, אַז עס איז אַ פליכט אויף איינעם רחמנות צו האָבען, זאָלען אייך ווייכע רייד ריהרען און איהר זאָלט קענען מיר טהאָן אַ מענש־ליכע פליכט."

„עס איז אמת," האָט דער פירסט געענטפערט. „מיר זיינען מענשען, וויא דו זאָגסט, וואָס האָבען אַמאָל געזעהען בעסערע טעג, וואָס זיינען אַמאָל געזעסען ביי גוטע מענשען׳ס טיש און אָפטמאָל אָבגעווישט אַ טרער פון די אויגען. מיר ווייסען אויך די גרויסע הייליגע פליכט פון רחמנות. דערפאַר, זעטץ דיך אַוועק און עסס אַזוי לאַנג ביז דו וועסט ווערען גוט זאַט."

„ניין," האָט אָרלאַנדאָ געזאָגט. „דאָס קען איך נאָך ניט טהאָן. עס געפינט זיך דאָרט אַן אַלטער און אָרעמער מאַן, וועלכער האָט מיר נאָכ־געפאָלגט אין מיין לאַנגער רייזע בלויז אויס ליעבע צו מיר; ער איז אַנידער־געפאַלען ליידענדיג פון צוויי שרעקליכע חולאת׳ן, אַלטקייט און הונגער; ביז ער וועט ניט עסען, וועל איך ניט בעריהרען קיין שפייז."

„געה אַלזאָ," האָט דער פירסט געזאָגט. „געפין איהם אויס, ברייננ איהם אהער, און מיר וועלען וואַרטען מיט דעם עסען, ביז איהר וועט קומען."

ווען ארלאנדא האָט דאָס געהערט, איז ער שנעל אַוועקגעלאָפען און דאַן צוריקגעקעהרט טראָגענדיג אדאַם׳ן אויף זיינע הענד.

„זעצט זיךביידע," האָט דער פירסט בעמערקט. „איהר זייט ביידע ווילקאָמען צו אונזער טיש."

די אַנדערע אַרום טיש האָבען זיך דאַן בעמיהט צו שפייזען דעם אַל־טען און שוואַכען אדאַם, ביז ער האָט זיך געפיהלט שטאַרקער. אָרלאַנדאָ

אליין האָט ניט בעדארפט קיין הילף. ער האָט געגעסען מיט א זעלטענעם אפעטיט.

ווען זיי זיינען שוין געווען זאט און צופריעדען, האָט דער פירסט גע־פרעגט אָרלאנדאָ׳ן ווער ער איז. דער יונגער מאַן האָט איהם דערצעהלט. ווען דער פירסט האָט ערפאהרען, אז ער איז זיין אַלטען פריינד׳ס זוהן, האָט ער ערקלערט, אז ער נעהמט איהם אונטער זיין שוטץ צוזאמען מיט זיין אַלטען דיענער, אז זיי זאָלען אלע אינאיינעם פערבלייבען מיט איהם אין וואלד.

עס ווייזט זיך ארויס, אז אָרלאנדאָ איז אָנגעקומען אין וואלד פון אָרדען מיט עטליכע טעג שפּעטער פון גאנימעד׳ן מיט אַליענאַ׳ן, וועלכע, וויא בעקאַנט, האָבען זיך בעזעצט אין פּאַסטוך׳ס שטיבעל.

גאנימעד און אַליענאַ פלעגען אָפט ארויסגעהן אין וואלד שפּאַצירען. זיי זיינען איינמאַל שטארק איבערראשט געוואָרען צו געפינען דעם נאָמען „ראָזאַלינד״ אויסגעשניצט אויף ביימער. ביי מאנכע פון דיזע אויסגעשניצטע נעמען איז אויך געווען אנגעהאנגען א פּאַפּירעל מיט א ליעבעס־סאָנעטע צו ראָזאַלינד׳ן. שטעהענדיג איינמאַל אליין און זיך וואונדערנדיג פון וואנען דאָס קומט, האָט גאנימעד דערזעהען אָרלאנדאָ׳ן געהן טראַגענדיג אויף זיין האַלז דאָס קייטעל וואָס ראָזאַלינד האָט איהם געגעבען.

אָרלאנדאָ׳ן איז אפילו ניט איינגעפאַלען צו מיינען, אז דער יונגער פּאַסטוך גאנימעד איז פּרינצעסין ראזאלינד, וועלכע האָט געוואונען זיין הארץ מיט איהר צערטליכקייט און שעהנהייט, און וועמעס נאָמען ער האָט אויסגעשניצט אויף דיא בוימער, און געזונגען סאָנעטען לויבענדיג איהר גוטסקייט און הערליכקייט.

פון דעסטוועגען איז איהם שטארק געפעלען געוואָרען דער יונגער אין שעהנער פּאַסטוך און ער האָט אָנגעפאנגען מיט איהם א געשפּרעך. עס האָט זיך איהם אפילו געדאכט, אז גאנימעד׳ס געזיכט קומט איהם פאָר בעקאַנט, עטוואָס עהנליך צו ראָזאַלינד׳ס, אָבער ווייטער האָט ער דאריבער ניט גע־דענקט. גאנימעד, אין דערזעלבער צייט, האָט אָנגענומען דיא שטעלונג פון א מאַן.

אין געשפּרעך, האָט גאנימעד בעמערקט אזוי:

„עפּעס דרעהט זיך דאָ ארום אין וואלד א פערליעבטער, וועלכער, ניט האָבענדיג וואָס צו טהאָן, מאַכט ער קאַליע דיא ביימער אויסשניטצענדיג אויף זיי דעם נאָמען ראָזאַלינד, וואהרשיינליך דער נאָמען פון זיין געליעב־

טער. ער היינגט אויך אָן פּאָעזיען אויף דיא צוויינגען און קליינע בוימלאך, אַלץ ליבענדיג זיין ראָזאַלינד'ן. ווען איך וואָלט געפונען דיעזען פערליעב־טען וואָלט איך איהם געגעבען אַזעלכע עצות, אַז דאָס וואָלט איהם באַלד אויסקורירט פון זיין ליעבעס־קראַנקהייט."

אָרלאַנדאָ האָט באַלד מודה געווען, אַז ער איז דער פערליעבטער, און געבעטען גאַנימעד'ן, ער זאָל איהם געבען דיא עצות וואָס ער האָט גע־זאָגט.

גאַנימעד'ס פּאָרלויפיגע עצות זיינען געווען, אַז אָרלאַנדאָ זאָל איהם קומען בעזוכען יעדען טאָג אין זיין שטיבעל וואו ער וואָהנט מיט זיין שוועסטער אַליענאַ.

„דאַן," האָט גאַנימעד ווייטער געזאָגט, „וועל איך מיך פערשטעלען פאר ראָזאַלינד'ן און דו זאָלסט זיך מאַכען, אַז דו ביסט אין מיר פערליעבט פונקט וויא איך וואָלט געווען ראָזאַלינד. נאָכדעם וועל איך נאָכמאַכען און נאָכקרימען אַלע נאַרישע בענעהמונגען פון דער קאַפּריזנער דאַמע, ביז איך וועל דיך מאַכען, אַז דו זאָלסט זיך שעהמען מיט דיין ליעבע. אָט דאָס איז מיין פּלאַן דיך צו קורירען."

אָרלאַנדאָ האָט ניט פיעל געגלויבט אין דיזער רפואה, אָבער ער האָט איינגעשטימט צו קומען יעדען טאָג אין גאַנימעד'ס שטיבעל און שפּיעלען דיא ראָלע פון דעם פערליעבטען.

אָרלאַנדאָ איז געקומען, פּאָרגעשטעלט געוואָרען פאר אַליענאַ'ן, און גערופען דעם פּאַסטוך גאַנימעד: „מיין ראָזאַלינד". ער האָט צו איהם אויך גערעדט וויא צו אַ געליעבטער, און, מערקווירדיג, זייענדיג נעבען גאַנימעד'ן, האָט ער זיך געפיהלט זעהר גליקליך ניט ווייסענדיג וואָרום.

גאַנימעד האָט אַלעס מעגליכע אָנגעווענדעט אָבצולאַכען פון דער ליעבע, אָבער וויא עס שיינט, האָט דאָס קיין ווירקונג ניט געמאַכט אויף אָר־לאַנדאָ'ן.

אזוי זיינען פּאַראיבער פיעלע טעג און גאַנימעד איז אויך געווען אזוי צופריעדען, אַז ער האָט פערגעסען אָן דעם ציעל פון זיין רייזע. אַליענאַ, זעהענדיג אַז גאַנימעד איז דערמיט צופריעדען, האָט זיא ניט דערמאָנט קיין וואָרט איבער דער נויטהיגקייט פון ראָזאַלינד'ן אויפצוזוכען איהר פאָטער.

איינמאָל האָט געטראָפען, אַז גאַנימעד האָט דורך אַ צופאַל בעגעגענט דעם פירסט, ראָזאַלינד'ס פאָטער. דער פירסט האָט איהם געפרעגט ווע־זיינע עלטערן זיינען. גאַנימעד האָט איהם געענטפערט:

„איך קום פּונקט פון אזעלכע גוטע עלטערן וויא דו".

דער פירסט האָט געשמייכעלט, ווייל ער האָט ניט געררעכענט, אז דער שעהנער יונגער מאַן שטאַמט פון אַ קעניגליכער פאַמיליע.

דאַן, זעהענדיג, אז דער פירסט זעהט אויס גוט און מונטער, האָט ער בעשלאָסען אָבצולייגען דיא ערקלערונג אויף עטליכע טעג שפּעטער.

אין אַ פריה מאָרגען, בשעת ארלאַנדאָ איז געגאַנגען בעזוכען גאַנימעד'ן, האָט ער געזעהען אַ מאַן שלאָפענדיג אויף דער ערד און אַרום זיין האלז איז אַרומגעוויקעלט אַ גרויסע און גרינע שלאַנג. דיא שלאַנג, זעהענדיג אָרלאַנדאָ'ן קומען, האָט זיא זיך אַרויסגעוויקעלט, און איז אַנטלאָפען צווישען דעם טיעפען גראָז.

אָרלאַנדאָ איז צוגעגאַנגען נעהענטער, און דאַן, צו זיין ערשטוינונג, האָט ער דערזעהען אַ לייב ליגענדיג אויף דער ערד, וואַרטענדיג, וויא אַ קאַטץ, אויף זיין רויב. דאָס הייסט, דער לייב האָט געוואַרט דער מענש זאָל ערוואַכען, ווייל מען בעהויפּטעט, אז לייבען גרייפען ניט אָן קיין טויטען אָדער שלאָפענדען מענשען.

עס האָט אויסגעזעהען, גלייך וויא דיא השגחה אליין וואָלט געשיקט אָרלאַנדאָ'ן צו בעפרייען דיעזען מענשען פון אַ זיכערן טויט, ענטוועדער דורך דער שלאַנג אָדער דורך דעם לייב.

ווען אָרלאַנדאָ האָט אָבער אַ קוק געטהאָן אויף דעם מענשען'ס געזיכט, האָט ער דערזעהן, אז דאָס איז זיין ברודער אָליווער, וועלכער האָט געגען איהם געהאַנדעלט אזוי נידעריג און געמיין, איהם וועלענדיג פערברענגען לעבעדיגערהייט.

ער האָט שוין געהאַלטען דערביי איהם איבערצולאָזען צו דער שלאַנג אָדער צום לייב, אָבער דיא אמת'ע ברודער־ליעבע און דאָס עהרענגעפיהל האָבען ערוואַכט אין זיין ברוסט. זיין צאָרן און דיא טרויעריגע עראינערונג זיינען באַלד פאַראיבער. ער האָט גלייך אַרויסגעצויגען זיין שווערט און אָנגעגריפען דעם לייב און איהם געטויטעט, ראַטעוועענדיג דערמיט זיין ברודער'ס לעבען. אָבער איידער אָרלאַנדאָ האָט געקענט בעזיעגען דעם לייב, האָט דיא בעסטיע שטאַרק צוריסען דאָס פלייש פון זיינע הענד מיט זיינע שאַרפע נעגעל.

וועהרענד ארלאנדא האט געקעמפפט מיט'ן לייב, האט זיין ברודער דערווייל ערוואכט, און זעהענדיג ארלאנדא'ן, אז ער האט איהם געראטעוועט פון דעם טויט איינשטעלענדיג דערביי זיין אייגענעם לעבען, האט

ע באלד געפיהלט שאנדע און חרטה פאר זיך אליין און עס האט איהם שטארק לייד געטהאן ווארום ער האט אזוי בעהאנדעלט זיין אייגענעם ברודער. ער האט איהם דאן געבעטען אום פערצייהונג.

ארלאנדא האט זיך געפרייט זעהענדיג זיין ברודער ווערען א בעסערער מענש און ער האט איהם אויך גלייך מוחל געווען. זיי האבען זיך דאןביידע אומארמט. אליווער האט דאן צום ערשטען מאל געשפירט, אז ער ליעבט זיין ברודער הערצליך און אויפריכטיג, אבוואהל זיין וועג אין דיעזען וואלד איז געווען ספעציעל צום צוועק אום איהם צו פער ניכטען.

דערווייל האט דיא וואונד אין ארלאנדא'ס האנד שטארק געבלוטעט און דאס האט דעם בראווען יונגען מאן פיעל אבגעשוואכט. ער האט דער פאר שוין ניט געקענט געהען בעזוכען גאנימעד'ן. ער האט אלזא געבעטען זיין ברודער צו געהען צו גאנימעד'ן, „וועמען איך רוף, אין שפאס, מיין ראזאלינד", און איהר דערצעהלען פון דעם אונערווארטעטען צופאל וואס האט איהם געטראפען און איהם ענטשולדיגען פאר זיין ניט קומען.

אליווער האט געפאלגט, אוועק צו גאנימעד'ן און אליענא'ן און זיי דער צעהלט וויא ארלאנדא האט געראטעוועט זיין לעבען. ווען ער האט אבגעשיל־דערט דיא געשיכטע פון ארלאנדא'ס העלדענטהאט אין וויא אזוי ער האט איהם צו פערדאנקען זיין לעבען, האט ער זיי אויך דערצעהלט, אז ער איז ארלאנדא'ס ברודער און וויא עס פרייט איהם וואס זיי האבען זיך איבער־געבעטען.

דיא אויפריכטיגע חרטה און וואהרעס בעדויערן וואס אליווער האט אויסגעדריקט, האט אזוי געווירקט אויף אליענא'ן, אז זיא האט זיך באלד פערליעבט אין איהם. אליווער, בעמערקענדיג איהר אנטהייל אין זיין לאגע, האט ער זיך אויך פערליעבט אין איהר. אבער וועהרענד דיא ליעבע האט זיך געהאלטען אין אריינ'גנב'ענען אין דיא הערצער פון אליענא און אליווער, האט גאנימעד דערווייל, הערענדיג, אז ארלאנדא איז פער־וואונדעט, גע'חלש'ט. ווען ער האט זיך דערמינטערט, האט ער זיך פער־ענטפערט, אז דאס איז א טהייל פון דער ראלע וואס ער שפיעלט אלס ראזאלינד.

„דערצעהל דיין ברודער ארלאנדא," האט גאנימעד געזאגט, „וויא גוט איך האב נאכגעקרימט דאס חלשות פון א פרוי!"

אבער אליווער, בעמערקענדיג דאס בלאסקייט פון זיין געזיכט, האט

אמת'ער אָהנמאַכט, און זיך וואונדערנדיג איבער דער שוואַכקייט פון דעם יונגען מאַן, האָט ער געזאָגט :

„אויב דאָס הייסט זיך נאַכגעקרימט, דאַן בעמיהע דיך בעסער דוא זאָלסט ווירקליך קענען נאַכקרימען וויא צו זיין א מאַן.“

„אזוי טהו איך טאַקי,“ האָט גאַנימעד געענטפערט. „אָבער לויט רעכט, האָב איך בעסער בעדאַרפט זיין א פרוי.“

אליווער האָט פערוויילט א היבשע צייט אין פאַסטוך שטיבעל, און ווען ער האָט צוריק געקעהרט, האָט ער געהאַט מיטצוטהיילען פיעלע נייעס פאַר זיין ברודער. ווייל אויסער דעם וואָס ער האָט איהם דערצעהלט איבער גאַנימעד'ס חלש'ן, האָט ער איהם אויך מיטגעטהיילט, אז ער האָט זיך פערליעבט אין דעם פאַסטוך־מיידעל אליענא. דאַן, אז זיא ליעבט איהם אויך און ערווידערט זיינע געפיהלע.

ער האָט דערפאַר מיטגעטהיילט ארלאַנדאָ'ן, אז ער האָט פעסט פערשטאַנען, אז דאָס איז ניט געוועזען קיין נאַכקרימעכץ, זאָנדערן אַן בעשלאָסען חתונה צו האָבען מיט אליענאַ'ן, לעבענדיג מיט איהר אלס א פאַסטוך מיט א פאַסטוטשקע און זיין פאַלאַץ וועט ער אוועק געבען אר־לאַנדאַ'ן.

„איך בין פאָלשטענדיג צופריעדען,“ האָט ארלאַנדא געענטפערט, „זאָל זיין מיט גליק. מאָרגען זאָל זיין דיא חתונה און איך וועל איינ־לאַדען דעם פירסט מיט זיינע פריינד. געה צו דער פאַסטוטשקע, זאָג איהר דאַריבער און איך . . . אָבער זעה נאָר, אָט געהט איהר ברודער גאַנימעד !“

אליווער איז גלייך אוועק צו אליענאַ'ן, און גאַנימעד, וועלכער איז צוגעגאַנגען נעהנטער, האָט געפרעגט וויא עס געהט זיין פערוואונדעטען פריינד אין דער געזונדהייט.

ווען ארלאַנדאָ און גאַנימעד האָבען אָנגעהויבען צו רעדען איבער דער שנעלער ליעבע צווישען אליווער און אליענא, האָט ארלאַנדא געבעטען גאַ־נימעד'ן, ער זאָל בעוועגען זיין שעהנע שוועסטער אליענא זיא זאָל מאָרגען חתונה האָבען מיט אליווער'ן.

„אך,“ האָט ער נאָכהער בעמערקט מיט א זיפץ, „הלוואי וואָלט איך שוין געשטאַנען אזוי נאָהענט פון מיין ראָזאלינד'ן“.

גאַנימעד האָט איינגעשטימט צו אלעמען און דערביי בעמערקט, דאָס אויב ארלאַנדאָ ליעבט ווירקליך אזוי ראָזאלינד'ן וויא ער בעהויפטעט, דאַן

זאָל זיין וואונש ערפילט ווערען, ווייל מאָרגען וועט ער, גאנימעד, אַזוי מאכען, אז ראזאלינד אַליין זאָל ערשיינען און איינשטימען חתונה צו האָבען מיט ארלאנדא׳ן.

גאנימעד האָט אָבער ערקלערט, אז ער וועט דאָס אַלעס קענען טהון דורך כישוף, אַ קונסט וואָס ער האָט געלערענט פון זיינעם אַן אָנקעל, אַ בעריהמטען מכשף.

דער פערליעבטער ארלאנדא, האלב גלויבענדיג און האלב צווייפלענדיג אין דעם וואָס ער האָט געהערט, האָט געפרעגט גאנימעד׳ן, אויב ער מיינט ווירקליך וואָס ער זאָגט.

„איך שווער דיר ביי מיין לעבען, אז איך מיין וואָס איך זאָג!" האָט גאנימעד געענטפערט. „דערפאַר, מיין פריינד, זעה דיר אָנטהון דיינע בעסטע מלבושים, און לאדע איין דעם פירסט און זיינע פריינד צו דיין חתונה; ווייל אויב דוא בעגעהרסט נאָר מאָרגען חתונה צו האָבען מיט ראזאלינד׳ן, זאָל זיא דאָ זיין."

אויף׳ן צווייטען טאָג, נאָכדעם וויא אליווער האָט ערהאלטען אַליענא׳ס פערשפרעכען מיט איהם צו הייראטהען, זיינען זיי געקומען צום פירסט און מיט זיי איז אויך ערשיענען ארלאנדא.

אַלע זיינען געווען פערזאמעלט צו פייערןביידע חתונות, אָבער ביז וואָס־ווער־ווען, איז דערווייל געווען בלויז איין כלה. מען האָט זיך גע־וואונדערט, זיך געשושקעט, און אין אַלגעמיין האָט מען זיך געטראַכט, אַז גאנימעד האָט בלויז חוזק געמאַכט.

ווען דער פירסט האָט געהערט, אַז עס איז זיין אייגענע טאָכטער וועלכע דאַרף ערשיינען אויף אַזא וואונדערבאַרען אופן, האָט ער געפרעגט ארלאנדא׳ן אויב ער גלויבט אַז דער פאַסטוך יונג קען טהון וואָס ער האָט פערשפּראָכען. ווערענד ארלאנדא האָט געוואָלט ענטפערן, אַז ער ווייסט ניט וואָס ער זאָל דענקען, איז גאנימעד ערשיענען און איהם געפרעגט אויב ער שטימט איין, אז זיין טאָכטער זאָל הייראטהען מיט ארלאנדא׳ן.

„יא, מיין יונגע," האָט דער פירסט געענטפערט. „און ווען איך זאָל נאָך האָבען קעניגרייכען, וואָלט איך איהר זיי געגעבען נדן."

„און דוא ארלאנדאָ," האָט זיך גאנימעד געווענדעט צו ארלאנדא׳ן, „וועסטו הייראטהען מיט ראזאלינד׳ן ווען איך וועל זיא דיר ברענגען?"

„אום גאָטעס הימעלס ווילען!" האָט ארלאנדא אויסגעשריען. „העלף מיך אויף צו מאַטערן! ברענג זיא נאָר אַהער. ווען איך זאָל אפילו

זיין דער מאנארך איבער מאנארכען, וואלט איך מיך אויך פון איהר ניט אבגעזאגט.״

גאנימעד האט געגעבען אליענא׳ן א וואונק, און ביידע זיינען ארויס. גאנימעד האט שנעל פון זיך ארונטערגעווארפען דיא מענער-קליידער און איז געבליעבען שטעהען אין פרויען-קליידער. דיא פערוואנדלונג איז געוועזען א שנעלע, גאנץ נאטירליך, ניט דורך כישוף, איז פון איהם אליין געווארען ראזאלינד, דיא שעהנע ראזאלינד. אליענא האט זיך אליין דאן אויך איבערגעטהאן אין פרינצעסין קליידער און פון איהר איז געווארען דיא שעהנע סיליא.

וועהרענד זיי זיינען ניט געוועזען, האט דער פירסט בעמערקט צו ארלאנדא׳ן, אז ער זעהט אין דעם פאסטוך יונג א מערקווירדיגע עהנליכקייט צו זיין טאכטער ראזאלינד. ארלאנדא האט געענטפערט, אז ער האט דאס שוין אויך בעמערקט.

אזוי רעדענדיג, איז סיליא און ראזאלינד ערשיענען אין זייערע פרינצעסין-קליידער. ראזאלינד האט אומארמט איהר פאטער און פון איהם געבעטען זיין ברכה.

אלע אנוועזענד׳ע זיינען געוועזען ערשטוינט און איבערראשט. זיי האבען ווירקליך געמיינט, אז דאס איז געוועזען א כישוף. נאר ראזאלינד האט שוין מעהר ניט געוואלט שפאסען מיט איהר פאטער און איהם דערצעהלט אלעס, וויא אזוי זיא איז פערטריעבען געווארען, וויא אזוי זיא האט געוואנדערט צוזאמען מיט סיליא׳ן און וויא זיי זיינען פערשווארצט געווארען.

דער פירסט, פול מיט פרייד און דאנקבארקייט, האט נאך א מאל בעשטעטיגט זיין צושטימונג צו זיין טאכטער׳ס הייראטה מיט ארלאנדא׳ן.

דאן האט געפאלגט א פרעהליכע און מונטערע צייט. אין שאטען פון דעם גרינעם און אור-אלטען וואלד, זיינען געפייערט געווארען ביידע חתונות, אפילו ניט מיט קיין גרויסען פאראד, פון דעסטוועגען אבער מיט פולער צופריעדענהייט פון אלע זייטען.

אבער וועהרענד זיי זיינען געזעסען און געגעסען דאס פלייש פון הירשען אונטער דיא גרינע בוימער, גלייך וויא זיי וואלט קיין זאך ניט בעקימערט, האט פאסירט א גאנץ אונערווארטעטע זאך. א שליח איז גע־

קומען און געבראכט דיא פרייליכע נאכריכט, אז דעם פירסט׳ס הערשאפט איז צו איהם צוריק געקעהרט געווארען.

דיא געשיכטע איז נעמליך אזוי געווען: ווען פירסט פרעדעריק האט ערפאהרען, אז זיין טאכטער איז ענטלאפען, איז ער געווארען אויסער זיך פאר צארן. ער איז אויך שטארק אויפגערעגט געווארען הערענדיג, אז פון טאג צו טאג ענטלויפען אלץ מעהר וויכטיגע פערזאנען פון זיין קעניגרייך צו זיין ברודער אין וואלד פון ארדען. ער האט מעהר מקנא געווען זיין פערטריעבענען ברודער פאר דער פריינדשאפט און ליעבע פון יעדען איינעם, וויא זיך, וועלכער האט געהערשט.

פרעדעריק האט דאן פערזאמעלט א גרויסע ארמעע און איז אוועק אין וואלד מיט דער אבזיכט צו כאפען זיין ברודער, און איהם צוזאמען מיט זיינע נאכפאלגער איין מאל פאר אלע מאל, אויס׳הרג׳ענען.

אבער דורך א וואונדערבארען צופאל, איז דיעזער פערדארבענער און שלעכטער ברודער פלוצלונג פערוואנדעלט געווארען אין אן אנדערן מענשען. צוקומענדיג צום וואלד, האט ער בעגעגענט אן אלטען און פרומען מאן, מיט וועמען ער האט געהאט א לאנגעם געשפרעך. דיעזער אלמער האט איהם אזוי גערירט, אז ער האט געענדערט אלע זיינע שלעכטע בעשליסע.

ער האט באלד חרטה געהאט אויף זיין אייגענער פערגאנגענהייט, און בעשלאסען אבצוגעבען זיין ברודער דיא הערשאפט און אליין זאל ער צוברענגען דעם רעסט פון זיין לעבען אין איינזאמקייט, געבעטע און חרטה.

זיין ערשטער שריט איז געווען, צו שיקען אנזאגען זיין ברודער, אז ער בעשטעהט איהם צוריק צו געבען דאס פירסטענטהום און אלע זיינע פריינדע זאלען צוריק ווערען בעלי־בתים איבער דיא גיטער וואס ער האט פון זיי אוועק גענומען.

עס האט ניט פיעל געדויערט, און ביידע ברידער האבען זיך בעגע־גענט. דער אמת׳ער פירסט האט פארגעשטעלט פאר זיין ברודער זיין פערלארענע טאכטער און אלגעמיינע פרייד האט געהערשט.

דער הערשענדער פירסט האט נאכהער אויך געהאט א געלעגענהייט צו בעלוינען אלע זיינע נאכפאלגער, וועלכע האבען פאר איהם אזוי פיעל געאפפערט און אזוי פיעל געליטען.

# דיא צוויי העררען פון וועראנא.

אין וועראנא האָבען געוואהנט צוויי יונגע העררען, וואלענטין און פראָטעאוס. זיי זיינען זיך געווען צוויי זעהר גוטע פריינד.

זיי האָבען צוזאמען שטודירט, ביידע זיינען געווען קינדער פון רייכע און אנגעזעהענע עלטערן, צוזאמען פערבראכט זייער צייט, זיך אמוזירט און אונטערהאלטען. דער איינציגער אונטערשיעד איז נאָר געווען, וואָס פראטעאוס האָט געהאט א געליעבטע און וואלענטין׳ס הארץ איז נאָך געווען פריי.

און דיעזער פאקט איז געווען דיא אורזאכע פון א קליינער מיספערשטענדניס צווישען דיא צוויי יונגע העררען. פראטעאוס, נאטירליך, האָבענדיג א געליעבטע, האָט ער זיא זעהר אָפט בעזוכט, און זיך צוזאמען טרעפענדיג מיט זיין פריינד וואלענטין, האָט ער מיט איהם גערעדט דאריעבער, דערצעהלענדיג דערביי זיין געליעבטע׳ס מעלות, איבער איהר שעהנהייט, אדעלקייט, חכמה און נאָך אזעלכע זאכען איבער וועלכע א יונגער פערליעבטער ווערט בעגייסטערט.

און דיא געליעבטע, אליין, איז ווירקליך געווען א זעלטען מיידעל. אָבער וואלענטין, ניט זייענדיג פערליעבט, איז ער אויך ניט געווען פעראינטערעסירט אין אזעלכע זאכען און ער האָט אָפט חוזק געמאכט פון פראָטעאוס׳ן, לאכענדיג פון איהם, אָדער, ער האָט איהם גאָר געבעטען ער זאָל אויפהערען אזוי פיעל צו פלוידערן איבער זיין ליעבע, וועלכע האָט פאר איהם קיין אינטערעסע.

פראטעאוס וויעדער, ווען ער האָט געהערט אזעלכע ווערטער, איז ער געווען שטארק אין כעס. סטייטש, לאכען פון איהם ווען ער איז בעגייסטערט איבער זיין געליעבטע! איז דען נאָך דאָ אין דער גאנצער וועלט א וויכטיגערע זאך וויא זיין יוליא?

די צוויי הערן פון וועראנא

אָט אזוי האָבען דיא צוויי יונגע לייט ניט נאָר איין מאָל זיך געהאַמ־פערט און אויך א מאָל צוקריעגט.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען, איז וואלענטין געקומען צו פּראָטעאוס׳ן איהם אָנזאָגען, אַז זיי מוזען זיך שיידען, ווייל ער, וואלענטין, האָט בעשלאָסען אוועקצופאָהרען קיין מילאן.

„וואָס איז נייעס ?“ האָט פּראָטעאוס געפרעגט.

דער אמת איז, אַז פּראָטעאוס האָט ווירקליך ליעב געהאַט זיין פריינד און זיך פון איהם ניט געוואָלט שיידען. ער האָט איהם דערפאר געבעטען צו פערבלייבען ווייטער אין ווערָאנא.

„דיין בעטען, פּראָטעאוס,“ האָט וואלענטין געענטפערט, „איז אומ־זיסט. איך קען דאָ ווייטער ניט פערבלייבען. פון מיר קען דאָ העכסטענס ווערען א גרויסער פויללענצער און אן אונוויסענדער מענש. א יונגער מאַן, וועלכער וויל קענען דיא וועלט, זאָל זעהען און שטודירען דיא וועלט. און ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען ? ווען דוא וואָלסט ניט געווען אזוי שטאַרק פערליעבט אין דיין יוליא׳ן, וואָלט איך דיך אליין אויך בע־וואויגען מיטצופאָהרען, אום צו זעהען דיא גרויסע און ברייטע וועלט. אָבער אזוי וויא דוא ביסט א פערליעבטער, דאן ליעב ווייטער און זאָל זיין מיט גליק.“

פּראָטעאוס האָט געזעהען, אַז עס וועט ווירקליך גאָר ניט העלפען און ער האָט זיך אונטערגעגעבען זיך שיידענדיג פון זיין פריינד מיט פיעלע אויסדריקע פון וואהרער פריינדשאַפט.

„אדיע, גוטער וואלענטין !“ האָט ער צו איהם געזאָגט. „דענק פון מיר, פון דיין פריינד, וואוהין דוא וועסט קומען. זיי גליקליך.“

וואלענטין איז נאָך אין דעמזעלבען טאָג אוועק געפאָהרען קיין מילאן.

נאָכדעם וויא פּראָטעאוס איז געבליעבען אליין, האָט ער זיך אוועק־געזעצט און אָבגעשריעבען א צערטליכען ליעבעס־בריעף צו יוליא׳ן. ער איז דאן אוועק און איבערגעגעבען דעם בריעף צו לוסעטל׳ן, יוליא׳ס קאַמער־מיידעל, אַז זיא זאָל איהם דערלאַנגען יוליא׳ן.

יוליא האָט געליעבט פּראָטעאוס׳ן פונקט וויא ער האָט זיא געליעבט. אָבער א מיידעל בלייבט א מיידעל. זיא האָט זיך געטראַכט, אַז א מאַן דאַרף מען ניט, אזוי מיר־ניט־דיר־ניט באלד נאָכגעבען. זיא האָט בע־שלאָסען, אַז עס פּאַסט בעסער צו שפּיעלען דיא ראָלע פון „ניט וועלען“.

זיא האט דערפאר ניט ארויסגעוויעזען איהר ליעבע און איהם געגעבען א שעהן ביסעל מיה ביז ער האט געקענט צו איהר צו טרעטען.

ווען לוסעלא האט איהר איבערגעבען דעם בריעף, האט זיא איהם ניט געוואלט נעהמען. זיא האט אויך אנגעזידעלט לוסעלא'ן פאר צונעהמען דעם בריעף פון פראטעאוס'ן, און אין צארן האט זיא געהייסען לוסעלא'ן זיא זאל פערלאזען דאס צימער.

זיא האט אבער אזוי שטארק געוואלט זעהען וואס אין בריעף שטעהט געשריעבען, אז זיא האט באלד צוריקגערופען איהר קאמער-מיידעל. ווען לוסעלא איז אריינגעקומען, האט זיא, פאר אן אויסרייד, געפרעגט:

„וויפיעל האלט דער זייגער?"

לוסעלא, וועלכע האט פערשטאנען, אז דאס איז טאקי נאר אן אויס-רייד, אנשטאט צו ענטפערן וויפיעל דער זייגער האלט, האט זיא איהר גלייך דערלאנגט דעם צוריק גענומענעם בריעף.

יוליא איז יעצט ווירקליך אין כעס געווארען אויף לוסעלא'ן ווארום זיא האט פערשטאנען וואס זיא וויל, און אום ווייטער צו שפיעלען דיא ראלע, האט זיא געכאפט דעם בריעף און איהם צוריסען אויף שטיקער און געווארפען אויף דער ערד. דאן האט זיא בעפוילען דעם קאמער-מיידעל, זיא זאל שנעל ווידער פערלאזען דאס צימער.

אזוי וויא לוסעלא האט געהאלטען ביים ארויסגעהען, האט זיא זיך אנגעבויגען און אנגעהויבען צוזאמען צו קלייבען דיא שטיקלעך בריעף, אבער יוליא, וועלכע האט אליין געוואלט זעהען וואס דארט איז געשריעבען, האט ווידער אויסגעשריען אין געמאכטען צארן:

„געה, ארויס פון דאנען! לאז דאס פאפיער ליעגען! דוא וועסט מיך ווידער אויפרעגען!"

ווען לוסעלא איז ארויס, האט יוליא באלד זיך געכאפט צוזאמענלעגען דיא צוריסענע שטיקלעך.

פאר אלעמען האט זיא צוזאמענגעשטעלט דיא ווערטער: „ליעבעס-פערוואונדעטער פראטעאוס." דאן האט זיא געקלאגט איבער דיעזע ליעבענ-דע ווערטער און זיי ווידערהאלט עטליכע מאל.

„רוהיג, רוהיג," האט זיא גערעדט צו דיא שטיקלעך פאפיער. „שווייגט מיינע ארעמע, קראנקע און פערוואונדעטע קינדערלעך, איך וועל אייך אריינלעגען אין מיין בוזים וויא אין א בעט, און איך וועל אייך אזוי לאנג האלטען נעבען מיין ברוסט, ביז איהר וועט געזונד ווערען."

א היבשע צייט האָט זיא זיך געמאַטערט אויסצוגעפינען וואָס אין בריעף איז געשטאַנען. ענדליך האָט זיא אויסגעפונען אויסדריקע פון הייסע און ברענענדע ליעבע.

דער פאַקט, אַז זיא אליין האָט צוריסען דעם בריעף, האָט זיא זעהר געערגערט. זיא האָט אַלזאָ בעשלאָסען מעהר ניט צו זיין אַזוי האַרטנעקיג און איינגעשפּארט, און זיך אַוועקגעזעטצענדיג, האָט זיא, צום ערשטען מאָל, אָנגעשריעבען אַ בריעף צו פּראָטעאוס׳ן, וואָס האָט אויך געאַטהעמט מיט ליעבע.

ווען פּראָטעאוס האָט ערהאַלטען דיעזען בריעף, איז ער געווען אויסער זיך פאַר גליק. ער האָט איהם עטליכע מאָל געלעזען, און ווערהענד ער האָט מיט ליעבעפולע אויגען געהאַלטען אין איין קוקען אין בריעף, האָט ער אויסגעשריען:

„זיסע ליעבע, זיסע ווערטער, זיסעס לעבען!“

ווערהענד זיין גרויסער בעגייסטערונג, איז זיין פאַטער אַריין אין צי־מער און געהערט זיינע ווערטער.

„וואָס איז דאָס?“ האָט דער אַלטער געפרעגט, „וואָס איז דאָס פאַר אַ בריעף?“

„פאַטער“, האָט פּראָטעאוס קוים אַרויסגעשטאַמעלט האַלב דערשראָקען, „עס איז אַ בריעף פון מיין פריינד וואַלענטין פון מילאַן“.

„גיב מיר נאָר אַהער דעם בריעף, לאָמיך זעהען וואָס עס הערט זיך עפּעס נייעס אין מילאַן“.

„קיין נייעס, פאַטער“, האָט פּראָטעאוס געענטפערט זייענדיג גוט דערשראָקען. „ער שרייבט מיר בלויז וויא בעליעבט ער איז ביים פירסט פון מילאַן, וועלכער האָט איהם אויפגענומען אַלס אַ טהייערען און ליעבען גאַסט. ער בעט מיך איך זאָל אַהין קומען אום מיט איהם צו טהיילען זיין גליק“.

„און וויא געפעלט דיר אַזאַ איינלאַדונג?“ האָט דער פאַטער פּלוצלינג געפרעגט.

„איך הייננ בלויז אָב פון דעם ווילען פון מיין פאַטער, און ניט פון מיין פריינד׳ס וואונש“, האָט פּראָטעאוס געענטפערט אונטערטהעניג.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פּראָטעאוס׳ס פאַטער האָט טאַקי אין דעם זעלבען טאָג גערעדט מיט זיינעם אַ פריינד איבער דעם זעלבען געגענשטאַנד. דיזער פריינד האָט זיך זעהר געוואונדערט וויא אַזוי ער לאָזט אַזאַ יונגען

מעניגען זיצען בלויז אין דער היים און שיקט איהם ניט אוועק ערגעץ ער זאָל זעהן וואָס עס טהוט זיך אויף דער וועלט.

„זאָל זיין וויא עס איז״, האָט דער פריינד געזאָגט, „מאַנכע שיקען זייערע זיהן אין קריעג צו זוכען זייער גליק, אנדערע זיי זאָלען ענטדעקען אונ־בעקאַנטע אינזלען, א טהייל צו שטודירען אין אויסלענדישע אוניווערזיטעטען. אַט איז טאַקי אוועקגעפאָהרען וואלענטין אין הויף צום פירסט פון מילאַן. אייער זוהן איז אויך פּאַסענד פאַר אזעלכע רייזען, און עס וועט זיין פאַר איהם א גרויסער חסרון, ווען ער וועט עלטער ווערען ניט האָבענדיג גע־רייזט אין זיין יוגענד״.

דער אַלטער האָט איינגעזעהען, אז זיין פריינד האָט איהם גוט געראַטהען און ער האָט באַלד בעשלאָסען, הערענדיג פון וואלענטין׳ס בריעף, אז פּראָ־טעאוס זאָל אויך אוועק פאָהרען.

ניט וואַרטענדיג פיעל, האָט ער אויסגעדריקט זיין פערלאַנג, אז פּראָ־טעאוס זאָל זיך מאַכען רייזע - פערטיג, בעמערקענדיג דערביי:

„מיין ווילען שטימט איין מיט וואלענטין׳ס וואונש״.

פּראָטעאוס האָט זיך אביסעל געקווייקעלט.

„קוק ניט אויף מיר אזוי ערשטוינט״, האָט דער אַלטער געזאָגט, „איך האָב בעשלאָסען דו זאָלסט אברייזען צום פירסט פון מילאַן. דאָס וויל איך און דו זאָלסט קיין וואָרט ניט רעדען מעהר. מאָרגען פאָהרסטו שוין. דאָס איז מיין בעפעהל״.

פּראָטעאוס האָט גוט געקענט זיין פאָטער. ער האָט געוואוסט, אז קיין זאַך וועט איהם מעהר העלפען. ער האָט אַלזאָ זיך אַליין געמאַכט פּראָבווירפע פאַר דערצעהלען זיין פאָטער א ליגען. אָבער פערפאַלען, צוריק נעהמען האָט ער שוין ניט געקענט.

ער האָט דאַן מיטגעטהיילט יוליא׳ן איבער זיין פאָטער׳ס פעסטען בעשלוס.

ווען יוליא האָט איינגעזעהען, אז זיא פערליערט פּראָטעאוס׳ן אויף א לאַנגע צייט, האָט זיא שוין מעהר ניט געשפּיעלט דיא ראָלע פון גלייכגיל־טיגקייט. זיא האָט זיך מיט איהם בעגעגענט אוןביידע האָבען זיך געשוואָ־רען טרייע און אייביגע ליעבע.

אלס אַנדענקען, האָבען זיי זיך געביטען מיט רינגען, פערשפּרעכענדיג צו האַלטען דיזע רינגען אויף אימער און אייביג אלס אן אויסדרוק פון זייער ליעבע.

מיט שווערע הערצער, האָבען דיא געליעבטע גענומען אבשיעד איינער פון צווייטען, און פראטעאוס האָט אנגעראנגען זיין רייזע נאך מילאן צו זיין פריינד וואלענטין.

דאס וואס פראטעאוס האָט געזאָגט אויסווייניג, איז טאקי געווען א פאקט. וואלענטין איז אין דער ווירקליכקייט געווען א טהייערער און ליעבער גאסט אין הויף פון דעם פירסט פון מילאן. אויסער דעם האָט פאסירט נאך עפעס מיט וואלענטינען, וואס האָט געמאכט א גאנצע ענדערונג אין זיין לע־בען, איבער וועלכען פראטעאוס האָט אפילו ניט גע׳חלום׳ט — וואלענטין האָט זיך פערליעבט, דערזעלבער וואלענטין וואס האָט פריהער געלאכט פון ליעבע.

און דיעזע אין וועמען וואלענטין האָט זיך פערליעבט, איז ניט געווען קיין אנדערע וויא פרינצעסין סילוויא, דיא טאָכטער פון דעם פירסט פון מילאן, נאך מעהר, דיא שעהנע פרינצעסין האָט אויך ערווידערט וואלענטין׳ס ליעבע.

נאר דיעזע ליעבע איז שוין געווען אביסעל צו ראָמאנטיש, זיא האָט געמוזט געפיהרט ווערן אין דער שטיל, בעהאלטען, קיינער זאָל ניט וויסען, ווייל באטש דער פירסט האָט שטארק געהאלטען פון וואלענטין׳ען, האָט ער פון דעסטוועגען בעשלאָסען, אז זיין טאָכטער זאָל חתונה האָבען מיט אן אנדערן. דיזער איז געווען א יונגער הויפהערר מיט דעם נאמען טהוריא, וועלכער האָט נושא חן געווען ביים פירסט. סילוויא ווידער האָט טהוריא׳ן ניט געקענט ליידען, ווייל ער איז ערשטענס ניט געווען אזוי שעהן און צוויי־טענס האָט ער ניט בעזעסען דיא פיינע מאניערען פון וואלענטינען און אויך ניט זיין שכל און בילדונג.

ביידע יונגע לייט, טהוריא און וואלענטין, האָבען איינמאל צוזאמען בעזוכט סילוויא׳ן. וואלענטין האָט זיך אמוזירט דערמיט וואס ער האָט אין א פיינעם הומאָר אבגעלאכט און חוזק געמאכט פון טהוריא׳ס ווערטער. סילוויא האָט דערפון אנגעקוואָלען. פלוצלינג איז ערשיענען דער פירסט און געבראכט וואלענטינען דיא פרעהליכע נאכריכט, אז זיין פריינד פראטעאוס איז אנגעקומען.

ביידע יונגע לייט, טהוריא און וואלענטין, האָבען איינמאל צוזאמען געפיהרט א געשפרעך.

זיי זיינען גלייך אונטערבראָכען געוואָרען אין זייער געשפרעך, ווען פראטעאוס איז ערשיענען.

וואלענטין האט איהם דאן פארגעשטעלט פאר סילוויא׳ן מיט דיעזע ווערטער: —

„זיסע דאמע, עמפפאנג איהם אלס נאך איין דיענער און פערעהרער פון דיין הערדליכקייט״.

ווען וואלענטין און פראטעאוס זיינען געווען פערטיג מיט זייער בעזוך, האבען זיי זיך גלייך צוריקגעצויגען אום צו זיין אליין און רעדען איבער זייערע אייגענע אינטערעסען.

„יעצט, פראטעאוס״, האט וואלענטין געזאגט, „וויל איך דו זאלסט מיר דערצעהלען וויא דו קומסט אהער? וואס מאכט דיין געליעבטע? וואס פאר א פארטשריט האט געמאכט דיין ליעבע?״

„מיינע ליעבעס געשיכטען״, האט פראטעאוס געענטפערט, „האבען דיך קיינמאהל ניט אינטערעסירט. איך ווייס, אז דו האלטסט ניט פון אזעלכע זאכען״.

„אך, פראטעאוס״, האט וואלענטין געזאגט מיט א זיפץ. „דאס לעבען שטעהט ניט אויף איין פלאץ, עס ענדערט זיך. איך האב מיך שוין אליין גע־מוסר׳ט דערפאר וואס איך האב פון דיר געלאכט. דאס שיקזאל האט זיך אן מיר נוקם געווען, ווייל ליעבע בעאונרוהיגט מיך יעצט מעהר וויא אלעס ווען מיר ווערט געראובט דער שלאף פון פיעלע נעכט. אך, גוטער פראטעאוס, ליעבע איז מעכטיג און שטארק און דיא ליעבע האט מיך בעזיעגט. איך בין דאס אלעס מודה ומתודה, אז קיינער קען ניט קעמפפען ערפאלגרייך געגען ליעבע, און וואס מעהר ער קעמפפט, אלץ א גרעסערן קרבן מוז ער ברייננגען. מיך אליין אינטערעסירט שוין אויך ניט קיין אנדערע זאך, וויא א געשפרעך איבער ליעבע. איך וואלט געקענט מיך ענטזאגען פון עסען, טרינקען און שלא־פען, אבי צו דענקען און רעדען איבער מיין ליעבע״.

ווען פראטעאוס האט דאס געהערט, האט ער געשפירט א מין טריאומף איבער זיין פריינד. אבער פראטעאוס אליין, פון דיזען מאמענט אן, האט פערלארען דעם נאמען פריינד פאר וואלענטינען, דען צווישען זיי האט זיך געבילדעט א געוואלטיגער אבגרונד, דער אבגרונד פון דער ליעבע צו איין פרויענצימער, וועלכער צושיידט דיא בעסטע און טרייעסטע פריינד.

דיזע פערוואנדלונג אין פראטעאוס׳ן האט שטאטגעפונען פונקט אין דער צייט ווען זיי זיינען צוזאמען געווען אין סילוויאס געגענווארט. דיא שעהנע סילוויא, וויא מיט א צויבער, האט איינפאך וויא פער׳כישוף׳ט פראטעאוס׳ן. ער האט, אין פערלויף פון עטליכע מינוטען, **פערגעסען אן אלעס, אפילו אן**

זיין שעהנער יוליא, און ער איז געוועזן בערייט אלעס צו טהא̇ן אום צו גע־ווינען סילוויא׳ן.

אלעס איז אוועק וויא א טרוים, דיא איינציגע ווירקליכקייט איז פאר איהם געוועזן דיא פירסטליכע מא̇כטער, סילוויא.

ער הא̇ט געלעזען אין וואלענטין׳ס אויגען, אז ער ליעבט סילוויא׳ן, און דערפאר איז ער געוועזן בערייט איהם צו הרג׳ענען — איהם, זיין טהייערסטען און ליעבסטען פריינד.

וואלענטין, נאטירליך, הא̇ט פון גא̇ר ניט געוואוסט; ער הא̇ט גערעכענט פראטעאוס׳ן פאר זיין גוטען אלטען פריינד און ער הא̇ט איהם מיטגעטהיילט אלעס איבער זיין ליעבע, וויא עס איז איהם און סילוויא׳ן ביז יעצט געלונגען דא̇ס אלעס צו בעהאלטען פארן פירסט. א̇בער ענדליך, נאכדעם וויא זיי הא̇־בען איינגעזעהען, אז עס איז קיין הא̇פנונג ניטא̇, אז דער פירסט זא̇ל וועלען עס איז איינשטימען, הא̇ט ער געפועל׳ט ביי סילוויא׳ן זיא זא̇ל פערלא̇זען איהר פא̇טערס פאלאץ און מיט איהם אנטלויפען קיין מאנטוא. דאן הא̇ט ער געוויזען פראטעאוס׳ן א שטריק לייטער, מיט וועלכער ער הא̇ט געפלא̇נט צו העלפען סילוויא׳ן ארונטערקומען פון א פענסטער ווען עס וועט זיין האלבע נא̇כט און יעדער וועט שלא̇פען אין פאלאץ.

ווען פראטעאוס הא̇ט אויסגעהערט דא̇ס גאנצע געהיימניס פון זיין פריינד, הא̇ט ער באלד בעשלא̇סען דא̇ס אלעס מיטצוטהיילען דעם פירסט און צושטערען דעם גאנצען פלא̇ן.

מערקווירדיג איז דיא ליעבע. דאכט זיך פראטעאוס איז בטבע גא̇ר ניט געוועזן קיין שלעכטער און פערדא̇רבענער, ער הא̇ט בלויז געקענט ליעבען, און פילייכט נא̇ך צו פיעל ליעבען. א̇בער ווען דיזע ליעבע הא̇ט איהם בע־הערשט, הא̇בען מיר געזעהען, אז צום ערשטען מא̇הל הא̇ט ער דערפאר גע־זא̇גט זיין פא̇טער א ליעגען, און צום צווייטען מא̇ל הא̇ט ער געפאסט דעם בעשלוס פון א לומפ, צו פערראטהען זיין בעסטען פריינד, וועלכער הא̇ט זיך אין איהם פערטרויעט.

פראטעאוס הא̇ט קיין צייט ניט געוואלט פערליערען. ער הא̇ט באלד אויפגעזוכט דעם פירסט, און מיט א לאנגער פא̇רערדע וועגען דיא געזעצע פון פריינדשאפט, אז דא̇רט וואו עס האנדעלט זיך אום גערעכטיגקייט, איז אויך דא̇ א גרענעץ צו אזא פריינדשאפט, הא̇ט ער מיטגעטהיילט דעם פירסט, אז ער מוז איהם זיין דאנקבאר פאר זיין אויפנאהמע אפילו אויף אזוי וויית ווען עס האנדעלט זיך אום צו פערראטהען זיין פריינד.

דאַן האָט ער דערצעהלט אַלעס וואָס וואַלענטין האָט איהם געזאָגט, ניט אויסלאָזענדיג, נאַטירליך, דיא געשיכטע מיט דער שטריק לייטער.

אזוי איז עס שוין, ווען מען זאָגט איינעם וואָס איהם געפעלט, וואָס איז פאר זיינע נוטצען, מעג עס אויך זיין א לומפעריי און א געמיינהייט, וועט דאָס אויסגעטייטשט ווערען אין גוטסקייט און עדעלקייט. אויך דער פירסט האָט בעטראַכט פּראָטעאוס׳עס מסירה פאר א גרויסער אנשטענדיג־קייט, און אנשטאט צו זעהען אין איהם א שמוטציגען פעררעטהער, האָט ער איהם געלויבט און געריהמט פאר זיין עהרליכקייט. ער האָט איהם אויך פערשפּראָכען אזוי צו פיהרען, אז וואַלענטין זאָל ניט ערפאהרען וויא ער, דער פירסט, ווייסט פון זיין געהיימנים.

ער האָט דאַן געדריקט פּראָטעאוס׳עס האנד, איהם פערזיכערט מיט זיין פריינדשאַפט און פון איהם גענומען אבשיעד, איהם איינלאַדענדיג, פון דעסטוועגען, איהם צו קומען אָפט בעזוכען.

ווען עס איז נאַכט געוואָרען, האָט זיך דער פירסט אוועקגעזעטצט וואַרטען און אויפּפּאַסען, דאַן האָט ער בעמערקט, וויא וואַלענטין, אָנגע־טהאָן אין א לאַנגען מאַנטעל, געהט שנעל פאַרביי נעבען פּאַלאַץ, און הינ־טער דעם מאַנטעל, האַלט ער עפּעס בעהאַלטען. ער האָט בעשלאָסען, אז דאָס איז געוויס דיא שטריק־לייטער.

דער פירסט האָט איהם אָבגעשטעלט מיט דיא ווערטער:

„וואוהין געהסטו אזוי שנעל, וואַלענטין?"

„ענטשולדיגט, פירסט," האָט וואַלענטין געענטפערט א ביסעל אי־בעררַאשט, „א שליח וואַרט אויף מיר צו נעהמען מיינע בריעף נאָך וועראָנא, צו מיינע פריינד. איך געה דאָס יעצט איהם איבערגעבען דיא בריעף."

דיעזער ליעגען האָט ניט געהאַט קיין בעסערע ווירקונג, וויא דער ליע־גען וואָס פּראָטעאוס האָט געזאָגט זיין פאָטער.

„זיינען זיי ווירקליך וויכטיגע בריעף?" האָט דער פירסט ווייטער געפרעגט.

„אויף אזוי וויט, דאָס איך שרייב מיין פאָטער, אז איך בין געזונד און גליקליך אין אייער הויף."

„אויב אזוי," האָט דער פירסט געזאָגט, „דאַן מאַכט עס ניט אויס, פערבלייב זשע דאָ מיט מיר אויף א ווילע. איך וויל מיט דיר רעדען וועגען א וויכטיגע זאַך."

ער האָט דאן אָנגעהויבען צו דערצעהלען וואלענטין'ען עפּעס א גע־שיכטע וואָס ער האָט אויסגעטראכט מיט דעם צוועק ארוים צו קריגען דעם כוד פון איהם. דאן האָט ער בעמערקט:

„דוא ווייסט דאָך, וואלענטין, אַז איך וויל פערהייראטהען מיין טאָכ־טער סילוויא מיט טהוריא'ן, אָבער זיא איז האַרטנעקיג און וויל ניט פאָל־גען וואָס איך, איהר פאטער, הייס איהר. און דיר פערטרויע איך עס, אז איהר עקשנות האָט כמעט אוועקגענומען מיין גאנצע פאטערליכע ליעבע פון איהר. איך האָב געטראכט, אַז איך וועל פערזיסען מיין עלטער מיט איהר קינדישע פפליכט צו מיר, אַזוי אָבער האָב איך בעשלאָסען נאָך אַ מאָל צו הייראַטהען, נעהמען אַ פרוי און זיא לאָזען געהען וואוהין זיא וויל. זאָל איהר שעהנהייט זיין איהר נדן, פון מיר האָט זיא גאָר מעהר ניט צו ער־ווארטען."

וואלענטין איז געוועזען זעהר אונגעדולדיג און זיך געטראכט, אַז הלוואי מאכט שוין דער פירסט אַ סוף פון דעם געשפּרעך.

„און וואָס ווילט איהר זאָל איך טהון פאר אייך?" האָט ער גע־פרעגט.

„וואָס איך וויל, איז פאָלגענדעס," האָט דער פירסט אָנגעפאנגען גאנץ רוהיג. „די דאמע מיט וועלכער איך וויל חתונה האָבען, איז יונג און שעהמענדיג, און עס אינטערעסירט זיא זעהר ווענִיג וואָס איך בין. אויסערדעם, איז די מאָדע פון ליעבעס־ערקלערונג אין גאנצען גע־ביטען געוואָרען זייט דער צייט וואָס איך בין געוועזען אַ יונגער מאַן. אלזאָ, פערלאנג איך יעצט פון דיר, דוא זאָלסט זיין מיין לעהרער, און מיך לערנען וויא צו ערקלערען ליעבע און וויא צו געווינען די יונגע דאמע."

וואלענטין האָט איהם דאן געגעבען אַן אַלגעמיינעם בעגריף פון דער ליעבעס־ערקלערונג וואָס ווערט פראקטיצירט צווישען די יונגע לייט. דאָס הייסט, ער זאָל איהר געבען אַ סך שעהנע מתנות, זיא אָפט בעזוכען און נאָך אַזעלכע זאכען.

דער פירסט האָט געענטפערט, אַז די יונגע דאמע, וועלכע ער ליעבט, איז ניט געגען מתנות, אַז זיא האָט שוין אָנגענומען עטליכע געשענקע וואָס ער האָט איהר געשיקט, אָבער איין צרה איז בלויז דאָ, וואָס איהר פאטער וואכט צו פיעל איבער איהר און לאָזט קיין מאַן ניט צו ביי טאָג.

„דאן בעזוכט זיא ביי נאכט." האָט וואלענטין געראטהען.

„אָבער ביי נאַכט,“ האָט דער פירסט אָנגעווענדעט, „זיינען איהרע טהירען געשלאָסען.“

וואַלענטין האָט ניט פערשטאַנען וואוהין דער פירסט פיהרט איהם מיט דעם געשפּרעך און ער האָט דערפאַר געראַטהען, אז דער פירסט זאָל אריין צו דער געליעבטע דורך אַ שטריק-לייטער, און נאָך פאַרגעשלאָגען, אז ער אַליין וועט איהם בעזאָרגען דערמיט.

אָבער וואו בעהאַלט מען אַזא לייטער?“ האָט דער פירסט גע־פרעגט.

„אונטער אַ לאַנגען מאַנטעל,“ איז געווען דער ענטפער.

„אַך, פיעללייכט אַזא מאַנטעל וויא איהר טראָגט?“ האָט דער כיטרע פירסט געפרעגט. „אויב אַזוי, באָרגט מיר טאַקי אייער מאַנ־טעל.“

ביי דיעזע ווערטער האָט ער אָנגענומען איין פאָלע פון וואַלענטין׳ס מאַנטעל, שטאַרק אויפגעהויבען, און דאָרט דערזעהען ניט נאָר דיא שטריק־לייטער, זאָנדערן אויך סילוויא׳ס אַ בריעף, וועלכען ער האָט שנעל צוגע־כאַפּט, געעפענט און געלייענט.

סילוויא האָט אין דיעזען בריעף געגעבען אַ פאָלשטענדיגע בעשרייבונג איבער דעם פּלאַן פון ענטלויפען.

ווען דער פירסט האָט דאָס אַלעס איבערגעלייענט, האָט ער גוט אויס־געזידעלט וואַלענטין׳ען פאַר זיין אונדאַנקבאַרקייט געגען איהם, פאַר ווע־לען אַוועקרויבען זיין טאָכטער, און דאַן האָט ער ערקלערט, אז וואַלענטין מוז זאָפאָרט פערלאָזען דיא שטאָדט מילאַן און קיין מאָל מעהר ניט צוריק־קעהרען אַהין. דער אורטהייל האָט געדאַרפט דורכגעפיהרט ווערען נאָך אין יענער נאַכט, און ער זאָל אפילו ניט זעהען מעהר סילוויא׳ן.

וועהרענד פּראָטעאוס אין מילאַן האָט אַזוי פיעל צרות און לייד גע־בראַכט אויף זיין פריינד וואַלענטין, האָט יוליא אין ווערָאנא שטאַרק חרטה געהאַט אויף דער אבוועזענהייט פון איהר געליעבטען פּראָטעאוס. דיא ליעבע האָט זיך אַזוי ענטוויקעלט אין איהר, אז זיא האָט בעשלאָסען צו פערלאָזען ווערָאנא אין געהיים און געהען זוכען איהר געליעבטען אין מילאַן.

אום צו זיין זיכער געגען געפאַהר אויף׳ן וועג, האָט זיא זיך פער־שטעלט פאַר אַ מאַן, און צוזאַמען מיט איהר גאָווערנאַנטקע, אויך פער־קליידעט, האָט זיא אָבגערייזט פון ווערָאנא און אָנגעקומען נאָך מילאַן

פונקט ווען וואלענטין איז פון דאָרט פערטריבען געוואָרען דורך פראָטעאוס'עס אינטריגע.

יוליא איז אָנגעקומען קיין מילאן אונגעפעהר אום מיטאג צייט און זיא איז אריינגעפאָהרען אין א קרעטשמע־האָטעל. האָבענדיג אַלע איהרע געדאנקען ביי פראָטעאוס'ן, האָט זיא אָנגעהויבען צו רעדען מיט דעם קרעטשמאר, דענקענדיג, אַז אַזוי וועט זיא עפּעס אויסגעפינען איבער איהר געליבטען.

דער קרעטשמאר איז געוועזען זעהר צופריעדען צו רעדען מיט דעם יונגען רייזענדען, און אום איהם צו אַמוזירען, האָט ער אָנגעבאָטען איהם מיטצונעהמען הערען שעהנע מוזיק און בייוואָהנען א סצענע, וויא א יונגער הערר זינגט א סערענאַדע (נאַכט־ליעד) פאַר זיין געליעבטע.

יוליא האָט אויסגעזעהען זעהר בעטריעבט, ווייל זיא האָט מורא געהאַט, דאָס ווען פראָטעאוס וועט ערפאַהרען איבער איהר האַנדלונג, וועט עס איהם פערדריסען. זיא האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיא געליעבט אַלס מיידעל און ער וועט געוויס ניט זיין איינפערשטאַנען זיא צו זעהען אַזוי פערשטעלט.

זיא האָט פון דעסטוועגען אָנגענומען דיא איינלאַדונג פון דעם קרעטשמאר צו געהען הערען דיא מוזיק, טראַכטענדיג דערביי, אַז דאָס וועט איהר פיעללייכט געבען אַ געלעגענהייט צו זעהען פראָטעאוס'ן.

אָבער ווען זיי זיינען געקומען אין דעם פּלאַץ וואוהין דער קרעטשמאר האָט זיי געבראַכט, האָט זיא דערזעהען א סצענע וואָס האָט זיא זעהר בעטריעבט. איהר אייגענער געליעבטער, פראָטעאוס, איז געוועזען דערייעניגער וואָס האָט געזונגען דיא סערענאַדע צו פּרינצעסין סילוויא, בעזינגענדיג איהר שעהנהייט און אויסדריקענדיג אין מוזיק זיין ברענענדע ליעבע.

אין דערזעלבער צייט אָבער, האָט אויך יוליא געהערט וויא סילוויא האָט גערעדט פון א פענסטער, וויא סילוויא האָט גערעדט און שטאַרק פאַראייבעל גענהאַט אויף פראָטעאוס'ן דערפאַר וואָס ער האָט פערלאָזט זיין אייגענע געליעבטע און זיך געווענדעט צו איהר, און אויך דערמיט אַרויסגעוויעזען זיין פאַלשקייט צו וואלענטין'ען.

נאָר אַזוי וויא פראָטעאוס האָט ניט אויפגעהערט צו ערקלערען זיין ליעבע צו סילוויא'ן, האָט סילוויא פערלאָזט דאָס פענסטער און ווייטער ניט געוואָלט אויסהערען זיין ליעבעס־פלוידעריי.

דאָס איז אַלץ געווען דערפאַר, ווייל סילוויא האָט געליעבט בלויז איין

מאַן, וואַלענטין׳ען, און זיא איז איהם געבליעבען געטריי און זיך שטאַרק געערגערט אַרויסזעהענדיג פּראָטעאוס׳עס פאַלשקייט.

אָבער פּרויענצימער זיינען מערקווירדיג. כאָטש יוליא איז געוועזען שרעקליך געערגערט איבער דעם וואָס זיא האָט בייגעוואָהנט, פון דעסט־וועגען האָט זיא נאָך אַלץ געליעבט פּראָטעאוס׳ן, און הערענדיג, אַז ער האָט געהאַט אַ דיענער און איהם אַוועקגעשיקט, האָט זיא געפּלאַנט, מיט דער הילף פון דעם קרעטשמאַר, צו ווערען פּראָטעאוס׳עס דיענער. און אַזוי וויא פּראָטעאוס האָט ווירקליך בעדאַרפט האָבען אַ דיענער, האָט ער קיין ספק שהיות ניט געמאַכט און צוגענומען יוליא׳ן מיינענדיג, אַז דאָס איז אַ יונגער מאַן. ער האָט באַלד געפונען פאַר איהר אַרבייט און זיא אַוועק־געשיקט מיט בריעף און פּרעזענטען צו סילוויא׳ן. וואָס עס האָט זיא נאָך מעהר געקריינקט, איז געוועזען דער פאַקט, אַז צווישען דיא פּרעזענטען, האָט ער סילוויא׳ן אויך געשיקט יוליא׳ס רינג, ביי וועלכען ער האָט איהר געשוואָוירען אייביגע און טרייע ליעבע.

יוליא איז געגאַנגען אין איהר שליחות מיט אַ קלאַפּענדעס האַרץ. ווען זיא איז אָבער געקומען צו סילוויא׳ן, האָט עס זיא געפרייט הערענדיג, אַז סילוויא וויל בשום אופן ניט אָננעהמען קיין זאַך פון פּראָטעאוס׳ן.

יוליא האָט זיך דאַמאַלס גערופען סעבאַסטיאַן. דער דיענער סע־באַסטיאַן איז אַלזאָ אַריין אין אַ געשפּרעך מיט סילוויא׳ן איבער פּראָטע־אוס׳עס ערשטע ליעבע און וויא אַזוי ער האָט שענדליך געהאַנדעלט געגען יוליא׳ן.

„איך האָב געקענט יוליא׳ן“, האָט סעבאַסטיאַן בעמערקט. „אַזוי גוט געקענט וויא מיך אַליין. און איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז יוליא איז זעהר אַן אָרענטליכעס מיידעל און זיא ליעבט אַזוי פּראָטעאוס׳ן, נאָך יעצט, וויא איהר לעבען. אַך, פּרינצעסין, איהר ווייסט גאָר ניט וויא עס וועט קריינקען דיא אָרעמע יוליא צו ערפאַהרען איבער איהר גע־ליעבטען׳ס פאַלשקייט.“

סילוויא איז געוואָרען פּעראינטערעסירט און געפרעגט וויא יוליא זעהט אויס.

„אָט פונקט אַזאָ הויכקייט וויא מיינע,“ האָט סעבאַסטיאַן געענט־פערט. „איהר געזיכט, קאָליר פון דיא אויגען און האָאר, פונקט וויא מיינע.“

און אזוי וויא סעבאסטיאן איז געווען זעהר א שעהן אינגעל, האט זיך סילוויא געקענט מערקען, דאס יוליא איז זעהר א שעהן מיידעל.

סילוויא'ס הארץ איז אנגעפילט געווארען מיט מיטלייד און רחמנות אויף דער ארעמער יוליא, און ווען סעבאסטיאן האט איהר געוואלט איבערגעבען יוליא'ס רינג וואס פראטעאוס האט געשיקט, האט סילוויא אויסגעשריען:

„שאנדע און שפאט מיר צו שיקען אזא רינג! איך וועל עס געוויס ניט אננעהמען, נאך מעהר, איך האב אליין געהערט איינינע מאל וויא ער האט געזאגט, אז זיין יוליא האט עס איהם געגעבען. הער אויס, מיין יונגע, איך ליעב דיך דערפאר ווייל דוא האסט מיטלייד מיט דער אונגליקליכער יוליא. דא האסטו א בייטעל מיט געלד פון מיר; איך גיב עס דיר צוליעב יוליא'ן."

ווען יוליא האט געהערט דיעזע טרייסטענדע ווערטער פון איהר געגנערין'ס מויל, האט זיא געשפירט מעהר מוטה.

מיר וועלען זיך יעצט אומקעהרען און זעהען וואס עס איז געווארען פון וואלענטין'ען, וועלכער, ווען ער איז אוועק, האט ער אפילו ניט געוואוסט וואוהין צו געהען. אהיים האט ער אום קיינעם פרייז ניט געוואלט צוריק קעהרען, אז זיין פאטער זאל איהם זעהען געשענדעט און ערניעדריגט. אזוי וואנדערענדיג איבער אן איינזאמען וואלד, ניט ווייט פון מילאן, האבען איהם ארומגערינגעלט א באנדע רויבער, וועלכע האבען פערלאנגט זיין געלד.

וואלענטין האט זיך פאר דיא רויבער ניט דערשראקען. ער איז געבליעבען שטעהען גאנץ רוהיג און זיי געזאגט, אז זיי האבען בעגעגענט אן אונגליקליכען מענשען, ווענען דאס אונבארמהערציגע שיקזאל האט געשטראפט און פערפאלגט.

„איך בין אין גלות," האט ער ערקלערט, „קיין געלד האב איך ניט. דיא קליידער וואס איהר זעהט אויף מיר, זיינען מיין גאנצעס פערמעגען."

ווען דיא רויבער האבען געהערט, אז ער איז אן אונגליקליכער, האט זיין פיינע, עלעגאנטע האלטונג, אויף זיי געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק.

ניט ווארטענדיג פיעל, האט איינער, אין נאמען פון אלע, איהם געמאכט א פארשלאג, דאס הייסט, ווען ער וועט ווערען זייער קאפי-

טאן אָדער הויפּטמאַן, וועלען זיי זיך שטעלען אונטער זיין קאָמאַנדאָ; אָבער ווען ער וועט זיך ענטזאגען דאָס צו טהון, וועלען זיי איהם הרג'ענען.

דער אונגליקליכער וואלענטין האָט זיך שוין מעהר ניט בעקימערט וואָס פון איהם וועט ווערען. ער האָט באַלד איינגעשטימט צו ערפילען זייער וואונש, ווערען זייער הויפּטמאַן, אָבער אונטער אַ בעדינגונג, דאָס הייסט, אַז זיי זאָלען ניט שענדען קיין פרויען וואָס וועלען אריינפאַלען אין זייערע הענד און ניט בעראַבעווען קיין אָרעמע רייזענדע.

זיי האָבען איינגעשטימט.

אַזוי איז וואלענטין געוואָרען אַ רויבער הויפּטמאַן, און אין דיעזער לאגע האָט איהם געטראָפען סילוויא, לויט וויא מיר וועלען דאָ באַלד אָבשילדערן.

דער פירסט איז געווען ענטשלאָסען, נאָכדעם וויא וואלענטין איז אוועק, אַז סילוויא זאָל חתונה האָבען מיט זיין ליעבלינג, טהוריא. ער האָט אַלזאָ אָנגעפאַנגען צו מאַכען אַלע פאָרבערייטונגען פאַר דער הייראַטה. סילוויא וויעדער, זעהענדיג, אַז ווען זיא וועט פערבלייבען, איז זיא פערלוירען אויף אייביג פאַר וואלענטין'ען, האָט זיא בעשלאָסען צו ענטלויפען.

זיא האָט געהערט, אַז איהר געליעבטער איז אוועק קיין מאַנטוא, און אהין האָט זיא אויך געוואָלט פאָהרען.

סילוויא'ן איז ווירקליך געלונגען צו ענטלויפען אין דער בעגלייטונג פון אַן אַלטען עהרען־מאַן מיט דעם נאָמען עגלאַמור, וועלכען זיא האָט מיטגענומען אַלס איהר בעשיטצער. אָנקומענדיג אין וואַלד וואו וואלענטין איז געווען, האָט זיי בעגעגענט אַ רויבער, וועלכער האָט געפאַנגען סילוויא'ן. ער וואָלט אויך געפאַנגען עגלאַמור'ן, אָבער דער לעצטער איז ענטלאָפען.

דער רויבער וואָס האָט געפאַנגען סילוויא'ן, האָט באַלד בעמערקט איהר טויט־שרעק.

„זייט נאָר רוהיג מאַדאַם," האָט ער צו איהר געזאָגט. „ווייל מען וועט אייך גאָר ניט טהון. אַלעס וואָס איך וויל, איז, אייך צו ברענגען אין דער הערהל וואו אונזער הויפּטמאַן געפינט זיך. און דערפאַר דאַרפט איהר זיך גאָר ניט שרעקען, ווייל אונזער הויפּטמאַן איז אַן עהרען־

מאַן, וועלכער ווייזט אימער זיין מענשליכקייט און מיטלייד מיט פרויענ־צימער."

סילוויא האָט זיך אפילו זעהר ווענינ געטרייסט דערמיט, אָבער זיא האָט זיך ניט געקענט העלפען.

געהענדיג, האָט זיא אויסגעשריען: „אָך, וואלענטין! וואָס איך לייד צוליעב דיר!"

עס איז שוין ניט געווען ווייט פון דעם הויפּטמאַן'ס העהל, ווען פּראָ־טעאוס מיט זיין דיענער (יוליא,) וועלכער האָט נאָכגעפאָלגט סילוויא'ן, האָט ערפאהרען פון איהר בעגלייטער עגלאמור, וואָס ער איז מיט איהר געוואָרען. ער האָט שנעל אָנגעפאנגען זיא צו זוכען ביז ער האָט זיא ער־בליקט געהענדיג אין דעם רויבער'ס בעגלייטונג. ער איז צוגעלאָפען און עס האָט אָנגעפאנגען אַ קאַמפּף און פּראָטעאוס האָט געזיעגט. ער האָט אַלזאָ בעפרייעט סילוויא'ן פון דעם רויבער.

אָבער איידער זיא האָט נאָך צייט געהאַט איהם צו דאנקען פאר זיין מיה, האָט ער שוין אָנגעהויבען איהר ווייטער צו ערקלערען זיין ברענענדע ליעבע.

וועהרענד זיי זיינען אַלע אזוי געשטאַנען, און זיין דיענער (יוליא) האָט געציטערט, טאָמער וועט סילוויא, אוים דאנקבארקייט, איינשטימען צו זיינע פּאָדערונגען, איז בלוצלונג ערשיענען וואלענטין. ער האָט גע־הערט, אַז אַ דאַמע איז געפאנגען געוואָרען און ער איז געקומען זיא טרייס־טען און בעפרייען.

עס איז געווען, וויא מיר האָבען געזאָגט, פּונקט דאַמאלס, ווען פּראָטעאוס האָט ערקלערט סילוויא'ן זיין ליעבע. פּראָטעאוס איז אַלזאָ גע־כאַפּט געוואָרען ביי זיין פּעררעטה געגען זיין פריינד. דאָס האָט אויף פּראָ־טהעאוס'ן געמאַכט אַזאַ ווירקונג, דאָס ער האָט באַלד חרטה געהאַט אויף אַלע זיינע געמיינהייטען.

עס האָט ניט פיעל געדויערט און ער האָט אויסגעדריקט זיין טיעפסטעס און גרעסטעס בעדויערן פאר דעם אונרעכט וואָס ער האָט געטהאָן געגען זיין פריינד.

מערקווירדיג איז אָבער געווען וואלענטין'ס נאַטור. ער האָט ווירקליך פּאַרגעשטעלט דעם קאַוואליר און דעם ריטער פון אַלטע צייטען. זעהענדיג זיין פריינד צוזאַמענגעבראָכען פון חרטה, האָט ער אויסגעשריען:

„איך בין דיר מוחל אויף אַלעס. נאָך מעהר, אַלע מיינע נייגונגען צו

סילוויא'ן וואָס איך האָב געהאַט און וואָס איך האָב, גיב איך אויף צוליעב דיר, אבי דיך גליקליך צו מאַכען."

דאָס איז באמת געווען זעהר נאַרריש. אָבער אַ גוטער מענש, ווען ער ווערט געריהרט אויף'ן מאָמענט, קען ער אויך אוועק געבען זיין לעבען.

יוליא וויעדער, הערענדיג דאָס אַלעס, האָט זיא געזעהען פאַר איהר פאַנטאַזיע פערשווינדען איהרע האָפנונגען. זיא האָט מורא געהאַט, אַז אַט, אַט מוז זיא פערלירען איהר פראָטעאוס'ן אויף אייביג. זיא האָט דערפאַר גע'חלש'ט.

אַלע זיינען דאַן צוגעשפּרונגען צו איהר זיא מינטערן.

דאָס איז געווען אַ גליק, ווען ניט, וואָלט סילוויא צייט געהאַט זיך צו געפינען בעליידיגט פון איהר געליעבטען'ס האַנדלונגען. דאָס איז געווען טראָטץ דעם, וואָס סילוויא אַליין, האָט ניט געגלויבט, אַז וואַלענטין וועט קענען לאַנג האַלטען זיין וואָרט און ניט חרטה האָבען פאַר זיין צו פיעל גוטסקייט צו פּראָטעאוס'ן.

איבערהויפּט, וויא האָט וואַלענטין געקענט זאָגען אַזעלכע ווערטער גאָר ניט פרעגענדיג סילוויא'ן אויב זיא בעשטעהט דאַרויף?

יעדענפאַלס, ווען יוליא האָט ערוואַכט, האָט זיא אַרונטערגענומען אַ רינג פון איהר פינגער און געזאָגט:

„איך האָב פערגעסען, אַז מיין העררר האָט מיר אָנגעזאָגט איבערצוגעבען דיעזען רינג צו סילוויא'ן."

פּראָטעאוס איז געווען דער ערשטער זיך צוצוקוקען צום רינג. ער האָט אין דעם באַלד דערקענט דעם רינג וואָס ער האָט געגעבען יוליא'ן איהר שווערענדיג אייביגע טרייע ליעבע.

„וואָס איז דאָס?" האָט ער געפרעגט איבערראַשט. „דיעזער רינג בעלאַנגט צו יוליא'ן? וויא קומט ער צו דיר, מיין יונגע?"

„יוליא אַליין האָט מיר איהם געגעבען," האָט זיא געענטפערט, „און יוליא אַליין האָט איהם אהער געבראַכט."

פּראָטעאוס האָט זיך יעצט, צום ערשטען מאָל, גוט איינגעקוקט אין זיין דיענער'ס געזיכט, און ער האָט באַלד דערקענט אין סעבאַסטיאַנען זיין אייגענע יוליא.

גלייך איז איהם דורכגעפלויגען דער געדאַנק פון איהר טרייהייט און איבערגעבענהייט, וויא זיא האָט איהם נאָכגעפאָלגט איבעראַל, און טראָטץ

זיין פאלשקייט, האָט זיא איהם דאָך געליעבט. ער האָט זיך געשעהמט פאר זיך אליין, און ארומנעהמענדיג יוליא'ן, האָט ער זיא צוגעדריקט צו זיין ברוסט, דערביי זיך ענטזאגענדיג פון סילוויא'ן און ווינשענדיג זיין פריינד וואלענטין זאָל מיט איהר גליקליך זיין.

בשעת פראטעאוס און וואלענטין האָבען איינער דעם צווייטען געוואונ־שען גליק, זיינען זיי איבערראשט געוואָרען ביי דער ערשיינונג פון דעם פירסט פון מילאן און דער בעגלייטונג פון טהוריא'ן, וועלכע האָבען נאָכ־געפאָלגט סילוויא'ן.

טהוריא, ווילד און אויפגערעגט, איז באלד צוגעלאָפען און געוואָלט אויסרייסען סילוויא'ן, אויסשרייענדיג:

„זיא איז מיינע!"

וואלענטין וויעדער, מיט א שארפען בליק און נאָך שארפערע ווערטער, האָט געזאָגט:

„טהוריא, שטעה פון וויטען! ווען דו וואגסט נאָך א מאָל צו זאָגען, אז סילוויא איז דיינע, דאן זאָלסטו אומארמען דעם טויט. אָט דאָ שטעהט זיא, בעריהר זיא נאָר, און דיין לעבען איז מעהר גאָר ניט ווערטה!"

טהוריא איז בטבע געווען א גרויסער פייגלינג, ווען ער האָט געהערט דיעזע ווערטער, האָט ער זיך צוריקגעצויגען און ערקלערט, אז זיא קימערט איהם מעהר ניט, און „נאָר א נאַר קעמפפט פאר א מיידעל, וועלכע ליעבט איהם ניט."

דער פירסט איז געווען אן אלטער אָבער בראַווער מאַן. הערענדיג טהוריא'ס ווערטער, האָט ער געענטפערט:

„שאנדע און שפאָט פאר דיר! ווען דו קענסט זיא אויפגעבען אזוי לייכט, אפילו אָהן דעם מינדעסטען קאמפף, דאן האָסטו ניט ווערטה זיא זאָל זיין דיין פרוי!"

ער האָט זיך דאן געווענדעט צו וואלענטין'ען מיט דיעזע ווערטער:

„איך אפלאָדיר דיין גייסט און דיין מוטה, וואלענטין. איך דענק, אז דו פערדיענסט זאָגאר דיא ליעבע פון א קייזערין. סילוויא זאָל זיין דיינע, ווייל דו האָסט זיא דיר עהרליך פערדיענט."

וואלענטין, מיט גרויסער אונטערטהעניגקייט, האָט געקושט דעם פירסט'ס האנד און אָנגענומען מיט גרויס דאנקבארקייט דעם טהייערן פרע־זענט וואָס ער האָט איהם געמאַכט.

און אזוי וויא דער פירסט איז געוועזן גוט געשטימט, האָט ער איהם אויך געבעטען אום גנאַדע פאַר דיא רויבער וואָס זיינען געוועזן מיט איהם אין וואַלד, איהם פערזיכערענדיג, דאָס ווען עס וועט זיי ערלויבט זיין צוריק צו קעהרען אין דער געזעלשאַפט, וועלען זיי אַלע זיין גוטע און בראַווע מע־נער; ווייל דער גרעסטער טהייל פון זיי, פּונקט וויא ער, וואַלענטין, זיינען פערטריעבען געוואָרען דורך פּאָליטישע אורזאַכען.

עס איז ווירקליך געוועזן אַ שעת הכושר, און דער פירסט האָט נאָכגע־געבען וואַלענטין׳ס וואונש.

אַלעס וואָס עס איז נאָך יעצט איבער געבליעבען איז געוועזן, אַז פּראָ־טעאוס זאָל זיך גוט איבערבעטען מיט יוליא׳ן. אַלע האָבען זיך אַריינ־געלעגט אין שלום, און יוליא האָט פערצייהעט איהר איבעראיילטען גע־ליעבטען.

זיי האָבען דאַן אַלע צוריק געקעהרט נאָך מילאַן, וואוביידע חתונות זיינען געפייערט געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד.



# סימבעלין.

אין דער צייט ווען אונוסטוס איז געווען קיסר פון רוים, האט אין בריטאניען (יעצטיגעס ענגלאנד) רעגיערט א קעניג מיט דעם נאמען סימבעלין.

דעם קעניג סימבעלין'ס פרוי איז געשטארבען ווען זיינע דריי קינדער, צוויי זיהן און איין טאכטער, זיינען נאך געווען גאנץ יונג.

אימאדזשען, דיא טאכטער, איז געווען דיא עלטעסטע פון דיא קינדער. זיא האט געהאט דיא זכיה אויפגעצויגען צו ווערען אין איהר פאטער'ס פאלאץ. דיא צוויי אינגלעך ווידער זיינען אוועקגע'גנב'עט געווארען, ווען דער עלטסטער איז אלט געווען דריי יאהר און דער אינגסטער א ברוסט־קינד.

וואס קעניג סימבעלין האט ניט אנגעווענדעט אויפצוזוכען דיעזע קינדער, איז אלץ געווען אומזיסט. זיי זיינען פערשוואונדען געווארען גלייך וויא דיא ערד וואלט זיך געעפענט אונטער זיי און ניט צוריק געלאזט קיין שפור. עס איז אפילו קיין פערדאכט ניט געבליעבען ווער דאס האט געקענט טהון.

פון דעסטוועגען האט סימבעלין נאך א מאל חתונה געהאט. אבער זיין צווייטע קעניגין איז מעהר ניט געווען וויא דיא מוטער פון זיינע קינדער. דיא צווייטע קעניגין איז געווען א שלעכטע, פארדארבענע פרוי און בייזע שטיפמוטער. דיא ארעמע יתומה אימאדזשען, האט פון איהר געהאט פיעל צו ליידען.

אין דערזעלבער צייט אבער, כאטש דיא קעניגין האט פיינד געהאט איהר שטיפטאכטער אימאדזשען, האט זיא דאך געוואלט, אז איהר זוהן, פון ערשטען מאן, זאל חתונה האבען מיט דער פרינצעסין. דערביי איז געלעגען א געוויסער פלאן: דורך אזא הייראטה האט זיא געהאפט, דאס

ווען סימבעלין וועט שטאַרבען, וועט די קרוין פון בריטאַניען בע־לאַנגען צו איהר זוהן קלאָטען. זיא האָט אויך געוואוסט, דאָס נאָכ־דעם דער קעניג האָט ניט קיין זוהן, וועט זיין טראָהן איבערגעהען בירושה צו זיין טאָכטער, און דער ריכטיגער קעניג וועט מוזען ווערען איהר מאַן.

דער פּלאַן איז געווען זעהר א גוטער פאר דער קעניגין און איהר זוהן, אָבער אימאָדזשען אַליין האָט איהם אין גאַנצען קאַליע געמאַכט. אָהן דער איינשטימונג פון איהר פאטער, האָט אימאָדזשען חתונה געהאַט אין געהיים.

איהר מאַן איז געוואָרען א געוויסער פּאָסטהומוס, וועלכער איז געווען בעקאַנט אַלס א געראַטענער מענש און א גרויסער געלערענטער.

פּאָסטהומוס׳עס פאטער איז געשטאָרבען אין א מלחמה פאר קעניג סימבעלין. דאַמאַלס האָט דיא מוטער מיט איהם געשוואַנגערט, און באַלד נאָך זיין געבורט, איז אויך זיין מוטער געשטאָרבען אויס בענקשאַפט נאָך איהר מאַן.

דאָס קינד איז אַלזאָ איבערגעבליעבען גאַנץ אַליין אין דער וועלט און סימבעלין, רחמנות האָבענדיג אויף איהם, צוליעב זיינע עלטערן, האָט ער איהם צוגענומען צו זיך אום איהם צו ערציהען, און איהם א נאָמען געגעבען פּאָסטהומוס, וואָס הייסט אויף לאַטייניש, אַז ער איז געוואָרען א מענש, אָדער געבוירען געוואָרען נאָך זיין פאטער׳ס טויט.

סימבעלין האָט געלאָזט דאָס קינד ערציהען און אויסבילדען אויף זיינע הוצאות.

פּרינצעסין אימאָדזשען און דער יתום פּאָסטהומוס, זיינען אויפגע־צויגען געוואָרען צוזאַמען, געלערענט ביי דיעזעלבע לעהרער און פער־בראַכט זייער קינדהייט אינאיינעם. זיי האָבען זיך געליעבט ווען זיי זיינען נאָך געווען קליין און זייער ליעבע האָט געוואַקסען מיט דיא יאָהרען, ביז זיי האָבען חתונה געהאַט.

נאָך דעם וויא דיא קעניגין האָט ערפאַהרען, אַז זיי זיינען געוואָרען מאַן און ווייב, איז זיא געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט. דאָס האָט צו־שטערט, מיט איין מאָל, אַלע איהרע אינטריגאַנטישע פּלענער. זיא האָט קיין צייט ניט פערלוירען און דאָס באַלד מיטגעטהיילט איהר מאַן, קעניג סימבעלין, אַז זיין טאָכטער האָט בעגאַנגען אַזאַ פערברעכען וויא צו

הייראַטהען אַ פּראָסטען מענשען, און דערצו נאָך אין געהיים, אָהן זיין ווִיסען.

דער קעניג האָט ליעב געהאַט פּאָסטהומוס׳ן אַלס זיינער אַן אונ־טערטהאַן, אָבער ער האָט קיין מאָל ניט געדענקט איהם צו מאַכען פאר זיין איידעם. זיין טאָכטער׳ס האַנדלונג האָט איהם אונגעהייער אויפ־געגט. אין זיין צאָרן האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז פּאָסטהו־מוס זאָל אויף אייביג פערטריעבען ווערען פון זיין לאַנד.

די קעניגין האָט דאַן ווידער אָנגעהויבען צו שפּיעלען אַ פאַלשע ראָ־לע. זיא האָט זיך געמאַכט, אַז זיא סימפּאַטהיזירט שטאַרק מיט אימאָ־דזשען׳ען פאַר וואָס זיא האָט פערלוירען איהר געליעבטען מאַן, און זיך אָנגעבאָטען איהר צו העלפען זיך זעהען מיט פּאָסטהומוס׳ן ווענִיגסטענס איידער ער ווערט אַרויסגעטריעבען.

דיעזע פאַלשע פריינדשאַפט איז געוועזען צום צוועק אום צו געווינען אי־מאָדזשען׳ס פערטרויען, כדי זיא זאָל נאָכהער הערען איהר עצה און חתונה האָבען מיט איהר זוהן קלאָטען.

די קעניגין האָט גערעכענט, אַז נאָכדעם פּאָסטהומוס וועט שוין ניט זיין, וועט איהר געלינגען איינצורעדען דער פּרינצעסין, אַז איהר הייראַטה מיט פּאָסטהומוס׳ן איז ניט גילטיג, ווייל זיא איז געשעהען אָהן דער איינשטימונג פון איהר פאָטער, און זיא וועט אַלזאָ חתונה האָבען מיט איהר זוהן.

פּאָסטהומוס האָט בעשלאָסען אָבצורייזען קיין רוים און דאָרט פערבליי־בען אַזוי לאַנג ביז די צייטען וועלען זיך ענדערן. איידער ער איז אַוועק, האָט ער זיך אַלזאָ בעגעגענט מיט זיין יונגער פרוי, און זייער אָבשיעד איז געוועזען אַ שמערצהאַפטע.

אימאָדזשען האָט געגעבען איהר מאַן אַ דיאַמאַנטענעם רינג, וואָס איהר מוטער האָט אַ מאָל געטראָגען, און פּאָסטהומוס האָט פערשפּראָכען זיך גיעמאָלס צו שיידען מיט דיעזען רינג. ער ווידער האָט אָנגעטהאָן זיין פרוי אַ בראַסלעט אויף דער האַנד, און געבעטען זיא זאָל דיעזע עראיננע־רונג אָבהיטען, ווייל דאָס איז אַ צייכען פון זיין אונשטערבליכע ליעבע צו איהר. דאַן האָבען זיי זיך אומאַרמט, געוויינט, און זיך פערשפּרע־כענדיג אייביגע ליעבע און טרייהייט, האָבען זיי גענומען אָבשיעד איינער פון צווייטען.

די אונגליקליכע אימאָדזשען, טרויעריג און בעטריעבט, איז צוריק

געבליעבען אין איהר פאטער'ס הויף, וועהרענד פאסטהומוס, נאך שווערער מיה, איז ענדליך אנגעקומען קיין רוים וואו ער האט בעשלאסען צו פער־בלייבען און נעדולדיג אבווארטען זיין שיקזאל.

זייענדיג אין רוים, האט פאסטהומוס געשלאסען בעקאנטשאפט מיט איינינע יונגע און פריי־ליכע מענער פון פערשיעדענע נאציאנען, וועלכע האבען אפט גערעדט איבער דאמען און ליעבעס. יעדער איינער האט גע־לויבט און געריהמט דיא פרויען פון זיין לאנד, איבערהויפט האט יעדער געשווערעמט איבער זיין געליעבטע. פאסטהומוס נאטירליך, וועלכער האט נאך שטארקער געליעבט זיין פרוי וויא אימער, האט בעהויפטעט, אז זיין אימאדזשען איז ניט נאר וואונדערבאר שעהן, זאנדערן, אז זיא איז אויך דיא עהרליכסטע, קליגסטע און בעסטע דאמע אין דער וועלט.

איינער פון זיינע בעקאנטע, א געוויסער יאקימא, האט ניט געקענט ליידען וויא מען בעהויפטעט, אז עס געפינען זיך בעסערע פרויען אין דער וועלט וויא דיא רוימערינס. הערענדיג פאסטהומוס'עס ריהמערייען אי־בער זיין פרוי, האט ער געשמייכעלט און אויסגעדריקט א גרויסען ספק איבער זיינע בעהויפטונגען.

דאס האט געפיהרט דערצו, וואס דיא צוויי יונגע מענער האבען זיך צו־ווערטעלט. דערפון איז ארויס, אז יאקימא האט זיך אנגעבאטען צו פאהרען קיין בריטאניען, מאכען בעקאנטשאפט מיט אימאדזשענען און געווינען איהר ליעבע, אונגעאכטעט דארויף וואס זיא האט א מאן.

זיי האבען אויך געוועט, דאס אין פאל יאקימא'ן וועט פערלירען, דאן זאל ער פאסטהומוס'ן בעצאהלען א גרויסע סומע געלד. דאגעגען וויעדער, ווען יאקימא וועט געווינען, און אויסנארען ביי אימאדזשען ניט נאר איהר ליעבע, זאנדערן אויך דעם בראסלעט, זאל ער, פאסטהומוס, אוועקגע־בען יאקימא'ן אימאדזשען'ס בריליאנטענעם רינג וואס זיא האט איהם גע־געבען אלס אן עראינערונג.

פאסטהומוס האט אבער אזוי שטארק געגלויבט אין אימאדזשען'ס עהרליכקייט, אז עס איז איהם גאר ניט איינגעפאלען, דאס ער ריזיקירט עפּעס מיט דיעזער וועטע.

עס האט ניט פיעל געדויערט און יאקימא האט אבגערייזט קיין ברי־טאניען. אלס א פריינד און בעקאנטער פון פאסטהומוס'ן, איז איהם גלייך געלונגען פארגעשטעלט צו ווערען פאר אימאדזשענען, וועלכע האט איהם אויך זעהר פריינדליך אויפגענומען. נאר ווען ער האט אנגעהויבען זיך

צו ערקלערען אין ליעבע צו איהר, האט זיא איהם גלייך צוריקגעוויע־זען מיט טיעפער פעראכטונג. עס האט ניט פיעל געדויערט און יאקימא האט איינגעזעהען, אז זיין פלאן קען איהם ניט געלינגען.

אבער ער האט דיא וועטע ניט געוואלט פערלירען און ער האט בע־שלאסען צו האנדלען וויא א לומפ, א שארלאטאן.

צו דיעזען צוועק האט ער אונטערגעקויפט אימאדזשען׳ס דיענער, און זיי האבען איהם ערלויבט אריינצוקומען אין אימאדזשען׳ס שלאפצימער. ער האט זיך דארט בעהאלטען אין א גרויסען שראנק, וואו ער איז פער־בליעבען ביז אימאדזשען איז ערשיענען און זיך געלעגט שלאפען. דאן איז ער לאנגזאם ארויס פון דעם שראנק, גוט בעטראכט דאס צימער וויא עס זעהט אויס, פערשריעבען אלע איינצעלהייטען וואס ער האט געזעהען, און דאן איז ער צוגעגאנגען צו דער שלאפענדער פרינצעסין. ער האט בעמערקט אויף איהר האלז א שווארצען פינטעל, און נאכהער האט ער לאנגזאם געעפענט דעם בראסלעט וואס זיא האט געטראגען אויף איהר האנד, צוגענומען און זיך ווידער בעהאלטען אין שראנק. אויף׳ן צווייטען טאג איז איהם געלונגען פון דארט צו ענטלויפען און ער איז גלייך אוועק צוריק קיין רוים.

אנקומענדיג אהין, האט ער באלד דערצעהלט פאסטהומוס׳ן, אז אי־מאדזשען האט איהם געגעבען דעם בראסלעט און איהם אויך ערלויבט צו פערברענגען מיט איהר א נאכט אין איהר שלאפצימער. דאן האט ער איהם דערצעהלט:

„יא, איך בין געווען אין איהר שלאפצימער, וועלכעס איז בעהאנגען מיט פאזמאנטור געוועבט פון זייד און זילבער.“

„דאס איז אמת,“ האט פאסטהומוס בעמערקט. „אבער דוא האסט געקענט גלאט אזוי זעהען איהר שלאפצימער.“

אבער אום ניט צו מאכען פיעל רייד, האט ער ארויסגענומען דעם בראסלעט און געפרעגט:

„דערקענסטו דאס? זיא האט עס מיר געגעבען, זיא האט דעם בראסלעט ארונטערגענומען פון איהר האנד און מיך דערמיט פרעזענטירט. אך, איך זעה זיא נאך יעצט פאר מיינע אויגען; איהר שעהנהייט איבערשטייגט דיעזע מתנה. זיא האט מיר געגעבען דעם בראסלעט, און געזאגט, אז א מאל האט זיא דאס געהאלטען פאר א טהייערע זאך.“

דאן האָט ער בעשריעבען פאַר פאָסטהומוס׳ן דעם שווארצען פּינטעל אויף איהר האלז.

ציטערניש און שמערץ האָט אָנגעכאַפּט דעם בעטראָגענעם פאָסטהומוס, און ער האָט אָנגעהויבען צו פלוכען די פאַלשע אימאָדזשען. דאן האָט ער יאקימאָ׳ן געגעבען דעם רינג, לויט וויא ער האָט פער־שפּראָכען. ער האָט מודה געווען, אז ער האָט פערלוירען די וועטע.

און וויא שנעל אייפערזוכט קען פערוואנדלען די העכסטע ליעבע אין ביטערסטען האַס! עס האָט ניט פיעל געדויערט און פאָסטהומוס האָט געשריעבען א בריעף צו זיין פריינד און אימאָדזשען׳ס דיענער פּיסאַניאָ, אין בריטאַניען, איהם מיטטהיילענדיג אלעס איבער אימאָדזשען׳ס פאַלשקייט. דאן האָט ער איהם בעאויפטראַגט ער זאָל פערנאַררען אימאָדזשען קיין מילפאַרד־העיווען, א האַפען־שטאָדט אין וועילז, און זיא דאָרט הרג׳־ענען.

אום צו בעוועגען אימאָדזשען׳ען זיא זאָל געהען מיט פּיסאַניאָ׳ן, האָט ער איהר געשריעבען א בריעף, אז נאָכדעם ער קען מעהר ניט לעבען אָהן איהר, האָט ער בעשלאָסען צו קומען נאָך מילפאַרד־העיווען זיא זעהען, אָב־וואָהל אזא האנדלונג קען איהם קאָסטען זיין לעבען. דערפאַר, בעט ער זיא, אז זיא זאָל קומען אהין איהם בעגעגנען.

אימאָדזשען, טריי און אויפריכטיג, ליעבענדיג איהר מאַן וויא איהר לעבען, און אליין אויך וועלענדיג איהם זעהען, האָט, אָהן א שום פער־דאַכט, באַלד וויא זיא האָט ערהאַלטען דעם בריעף, אָבגערייזט צוזאַ־מען מיט פּיסאַניאָ׳ן.

ווען זייער רייזע איז שוין באַלד געווען צו ענדע, האָט פּיסאַניאָ, וועל־כער איז אפילו געווען זעהר געטריי פאָסטהומוס׳ן, דערצעהלט אימאָדזשענען אין וואָס פאַר שליחות איהר מאַן האָט איהם בעאויפטראַגט. די אונגליק־ליכע אימאָדזשען, אנשטאָט צו בעגעגנען איהר מאַן, האָט זיא געהערט די שרעקליכע נאַכריכט. דאָס הייסט, אז איהר מאַן וויל זיא בעסער זעהען טויט.

פּיסאַניא האָט איהר דאָס אלעס מיטגעטהיילט, ווייל ער האָט ניט געגלויבט אין דער בעשולדיגונג געגען איהר. זעהענדיג וויא בעטריעבט זיא איז, האָט ער זיא געטרייסט מיט די ווערטער, אז די צייט מוז קומען ווען פאָסטהומוס וועט חרטה האָבען אויף דער אונגערעכטיגקייט געגען איהר. אין דערזעלבער צייט, אזוי וויא זיא איז געווען זעהר פערצווייפעלט און

ניט געוואָלט צוריק קעהרען צו איהר פאטער אין אזא צושטאנד, האט פי־סאניא איהר געראטהען זיא זאָל זיך אָנטהון אינגעלשע קליידער, אום זיא זאָל זיין מעהר זיכער אויף איהר רייזע.

אימאדזשען האט איינגעשטימט אויף דיעזען פאָרשלאג. זיא האט אויך בעשלאָסען אין דיעזער קליידונג אוועק צו פאָהרען קיין רוים און זעהען איהר מאַן, וועלכען, טראָטץ דעם אונרעכט, האט זיא נאָך אלץ זעהר געליעבט און אן איהם ניט געקענט פערגעסען.

ווען פיסאניאָ האט זיא בעזאָרגט מיט דיא אינגעלשע קליידער, האט ער זיא איבערגעלאָזט צו איהר אונזיכערן שיקזאל. אליין האט ער געמוזט צוריק קעהרען אין קעניגליכען הויף. אָבער, איידער ער האט זיא פער־לאָזט, האט ער איהר געגעבען א פלעשעל מיט אזא מין משקה, וואס דיא קעניגין האט איהם געשענקט און געזאָגט, אז דיעזע משקה איז א רפואה צו אלע קראנקהייטען.

דיא קעניגין ווידער, וועלכע האט געהאסט פיסאניא'ן, וויל ער איז געווען אימאדזשען'ס און פאסטהומוס'עס פריינד, האט איהם געגעבען דאס פלעשעל, רעכענענדיג, אז דאס ענטהאלט סם. זיא האט דאס ספעציעל בעשטעלט ביי איהר דאָקטאָר, אום, וויא זיא האט איהם דערצעהלט, צו פּרובירען דעם רעזולטאט דערפון אויף חיות. נאָר אזוי וויא דער דאָקטאָר האט זיא געקענט פאר א שלעכטע און פערדאָרבענע פרוי, האט ער איהר ניט געוואָלט געטרויען קיין ריכטיגען סם־המות, און אנשטאט דעם האט ער איהר געגעבען אזא מין פלייסיגקייט, וועלכע האט דיא ווירקונג איינצושלעפערן א פערזאָן מען זאָל מיינען, אז דיא פערזאָן איז ווירקליך טויט. דאס געדויערט אָבער בלויז עטליכע שטונדען און דאן ווערט מען צוריק לעבעדיג.

דיעזע משקה, וואס פיסאניאָ האט ווירקליך גערעכענט פאר א גוטע זאך, האט ער געגעבען אימאדזשען'ען און איהר אָנגעזאָגט, דאס אין פאל זיא וועט פיהלען שלעכט, זייענדיג אויף'ן וועג, זאָל זיא איינגעהמען דער־פון. און נאָכדעם וויא ער האט איהר געוואונשען גליק און זיא געבענשט זיא זאָל בעשיטצט ווערען אויף איהר רייזע. האט ער פון איהר גענומען אבשיעד.

דורך א מערקווירדיגען צופאל, האט דער וועג געפיהרט אימאדזשען'ען צו דער וואָהנונג פון איהרע צוויי ברידער, וועלכע זיינען אוועק גע'גנב'עט געוואָרען, אלס קינדער.

בעלאריוס איז געווען דער נאמען פון דעם מאן וואס האט זיי אוועקגערויבט. א מאל, מיט יאהרען צוריק, איז בעלאריוס געווען איינער פון די איינפלוסרייכסטע מענער אין קעניג סימבעלין׳ס הויף. דאן האט איהם דער קעניג פאלש בעשולדיגט אין פעררעטה, און איהם פערטריעבען פון זיין הויף. בעלאריוס, אום זיך נוקם צו זיין, האט ער צוגע׳גנב׳עט סימבעלינען׳ס צוויי קליינע פרינצען, זיי געבראכט אין א וואלד אריין, וואו ער האט זיי ערצויגען אין א העהל.

אוועקגערויבט האט ער דיא צוויי קליינע פרינצען אוים ראכע, אבער ער האט זיי באלד אנגעהויבען ליעב צו האבען גלייך וויא זיי וואלטען געווען זיינע אייגענע קינדער. ער האט זיך שטארק אבגעגעבען מיט זייער ערציהונג, אליין מיט זיי געלערענט, און אזוי זיינען זיי אויפגעוואקסען בראווע, גוטע און שעהנע צוויי יונגע לייט. און אזוי וויא זיי האבען זיך אימער בעשעפטיגט מיט יאגד, האט דאס זיי אבגעהארטעוועט און זיי געמאכט פאר שטארק און וואגענד. ניט נאר איין מאל האבען זיי געבעטען בעלאריוס׳ן, מיינענדיג, אז ער איז זייער פאטער, ער זאל זיי ערלויבען צו געהען אין קריעג וואו זיי זאלען, דורך זייער גבורה און געשיקליכקייט, זובען זייער גליק.

אט צו דיעזער העהל, וואו דיא צוויי יונגע לייט מיט דעם אלטען בעלאריוס האבען געוואהנט, איז אימאדזשען פערבלאנדזשעט געווארען.

דיא ארעמע אימאדזשען, זייענדיג אין דעם גרויסען וואלד, האט זיא פערלוירען איהר וועג. זיא האט געזאלט געהען אין איין וועג נאך מילפארד־העיווען, אבער זיא האט זיך פערלוירען. דאן איז זיא הונגעריג געווארען. דיא אונגליקליכע איז געווען פערצווייפעלט, און דא איז זיא אויך געווען אזוי מיעד, אז זיא האט מעהר ניט געקענט נאכשלעפען איהרע פיס.

דערזעהענדיג דיא העהל, איז זיא אריין, האפענדיג דארט צו געפינען עמיצען וואו זיא זאל קויפען עפעס צום עסען. זיא האט אבער געטראפען דיא העהל לעדיג, און זיך ארומקוקענדיג, האט זיא דערזעהען ליעגענדיג געטריקענטעס פלייש, און אזוי וויא זיא איז געווען שטארק הונגעריג, האט זיא זיך גענומען עסען.

„אך!“ האט זיא געזאגט צו זיך אליין זיפצענדיג, „איך זעה ערשט יעצט, אז א מענשען׳ס לעבען איז א פלאגע. וויא מיעד איך בין! צוויי נעכט דורכאנאנד האב איך געהאט דיא הוילע ערד פאר מיין בעט. ווען

ניט מיין ענטשלאָסענהייט, וואָלט איך שוין קראַנק געוואָרען. ווען פּיסאַ־ניא האָט מיר געוויעזען מילפאַרד־העיוועו פון דעם שפּיטץ־באַרג, ווי נאָהענט דאָס האָט מיר דאַמאַלס אויסגעזעהען!"

דאַן האָט זיא אָנגעהויבען צו דענקען איבער איהר מאַן און זיין האַרצ־לאָזען בעפעהל זיא צו טויטען.

„מיין טהייערער פּאָסטהומוס," האָט זיא געמורמעלט, „דו ביסט זעהר אַ שלעכטער!"

אימאָדזשען'ס צוויי ברידער מיט בעלאַריוס'ן, וועלכע זיינען געוועזען אויף דער יאַגד, האָבען פּונקט דאַמאַלס צוריק געקעהרט אַהיים.

בעלאַריוס האָט זיי אַ נאָמען געגעבען פּאָלידאָר און קאַדוואַל, און אַזוי האָבען זיי זיך גערופען; זייערע ריכטיגע נעמען זיינען אָבער געוועזען גידעריוס און אַרוויראַגוס.

דער ערשטער וואָס איז אַריין אין דער העהל, איז געוועזען בעלאַריוס. ווען ער האָט דערזעהען אימאָדזשען'ען זיטצען און עסען, האָט ער גע־וואונקען צו דיא יונגע לייט און געזאָגט גאַנץ שטיל:

„שאַ, שטעהט, וואַרט נאָך אויס. יעמאַנד עסט אונזערע שפּייזען. מיר דאַכט, אַז דאָס איז אַ שרעטעלע."

„וואָס איז דאָרט?" האָט איינער געפרעגט.

„ביי גאָט!" האָט בעלאַריוס ווייטער געזאָגט, „מיר דאַכט, אַז אַ מלאך איז אין אונזער העהל, אָדער וועניגסטענס אַ פּעע."

אימאָדזשען איז געוועזען אַזוי שעהן אין איהרע אינגעלשע קליידער, אַז זיא האָט ווירקליך איבערראַשט בעלאַריוס'ן.

ווען אימאָדזשען האָט געהערט אַ רעש, האָט זיא זיך אויפגעהויבען, אומגעווענדעט און צו זיי אַזוי געזאָגט:

„מיינע גוטע העררען, טהוט מיר ניט קיין שלעכטס. איידער איך בין אַריין אין אייער העהל, בין איך געוועזען בערייט צו בעטלען אָדער קויפען עפּעס עסען. יעצט אָבער האָב איך בלויז גענעסען. איך שווער אייך, אַז איך האָב גאָר ניט גע'גנב'עט, און איך וואָלט אויך גאָר ניט גע־גנב'עט ווען איך וואָלט אפילו געפונען גאָלד אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. אָט דאָ האָט איהר געלד פאַר'ן פלייש וואָס איך האָב געגעסען. ווען איך וואָלט אייך ניט געטראָפען, וואָלט איך ניט פערלאָזט דיעזען פּלאַץ אָהנע אוועקצולעגען געלד דאָ פאַר דעם עסען און אויך אַ געבעט פאַר דיעזע וואָס האָבען דאָ פאַרבערייט צום עסען:

זיי האָבען זיך ענטזאגט אָנצונעהמען איהר געלד.

„איך זעה," האָט דיא דערשראָקענע אימאדזשען געזאָגט, „אז איהר זייט אין כעס אויף מיר. אָבער, מיינע העררען, ווען איהר זאָלט מיך הרג'ענען פאר מיין פערברעכען, זאָלט איהר וויסען, דאָס איך וואָלט סאַי-וויא-סאַי געשטאָרבען פאַר הונגער."

„וואוהין געהסטו," האָט בעלאריוס געפרעגט, „און וויא איז דיין נאָמען?"

„מיין נאָמען איז פידעלע," האָט אימאדזשען געענטפערט. „איך האָב א קרוב וואָס פאָהרט קיין איטאליען. ער האָט בעדארפט אָבזעגלען פון מילפאָרד־העיווען, און געהענדיג אהין, בין איך אזוי הונגריג געוואָרען, אז דאָס האָט מיך געפיהרט צו דעם פערברעכען ביי וועלכען איהר האָט מיך געטראָפען."

„בלייב נאָר רוהיג, מיין קינד," האָט בעלאריוס געזאָגט, „רעכען אונז ניט פאַר אזעלכע שלעכטע מענשען; אורטהייל אונז אויך ניט נאָך דיא ווילדע קליידער און פּלאַטץ וואו דוא זעהסט אונז. זאָל דיר וואויל בעקומען וואָס דוא האָסט געגעסען. גוט וואָס דוא ביסט געקומען אהער. עס איז שוין באלד נאַכט. דוא זאָלסט דיך ביי אונז אויסרוהען און ווייטער עסען. קינדער, בעגריסט דעם וואנדערער."

דיא צוויי יונגע לייט, איהרע ברידער, האָבען דאן געוואונשען אי-מאדזשען'ען ווילקאָמען אין זייער הערהל, און מיט פיעלע צערטליכע אויס-דריקע האָבען זיי איהם (מיינענדיג, אז דאָס איז א אינגעל) פערשפּראָ-כען צו ליעבען וויא א ברודער. דאן האָבען זיי אריינגעבראכט אין דער העהל זייערע דערשאָסענע חיות וואָס זיי האָבען מיטגעבראכט פון דער יאגד.

אימאדזשען האָט זיך זעהר געפרייט מיט דעם פריינדליכען עמ-פפאנג און זיא האָט זיך באלד גענומען זיי העלפען פאָרבערייטען וועט-משערע.

אין אלטע צייטען, האָבען פּרינצעסינס, ניט וויא יעצט, געקענט קאָכען און באקען און פערשטאנען הויז־ווירטהשאפט.

זיא האָט זיי אלעמען איבערראשט מיט איהר פעהיגקייט און פלייסיגקייט.

„און אויסער דעם," האָט פּאלידאר בעמערקט צו זיין ברודער, „זעה נאָר וויא שעהן פידעלע איז, טאקי וויא א מלאך."

דאן האָבען זיי בעמערקט, דאָס כאָטש פידעלע איז אזוי שעהן, קען מען דאָך זעהען אויף זיין געזיכט אן אויסדרוק פון טרויער און מרה־שחורה.

פידעלע איז אין א קורצער צייט געוואָרען דער ליעבלינג פון דער קליינער פאמיליע, און אויך פידעלע האָט אַלעמען ליעב געקריעגען. זיא האָט אָנגעהויבען צו דענקען, דאָס ווען ניט איהר עראינערונג אן פאסטהו־מוס׳ן, וואָלט זיא געווען העכסט צופריעדען צו פערבלייבען מיט דיעזע פריינדליכע מענשען אין דער העהל און מיט זיי ארומגעהען אין ווילדען וואלד.

זיא האָט דערפאַר, נאָכהער, איינגעשטימט דאָרט צו פערבלייבען אזוי לאנג ביז זיא וועט זיך אויסרוהען און דאן ערשט פאָרטזעטצען איהר רייזע קיין מילפארד־העיווען.

ווען זיי האָבען געהאט אויפגעגעסען דאָס גאנצע פלייש, און זיי האָבען זיך פאָרבערייטעט ווייטער צו געהען אויף דער יאגד, האָט פידעלע זיי ניט געקענט בעגלייטען, ווייל זיא האָט ניט גוט געפיהלט. שמערץ און פערצווייפלונג מיט טרויעריגע עראינערונגען צוזאמען מיט דער שווע דער רייזע אין וואלד, האָבען פעראורזאכט איהר שלעכט פיהלען.

זיי האָבען זיך מיט איהר געזעגענט און אליין אוועק אויף דער יאגד. אויף׳ן וועג, האָבען זיי געהאלטען אין איין רעדען פון איהר און איהרע מעלות.

אזוי שנעל אָבער וויא זיי זיינען אוועק, האָט זיך אימאדזשען דער־מאהנט אן דעם פלעשעל וואָס פיסאניאָ האָט איהר געגעבען. זיא האָט עס באלד אויסגעטרונקען און איז אריינגעפאלען אין א מין שלאָף וואָס האָט מעהר אויסגעזעהען וויא טויט.

ווען בעלאריוס און איהרע ברידער האָבען צוריק געקעהרט פון דער יאגד, איז פאלידאר דער ערשטער אריין אין דער העהל. מיינענדיג אז פידעלע שלאָפט, האָט ער זיך אויסגעטהאָן זיינע שיך כדי ניט צו מאכען קיין רעש און זיא אויפוועקען. עס האָט אָבער ניט פיעל געדויערט און ער האָט ענטדעקט, אז קיין זאך וועט זיא מעהר ניט אויפוועקען. ער האָט אלזאָ בעשלאָסען, אז זיא מוז זיין טויט. פאלידאר האָט זיא בעקלאגט וויא אן אייגענעם ברודער, פונקט וויא זיי וואָלטען צוזאמען אויפגעצויגען געוואָרען און זיך געקענט דאָס גאנצע לעבען.

בעלאריוס האט דאן פארגעשלאגען מען זאל זיא ארויסטראגען אין וואלד און דארט פייערן איהר קבורה מיט געבעטע וויא דער מנהג איז.

דיא צוויי יונגע לייט האבען זיא ארויסגעטראגען אין וואלד און זיא צערטליך אוועקגעלעגט אויף'ן גראז. דאן האבען זיי געזונגען און געבעטען פאר דער רוה פון איהר קערפער, און זיא בעדעקענדיג מיט בלעטער און בלומען, האט פאלידאר געזאגט :

„כל־זמן דער זומער וועט געדויערן, זאלסטו וויסען, פידעלע, אז איך וועל יעדען טאג קומען און בעדעקען דיין קבר מיט פרישע בלומען. דיא בלאסע פריהלינגס־רויז, דיא בלום וואס זעהט אויס וויא דיין פנים, דאס בלויע־גלעקעלע, אזוי וויא דיינע אדערן ; דיא בלעטעלעך פון דער עגלאנטין־רויז, וואס שמעקט אזוי וויא דיין זיסער אטהעם האט גע־שמעקט : דאס אלעס וועל איך צושפרייטען איבער דיר. יא, און אין ווינטער, וועל איך דיר ברענגען דאס פארפומירטע גראז, דאמאלס, ווען קיין בלומען זיינען נישטא, אום צו בעציערען דיין לעצטע רוה."

ווען זיי זיינען פערטיג געווארען, זיינען זיי אוועק פול מיט טרויער און שמערץ.

אבער אימאדזשען איז ניט לאנג געבליבען ליעגען. ווען דער איינפלוס פון דער פליסיגקייט איז פאראיבער, האט זיא ערוואכט. און אזוי וויא זיא איז געווען בעשאטען בלויז מיט גראז און בלומען, האט זיא דאס באלד פון זיך ארונטער געטרייסעלט. זיא איז אויפגעשטאנען און זיך אלעס פאר־געשטעלט פאר א חלום.

דאן האט זיא געזאגט :

„מיר האט זיך געדאכט, אז איך בין געווען דער וועכטער פון א העהל, און געקאכט מאכלים פאר גוטע מענשען. וויא קומט עס וואס איך בין בעדעקט געווארען מיט בלומען ?"

ניט קענענדיג טרעפען דעם וועג צוריק צו דער העהל און ניט געפינענ־דיג איהרע חברים, האט זיא בעשלאסען, אז אלעס וואס זיא האט דורכ־געלעבט איז ווירקליך מעהר ניט געווען וויא א חלום.

דאן האט דיא עלענדע אימאדזשען ווידער א מאל אנגעפאנגען איהר רייזע, האפענדיג צו געפינען א וועג קיין מילפארד־העיווען, און דארט זאל זיא טרעפען א שיף וואס זאל זיא פיהרען קיין איטאליען. זיא האט נאך אימער געהאט אלע איהרע געדאנקען ביי פאסטהומוס'ן, וועלכען זיא האט בעשלאסען אויפצוזוכען אין דער קליידונג פון א איינגעל.

נאָר ניט אַלעס וואָס דער מענש טראַכט קען דורכגעפיהרט ווערען. דאַמאַלס האָבען פּאַסירט וויכטיגע זאַכען וואָס האָבען געענדערט איהרע פּלענער. א קריעג האָט פּלוצלינג אויסגעבראָכען צווישען דעם רוימישען קיסר אוגוסטוס און סימבעלין, דער קעניג פון בריטאַניען. א גרויסע רוימישע אַרמעע האָט געלאַנדעט אין בריטאַניען און האָט אָנגעהויבען צו גע־הען דורך דעם וואַלד וואו אימאָדזשען איז געווען. מיט דער אַרמעע איז אויך מיטגעגאַנגען פּאָסטהומוס.

כאָטש פּאָסטהומוס איז געקומען קיין בריטאַניען מיט דער רוימישער אַרמעע, האָט ער ניט בעאַבזיכטיגט צו קעמפּפען מיט דיא רוימער געגען זיין פאָטערלאַנד. זיין צוועק איז געווען זיך אָנצושליעסען אין דער ברי־טישער אַרמעע און קעמפּפען פאַר דעמזעלבען קעניג, וועלכער האָט איהם פערטריעבען.

נאַטירליך האָט פּאָסטהומוס נאָך אימער גערעכענט, אַז אימאָדזשען האָט איהם בעטראָגען, אָבער ער האָט זיא גערעכענט פאַר טויט, ווייל פּיסאַניא האָט איהם געשריעבען, אַז ער האָט דורכגעפיהרט זיין בעפעהל. נאָר אַזוי וויא ער האָט זיא אַ מאָל זעהר געליעבט, האָט ער געפיהלט שטאַרק ניעדערגעשלאָגען און בעשלאָסען צוריק צו קומען קיין בריטאַניען אום צו פאַלען אין דער בלוטיגער שלאַכט, אָדער, ווען קעניג סימבעלין וועט איהם כאַפּען, זאָל ער איהם לאָזען הינריכטען פאַר איבערטרעטען זיין בעפעהל.

נאָר איידער אימאָדזשען האָט געגרייכט קיין מילפאָרד־העיווען, איז זיא אריינגעפאַלען אַלס געפאַנגענע פון דער רוימישער אַרמעע. מען האָט זיא פאָרגעפיהרט פאַר דעם רוימישען קאָמאַנדאַנט, גענעראַל לוקיוס, ביי וועמען זיא האָט שטאַרק נושא־חן געווען, און זיא רעכענדיג פאַר א אינגעל, האָט ער זיא געמאַכט פאַר זיין דיענער.

דערווייל איז סימבעלין׳ס אַרמעע ערשיענען אום צו בעגעגענען דעם שונא. אזא שנעל וויא סימבעלין׳ס סאָלדאַטען זיינען אריין אין וואַלד, האָט זיך פּאָלידאָר און קאַדוועל אָנגעשלאָסען אַן זיי.

דיא צוויי יונגע לייט זיינען געווען שטאַרק נייגיעריג זיך צו בעטהייליגען אין קריעג אום אַרויס צו ווייזען זייערע העלדענטהאַטען. דאָס איז געווען טראָטץ דעם וואָס זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז זיי קעמפּפען פאַר זייער קעניגליכען פאָטער. בעלאַריוס איז אויך מיט זיי מיטגעגאַנגען אין דער מלחמה.

דער אלטער בעלאריוס האט שוין לאנג חרטה געהאט אויף דעם אונ־רעכט געגען קעניג סימבעלין ווארום ער האט צוגענומען זיינע קינדער, און אזוי וויא ער איז איין זיין יוגענד געוועזן א מוטהיגער קריעגער האט עס איהם זעהר געפרייט וואס ער האט א געלעגענהייט זיך צו בעטהיי־ליגען אין קריעג צו העלפען דעם וואס ער האט אזוי פיעל שמערצען פער־ורזאכט.

דיא מלחמה האט אנגעפאנגען צווישען ביידע ארמעען. דיא בריטא־ניער וואלטען געווים פערלוירען דיא שלאכט און קעניג סימבעלין וואלט דער׳הרג׳עט געווארען, אבער דער אויסערארענטליכער מוטה פון פאסטהו־מוס׳ן, בעלאריום און דיא צוויי יונגע פרינצען, האט אלעס געענדערט. זיי האבען, פאר אלעמען, געראטעוועט דעם קעניג׳ס לעבען און דאן האט זיך דער גאנצער צושטאנד פון דער מלחמה געענדערט און דיא בריטאניער זיינען ארוים דיא זיעגער.

ווען אלעס איז געוועזן פאראיבער און פאסטהומוס האט געזעהען, אז ער האט ניט געפונען דעם טויט וואס ער האט געזוכט, האט ער זיך אליין איבערגעגעבען צו סימבעלין׳ס אפיציערען און איז געוועזן בערייט צו ליידען דיא טויט־שטראף וואס קומט פאר ניט האלטען דעם קעניג׳ס בעפעהל פון גלות.

אימאדזשען און איהר נייער הערר, זיינען געוועזן צווישען דיא געפאנ־גענע רוימער, וועלכע זיינען אריינגעפאלען צו דיא בריטאניער, און וועלכע מען האט געבראכט פאר קעניג סימבעלין. צוזאמען מיט זיי איז געוועזן יאקימא, אויך א געפאנגענער.

ווען מען האט דיעזע אלע פארגעפיהרט פאר קעניג סימבעלין, איז פאסטהומוס ערשיענען צו עמפפאנגען זיין אורטהייל. דאמאלס האט מען אבער אויך פארגעבראכט בעלאריוס׳ן מיט דיא צוויי יונגע לייט, פא־לידאר און קאדוואל, אום זיי זאלען בעלוינט ווערען פאר זייערע העלדענ־טהאטען. פיסאניא, זייענדיג דעם קעניג׳ס א לייב־מענש, איז אויך גע־ווען דערביי.

פאר׳ן קעניג זיינען אלזא געשטאנען פערשיעדענע מענשען מיט פער־שיעדענע האפנונגען.

דער רוימישער גענעראל איז געוועזן דער ערשטער צו נעהמען דאס ווארט. אלע איבריגע זיינען געוועזן שטיל און ערווארטעט זייער שיקזאל. ווען אימאדזשען האט דערזעהען פאסטהומוס׳ן, האט זיא איהם באלד

דערקענט, אַבוואָהל ער איז געווען פערקליידעט פאַר א בויער. ער האָט אָבער זיא ניט דערקענט אין דיא מענליכע קליידער. זיא האָט אויך דער־קענט יאַקימאָ'ן און באַלד דערזעהען, אַז ער טראָגט איהר רינג אויף זיין פינגער — דעמזעלבען רינג וואָס זיא האָט געגעבען פאָסטהומוס'ן אַלס צייכען פון איהר ליעבע.

פיסאַניאָ איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט דערקענט אימאָ־דזשען'ען, ווייל ער האָט איהר געגעבען דיא מענליכע קליידער.

„דאָס איז מיין הערדין," האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין. „אָבער כל זמן זיא לעבט און שווייגט, וועל איך אויך שווייגען און אָבוואַרטען צו זע־העען וואָס דאָ וועט פאָרקומען."

בעלאַריוס וויעדער האָט אין איהר דערקענט פידעלע'ן, און זיך ווענ־דענדיג צו קאַדוואַל'ן, האָט ער געפרעגט:

„האָט ניט דאָס איינגעל ערוואַכט פון דיא טויטע?"

„איין זאמד־קערענדיל," האָט קאַדוואַל געענטפערט, „איז ניט אַזוי עהנליך צום צווייטען, וויא ער איז עהנליך צו דעם טויטען פידעלע."

„דיא טויטע זיינען לעבעדיג געוואָרען," האָט פאַלידאָר געזאָגט.

„אָבער ער איז דאָך געשטאָרבען?" האָט קאַדוואַל געפרעגט מיט וויטער ערשטוינונג.

„שאַ, זאָל זיין שטיל," האָט בעלאַריוס געזאָגט.

פאָסטהומוס האָט געוואַרט צו הערען זיין טויטעס אורטהייל, און ער האָט בעשלאָסען ניט צו דערצעהלען דעם קעניג, אַז ער האָט געהאָלפען ראַטעווען זיין לעבען, פיעללייכט וועט דאָס בעוועגען סימבעלינען ער זאָל איהם בעגנאַדיגען.

דער רוימישער גענעראַל לוקיוס האָט גענומען אימאָדזשען, אַלס זיין דיענער, אונטער זיין שוץ. לוקיוס איז געווען א העלדישער מאַן, און אַזוי וויא ער האָט געהאַט דאָס וואָרט, האָט ער אַזוי געזאָגט:

„קעניג, איך האָב געהערט, אַז דוא נעהמסט ניט אָן קיין אויסלעז־געלד פאַר דיינע געפאַנגענע, זאָנדערן דוא לאָזט יעדען הינריכטען. איך בין א רוימער, און מיט א רוימישעס הארץ בין איך בערייט צו בעגעגענען דעם טויט. אָבער עס איז דאָ בלויז איין זאך פאַר וועלכען איך וואָלט דיך וועלען בעטען."

ביי דיעזע ווערטער האָט ער פאָרגעפיהרט אימאָדזשען'ען פאַר'ן קעניג און אַזוי געזאָגט:

„דאָס אינגעל איז אַ בריטאַניער. ערלויבט מען זאָל איהם אויס־לעזען. ער איז מיין דיענער. קיין הערר האָט נאָך געהאַט אַ דיענער, וואָס זאָל זיין אַזוי גוט, אַזוי פליכטען־בעוואוסט, אַזוי פלייסיג ביי אַלע גע־לעגענהייטען, אַזוי טריי און אַזוי איבערגעבען. ער האָט געגען דיא ברי־טאַניער ניט געטהאָן קיין אונרעכט, אונגעאַכטעט דארויף וואָס ער האָט געדיענט ביי אַ רוימער. ראַטעווע איהם אויב דוא ווילסט ניט ראַטעווען קיין אַנדערן."

סימבעלין האָט גאַנץ אויפמערקזאַם בעטראַכט זיין טאָכטער אימאָ־דזשען. ער האָט זיא ניט דערקענט. אָבער אין זיין האַרץ האָט זיך ער־וועקט אַ מערקווירדיגעס געפיהל, און ער האָט געזאָגט:

„איך האָב איהם געוויס ערגיץ געזעהען. זיין געזיכט קומט מיר פאָר אַזוי בעקאַנט. איך וויים ניט וואָרום, אָבער איך זאָג, לעב מיין יונגע! און וועהרענד איך שענק דיר דיין לעבען, זאָג איך דיר ווייטער, בעט עפּעס ביי מיר און איך וועל דיין וואונש ערפילען. יא, זאָגאָר דאָס לעבען פון דעם ווירטיגסטען געפאַנגענעם דאָ וועל איך דיר שענקען, ווען דוא ווילסט עס פערלאַנגען."

„איך דאַנק זעהר אייער מאַיעסטעט," האָט אימאָדזשען געענטפערט.

יעדער איינער איז געוואָרען אויפמערקזאַם און נייגעריג צו הערען וואָס דאָס שעהנע אינגעל קען פערלאַנגען. גענעראַל לוקיוס האָט צו איהר געזאָגט:

„הער אויס, מיין גוטער יונגע, אויב דוא ווילסט בעטען פאַר מיין לעבען, דאַנק איך דיר זעהר, אָבער איך פערלאַנג עס ניט."

„אַך ניין!" האָט אימאַדזשען געענטפערט, „ניט דאָס איז מיין וואונש. איך האָב יעצט אַ וויכטיגערע אַרבייט. פאַר דיין לעבען, גענעראַל, קען איך יעצט ניט בעטען."

דער רוימישער גענעראַל האָט זיך געפונען אַ ביסעל בעליידיגט און ער האָט אויך געהאַט רעכט, דען דאָס האָט בעוויעזען, אַז זיין דיענער, פאַר וועמען ער האָט זיך אַזוי פיעל אינטערעסירט, האָט גאָר ניט געוואָלט וויסען פון דאַנקבאַרקייט.

דאַן האָט אימאַדזשען זיך געווענדעט צום קעניג, און צייגענדיג אויף יאַקימאָ'ן, האָט זיא פערלאַנגט פאָלגענדעס: אַז ער, יאַקימאָ, זאָל מודה זיין פאַר וואָס, וויא אַזוי און דורך וועלכער אורזאַכע ער איז געקומען צו דעם רינג וואָס ער טראָגט אויף זיין פינגער.

דער קעניג האָט דיעזען איינפאַכען וואונש נאָכגעגעבען, און געסטראַפט יאַקימאַ׳ן, דאָס אין פאַל ער וועט ניט דערצעהלען דעם אמת, וועט ער איהם לאָזען מאַטערן ביז ער וועט פון איהם אַרויסקריגען דיא ריינע וואָרהייט.

יאַקימאַ האָט דאן דערצעהלט אַלע איינצעלהייטען איבער זיין שמוטציגער אינטריגע און געמיינע האַנדלונג, דאָס הייסט, וויא ער האָט געוועט מיט פאָסטהומוס׳ן, וויא אַזוי ער האָט פערשפּיעלט דיא וועטע און דאן וויא אַזוי ער האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף דער פּרינצעסין.

וואָס פאָסטהומוס האָט געשפּירט ווען ער האָט געהערט דיעזע שילדערונג, איז שווער מיטצוטהיילען.

אַזוי שנעל אָבער וויא יאַקימאַ איז פערטיג געוואָרען, איז פאָסטהומוס אַרויסגעקומען און מודה געווען פאַר קעניג סימבעלין איבער דעם טויטעסאורטהייל וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען אויף אימאָדזשענען און וויא אַזוי ער האָט בעאויפטראַגט פּיסאַניאָ׳ן הינצוריכטען זיין פרוי. צום שלום האָט ער בעמערקט:

„אַך, אימאָדזשען, מיין קעניגין, מיין לעבען, מיין פרוי! אַך, אימאָדזשען, אימאָדזשען!“

דיא גוטע אימאָדזשען האָט אָבער ניט געקענט צוזעהען וויא איהר מאַן ליידעט, און ניט וואַרטענדיג פיעל, האָט זיא זיך געגעבען צו איהם צו ערקענען.

פאָסטהומוס׳עס פריידע איז ניט צום בעשרייבען. ער האָט געפיהלט, אַז אַ גרויסע און שווערע לאַסט איז אַרונטער פון זיין נשמה, און ער איז געווען איבער גליקליך וויסענדיג, אַז אימאָדזשען האָט איהם מוחל געווען.

ניט וועניגער דערפרייט איז געווען קעניג סימבעלין געפינענדיג זיין פערלוירענע טאָכטער. ער האָט זיא אומאַרמט, איהר פערשפּראָכען צוריק צו געבען איהר פריהעריגע שטעלע, און, נאָך מעהר, צוליעב איהר, האָט ער פערצייהעט פאָסטהומוס׳ן און איהם אנערקענט אַלס זיין איידעם.

עס איז געווען אַ פאַסענדע געלעגענהייט פאַר בעלאַריוס׳ן פאָרטרעטען און אויך דערצעהלען זיין געהיימניס. ער האָט פאָרגעשטעלט פאַלידאָר׳ן און קאַדוואַל׳ן פאַר׳ן קעניג, איהם דערצעהלענדיג, אַז דיעזע זיינען זיינע צוויי פערלוירענע זיהן, גידעריוס און אַרוויראַגוס.

סימבעלין האט מוחל געווען בעלאריוס׳ן. עס איז אויך אונמעגליך געווען פאר א מענשען, אין אזא צייט פון שמחה, צו דענקען פון שטראף און נקמה. ער האט געפונען זיין טאכטער, ער האט ענטדעקט זיינע זיהן אין זיינע יונגע לעבענס־רעטער — דאס אלעס האט העכסטענס געקענט ארויסרופען פרייד, אבער קיין צארן.

יעצט האט אימאדזשען איינגעזעהען, אז דיא צייט איז געקומען צו טהון גוטעס. פאר אלעמען האט זיא געבעטען איהר פאטער ער זאל בע־גנאדיגען איהר געוועזענעם הערר, גענעראל לוקיוס, און סימבעלין האט גלייך ערפילט איהר וואונש. דאס האט אויך געפיהרט דערצו, וואס לוקיוס האט אבגעשלאסען א פריעדענס־טראקטאט צווישען דיא רוימער און ברי־טאניער, וועלכער האט נאכהער געדויערט פיעלע יאהרען.

יעצט איז ווערטה צו ווארפען א בליק אויף דיא אנדערע פערזאנען פון דיעזער דראמא. סימבעלין׳ס פרוי דיא שלעכטע קעניגין, האט באלד איינגעזעהען, אז דורך דיעזער מערקווירדיגער פאסירונג, זיינען אלע איהרע פלענער געשטערט געווארען. ניט נאר איז פאסטהומוס געבליע־בען דעם קעניג׳ס איידעם, זאנדערן ער האט צוריק געקריעגען זיינע צוויי פערפאלענע זיהן.

דער שלעכטער מענש לעבט אפט אין זיין שלעכטקייט. קוים ווערט דיעזער שלעכטער עלעמענט געשטערט, איז אזא מענש וויא א פיש ארויס פון וואסער. דיא קעניגין איז אוים ערגערניש קראנק געווארען און גע־שטארבען.

אבער זיא איז אויך ניט אזוי גרינג געשטארבען. דער שלעכטער מענש דערלעבט אפט בעצאהלט צו ווערען, ביים לעבען, פאר זיינע שלעכטע מעשים. זיא האט געלעבט אזוי לאנג, ביז איהר זוהן קלאטען איז גע׳הרג׳עט געווארען אין א שטרייט וואס ער האט אליין ארויסגערופען.

דערמיט האט זיך געענדיגט דיעזע דראמע אונגליקליך פאר דיא שלעכ־טע, און גליקליך פאר דיא גוטע און עדעלע.



מאַקבעט

# מאקבעטה.

עס איז געווען אין דער צייט, ווען אין שאָטלאנד האָט רעגיערט קעניג דאָנקאן דער עניו. דאמאלסט האָט דארט געלעבט א בעריהמטער הערר, אדער לארד, מיט דעם נאָמען מאקבעטה.

דיעזער מאקבעטה איז געווען אַ נאָהענטער קרוב פון דעם קעניג און שטאַרק געאכטעט פון דעם גאַנצען קעניגליכען הויף פאַר זיין העלדענמוטה און גרויסען ערפאָלג אין דיא מלחמות וואָס ער האָט געפיהרט פאַר'ן קעניג. אין איינער פון דיא מלחמות האָט ער זיך נאָר וואָס שטאַרק אויסגעצייכענט דערמיט וואָס ער האָט געשלאָגען און אונטערדריקט אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע ארמעע, וועלכע האָט געקריעגען גרויסע הילף פון נאָרוועגען.

דיא צוויי שאָטלענדישע גענערעלע, מאקבעטה און באַנקאָ, האָבען צוריק געקעהרט אַלס זיעגער פון דיעזער גרויסער שלאכט. זייער וועג האָט געפיהרט איבער אַ גרויסער און ברייטער לאָנקע, וואו זיי זיינען אָבגעשטעלט געוואָרען פון דריי שוידערהאַפטע ערשיינונגען, אַ מין פיגורען וויא פון פרויען מיט לאַנגע בערד. דיא פערוועלקטע הויט און דיא ווילדע קליידער פון דיעזע אונהיימליכע פרויען, האָט זיי פאָרגעשטעלט עפּעס פאַר אַ מין אונטער־ערדישע ערשיינונגען.

מאקבעטה האָט צום ערשטען צו זיי גערעדט. זיי וויעדער, גלייך וויא בעליידיגט, האָבען צוגעלעגט צו צוויי פינגער צו זייערע מיילער, אַלס אַ צייכען פון שטילשווייגען. דאַן האָט דיא ערשטע בעגריסט מאקבעטה'ן מיט דעם טיטעל:

„הערר־שער פון גלאמוס!"

דער גענעראל איז געווען איבערראַשט צו הערען, אַז אַזעלכע בעשע־

מענישען קענען איהם. ער איז אָבער געווען נאָך מעהר איבערראשט, ווען ער האָט געהערט אַ צווייטען טיטעל:

„הערשער פון קאַדאָר!"

פון דעם טיטעל האָט ער אַליין ניט געוואוסט.

דאן האָט איהם דיא דריטע ווילדע בריאה אַנגערופען:

„הוררא! הורראָ פאַר דעם קעניג וואָס וועט ווערען!"

דאָס האָט איהם שטאַרק ערשטוינט, דען ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט קיינע האָפנונגען און קיינע אויסזיכטען אויף אַזאַ צוקונפט כל־זמן דעם קעניג'ס זיהן לעבען.

דאן האָבען זיך דיא מערקווירדיגע ערשיינונגען געווענדעט צו גע־נעראַל באַנקאָ, און אין רעטהזעלהאַפטע ווערטער האָבען זיי צו איהם געזאָגט:

„דוא וועסט זיין קלענער וויא מאַקבעטה און דאָך גרעסער! ניט אַזוי גליקליך און דאָך גליקליכער! אָבוואָהל דוא וועסט קיין מאָל ניט רע־גיערען, פון דעסטוועגען וועלען דיינע זיהן זיין דיא קעניגע פון שאָט־לאַנד."

וויא דיעזע בעשעפענישען זיינען פערטיג געוואָרען מיט זייערע אונ־געווינשטע נביאות, זיינען זיי פערוואַנדעלט געוואָרען אין לופט און פער־שוואונדען.

דיא גענעראַלע האָבען בעשלאָסען, אַז דאָס זיינען געווען דריי מכשפות.

שטעהענדיג אַזוי און נאָכקלערענדיג איבער דיעזע זאָנדערבאַרע בע־געגעניש, זיינען אָנגעקומען שליחים פון דעם קעניג, וועלכע האָבען גע־בראַכט פאַר מאַקבעטה'ן דעם טיטעל „הערשער פון קאַדאָר." עס איז קיין וואונדער, דאָס מאַקבעטה, הערענדיג דאָס, איז ער געווען שטאַרק איבערראַשט ווימענדיג, אַז דיא מכשפות האָבען אַזוי ריכטיג געטראָפען. דאָס האָט פעראורזאַכט, וואָס ער איז געבליעבען שטעהען פערזונקען אין געדאַנקען און גאָר ניט געקענט ענטפערן דיא שליחים. וועהרענד דעם זיינען זיינע געדאַנקען אָנגעפילט געוואָרען מיט פערשיעדענע האָפנונגען, אַז דיא פּראָפעצייהונג פון דער דריטער מכשפה וועט אויך מקוים ווערען, דאָס הייסט, ער זאָל ווערען קעניג און רעגיערען איבער שאָטלאַנד.

זיך אומווענדענדיג צו באַנקאָ'ן, האָט ער געזאָגט:

„רענקסטו ניט, אז דיינע קינדער וועלען ווערען קעניגע, נאכדעם וואס די מכשפה האט מיר געזאגט, איז שוין אזוי שנעל מקוים געווארען?“

„דיעזע האפנונג, מאקבעטה,“ האט באנקא געענטפערט, „קען אין דיר אנצינדען א וואונש דוא זאלסט שטרעבען צום טראהן. אפט מאל דערצעהלען אונז דיעזע פרינצעסינס פון פינסטערניש, וואהרהייטען און קלייניגקייטען, און דאס פיהרט אונז שפעטער צו גרויסע רעזולטאטען.“

באנקא האט מיט זיינע ווערטער געגעבען מאקבעטה'ן א ווארנונג, און דערצו א גוטע ווארנונג, וויל ער איז געוועזען זיין פריינד, אבער די אמביציע אין מאקבעטה'ן איז שוין געוועזען אזוי אנגעצונדען, אז ער האט מעהר קיין עצות ניט געקענט הערען. פון דיעזען מאמענט אן האט ער שוין אנגעהויבען צו וועבען פלענער וויא צו ווערען דער קעניג פון שאטלאנד.

מאקבעטה האט געהאט א פרוי פאר וועלכער ער האט פערטרויעט אלעס וואס די מכשפות האבען איהם געזאגט, און וויא אזוי א טהייל איז שוין מקוים געווארען. דיעזע פרוי איז געוועזען איינע פון יענע וואס שטרעבען אימער צו זיין העכער וויא זיי זיינען, פול מיט אמביציע און קיין זאך קען זיי צוריק האלטען פון עררייכען זייער ציעל. אזוי שנעל וויא זיא האט געהערט פון איהר מאן'ס פלענער, האט זיא שוין מעהר ניט געקענט רוהען. זיא האט געוואלט ווערען גרויס, מעכטיג — די קעניגין פון שאטלאנד. איהר האט ניט אויסגעמאכט וואס פאר א מיטעל עס וועט אנגעווענדעט ווערען צו דער־גרייכען אזא שטעלע.

מאדאם מאקבעטה, בעסער געזאגט, ליידי מאקבעטה, האט זיך ניט אבגעשראקען פאר דעם געדאנק פון בלוט. פערקעהרט, זיא איז געוועזען די ערשטע וואס האט געזעהען דעם וועג צום טראהן נאר דורך בלוט, און דאס איז, אז פאר אלעמען דארף דער קעניג ערמארדעט ווערען און דאן וועט שוין דער וועג זיין גלאטער.

דער קעניג, נאטירליך, האט גאר ניט געוואוסט פון די שווארצע און פינסטערע געדאנקען, וואס האבען אנגעפילט די קעפ פון לארד מאקבעטה און ליידי מאקבעטה. וועהרענד זיי האבען אויסגעלעגט די שרעקליכע פלע־נער און געטראכט אויף זיין לעבען, איז פונקט דאמאלס דעם קעניג איינגע־פאלען צו בעזוכען מאקבעטה'ן אין זיין פאלאץ און איהם אבגעבען כבוד, אלס א טהייל פון דער בעלוינונג פאר זיינע העלדענטהאטען. מיט'ן קעניג זיינען אויך געפאהרען זיינע צוויי זיהן, די פרינצען מאלקאלם און דאנאלביין און

א גרויסע בעגלייטונג פון דעם שאָטלענדישען אדעל, אום דיא עהרע פאַר מאַקבעטה׳ן צו פערגרעסערען.

דער פּאַלאַץ וואו מאַקבעטה האָט געוואָהנט, איז געשטאַנען אויף איי־נעם פון דיא שעהנסטע פּלעצער אין שאָטלאַנד, וואו דיא לופט איז געוועזען זעהר ריין און געזונד. דארויף האָבען עדות געזאָגט דיא זינג־פייגעלעך אָון שוועלבעלעך, וועלכע האָבען דאָרט געבויעט זייערע נעסטען, ווייל דיעזע קליינע קאָנצערטיסטען האַלטען זיך אימער אויף נור אין געזונדע און גוטע געגענדען, דאָרט וואו דיא לופט איז פריש און אנגענעהם.

דער קעניג איז געוועזען זעהר צופריעדען פון דער אויפנאַהמע וואָס ער האָט דאָרט געקריעגען און איבערהויפּט פון דעם רעספּעקט וואָס דיא שעהנע הערין, ליידי מאַקבעטה, האָט איהם צוגעטהיילט.

ליידי מאַקבעטה איז געוועזען אַ קינסטלערין צו בעהאַלטען אַלע איהרע שלעכטע און בייזע געדאַנקען אונטער אַ שלייער פון זיסע ווערטער און שמייכעלעך. זיא האָט געקענט אויסזעהען וויא אן אונשולדיגע בלום, וועה־רענד איהר האַרץ איז געוועזען אזוי גיפטיג וויא אַ שלאַנג.

דיא רייזע איז געוועזען אַ לאַנגע און אזוי וויא דער קעניג איז געוועזען מיעד, האָט ער זיך פריה געלעגט שלאָפען. אין זיין צימער זיינען נאָר געוועזען צוויי קאַמער־הערען, וועלכע האָבען געדיענט אַלס זיינע שומרים.

דער קעניג, וויא מיר האָבען דערמאָהנט, איז געוועזען זעהר צופריעדען פון דער אויפנאַהמע, און נאָך איידער ער האָט זיך געלעגט, האָט ער אויס־געטהיילט פרעזענטען פאַר דיא הויפּט אָפיציערען. ליידי מאַקבעטה האָט ער געשענקט אַ קאָסטבארען דיאַמאַנטענעם רינג און זיא אָנגערופען „מיין גוטע ווירטהין.“

דאָן איז געקומען מיטערנאַכט, דיא צייט ווען ביי שלעכטע מענשען דערוועקען זיך דיא בייזעסטע געדאַנקען. אַלעס איז געלעגען איינגעוויקעלט אין דונקלען שלייער פון דער נאַכט, ווען דיא גוטע זיינען פערוויעגט אין זיסע חלומות, נאָר דער וואָלף, דער מערדער, געהט ארוים פון זיין נאָרע זוכען בלוט.

דאָס איז אויך געוועזען דיא צייט ווען ליידי מאַקבעטה האָט ערוואַכט אום צו פּלאַנעווען דעם טויט פון דעם קעניג. זיא אליין אַלס פרוי, וואָלט פיעלייכט ניט אונטערגענומען אַזאַ שרעקליכע טהאַט, נאָר קענענדיג איהר מאַן׳ס ווייכע נאַטור, האָט זיא מורא געהאַט, אז פונקט צום רעכטען מאָמענט, וועט ער חרטה האָבען.

לײדי מאקבעטה האט גאנץ גוט געוואוסט, אז איהר מאן האט אמביציע, אז ער וויל רעגיערען און הערשען, זיא האט אבער אויך געוואוסט, אז איהם פעהלט דיא נעטהיגע ענטשלאסענהייט פאר א פערברעכען. זיא האט אפילו בײ איהם שוין געפועל'ט, אז ער זאל בעגעהען דעם מארד, אבער זיא איז גאר ניט זיכער געווען מיט דער אויספיהרונג פון אזא טהאט.

דערפאר האט לײדי מאקבעטה, מיט איהרע אײגענע ווײסע און צערט־ליכע פינגער גענומען דעם קינזשאל און זיך דערנעהנטערט צום קעניג'ס צימער. זיא האט נאטירליך זיך פריהער גוט פארבערייטעט, אז זיא זאל ניט געשטערט ווערען, ווײל זיא האט געלאזט גוט אנטרינקען מיט ווײן דיא קאמער־העררען, וועלכע זײנען געלעגען פערזונקען אין טיעפען שלאף און ניט געהיט זײער העדר.

דאנקאן איז געלעגען און געשלאפען גאנץ געשמאק, מיעד פון דער רײזע, און אזוי ווי זיא האט אויף איהם געקוקט, האט זיא בעמערקט עפעס אין זײן געזיכט, וואס איז געווען עהנליך צו איהר פאטער. דאס האט אוועג־גענומען איהר מוטה אריינצושטעכען דעם קינזשאל אין זײן ברוסט.

זיא איז דערפאר צוריקגעגאנגען אום זיך צו בעראטהען מיט איהר מאן. זײן ענטשלוס, ווי זיא האט פאראוים געזעהען, האט אנגעהויבען צו צעגערן. ער האט בעהויפטעט, אז עס זײנען דא גרויסע אורזאכען ווארום ער זאל דאס פערברעכען ניט בעגעהען. ערשטענס איז ער ניט נאר געווען דעם קעניג'ס אן אונטערטהאן, זאנדערן אויך זײנער א קרוב; צווייטענס איז ער געווען זײנער א גאסט, און לויט דיא געזעטצע פון גאסטפריינדליכקײט, איז עס געווען זײן הייליגסטע פליכט איהם צו בעשיטצען פאר אל־דאס־בײז, ניט נאך זײן אליין זײן מערדער. דאן האט ער זיך דערמאהנט, אז דאנקאן איז געווען א גוטער און גערעכטער קעניג, ווי עדעל ער האט געהאנדעלט געגען זײן פאלק, ווי ער האט געליעבט דעם אדעל, און, איבערהויפט, ווי נאבעל ער האט געהאנדעלט געגען מאקבעטה'ן אליין.

„אזעלכע קעניגע," האט מאקבעטה בעהויפטעט, „שטעהען אונטער דעם ספעציעלען שוטץ פון גאט, און זײנע אונטערטהאנען זײנען פיעלפאך פער־פליכטעט זיך נוקם צו זײן פאר זײן טויט. חוץ לזה," האט מאקבעטה פארט־געזעטצט, „האב איך דעם קעניג צו פערדאנקען וואס איך בין אזוי געאכטעט און געשעטצט בײם פאלק, און ווי קען איך דאס אלעס פערפלעקען מיט דעם בלוט פון אזא מארד?"

אט דאס איז געווען דער צושטאנד אין וועלכען לײדי מאקבעטה האט

געפונען איהר מאן. זיא האט איינגעזעהען, אז ער האט בעשלאסען זיך אומצוקעהרען פון אלע זיינע בעשליעסע.

אבער ליידי מאקבעטה איז ניט געווען פון יענע פרויען וואס ענטזאגען זיך אזוי שנעל פון אן אבזיכט. זיא האט איהם אנגעהויבען צו זידלען פאר זיין שוואכקייט און בעגייסטערן מיט איהר מוטה, מיט איהר שלעכטקייט און ווילדע אמביציע. זיא האט איהם ערקלערט און געגעבען אורזאכען, ווארום ער דארף ניט אויפגעבען זיין בעשלוס, און דאן, וויא לייכט דיא גאנצע ארבייט איז; וויא אזוי דאס קען זיין שנעל פאראיבער; וויא אזוי איין אונרוהיגע נאכט קען זיי פיהרען צו פיעלע נעכט און טעג פון הערשאפט, מאכט און גליק!

דאן האט זיא איהם ווידער פארגעווארפען פאר זיין שוואכקייט, איהם גערופען טרוס, פייגלינג און אזוי געזאגט:

„זעה נאר, איך בין א פרוי. שטעל דיר פאר, ווען איך זאל האבען א קינד, מיין אייגען קינד, מיין בלוט און פלייש, וואס האט געזויגען דיא מילך פון מיינע ברוסטען. אזא קינד האט מען זעהר ליעב. דאך וואלט איך, מיט א שמייכעל אויף מיינע ליפען, גענומען דיעזעס קינד און צושמעטערט זיין שארבען אויף דער וואנד, ווען איך וואלט וויא דוא, געשווארען צו בעגעהען א מארד!"

מאקבעטה האט נאך אימער געצעגערט, אבער זיא, צערטליך און פערפיהעריש, האט איהם פארגעשמעלט, אז נאכדעם וויא ער וועט ערמארדען דעם קעניג, וועט עס גאר קיינער ניט וויסען, אז ער האט עס געטהאן, און יעדער וועט ארויפלעגען דיא שולד אויף דיא צוויי שיכור׳ע קאמער-הערערן.

ליידי מאקבעטה׳ס צונג איז געווען אזוי גלאט און אזוי פערפיהעריש, אז זיא האט געווירקט, וואס ער האט ווידער געענדערט זיין בעשלוס, נאך אמאל געפאסט מוטה אום צו בעגעהען דעם גרויזאמען מארד.

ער האט גענומען דעם קינזשאל אין זיין האנד און לאנגזאם איז ער אוועק צום צימער וואו דאנקאן איז געשלאפען. געהענדיג, האט ער דערזעהען אן אנדערן קינזשאל אין דער לופט מיט׳ן שפיטץ צו איהם פון וואנען עס האט געקאפעט בלוט. אבער ווען ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד אנצוכאפען דיעזען קינזשאל, איז עס גאר ניט געווען — עס איז בלויז געווען א פאנטאזיע געשאפען אין זיין צושטערטען געהירן און אויפגערעגטען געמיטה.

לויז ווערענדיג פון דיא שרעקליכע פאנטאזיען, איז ער אריין אין קע-

ניג'ס צימער. ניט טראכטענדיג פיעל, האט ער, מיט גרויסער געוואלט דורכגע־בויערט זיין הארץ מיט דעם קינזשאל.

פונקט דאמאלס ווען ער האט בעגאנגען דעם מארד, האט איינער פון דיא קאמער־הערען, געלאכט פון שלאף, און דער אנדערער האט געשריען: „מארד!"

דאס האט ביידען ערוואכט. זיי האבען געמורמעלט א קורצעס געבעט, און איינער האט געשלאפען מיט „אמן".

מאקבעטה, וועלכער איז געשטאנען און דאס אלעס געהערט, האט אויך געוואלט ענטפערן „אמן", ווען איינער פון זיי האט געמורמעלט: „גאט זאל אונז בענשען", און מאקבעטה האט זיין מויל ניט געקענט עפענען.

דאן האט זיך איהם געדאכט, אז ער הערט א שטימע וואס זאגט:

„שלאף ניט מעהר! מאקבעטה מארדעט דעם שלאף, דעם אונשולדיגען שלאף, וואס דערנעהרט דאס לעבען."

דאן ווידער א שטימע:

„שלאף ניט מעהר! גלאמיס האט ערמארדעט דעם שלאף, און דערפאר זאל קאדאר מעהר ניט שלאפען; מאקבעטה זאל שוין מעהר ניט שלאפען!"

מיט אלע דיעזע שרעקליכע פארשטעלונגען איז מאקבעטה צוריק גע־גאנגען צו זיין פרוי, וועלכע האט אויף איהם געווארט און געמיינט, אז ער האט ווידער חרטה געהאט. ער איז צוריק געקומען אזוי אויפגערעגט און דערשראקען, אז זיא האט איהם אנגעזידעלט פאר זיין שוואכקייט און גע־שיקט ער זאל זיך אבוואשען דיא פערבלוטיגטע הענד, וועהרענד זיא האט גענומען דעם קינזשאל אום צו בעשמירען דערמיט דיא באקען פון דיא קאמער־הערען מיט בלוט, כדי עס זאל אויסזעהען, אז זיי זיינען שולדיג.

דער פריה־מארגען איז געקומען, און דערמיט אויך דיא ענטדעקונג פון דעם מארד, וועלכען מען האט שוין מעהר ניט געקענט בעהאלטען. כאטש מאקבעטה און זיין פרוי האבען געצייגט גרויסען טרויער און שמערץ, און כאטש מען האט געפונען „בעווייזע" געגען דיא קאמער־הערען, דעם קינ־זשאל נעבען זיי און זייערע געזיכטער איינגעשמירט אין בלוט, פון דעסט־וועגען איז דער גאנצער חשד געפאלען אויף מאקבעטה'ן, וועלכער האט גע־האט מעהר אורזאכע צו טהאן אזא זאך וויא יעדער אנדערער. דיא צוויי פרינצען האבען פערשטאנען, אז מיט זייער פערבלייבען, זעטצען זיי אויך זייער לעבען צו געפאהר, דערפאר זיינען זיי באלד ענטלאפען. מאלקאלם,

דער עלצטער, האט געזוכט שוטץ אין ענגלישען הויף, און דאנאלביין, דער אינגסטער, איז אוועק קיין אירלאנד.

ווען איינער פון דיא פרינצען וואלט פערבליעבען, וואלט ער אלזא געווען דער געזעטצליכער יורש. נאר אזוי וויא זיי זיינען אוועק, האבען זיי פריי געמאכט דעם טהראן, און אזוי וויא מאקבעטה איז געוועזן דער נעכסטער יורש נאך זיי, האט ער זיך געלאזט קרוינען פאר קעניג.

דער ערשטער טהייל אלזא פון דעם וואס דיא מכשפות האבען פראפעצייהעט, איז מקוים געווארען.

אבוואהל שוין זיטצענדיג אויפ'ן טהראן און האבענדיג דערגרייכט דיא העכסטע שטופע, האט מאקבעטה און זיין קעניגין ניט געקענט פערגעסען אן דיא איבריגע ווערטער פון דיא מכשפות. דאס הייסט, כאטש מאקבעטה וועט ווערען קעניג, וועלען אבער זיינע קינדער נאך איהם ניט הערשען. דערפאר אבער וועלען באנקא'ס קינדער יא זיין דיא הערשער פון שאטלאנד.

דיעזער געדאנק, אז זיי האבען פעראונרייניגט זייערע הענד מיט בלוט און בעגאנגען אזעלכע שרעקליכע פערברעכענס אום צו זעטצען באנקא'ס נאכפאלגערס אויף שאטלאנד'ס טהראן — דאס האט זיי געמאטערט און געקריינקט. אבער דער זינדיגער מענש געהט ניט צוריק; דער פערדארבענער זינקט אלץ טיעפער און טיעפער אין פערברעכען. זיי האבען אלזא בעשלאסען צו טויטען באנקא'ן מיט זיין זוהן, אום צו צושטערען דיא פראפעצייהונג פון דיא מכשפות.

אום דורכצופיהרען דיעזען נייעם מארד־פלאן, האבען זיי געלאזט מאכען א גרויסען באנקעט צו וועלכען זיי האבען איינגעלאדען שאטלאנד'ס העכסטען אדעל; אונטער דיעזע האט אויך בעדארפט זיין באנקא מיט זיין זוהן פלינס.

מאקבעטה האט געוואוכט דעם וועג אויף וועלכען באנקא וועט קומען ביי נאכט. ער האט דערפאר אנגעשטעלט א באנדע מערדער, וועלכע זאלען איהם בעפאלען און דערשטעכען צוזאמען מיט זיין זוהן. דער בעפעהל איז ריכטיג דורכגעפיהרט געווארען, נאר אין דער מהומה איז פלינס'ן געלונגען צו ענטלויפען.

אט פון דיעזען פלינס'ן האבען שפעטער אבגעשטאמט א גאנצע רייהע מאנארכען, וועלכע האבען רעגיערט פון דעם שאטלענדישען טהראן ביז צו דזשיימז דעם זעקסטען פון שאטלאנד און דעם ערשטען פון ענגלאנד, אונטער וועמען ענגלאנד און שאטלאנד האבען זיך פעראייניגט.

ביים באנקעט, האט דיא קעניגין געשפיעלט דיא ראָלע פון דער ליע־בענסווירדיגסטע דאמע און ווירטהין; זיא האט צו יעדען גערעדט, געשמייבעל און אלעמען געמאכט פאר איהרע גוטע פריינד. מאקבעטה האט גערעדט מיט דעם אדעל און זיי פערזיכערט, אז אלעס וואס איז עהרענהאפט אין שאָט־לאנד, איז דאמאלס פערזאמעלט אונטער זיין דאך.

„אויסער איינער פעהלט נאך", האט ער בעמערקט, „און דאס איז מיין גוטער און ליעבער פריינד באנקא, וועלכער, ווען ער וועט קומען, וועל איך גוט אויסזידלען פאר זיין נאכלעסיגקייט".

אבער פונקט דאמאלס, ווען דיעזע ווערטער זיינען ארויס פון זיין מויל, איז ערשיענען באנקא'ס גייסט; דער גייסט פון דעם מענשען וואס ער האט געלאזט ערמארדען. באנקא'ס גייסט איז אריין אין צימער און זיך גע־זעטצט אויף דעם טהראן וואס מאקבעטה האט נאר וואס געזאלט בעשטייגען.

כאטש מאקבעטה איז געוועזן א מוטהיגער מענש, וועלכער האט גע־קענט בעגעגענען אפילו דעם טייוועל און פאר איהם ניט ציטערן, האט ער אבער אויפגעשוידערט ביי דער ערשיינונג פון דיעזען גייסט; ער איז גע־בליעבען שטעהען שטיל, זיינע באקען זיינען געווארען בלאס און זיינע אויגען זיינען געווען גערייכטעט צום גייסט.

דיא קעניגין און דער אדעל, וועלכע האבען גאר ניט געזעהען, האבען בלויז זיך געמערקט, אז מאקבעטה קוקט אויף דעם לעערען פלאטץ פון זיין שטוהל און איז שטארק אויפגערעגט.

לוידי אדער קעניגין מאקבעטה, איז צוגעגאנגען און איהם איינגעראָמט אין אייער, ער זאל זיך שטארקען, ניט פערלירען דעם מוטה, ווייל וואס ער זעה'ט יעצט האט ניט מעהר בעדייטונג וויא דער קינזשאל וואס איז פאר איהם ערשיענען געהענדיג טויטען קעניג דאנקאן. אבער מאקבעטה האט אלץ געזעהען דעם גייסט און ניט געהערט וואס זיין פרוי האט צו איהם גערעדט.

דאן האט ער אנגעפאנגען צו רעדען צום גייסט. ווען דיא קעניגין האט דאס געהערט, האט זיא מורא געהאט טאמער וועט ער פערראטהען זייער שרעקליכעס געהיימניס. זיא האט דערפאר שנעל ענטלאסען דיא גאנצע גע־זעלשאפט, זיך ענטשולדיגט ביי זיי, אז מאקבעטה ליידעט לעצטענס פון אזעלכע אנפעלע און דיא בעסטע זאך פאר איהם איז, צו בלייבען אליין.

אבער הערמיט האט זיך נאך אלעס ניט געענדיגט. מאקבעטה האט אפט געליטען פון אזעלכע שרעקליכע אנפעלע, און ער, צוזאמען מיט דער קעניגין, האבען ממש ניט געקענט דורכשלאפען א נאכט אהן שוידערהאפטע חלומות.

דאָס פערגאָסענע בלוט פון באַנקאָ'ן האָט זיי ניט מעהר בעאונרוהיגט וויא דיא רעטונג פון פלינס'ן, וועלכען זיי האָבען יעצט בעטראַכט אלס דעם פאַטער פון שאָטלאַנד'ס צוקינפטיגע קעניגע, וואָס וועלען פערטרעטען דיא שטעלעס פון זייערע קינדער.

מיט דיעזע בעשטענדיגע געדאַנקען, האָבען דיא אונגליקליכע ניט געקענט געפינען קיין רוה.

מאַקבעטה האָט דאַן בעשלאָסען אויפצוזוכען דיא מכשפות און ערפאַהרען פון זיי זיין שיקזאַל פאַר דער צוקונפט. גוט אָדער שלעכט, ער האָט עס געוואָלט וויסען.

ער איז אוועק צו אַ העהל אויף דער לאַנקע, וואו דיא מכשפות האָבען שוין פריהער געוואוסט, אַז ער קומט און זיי האָבען פאָרבערייטעט דעם כישוף, מיט וועלכען זיי זאָלען אַרויסרופען דיא העללען-גייסטער און לעזען פאַר מאַקבעטה'ן דיא צוקונפט.

דיעזע פאָרבערייטונגען האָבען זיי געמאַכט מיט אַ פערמישונג פון זשאַבעס, פלעדערמייז, שלאַנגען, אַן אויג פון אַ קראָט, דיא צונג פון אַ הונד, אַ פיסעל פון אַ יאַסטשערקע, אַ פליגעל פון אַ נאַכטאוילע, דיא ליסקעס פון אַ דראַגאָן, אַ צאָהן פון אַ וואָלף, דאָס האַרץ פון אַ מענשען-פרעסערישען פיש, דיא מומיע פון אַ מכשפה, דיא גאַלל פון אַ ציעג, דעם פינגער פון אַ טויט קינד און נאָך אַזעלכע זאַכען. דאָס אַלעס האָט מען געשטעלט קאָכען און זידען אין אַ גרויסען קעסעל, וועלכער איז אָבגעקיהלט געוואָרען מיט דעם בלוט פון אַ באַבון-מאַלפּע. צו דיעזען האָבען זיי צוגעגאָסען דאָס בלוט פון אַ חזיר'טע וואָס האָט אויפגעפרעסען איהרע קליינע חזירים'לעך. דורך דיעזען כישוף האָבען זיי בעשוואוירען דיא העללען-גייסטער צו ערשיינען און בעענטפערן זייערע פראַגען.

זיי האָבען געפרעגט מאַקבעטה'ן, אויב ער וויל הערען זיין שיקזאַל דורך דיא מכשפות, אָדער דורך דיא גייסטער אַליין.

מאַקבעטה איז געווען צו אַלעמען בעשלאָסען. איהם האָט קיין זאַך ניט געקימערט, און ער האָט געענטפערט:

„וואו זיינען דיא גייסטער? לאָמיך זיי זעהען."

דאַן האָבען זיי גערופען דיא גייסטער און דריי זיינען ערשיענען.

דער ערשטער גייסט איז ערשיענען אין דער פאָרמע פון אַ געפּאַנצערטען קאָפּ, און אָנגערופען מאַקבעטה'ןביים נאָמען, איהם וואָרנענדיג פאַר דעם לאָרד פון פאַיף.

מאקבעטה האט גערענקט דעם גייסט דערפאר, ווייל ער האט איהם שוין לאנג פערדעכטיגט. מעקדאף, דער לארד פון פאיף, איז ניט געווען זיין פריינד.

דער צווייטער גייסט איז ערשיענען אין דער פארמע פון א בלוט־בע־שמירטעס קינד. ער האט אויך אנגערופען מאקבעטה'ן ביים נאמען און איהם געזאגט, אז ער זאל גאר קיין מורא ניט האבען, נאר לאכען און שפאטען פון דער מאכט פון אירגענד א מענשען, ווייל קיינער וואס איז געבוירען פון א פרוי קען איהם עפעס שאדען; און דאן האט איהם דיעזער גייסט געראטהען צו זיין נאך בלוטיגער, שטאלץ און ענטשלאסען.

„אויב אזוי,“ האט מאקבעטה בעמערקט, „דאן לעב, מעקדאף, ווייל וואס האב איך מורא צו האבען פאר דיר? פון דעסטוועגען וועל איך מיך נאך בעסער פערזיכערן: דוא זאלסט ניט לעבען, כדי איך זאל קענען זאגען דער בלאסער מורא, אז זיא זאגט ליגען און שלאפען רוהיג טראטץ דעם קראכענדען דונער.“

ווען דער גייסט איז פערשוואונדען, איז א דריטער געקומען. דיעזער איז ערשיענען אין דער פארמע פון א געקרוינטעס קינד מיט א בוים אין דער האנד. ער האט ווידער אנגערופען מאקבעטה'ן ביים נאמען און איהם געטרייסט געגען אלע קאנספיראציעס, בעהויפטענדיג, אז ער וועט קיין מאל ניט בעזיעגט ווערען, ביז דער וואלד פון בירנאם ביז דאנסינעין בארג וועט קומען צו איהם.

„אך, זיסע נאכריכט!“ האט מאקבעטה אויסגעשריען, „ווער קען ארויסרייסען דיעזען וואלד מיט זיינע טיעפע ווארצלען? איך זעה דערפון, אז איך וועל לעבען דיא געוועהנליכע צייט פון א מענשען און קיין געוואלט־זאמער טויט וועט מיך טרעפען. אבער מיין הארץ ווינשט צו וויסען איין זאך. זאג מיר גייסט, אויב דיין קונסט געהט אזוי וייט: וועלען באנקא'ס קינדער ווען עס איז הערשען אין דיעזען קעניגרייך?“

ביי דיעזע ווערטער איז דער קעסעל פערזונקען געווארען אין דער ערד און א מוזיקאלישער גערויש האט זיך געהערט. אכט גייסטער, וויא קע־ניגע, זיינען דאן ארויס און פארביימארשירט נעבען מאקבעטה'ן. נאך זיי האט געפאלגט באנקא, וועלכער האט געטראגען א גלאז, וואס האט געוויזען נאך מעהר פיגורען. און באנקא, פערבלוטיגט פון קאפ ביז פיס, האט געשמייכעלט צו מאקבעטה'ן און געצייגט אויף דיא פיגורען.

מאקבעטה האט פון דעם פערשטאנען, אז דיעזע זיינען געווען באנ־

קאָ'ס קעניגליכע נאכפאָלגער, וועלכע וועלען רעגיערען נאָך איהם אין שאָטלאנד.

דאן האָבען דיא מכשפות, צום קלאנג פון לייכטער מוזיק זיך פערגייגט און פערשוואונדען.

פון דיעזען מאָמענט אָן, זיינען מאקבעטה'ס אלע געדאנקען געווען בלוטיג און שרעקליך.

דיא ערשטע זאך וואָס ער האָט געהערט, ארויסגעהענדיג פון דער העהל, אז מעקדאָף, דער לאָרד פון פאיף, איז אנטלאָפען קיין ענגלאנד אום זיך אנצושליעסען אין דער ארמעע וואָס מאלקאָלם האָט צוזאמענגעשטעלט. מאלקאלם, דער ערשטער זוהן פון קעניג דאנקאן, האָט אלזא ניט גערוהט. ער האָט געמאכט אלע פאָרבערייטונגען צו ענטרייסען דעם טראָהן פון מאקבעטה'ן. מעקדאָף האָט בעשלאָסען איהם צו העלפען דערצו.

וויא מאקבעטה האָט דאָס געהערט, איז ער געוואָרען מלא כעס און באלד בעפוילען מען זאָל קאָנפיסקירען מעקדאָף'ס גיטער און טויטען זיין ווייב און קינדער וואָס ער האָט צוריקגעלאָזט. זיין בעפעהל איז מיט שרעקליכער גרויזאמקייט ערפיללט געוואָרען. מען האָט ניט נאָר געטויטעט מעקדאָף'ס ווייב און קינדער, זאָנדערן אויך אלע זיינע קרובים.

אָבער דיעזע און נאָך עהנליכע בארבארייען, האָבען שטאַרק אויפגעבראכט געגען איהם דעם שאָטלענדישען אדעל. ווער עס האָט געקענט איז ענטלאָפען צו מאלקאלם'ן, וועלכער איז שוין געווען אויף'ן וועג מיט א מעבטיגער אַרמעע, וואָס ער האָט צוזאמענגעשטעלט אין ענגלאנד. דיא איבריגע פון דעם אדעל, האָבען אין געהיים געוואונשען מאקבעטה זאָל האָבען א מפלה, כאָטש עפענטליך, פאר מורא, האָבען זיי זיך ניט געמישט.

מאקבעטה האָט אפילו אויך גענומען צוזאמען שטעלען א גרויסע אַרמעע, אָבער דאָס איז צוגעגאנגען זעהר לאנגזאם, ווייל יעדער האָט געהאסט דעם בלוט-דורסטיגען טיראן.

דאן האָט מאקבעטה אנגעהויבען מקנא צו זיין קעניג דאנקאן'ס לאגע, וועלכער איז שוין געשלאָפען רוהיג אין זיין קבר, ווען קיין אינטריגע, שווערט, גיפט אָדער קינזשאל האָט מעהר געקענט טרעפען.

וועהרענד דאָס אלעס איז פאָרגעגאנגען, האָט מאקבעטה'ן פאסירט אן אונגליק — דאָס גרעסטע אונגליק זייט דער צייט וואָס ער האָט אנגע-

פאנגען צו געהען אין קרומע וועגען. זיין פרוי, זיין שותף אין פערברע־כען, נעבען וועמען ער האט געפונען א מאל טרייסט און פערגעסענהייט, זיא, דיעזע מערקווירדיגע פרוי, איז געשטארבען. עס איז ניט זיכער פון וואס פאר א טויט; מאנכע האבען בעהויפטעט, אז זיא איז איינ־פאך אזוי, אויף א נאטירליכען אופן, אוועק פון דער וועלט; אנדערע ווידער האבען געזאגט, אז זיא האט שוין מעהר ניט געקענט דערטראגען דיא מאטערניסע פון איהרע פערברעכענס און דעם האס פון פאלק, און זיא האט זיך דערפאר אליין גענומען דאס לעבען.

סאי־וויא־סאי, מאקבעטה איז געבליעבען אליין, אהן א פריינד וואס זאל איהם טרייסטען, ליעבען אדער אפילו סימפאטהיזירען מיט איהם אין זיין שיקזאל.

שלעכט איז פאר יעדען צו פערבלייבען אהן פריינד. אבער ערגער איז פאר דעם פערדארבענעם און פערברעכערישען מענשען, ווען ער מוז בלייבען בלויז מיט זיין בלוטיגעם געוויסען.

מאקבעטה האט פערלוירען יעדע האפנונג, יעדע לוסט צום לעבען און שטרעבען, ער האט געזוכט דעם טויט. עס איז מעגליך, אז ער וואלט, דורך זעלבסטמארד, נאכגעפאלגט זיין פרוי אין קבר, נאר ווען ער האט געהערט, אז מאלקאלם מיט זיין ארמעע דערנעהנטערן זיך, האט דאס אין איהם ערוועקט זיין אלטען קריעגערישען מוטה און ער האט בע־שלאסען, וויא ער האט זיך אויסגעדריקט, „צו שטארבען מיט דעם פאנצער אויף מיין רוקען.“

אויסער דעם האט ער זיך נאך פערלאזט אויף דיא פראפעצייהונגען פון דיא מכשפות און ער האט זיך דערמאהנט וואס דיא גייסטער האבען איהם געזאגט, דאס קיינער געבוירען פון א פרוי וועט איהם קענען שאדען, און ער וועט קיין מאל ניט בעזיעגט ווערען, סיידען דער וואלד פון בירנאם וועט קומען קיין דאנסינעין, וואס האט ביי איהם אויסגעזעהען אלס אן אונמעגליכקייט.

זייענדיג אזוי זיכער האט ער זיך גאר אבגעשלאסען אין זיין פאלאץ, וואס איז געווען א שטארקע און מעכטיגע פעסטונג, וועלכע האט געקענט ווידערשטעהען דיא גרעסטע בעלאגערונג. אט דארט איז ער געזעסען און ערווארטעט מאלקאלם זאל קומען.

אין א טאג בשעת ער איז געזעסען אין זיין פאלאץ, איז ערשיענען א שליח, בלאס און ציטערענדיג פאר מורא, און איהם מיטגעטהיילט,

אז וועהרענד ער איז געזעסען אויף דער וואך און קוקענדיג קיין בירנאַם, האָט ער בעמערקט וויא דער וואַלד דערנעהנטערט זיך צו איהם.

מאַקבעטה איז אויפגעשפּרונגען ציטערנדיג אין יעדען אבר.

„ליגנער און שקלאַף!“ האָט ער אויסגעדונערט, „ווען דאָס וואָס דו זאָגסט איז ליעגען, מעגסטו זיכער זיין, אַז דאַן וועל איך דיך לעבעדיגערהייט אויפהיינגען אויף יענעם בוים, און דיך לאָזען שטאַרבען פאר הונגער. אָבער, ווען דאָס וואָס דוא דערצעהלסט איז אמת, קימערט מיך ניט ווען דוא וועסט מיט מיר טהון דאָס זעלבע.“

מאַקבעטה׳ס גאַנצער מוטה איז יעצט פערשוואונדען און ער האָט אָנגעהויבען צו זעהען, אַז טראָטץ דער אונמעגליכקייט פון דער פּראָפעצייהונג, דערנעהנטערט זיך דאָך זיין ענדע.

יא, דער גייסט האָט איהם געזאָגט, אַז ביז דער וואַלד פון בירנאַם וועט קומען קיין דאַנסינעין, האָט ער ניט וואָס מורא צו האָבען, און יעצט —

„יעדענפאַלס,“ האָט ער פּלוצלונג געזאָגט שפּירענדיג נאָך זיין געוועזענעם מוטה, „ווען דאָס וואָס דוא בעהויפּטעסט איז וואַהר, דאַן לאָמיר זיך בעוואפנען. ענטלויפען קען מען ניט. שטעהען דאָ לוינט זיך אויך ניט... אַך, איך הייב אָן מיעד צו ווערען פון אַלעס און איך וויל מיין ענדע זאָל קומען.“

מיט דיעזע פערצווייפעלטע געדאנקען איז ער ארויס געגען זיינע שונאים, וועלכע זיינען שוין געוועזען נאָהענט צום פּאַלאַץ.

דיא מערקווירדיגע ערשיינונג, וואָס האָט אויסגעזעהען, אַז דער וואַלד געהט, קען לייכט ערקלערט ווערען. ווען דיא בעלאַגערענדע ארמעע איז אריין אין וואַלד, האָט מאַלקאָלם, וויא אַ געניטער גענעראַל, ניט געוואָלט, אַז דער שונא זאָל געווויר ווערען דיא צאָהל פון זיינע סאָלדאַטען. ער האָט דערפאַר געהייסען, אַז יעדער סאָלדאַט זאָל אָבשניידען אַ גרויסע צווייג, זיא טראָגען אין פראָנט אום דעם פיינד צו פערטומלען. דיא סאָלדאַטען, געהענדיג מיט דיא צווייגען, האָבען פאָרגעשטעלט אַ בילד וואָס האָט ווירקליך אויסגעזעהען גלייך וויא דער וואַלד געהט. דאָס איז געוועזען דיא אורזאַכע וואָס דער שליח האָט זיך אַזוי דערשראָקען.

דאָס איז אויך געוועזען וואָס דער גייסט האָט געמיינט, אָבער מאַקבעטה האָט איהם שלעכט פערשטאַנען. וויא דיא זאַך איז, האָט מאַקבעטה געזעהען אַ טהייל פון זיין סוף.

דאן האָט אָנגעפאנגען אַ פירכטערליכע שלאַכט. אָבוואָהל מאַק־בעטה איז ניט געווען שטאַרק אונטערשטיטצט פון זיינע נאַכפאָלגער, וועלכע האָבען איהם געהאַסט, פון דעסטוועגען האָט ער אַליין געקעמפפט מיט אַזאַ מוטה, אַז ער האָט ווירקליך אָבגעהאַלטען דיא ערשטע גרויסע ערשטירמונג.

ווערענד דער שלאַכט, איז ער געקומען פנים־אל־פנים מיט מעק־דאף'ן.

ווען ער האָט איהם דערזעהען, האָט ער זיך דערמאהנט אן דיא וואָרנונג פון איין גייסט, אַז ער זאָל זיך היטען פאַר איהם מעהר וויא פאַר אַלעמען. ער וואָלט זיך דערפאַר אומגעווענדעט און ענטלאָפען, אָבער מעק־דאף אליין האָט איהם געזוכט און פערשפאַרט דעם וועג. אַ פירכטערליכער קאַמפף צווישען זיי ביידע האָט אָנגעפאנגען.

מעקדאף האָט איהם דערוויל געזידעלט, בעליידיגט, געשאָלטען און געמאַכט פאָרווירפע דערפאַר וואָס ער האָט ערמאָרדעט זיין ווייב און קינ־דער. מאַקבעטה איז שוין, וויא עס שיינט, געווען זאַט פון דעם בלוט פון דער מעקדאף פאַמיליע און ער האָט זיך געוואָלט צוריק ציהען. אָבער מעקדאף האָט איהם ניט אָבגעלאָזט, איהם רופענדיג טיראַן, מערדער, העללען־הונד און לומפּ.

דאן האָט זיך מאַקבעטה דערמאהנט אן דיא ווערטער פון דעם אַנ־דערען גייסט, דאָס קיינער וואָס איז געבוירען געוואָרען פון אַ פרוי קען איהם שאַדען.

שמייכלענדיג און זיכער מיט זיך אַליין, האָט ער געזאָגט:

„אומזיסט, מעקדאף, דוא פערלירסט דיין אַרבייט. פונקט וויא דוא קענגסט גאָר ניט טהון דער לופט, אַזוי קענסטו מיר גאָר ניט שאַדען מיט דיין שווערט. איך האָב אַ פער'כישופ'ט לעבען, און קיינער וואָס איז געבוירען פון אַ פרוי קען מיר גאָר ניט טהאָן.“

„מעגסט פערצווייפלען אן דיין כישוף,“ האָט מעקדאף געענטפערט. „דיינע ליעגנערישע גייסטער האָבען דיך בעטראָגען. און איך זאָג דיר, אַז מעקדאף איז קיין מאָל ניט געבוירען געוואָרען פון אַ פרוי וויא דער שטערגער איז אין געוועהנליכען לעבען. מיין מוטער האָט מיך געהאַט פאַר דער צייט און איך בין ערשט שפּעטער געבוירען געוואָרען אָהן אַ פרוי.“

„פערפלוכט זאָל זיין דיא צונג וואָס זאָגט מיר דאָס!“ האָט גע־

שריען דער ציטערנדער מאַקבעטה, וועלכער האָט געפיהלט, אז זיין לעצטע האָפנונג פערשווינדעט. „זאָל קיין מענש אין צוקונפט גלויבען דיא ליגענס פון מכשפות און דיא דריידלעך פון גייסטער, וועלכע נאַרען אונז אָב מיט ווערטער פון אַ דאָפּעלטער מיינונג. און ווערענד זיי האַלטען זייער פערשפּרעכען אין ווערטער, פיהרען זיי אונז צו פערצווייפלונג מיט זייער בעדייטונג. איך וועל מיט דיר ניט קעמפּפען."

„דאַן לעב!" האָט מעקדאַף אויסגעשריען מיט שפּאָט. „מיר וועלען דיך אויסשטעלען וויא מען טהוט מיט ווילדע בעסטיעס, און אויף אַ געמאַרבטער ברעט זאָלען זיין אויפגעשריעבען דיא ווערטער: אָט דאָ קענען מענשען זעהען דעם טיראַן!"

„ניעמאַלס!" האָט מאַקבעטה געשריען אין פערצווייפלונג. „איך וועל ניט לעבען צו קושען דעם באָדען וואו דעם יונגען מאַלקאָלם'ס פיס וועלען טרעטען און זיין פערפלוכט פון דיא מאַסען!"

ער האָט זיך געוואָרפען אויף מעקדאַף'ן, און נאָך אַ שווערען קאַמפּף איז ער בעזיעגט געוואָרען. מעקדאַף האָט אָבגעשניטען זיין קאָפּ און איהם איבערגערייכט אַלס פּרעזענט צום נעזעצליכען קעניג, מאַלקאָלם.

מאַלקאָלם האָט דאַן, אונטער אַלגעמיינער איינשטימונג איבערגענומען זיין פאַטער'ס טראָהן.



# אלעס איז גוט וואס ענדיגט זיך גוט.

נאכדעם וויא גראף רוסילאן איז געשטארבען, האט זיין זוהן, דער יונגער בערטראם, גע׳ירשה׳ענט אי זיין פאטער׳ס פערמעגען, אי זיין טיטעל אלס גראף.

דער קעניג פון פראנקרייך האט ליעב געהאט דעם אלטען גראף, און ווען ער האט געהערט, אז ער איז טויט, האט ער געשיקט שליחים נאך זיין זוהן בערטראם, אז ער זאל קור־מען קיין פאריז אין זיין קעניגליכען הויף.

דיא אבזיכט פון דעם קעניג איז געווען א גוטע. ער האט געוואלט בעלוינען דעם זוהן פאר זיין פאטער׳ס טרייהייט, און ער האט גערעכענט, אז אריינברענגענדיג דעם יונגען מאן אין זיין הויף, און זיין צו איהם פריינדליך, וועט ער איהם טהון א גרויסע טובה.

דער קעניג האט ארויסגעשיקט א געוויסען לאפע, אן אלטער עדעלמאן פון זיין הויף, אום צו ברענגען דעם יונגען גראף. בעטראם האט דאמאלס געוואהנט מיט זיין מוטער דיא אלמנה פון גראף רוסילאן.

מען דארף ניט פערגעסען, אז אין יענע אלטע צייטען, איז דער קעניג פון פראנקרייך געווען אן אבסאלוטער מאנארך, א זעלבסטהעררשער, און זיין איינלאדונג האט אויך מיט זיך געטראגען דיא פארמע פון א בע־פעהל; קיין אונטערטהאן, גרויס אדער קליין, רייך אדער ארעם, האט זיך געטארט ענטזאגען פון אזא איינלאדונג. דאס וואלט געהייסען א מרידה במלכות.

דיא אלטע גרעפין האט שטארק געליעבט איהר זוהן. זיא האט אין איהם געזעהען דיא איינציגע טרייסט אין לעבען און געדאכט, אז ער וועט פערזיסען איהר עלטער מיט זיין געגענווארט. מען קען זיך אלזא

פאַרשטעלען וויא אונאַנגענעהם עס איז איהר געווען הערענדיג פון לאַ־פע׳ן, אַז זיא מוז זיך שיידען פון איהר בן־יחיד. אָבער פון אונ־געהאַרכזאַמקייט איז דאָ ניט געווען דיא רעדע. דער קעניג בעפעהלט און מען מוז פאָלגען.

דיא אונגליקליכע מוטער האָט דערפאַר גענומען אַ וועהמיטהיגען אב־שיעד פון איהר זוהן, און אזוי געוויינט, גלייך וויא זיא וואָלט איהם גע־זעהען שטאַרבען, לאַפע ווידער האָט אַנגעווענדעט אַלעס מעגליכע זיא צו טרייסטען און זיא פערזיכערט, אַז דער קעניג וועט זיין גוט צום יונגען גראף און אַלעס וואָס ער מיינט איז, איהם צו בעעהרען און מאַכען פאַר אַ וויכטיגע פערזאָן אין לאַנד.

וועהרענד דיעזען געשפּרעך האָט לאַפע אויך מיטגעטהיילט דער גרע־פין, אַז דער קעניג איז אין דער לעצטער צייט זעהר קראַנק געוואָרען און ער ליידעט פון אַ קראַנקהייט, וואָס דיא דאָקטוירים האָבען ערקלערט אַלס אונהיילבאַר.

דיא גרעפין האָט אויסגעדריקט איהר טיעפעס בעדויערן הערענדיג פון דעם קעניג׳ס צושטאַנד און דערביי בעמערקט פאָלגענדעס :

„אַך, ווען העלענא׳ס פאַטער וואָלט געלעבט, וואָלט ער יעצט געקענט קורירען דעם קעניג.“

העלענא איז נעמליך געווען אַ יונגע מיידעל, איהר קאַמער־פרוי. זיא איז געווען דיא טאָכטער פון אַ בעריהמטען אַרצט זשעראַר, פון נאַרבאָן, ווען זשעראַר האָט בעדאַרפט שטאַרבען האָט ער איבערגעגעבען זיין איינצי־געס קינד העלענא צו דער גרעפין, און זיא געבעטען זיא זאָל אויף איהר אַכטונג געבען. העלענא איז אַלזאָ פערבליעבען ביי דער גרעפין אין הויז זייט איהר פאַטער׳ס טויט.

העלענא איז געווען זעהר אַ גוט מיידעל ; שעהן, ליעבענסווירדיג און זיך פערדיענט דיא העכסטע אַכטונג פון דער גרעפין.

וועהרענד דיא גרעפין האָט גערעדט מיט לאַפע׳ן, האָט דערווייל העלענא געוויינט אין דער שטיל. דיא גרעפין האָט געמיינט, אַז העלענא וויינט ביי דער עראינערונג אַן איהר פאַטער׳ס טויט, און זיא האָט אויף איהר אָנגעשריען, אַז מענשען דאַרפען פערגעסען אַן דעם וואָס דיא ערד דעקט צו.

אָבער העלענא׳ס טרערען האָבען געהאַט אַן אַנדער בעדייטונג.

בערטראַם האָט זיך דאַן געזעגענט מיט זיין מוטער. דיא גרעפין, מיט

טרערען אין איהרע אויגען, האָט געבענשט איהר זוהן און איהם געוואונשען ער זאָל זיין גליקליך.

צו לאַפּע'ן האָט זיא געזאָגט :

„מיין גוטער הערר, איך בעט אייך, וויא מען בעט אן אייגענעם ברודער. גיט אכטונג אויף מיין קינד. ער איז נאָך אונערפאהרען. ווייזט איהם, לערענט איהם וויא זיך אויפצופיהרען אין קעניגליכען הויף."

דער יונגער גראף האָט אפילו זיינע לעצטע ווערטער געריכטעט צו העלענא'ן, אָבער דיעזע זיינען ניט מעהר געווען וויא איינפאכע פריינד־ליכקייט. ער האָט איהר געוואונשען גליק און בעמערקט :

„העלענא, איך פאָהר אוועק, זיי דוא א טרייסט פאר מיין מוטער, דיין הערדין, און זעה טהון אלעס מעגליכע איהר צו מאכען היימליך."

דער אמת איז אָבער געווען, אז העלענא האָט שוין זייט א לאַנגע צייט געליעבט בערטראם'ן. ווען זיא האָט געוויינט, איז דאָס ניט גע־ווען אוים ערגאנערונג אן איהר פאטער, זאָנדערן פאר צער פון זיין אברייזע.

העלענא האָט אפילו זעהר געליעבט איהר פאטער, אָבער זיא האָט שוין כמעט פערגעסען זאָגאר וויא ער האָט אויסגעזעהען. איהר פאנטאזיע האָט געהאַט בלויז דאָס בילד פון איין מאַן, און דאָס איז געווען בערטראם.

מיט העלענא'ן איז געווען זעהר טרויעריג, זיא האָט געליעבט בערט־ראם'ן וויא נאָר אן אונשולדיגעס און יונגעס פרויענהערץ קען ליעבען א מאַן. זיא האָט אָבער געוואוסט, אז ער איז גראף פאָן רוסילאָן, א יורש פון אן אלטען אדעליגען טיטעל, ווערהענד זיא איז בלויז דיא טאָכטער פון אן איינפאכען דאָקטאָר.

זיא האָט געמוזט בעטראכטען דעם מאַן וואָס זיא האָט געליעבט אלס העכער פון איהר, אלס איהר הערר, און קיין מאָל ניט ערווארטעט צו זיין מעהר וויא זיין דיענסט, לעבען און שטארבען אלס זיין אונטער־טהעניגע.

דער תהום צווישען זיי האָט העלענא'ן אויסגעזעהען אזוי ברייט, אזוי טיעף, אז זיא פלעגט אָפט צו זיך אליין זאָגען :

„עס איז גאָר קיין חילוק ניט אויב איך זאָל ליעבען עפּעס א שעה־

נעם און גלענצענדען שטערן און וועלען מיט איהם חתונה האבען, אדער צו ליעבען בערטראם'ן, וועלכער איז מיט אזוי פיעל העכער פון מיר."

בערטראם'ס אוועקפאהרען האט אנגעפילט איהרע אויגען מיט טרע־רען און איהר הארץ מיט שמערץ. כאטש זיא האט איהם געליעבט ניט האפענדיג, אז ער וועט א מאל ווערען איהר מאן, פון דעסטוועגען איז דאס פאר איהר געווען א טרייסט, א גליק, איהם צו זעהען כמעט יעדע שטונדע אין טאג. העלענא פלעגט אפט זיטצען און קוקען אין זיינע דונקלע אויגען, זיינע שווארצע רונדע ברעמען און זיינע שעהנע געקרייזעלטע האאר. זיא פלעגט אזוי לאנג קוקען אויף איהם, ביז זיא האט אריינגעצויגען זיין בילד אין איהר הארץ — דיעזעס הארץ וואס האט מעהר פאר קיין אנדערע זאך אין דער וועלט קיין פלאטץ ניט געהאט.

ווען דאקטאר זשעראר דע נארבאן איז געשטארבען, האט ער קיין אנ־דערע ירושה ניט איבערגעלאזט פאר זיין קינד, וויא עטליכע רעצעפטען פאר זעלטענע מעדיצינען. דאס איז געווען דער רעזולטאט פון זיין לאנגען און ערנסטען שטודיום פון פיעלע יאהרען.

איינער פון דיעזע רעצעפטען האט פערשריעבען א מעדיצין פונקט פאר אזא קראנקהייט וויא לאפע האט דערצעהלט, אז דער קעניג ליידעט.

נאכדעם וויא בערטראם איז אוועקגעפאהרען, האט העלענא צייט געהאט מעהר נאכצודענקען, זיא האט זיך דערמאהנט אן דעם קעניג'ס קראנקהייט און אויך אן דעם רעצעפט פון איהר פאטער. עס איז איהר באלד איינגעפאלען, אז זיא אליין זאל אוועקפאהרען קיין פאריז אום צו קורירען דעם קעניג.

אבער טראטץ דעם וואס זיא איז געווען ביי זיך איבערצייגט, אז זיא קען קורירען דעם קעניג, איז עס גאר ניט געווען זיכער, אז מען וועט זיא צולאזען, ווייל דער קעניג אליין וויא אויך אלע גרויסע ערצטע ארום איהם, האבען איין מאל פאר אלע מאל ערקלערט, אז עס איז שוין קיין רפואה ניטא. וואס פאר א געלעגענהייט האט אלזא געקענט האבען א יונגעס און אונגעבילדעטעס מיידעל צו מאכען אזא פראבע?

נאר דער מענש וואס האט א שטארקען ווילען, קען אלעס דורכפיה־רען, אלעס בעזיעגען. דער שטארקער ווילען צושמעטערט דיא מעכטיגסטע פעסטונגען.

העלענא האט געגלויבט, אז זיא קען קורירען דעם קעניג, און אויפ־טהוענדיג אזא גרויסע זאך, קען איהר נאמען שטארק בעריהמט ווערען, און

בעריהמטע מענשען קענען פיעלעס דערגרייכען. מי יודע, אפשר וועט דער־פאר ערפילט ווערען איהר זיסעסטער וואונש ?

אך, ווען זיא זאָל קענען ווערען גראַף רוסילאָן'ס פרוי — וויא גליקליך זיא וואָלט געוועז !

א שטראהל האָפנונג האָט זיך אריינגע'גנב'עט אין איהר יונגפרוילינבע ברוסט און זיא האָט בעשלאָסען צו וואגען.

מיט א קורצער צייט שפּעטער, האָט דער גרעפין'ס הויזהאַלטער איין מאָל געהערט העלענא'ן רעדען פון דעם שלאָף. ער האָט זיך צוגעהערט בעסער און דערפון פערשטאַנען, אז זיא איז פערליעבט אין בערטראם'ן. דאן האָט ער זיא גלאט געהערט רעדען צו זיך אליין וואַכענדיג, אז זיא האָט בעשלאָסען נאָכצופאָלגען בערטראם'ן קיין פּאריז. ער האָט דאָס אַלעס דערצעהלט דער גרעפין פאָן רוסילאָן.

ווען דיא גרעפין האָט דאָס געהערט, האָט זיא איהם דערפאר גע־דאנקט, און איהם בעאויפטראגט, אריינצושיקען העלענא'ן, ווייל זיא וויל מיט איהר רעדען.

וואָס זיא האָט יעצט געהערט איבער העלענא'ן, האָט זיא ניט בייז געמאכט. פערקעהרט, איהר הארץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט סימ־פּאטהיע. דיא גרעפין האָט זיך דערמאהנט ווען זיא איז געוועזן אזוי יונג וויא העלענא, ווען זיא האָט בעגעגענט בערטראם'ס פאטער.

„יא, יא," האָט זיא געמורמעלט צו זיך אליין. „אזוי איז דאָס געוועזן אויך דאמאלס מיט מיר, ווען איך בין געוועזן יונג. ליעבע איז א דאָרן וואָס בעלאנגט צו דער רויז פון יוגענד. אויב מיר זיינען נאָר דיא קינ־דער פון דער נאַטור, מוזען, אין דעם סעזאָן פון דער יוגענד, ערוואכען אַלע דיעזע פעהלערן, אָבוואָהל, ווען מיר דענקען גוט נאָך, זיינען זיי גאָר־ניט פעהלערן ניט."

העלענא איז דערווייל ערשיענען.

„הער אוים," האָט דיא גרעפין געזאָגט אין אן ערנסטען אָבער צאַרטען טאָן. „דוא ווייסט גאנץ גוט, אז איך בין דיר א מוטער."

„דוא ביסט מיין געאכטעטע הערין," האָט העלענא געענטפערט.

„דוא ביסט מיין טאָכטער," האָט דיא גרעפין ווייטער געזאָגט. „איך זאָג, אז איך בין דיין מוטער."

העלענא איז בלאַס געוואָרען.

"וואָס איז מיט דיר ?" האָט דיא גרעפין געפרעגט בעמערקענדיג

דיא פאַרב אין איהר געזיכט. „פאַר וואָס ביסטו בלייך געוואָרען פון מיינע ווערטער ?"

דערשראָקען און איבערראַשט, טאַמער האָט דיא גרעפין ערפאַהרען פון איהר סוד, האָט העלענא, צעגערענדיג געזאָגט :

„ענטשולדיג מיר, גרעפין, דוא ביסט ניט מיין מוטער; דער יונגער גראף פאָן רוסילאָן קען ניט זיין מיין ברודער און איך קען ניט זיין דיין טאָכטער."

„פון דעמטוועגען, העלענא," האָט דיא גרעפין בעמערקט צערטליך, „קענסטו ווערען מיין שנור; און, אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז דאָס אויך דיין שטרעבונג, און דערפאַר בעאונרוהיגען דיך אַזוי דיא ווערטער מוטער און טאָכטער. הער אויס העלענא, זאָג מיר דעם אמת, ליעבסטו מיין זוהן ?"

„גוטע הערריו, ענטשולדיג מיר", האָט העלענא געשטאַמעלט.

אָבער דיא גרעפין האָט ווייטער געפרעגט :

„ליעבסטו מיין זוהן ?"

„ליעבסטו איהם ניט ?"

„ניין ניין, קינד, גיב מיר ניט אַזאַ אויסמיידענדען ענטפער. העלענא, קום נאָר אַהער, דערצעהל מיר, ענטדעק פאַר מיר אַלעס, ווייל איך לעז ליעבע אין דיינע אויגען."

העלענא האָט דאַן ניעדערגעקניעט פאַר דער גרעפין און פאַר איהר אַלעס מודה געווען. אין איהרע ווערטער זיינען געלעגען שאַנדע, שרעק און זיא האָט געבעטען אום פערצייהונג.

דיא אָרעמע יתומה האָט ערקלערט, אַז זיא ווייס גאַנץ גוט וויא האָפנונגסלאָז איהר ליעבע איז, וויא ווייט זיא שטעהט פון בערטראַם'ן, אָבער ליעבע פרעגט ניט נאָך יחוס און שטאַנד און זיא האָט זיך ניט געקענט העלפען, ווען איהר גאַנצע נשמה איז צוגעצויגען געוואָרען צו איהר זוהן.

אין דערזעלבער צייט האָט זיא אויך מיטגעטהיילט דער גרעפין, אַז איהר זוהן ווייסט פון קיין זאַך און ער האָט אויך פיעללייכט קיין שום פערדאַכט פון איהרע געפיהלע.

דיא גרעפין האָט זיא דאַן געפרעגט, אויב זיא פּלאַנט ניט צו פאָהרען קיין פּאַריז.

ביי דיעזער פראַגע, האָט שוין העלענא אַלעס מיטגעטהיילט איהר

הערדין, אַז זייט זיא האָט געהערט לאַפּע'ן רעדען איבער דעם קעניג'ס קראַנקהייט, איז איהר איינגעפאַלען, אַז זיא האָט אַ געלעגענהייט עפּעס אויפצוטהאָן.

„איז דאָס געווען דיין אבזיכט פאר וועלען באַהרען קיין פּאַריז?" האָט דיא גרעפין געפרעגט. „זאָג, שעהם דיך ניט, איז דאָס געווען דיא אבזיכט?"

„יא," האָט זיא געענטפערט אויפריכטיג. „מיין הערר, דיין זוהן, האָט מיך געמאַכט דענקען דאריבער. ווען ניט דאָס, וואָלט פּאַריז, דער קעניג און דיא מעדיצין גאָר ניט בעשעפטיגט מיינע געדאַנקען."

דיא גרעפין האָט ווייטער דאריבער קיין בעמערקונג געמאַכט, זאָנדערן זיא האָט געניי אויסגעפרעגט העלענא'ן איבער דער מעגליכער ווירקונג פון דער מעדיצין.

זיא האָט ערפאהרען, אַז דער רעצעפּט פאַר דער מעדיצין, איז גע־ווען דאָקטאָר זשעראַר'ס שטאָלץ אויף זיינע מעדיציניש פאָרשונגען און ער האָט דאָס געגעבען זיין טאָכטער ליעגענדיג אויף'ן שטערבע־בעט. גע־דענקענדיג אַן דעם פערשפּרעכען וואָס זיא האָט געגעבען דעם דאָקטאָר צו זאָרגען פאַר זיין קינד, האָט זיא בעשלאָסען אַלעס מקיים צו זיין.

אין דערזעלבער צייט האָט זיא אויך אין זינען געהאַט, אַז עס האַנדעלט זיך יעטצט אום דעם לעבען פון דעם קעניג.

דיא גרעפין אַליין האָט דאַן אויפגעפאָדערט העלענא'ן באַלד אָבצו־רייזען קיין פּאַריז, און זיא האָט זיא בעזאָרגט מיט אַלע נעטהיגע הוצאות צו דיעזען צוועק. איהר ווינשענדיג גליק און ערפאָלג, האָט העלענא אָבגערייזט.

נאַטירליך איז עס איהר ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען, ווייל דער קעניג האָט זיך שטאַרק געקווינקעלט אָנצונעהמען דיא בעהאַנדלונג פון אַ יונגער דאַמע וואָס האָט זיך אויסגעגעבען אַלס דאָקטאָר. געהאָלפען האָט איהר אייגענטליך דער פאַקט ווען זיא האָט דערצעהלט דעם קעניג, אַז זיא איז דעם בעריהמטען זשעראַר'ס טאָכטער, איבער וועלכען דער קעניג האָט פיעל געהערט.

נאָך מעהר, העלענא האָט זיך אונטערגענומען, אין פאַל זיא וועט דעם קעניג ניט קורירען, דאַן זאָל זיא פערלירען איהר לעבען.

ענדליך האָט דער קעניג איינגעשטימט, דאָס ווען זיא קורירט איהם ניט אין צוויי טעג צייט, זאָל זיא דערפאַר בעצאהלען מיט איהר קאָפּ.

דאגעגען וויעדער, ווען עס זאָל איהר געלינגען, דאן זאָל זיא זיך אויס־וועהלען אירגענד א מאנספארשוין פון לאנד פאר א מאן, מיט אויסנאהמע בלויז פון דיא פרינצען. אין אמת'ן, איז דאס ניט געוועזען דעם מאנארך'ס אנטראג פאר בעלוינונג, זאנדערן איהר אייגענער.

ווען העלענא האט אזוי שטארק געגלויבט אין איהר פאטער'ס קונסט, האט זיא קיין טעות ניט געהאט. נאך איידער דיא צוויי טעג זיינען געוועזען צו ענדע, איז דער קעניג פאלשטענדיג געזונד געווארען.

ער האט דאן פערזאמעלט אלע יונגע לייט פון זיין הויף אום דיא שעהנע און יונגע דאקטארין זאָל זיך אויסקלייבען א מאן. ער האט אויך געלאזט רופען העלענא'ן זיא זאָל זיך בעטראכטען דיא אדעליגע בחורים און זאגען וועמען זיא וויל.

העלענא האט ניט פיעל געזוכט אדער געקלערט, און דערזעהענדיג דעם יונגען גראף בערטראם פאן רוסילאן, האט זיא באלד געזאגט אויף איהם אנווייזענדיג:

„דאס איז דער מאן וועמען איך וויל."

דאן צום יונגען גראף:

„מיין הערר, איך זאג ניט, אז איך נעהם דיך, זאנדערן איך גיב מיך איבער צו דיר דוא זאלסט זיין דער פיהרער און וועגווייזער אין מיין לעבען."

„זעהר גוט," האט דער קעניג בעמערקט. „יונגער רוסילאן, נעהם זיא, זיא איז דיין פרוי."

בערטראם האט ניט פיעל געטראכט און באלד אויסגעדריקט זיין ווידער־ווילען געגען העלענא'ן, ערקלערענדיג, אז זיא איז בלויז אן ארעמען דאקטאר'ס א טאכטער, ערצויגען ביי זיי אין הויז און לעבענדיג פון זיין מוטער'ס צדקה.

ווען העלענא האט געהערט זיינע פעראכטענדע ווערטער, האט זיא געזאגט צום קעניג:

„מאיעסטעט, איך בין צופריעדען וואס דוא ביסט געזונד. וואס עס אנבעלאנגט דאס איבריגע, זאָל עס יעצט געהען, איך פערלאנג מעהר קיין זאך."

אבער דער קעניג האט ניט געוואלט ליידען, אז זיין בעפעהל זאָל צור־ריק געוויעזען ווערען. צו יענער צייט האט דער קעניג געהאט דאס פריווי־לעגיום אדער מאכט צו בעזארגען דעם אדעל מיט שידוכים. דערפאר

האט ער בעפוילען, אז בערטראם און העלענא זאלען נאך אין דעמזעלבען טאג הייראטהען. יא, זיא האט געהייראטעט, אבער דיא ליעבע פון איהר מאן האט זיא ניט געהאט, דען אזוי פיעל כח האט דער קעניג ניט בעזעסען.

אזוי שנעל וויא דיא חתונה איז געווען פאריבער, האט בערטראם פערלאנגט פון זיין פרוי, זיא זאל בעטען דעם קעניג ער זאל איהם בעפרייען אויף א קורצער צייט. ווען זיא האט איהם געבראכט דעם קעניג'ס איינשטימונג דערצו, האט ער איהר געזאגט, אז ער איז ניט געווען פארבערייטעט צו דיעזער שנעלער הייראטה, וועלכע האט איהם אזוי וויא בעדרישט, און דערפאר זאל זיא זיך ניט וואונדערן וועגען דעם וואס ער וועט טהון.

ארעמע העלענא! זיא איז געווען שטארק בעטריעבט ווען זיא האט ערפאהרען, אז זיין אבזיכט איז זיא צו פערלאזען. ער האט איהר בעפוילען צוריק צו קעהרען צו זיין מוטער.

ווען העלענא האט געהערט דיעזען בעפעהל, האט זיא בעמערקט:

„מיין הערר, איך קען דערצו גאר ניט זאגען, אויסער, אז איך בין דיין געהארכזאמע דיענערין, און איך וועל תמיד אנווענדען אלעס מעגליכע מיך אונטערצוגעבען צו דעם שיקזאל וואס איז מיר בעשערט.“

אבער דיעזע אונטערטהעניגע ווערטער האבען גאר ניט געווירקט אויף דעם שטאלצען בערטראם ער זאל רחמנות זהאבען אויף זיין צערטליכער פרוי. ער האט זיך פון איהר געשיידט אפילו אהן א „זיי געזונד.“

העלענא האט צוריק געקעהרט צו דער אלטער גרעפין. דעם ציעל פון איהר רייזע האט זיא דערגרייכט, זיא האט געראטעוועט דעם קעניג'ס לעבען און אויך חתונה געהאט מיט דעם מאן וואס זיא האט געליעבט, אבער זיא איז צוריק געקומען צו איהר שוויעגער פערטרויערט און בעטריעבט, און אזוי שנעל וויא זיא איז אריין אין הויז, האט זיא ערהאלטען א בריעף פון בערטראם'ן, וואס האט שיער צובראכען איהר הארץ.

דיא אלטע גרעפין האט זיא עמפפאנגען זעהר פריינדליך, פונקט וויא איהר זוהן וואלט זיא אליין אויסגעקליעבען פאר זיין פרוי און זיא וואלט געווען א דאמע פון דעם העכסטען אדעל. זיא האט איהר דאן אויסגערעדט און זיא געטרייסט און געזידעלט איהר זוהן, אפילו אונטער דיא אויגען, דערפאר וואס ער האט אזוי געהאנדעלט געגען זיין פרוי.

אָבער דאָס אַלעס האָט ניט געקענט אויפמונטערן העלענאַ׳ס האַרץ. מיט טרערען אין די אויגען האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט:

„מאַדאַם, מיין הערר איז אַוועק — אויף אייביג איז ער אַוועק פון מיר!"

דאַן האָט זי געלייענט פאָלגענדע ווערטער פון בערטראַם׳ס בריעף:

„ווען דו וועסט קענען קריעגען דעם רינג פון מיין פינגער, וועלכער וועט קיין מאָל ניט אַרונטער, דאַן זאָלסטו מיך רופען דיין מאַן; אָבער אַזאַ „מאַן" וועט „קיין מאָל" ניט זיין."

„דאָס איז אַ שרעקליכער אורטהייל!" האָט העלענאַ געמורמעלט וויינענדיג.

די גרעפין האָט זיא געבעטען זיא זאָל האָבען געדולד, דען אַזוי וויא בערטראַם איז אַוועק, וועט זיא ווערען איהר קינד, און דאָס זיא פערדיענט אַ מאַן וואָס איז צוואַנציג מאָל אַזוי גוט וויא איהר זוהן.

אַ ליעבענדעס פרויען האַרץ קען זיך אָבער מיט אַזעלכע ווערטער ניט טרייסטען. העלענאַ האָט נאָך אימער געהאַלטען איהרע אויגען אויף׳ן בריעף, וועלכער האָט זיך געשלאָסען מיט דיעזע ווערטער:

„כל־זמן איך וועל האָבען אַ פרוי, וועל איך ניט צוריק קעהרען קיין פראַנקרייך."

„זיינען דיעזע ווערטער אויך אין בריעף?" האָט די גרעפין געפרעגט.

„יאַ, מאַדאַם," האָט די אָרעמע העלענאַ געענטפערט.

אויף׳ן אַנדערן טאָג איז העלענאַ פערשוואונדען געוואָרען. זיא האָט איבערגעלאָזט אַ בריעף, אַז מען זאָל איהם אָבגעבען דער גרעפין נאָכדעם וויא זיא וועט שוין דאָרט ניט זיין. אין דיעזען בריעף האָט זיא מיטגע־טהיילט דער גרעפין, אַז זיא איז אַזוי געערגערט וואָס זיא איז געוועזן די אורזאַכע פון בערטראַם׳ס פערשווינדען פון זיין היים און פאַטערלאַנד, דאָס אום זיא זאָל האָבען אַ כפרה אויף איהרע זינד, האָט זיא אונטערגע־נומען אַ רייזע נאָך דער קירכע פון סט. זשאַקען לע גראַן, און צום שלום האָט זיא געבעטען די גרעפין מיטצוטהיילען איהר זוהן, אַז די פרוי וואָס ער האָט געהאַסט האָט פערלאָזען איהר הויז אויף אייביג.

ווען בערטראַם איז אַוועק פון פּאַריז, איז ער געפאָהרען קיין פלאָרענץ, איטאַליען, און איז דאָרט געוואָרען אַן אָפיציער אין דעם פירסט׳ס אַרמעע. דאַן האָט ער זיך בעטהייליגט אין אַ קריעג און זיך אויסגעצייכענט מיט

זיינע העלדענטהאטען. בערטראם האָט ערהאלטען בריעף פון זיין מוטער וואו זיא האָט איהם מיטגעטהיילט, אז העלענא איז אוועק און וועט איהם שוין מעהר ניט בעאונרוהיגען. ער האָט אלזאָ אָנגעהויבען צו מאַכען פּאָר־בערייטונגען אהיים צו פאָהרען, ווען העלענאַ אליין, פערקליידעט אלס א וואנדערער, איז אָנגעקומען קיין פלאָרענץ.

דיא שטאָדט פלאָרענץ, דורך וועלכער דיא וואנדערער פלעגען רייזען נאָך סט. זשאקען לע גראן, האָט געבילדעט א רוה־פּלאַץ פאר דיא רייזענדע. ווען העלענא איז אהין אָנגעקומען, האָט זיא געהערט, אז דאָרט וואָהנט א גוטהערציגע אלמנה, וועלכע נעהמט אויף אין איהר הויז אלע פרויען וואנדערער וואָס געהען בעזוכען דעם הייליגען פלאטץ, און זיא גיט זיי עסען, טרינקען און שלאָף־שטעלעס.

העלענא איז אלזאָ אוועק צו דיעזער אלמנה, וואו זיא איז גאנץ פיין אויפגענומען געוואָרען און איינגעלאַדען צו קומען זעהען אלע מערקווירדיג־קייטען אין דער אלטער שטאָדט. זיא האָט איהר אויך געזאָגט, אז אין פאל זיא וויל זעהען דעם פירסט׳ס ארמעע, וועט זיא איהר וואונש ערפילען.

„דוא וועסט האָבען א געלעגענהייט,“ האָט דיא אלמנה בעמערקט צו העלענאַ׳ן, „צו זעהען דיינעם א לאַנדסמאַן. זיין נאָמען איז גראף דע רוסילאָן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אלס גרויסער העלד אין דעם פירסט׳ס מלחמות.“

„איך ליעב איהם זעהר,“ האָט העלענא געענטפערט און דערביי געזאָגט א גרויסען אמת.

איבער דעם גאנצען וועג, האָט דיא אלמנה געהאלטען אין איין רעדען איבער בערטראם׳ן. זיא האָט דערצעהלט העלענאַ׳ן איבער דעם יונגען גראף׳ס הייראטה, וויא ער איז געצוואונגען געוועזען חתונה צו האָבען מיט א מיידעל וואן זיא נאָכהער פערלאָזט און איז נאָכהער אריין אין דעם פירסט׳ס ארמעע, כדי ער זאָל ניט דארפען לעבען מיט זיין פרוי.

הערענדיג דיא געשיכטע פון איהר אייגענעם אונגליק, האָט העלענא ניט געזאָגט קיין וואָרט. נאָך איידער דיא אלמנה האָט רעכט געענדיגט דיעזע שילדערונג, האָט זיא אָנגעהויבען א צווייטע, פון וועלכער יעדעס וואָרט האָט געמאכט א טיעפע וואונד אין איהר הארצען. דיעזע לעצטע שילדערונג איז געמליך געווען, וויא אזוי בערטראם האָט זיך פערליעבט אין איהר אייגענער טאָכטער.

כאָטש בערטראם האָט ניט איינגעשטימט צו דער הייראַטה מיט העלע־נאַ'ן, ווייזט עס אויס, אַז זיין האַרץ איז דאָך געווען אָפען פאַר ליעבע; ווייל זייט ער איז געווען מיט דער אַרמעע אין פלאָרענץ, האָט ער זיך ווירקליך פערליעבט אין דיאַנאַ'ן, אַ שעהנע יונגע דאַמע, די טאָכ־טער פון דער אלמנה וואו העלענאַ האָט לאָזשירט. יעדע נאַכט פלעגט ער קומען אונטער דיאַנאַ'ס פענסטער, און וויא דער מנהג איז דאַמאָלס געווען, האָט ער, צו אַ מוזיקאַלישער בעגלייטונג, בעזונגען איהר שעהנ־הייט און ליעבליכקייט.

דיאַנאַ וויעדער, וויסענדיג, אַז ער איז פערהייראַטעט, האָט זיא איהם ניט געוואָלט ערמונטערען אין זיין ליעבע. אָבוואָהל דיאַנא איז געווען אַן ארעם מיידעל, האָט זיא דאָך גענאָסען אַ גוטע ערציהונג און ניט געוואָלט איינשטימען אָנצונעהמען דיא ליעבע פון א פערהייראַטע־טען מאַן.

דאָס אַלעס האָט העלענאַ געהערט דערצעהלען איבער איהר מאַן, און כאָטש דאָס האָט זיא זעהר געשמערצט, האָט זיא אָבער פון דער גאַנצער געשיכטע געזעהען אַ פּלאַן וויא אזוי סוף־כל־סוף דאָך צוריק צו קריעגען בעטראַם'ן ער זאָל זיין איהר מאַן.

עס האָט ניט פיעל געדויערט און זיא האָט אַריינגענומען דיא אלמנה אין איהר פערטרויען. זיא האָט איהר דערצעהלט, אַז זיא איז דיזעלבע העלענא וועמען בערטראם האָט פערלאָזט, און געבעטען, אַז דיא אלמנה און איהר טאָכטער זאָלען איהר ערלויבען זיך אויסצוגעבען פאַר בערטראַם'ן אַלס דיאַנא.

אַהיים קומענדיג האָט דיא אַלמנה, איהר טאָכטער און העלענאַ דאָס אַלעס גענוי בעשפּראָכען און עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו העלפען העלענאַ'ן דורכצופיהרען איהר פּלאַן. פון דער אַנדערער זייט וויעדער, קען מען זאָגען, האָט זעהר פיעל געווירקט וואָס העלענאַ האָט פערשפּראָכען זיי גוט צו בעלוינען דערפאַר און דערווייל האָט זיא זיי שוין דערלאַנגט א בייטעל מיט געלד.

נאָך אין דעמזעלבען טאָג האָט העלענא געזעהען לאָזען וויסען בערט־ראַם'ן, אַז זיא, העלענא, זיין געזעטצליכע פרוי, איז טויט, האָפענדיג דערביי, ווען ער וועט הערען, אַז ער איז פריי, וועט ער געוויס וויעדער קומען זיך אָנביעטען צו דיאַנאַ'ן ער זאָל מיט איהר חתונה האָבען. דאַן, נאַטירליך, וועט זיא זיך פערשטעלען פאַר דיאַנאַ'ן און זעהען אַרויס קריעגען ביי איהם דעם רינג.

אבענדס איז בערטראם ווירקליך געקומען און ער איז אויפגענומען געווארען אין דיאנא׳ס צימער, וואו העלענא האט שוין איהם געווארט אום איהם צו עמפפאנגען.

די שמייכעלהאפטע קאמפלימענטען און ליעבעס־ערקלערונגען וואס דער גראף האט אדרעסירט צו העלענא׳ן, מיינענדיג, אז דאס איז דיאנא׳ן, האבען ביי העלענא׳ן געקלונגען וויא ענגעל־מוזיק. בערטראם איז געוועזן אזוי צופריעדען פון דעם ליעבענסווירדיגען עמפפאנג, דאס ער האט איהר געמאכט אן אנטראג צו ווערען איהר מאן און זיא ליעבען אויף אימער און איביג. זיא האט געהאפט, אז דאס וועט אויך אזוי זיין אפילו ווען ער וועט ערפאהרען, אז דיעזע, צו וועלכער ער רעדט דיא ווערטער, איז זיין אייגענע פעראכטעטע פרוי העלענא.

מיר מוזען דא מיטטהיילען, אז בערטראם האט ביז יענער נאכט בלויז געזעהען דיאנא׳ן פון וויטען. ער האט צום ערשטען מאל געהאט א געלעגענהייט צו זיין מיט איהר, וויא ער האט גערעכענט, צוזאמען אין איין צימער אליין. פון איהר פערשטאנד, שפראך און בענעהמונג, האט ער ניט פיעל געוואוסט. דאס אלעס האט מען נאך פריהער העלענא׳ן מיטגעטהיילט. אלעס וואס העלענא האט דאן געטהאן, איז געוועזן, צו זעהען עס זאל זיין טונקעל אין צימער, כדי ער זאל זיא ניט בעמערקען. אויסער דעם אבער, האט זיא געפיהרט מיט איהם אזא לעבהאפטעס געשפרעך איבער פערשיעדענע זאכען, אז ער האט ווירקליך בעוואונדערט איהר פערשטאנד.

העלענא איז געוועזן אי שעהן, אי קלוג. אבער ווען מען בעגעגענט זיך מיט א פרויענצימער צו אפט, עטליכע מאל אין טאג, פון קינדווייז אויף, מערקט מען זעלטען דאס אלעס. דערזעלבער פאל איז געוועזן מיט דעם יונגען גראף פאן רוסילאן.

העלענא האט אויך פערשטאנען מיט איהר ליעבענסווירדיגקייט זאנסט צו בעצויבערן בערטראם׳ן. ער איז ווירקליך געוועזן אויסער זיך פון דיא ליעבעס געפיהלע וואס זיא האט אין איהם ארויסגערופען. עס איז ניט געוועזן קיין זאך וואס ער איז ניט געוועזן בעגייסטערט צו טהון פאר דיעזעס פרויענצימער. ווען ער האט איהר אנגעבאטען זיין האנד, האט זיא שטילשווייגענד איינגעשטימט. דאן האט זיא פערלאנגט ער זאל איהר געבען זיין רינג אלס צייכען פון זיין פערלאבונג צו איהר. ער האט איהר

גלייך געגעבען דעם רינג. זיא ווידער האָט איהם געגעבען אַ קאָסט־באַרען רינג פון איהר פינגער, וואָס זיא האָט געהאַט אַ מתנה פון דעם קעניג.

איידער עס איז טאָג געוואָרען, האָבען זיי זיך אומאַרמט און גענומען אַבשיעד זיך פערשפּרעכענדיג ליעבע און אייביגע טרייהייט.

עס איז געווען דיא רעדע, אַז בערטראַם זאָל פאָהרען אַהיים צו זיין מוטער און דאָן וועט ער הייראַטהען.

העלענא האָט בעשלאָסען גלייך נאָכצופאָהרען קיין פּאַריז. זיא האָט גע'פועל'ט ביי דער אלמנה און איהר טאָכטער זיא צו בעגלייטען און איהר ווייטער העלפען דורכצופיהרען איהר פּלאַן.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין פּאַריז, האָבען זיי ערפאַהרען, אַז דער קעניג האָט נאָר וואָס אַבגערייזט צו דער גרעפין פאָן רוסילאָן. זיי האָבען באַלד נאָכגעפאָלגט.

דער קעניג איז געווען פאָלקאָמען געזונד, און אויס דאַנקבאַרקייט צו דער דורך וועלכער זיין לעבען איז גערעטעט געוואָרען, מיינענדיג דיא גרעפין ביי וועלכער העלענא איז געווען, איז ער אַהין געפאָהרען. ער האָט באַלד אָנגעהויבען צו רעדען איבער העלענא'ן, זיא לויבענדיג און ריה־מענדיג און אויסגעדריקט זיין טיעפסטעס בעדויערן ווען ער האָט געהערט, אַז זיא איז טויט. ער האָט אויך אָפען בעהויפּטעט, אַז ער גלויבט, דאָס אין איהר טויט, איז שולדיג דער יונגער גראַף פאָן רוסילאָן, בערטראַם.

דיעזעס געשפּרעך האָט אָבער שטאַרק בעטריעבט דיא אַלטע גרעפין. ווען דער קעניג האָט דאָס בעמערקט, האָט ער געענדערט זיין שמועס און געזאָגט:

„גרעפין, איך וויים, אַז קיינער מעהר וויא דוא, בעדויערסט ניט מעהר דעם טויט פון העלענא'ן. אָבער איך האָב שוין מוחל געווען און אַלעס פערגעסען."

ווען לאַפּע, דעם קעניג'ס בעגלייטער, האָט דאָס געהערט, האָט ער ניט געקענט ליידען, אַז דאָס אַנדענקען פון העלענא'ן, וועלכע האָט גערא־טעוועט דעם קעניג'ס לעבען, זאָל אַזוי מיר־ניט־דיר־ניט פאַרבייגעהען און פערגעסען ווערען.

„איך מוז זאָגען," האָט ער זיך אַריינגעמישט. „אַז דער יונגער גראַף

האָט זעהר שלעכט געהאַנדעלט. ער האָט בעגאַנגען אַ פערברעכען געגען זיין מאַיעסטעט, געגען זיין מוטער און געגען דער יונגער דאַמע. דיא הויפּטזאַך איז אָבער, אַז דאָס גרעסטע פערברעכען, האָט ער בעגאַנגען געגען זיך אַליין, ווייל ער האָט פערלוירען אַ פרוי וועמעס שעהנהייט האָט איבערראַשט דעם גאַנצען קעניגליכען הויף, וועמעס קלוגהייט און שאַרפ־זיניגקייט האָט יעדען בעצויבערט, וועמעס פאָלשטענדיגקייט אַלס דאַמע האָט געמאַכט יעדען יונגען מאַן צו זיין פאַרטיג צו טהון פאַר איהר אַלעס אין דער וועלט.“

ביי דיעזע ווערטער איז ערשיענען בערטראַם.

דער קעניג האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן און געזאָגט:

„ליבען וואָס מען האָט פערלוירען, מאַכט דיא עראינערונג פאַר טהייער און אַנגענעהם, קום נאָר אַהער,“ האָט ער זיך געווענדעט צו בערטראַם׳ן.

בערטראַם האָט געוואוסט אום וואָס דאָ האַנדעלט זיך, און ער האָט אויסגעדריקט דאָס טיעפסטע בעדויערן פאַר דער ברוטאַלער האַנדלונג געגען העלענאַ׳ן.

צוליעב דער עראינערונג אַן זיין פאַטער, צוליעב זיין בעזאָרגטע אַלטע מוטער, האָט דער קעניג איהם דאַן פערציהען און מען האָט דאַן פאַרט־געזעצט אַ פרעהליכעם געשפּרעך.

פּלוצלונג איז אָבער דעם קעניג׳ס געזיכט פערפינסטערט געוואָרען, און יעדער וואָס האָט איהם געקענט, האָט בעמערקט אין איהם אַ גרוי־סען צאָרן.

דיא אורזאַכע פון דיעזער אויפרעגונג איז געווען אַזוי:

דער קעניג האָט בעמערקט אויף בערטראַם׳ס פינגער דעם רינג וואָס ער האָט געגעבען העלענאַ׳ן, און ער האָט איהר דאַמאַלס אָנגעזאָגט, דאָס אין פאַל זיא וועט זיך געפינען אין אַ נויט, זאָל זיא איהם שיקען דעם רינג, זאָנסט זאָל זיא זיך פון איהם קיין מאָל ניט שיידען.

דער קעניג האָט גלייך געפרעגט בערטראַם׳ן וויא דער רינג קומט צו איהם. בערטראַם וויעדער, ניט וועלענדיג דערצעהלען דעם גאַנצען אמת, האָט געזאָגט, אַז אַ דאַמע האָט צו איהם אַרויסגעוואָרפען דעם רינג פון אַ פענסטער. אויף דער פראַגע, אויב ער האָט נאָך געזעהען העלענאַ׳ן זייט דעם טאָג וואָס ער איז פון איהר אַוועק, האָט ער געענט־פערט, ניין.

אזוי וויא דער קעניג האט געוואוסט, אז בערטראם האט פיינד געהאט זיין ווייב און זיא געדעכענט פאר א שטערונג אין זיין לעבען, האט ער באלד בעשלאסען, אז ער האט זיא וואהרשיינליך ערמארדעט. נים וואר־טענדיג פיעל, האט ער געהייסען זיינע וועכטער זאלען איהם באלד כאפען און ארעסטירען ביז צו א וויטערע אונטערזוכונג.

„מיין גאט!“ האט דער קעניג אויסגעשריען, „איך האב מורא, אז ער האט געטויטעט דיא גוטע העלענא!“

ביי דיעזע ווערטער איז ערשיענען דיאנא מיט איהר מוטער און פער־לאנגט פון דעם קעניג, ער זאל אויסנוטצען זיין איינפלוס און צווינגען בערטראם׳ן חתונה צו האבען מיט דיאנא׳ן, נאכדעם ער האט עס איהר פערשפראכען אזוי צו טהון.

בערטראם, מורא האבענדיג, אז דאס וועט נאך פערערגערן זיין לאגע, דאס הייסט, אז ער האט געהאט א געליעבטע, ווען העלענא האט נאך געלעבט, האט ער פלוצלונג אלעס אבגעלייקענט וואס דיאנא האט בע־הויפטעט.

ווען דיאנא האט דאס געהערט, האט זיא ארויסגענומען דעם רינג וואס העלענא האט איהר איבערגעגעבען און דאס געבראכט אלס בעווייז פאר איהרע בעהויפטונגען. זיא האט נאך ווייטער ערקלערט, אז דעם רינג וואס ער טראגט, האט זיא איהם געגעבען, און דעם רינג וואס זיא האט, האט ער איהר געגעבען, אלס צייכען, אז זיי זיינען פער־לאבט.

ווען דער קעניג האט דאס געהערט, האט ער געהייסען מען זאל זיא אויך זאפארט ארעסטירען. דיא אורזאכע דערפון איז געווען, ווייל דיא געשיכטע איבער דעם רינג איז געווען פערשיעדען וויא דיעזע פון בערטראם׳ס, און דער קעניג איז דערפאר געווארען נאך מעהר פער־דעכטיג.

דאן האט דער קעניג ארויסגעגעבען א פסק, דאס אין פאל זיי וועלען ניט דערצעהלען דעם גאנצען אמת, זאל מען זיי ביידע הינריכטען פאר העלענא׳ס טויט.

דיאנא האט דאן געבעטען מען זאל ערלויבען איהר מוטער צו געהען ברענגען דעם ערשטען אייגענטהימער פון דעם רינג, דאס הייסט, ביי וועמען זיא האט איהם גענומען. מען האט איהר דאס ערלויבט און דיא אלמנה האט גלייך צוריק געקעהרט מיט העלענא׳ן.

דיא גוטע גרעפין, וועלכע איז געוועזען שטאַרק בעזאָרגט אום איהר זוהן'ס לעבען, און וועלכע האָט אויך מורא געהאַט אַז דער פערדאַכט איבער איהר זוהן קען זיין אמת, ווען זיא האָט דערזעהען איהר ליעבע העלענאַ, איז זיא געוועזען אַזוי דערפרייט, אַז זיא האָט אן אַלעמען פערגעסען.

דער קעניג וועלכער האָט קוים געקענט גלויבען זיינע אייגענע אויגען, האָט געפרעגט :

„איז דאָס ווירקליך בערטראַם'ס פרוי וועמען איך זעה ?"

נאָר אַזוי וויא העלענאַ איז נאָך ניט געוועזען זיכער ביי זיך, אַז בערטראַם וויל זיא פאַר א פרוי האָט זיא געענטפערט :

„ניין, מאַיעסטעט, עס איז בלויז אַ שאָטען פון דער פרוי וואָס דוא זעהסט, עס איז נאָר דער נאָמען און ניט מעהר."

„אָה, ניין, ניין !" האָט בערטראַם אויסגעשריען, „עס איז ביידעס, אי דער שאָטען, אי מיין פרוי !"

„מיין הערר," האָט העלענא געזאָגט זיך ווענדענדיג צו בערטראַם'ן, „ווען איך האָב מיך פערשטעלט פאַר דיעזע דאַמע, האָב איך דיך געפונען אַלס אַ גוטען און ליעבענסווירדיגען מאַן. אין דערזעלבער צייט אָבער, האָב איך מיך דערמאַהנט אן דיין אַמאָליגען בריעף, ווען דוא האָסט מיר געשריעבען, אַז ווען איך וועל קענען קריעגען דעם רינג פון דיין פינגער, וועסטו מיך אנערקענען אַלס דיין פרוי. איך האָב געקראָגען דעם רינג."

„העלענא -" האָט ער אויסגעשריען, „איז דאָס מעגליך, אַז דוא ביסט געוועזען יענע ליעבענסווירדיגע דאַמע מיט וועלכער איך האָב פערבראַכט דיא נאַכט ? יא, יא, עס איז מעגליך" . . .

דיא אלמנה און דיאַנא האָבען דאַן בעשטעטיגט העלענאַ'ס ווערטער.

דער קעניג איז געוועזען אַזוי צופריעדען מיט דיאַנאַ'ס עדעלע האַנדלונג, אַז ער האָט איהר דערפאַר פערשפּראָכען אויך צו געבען אַן אדעליגען פאַר אַ מאַן.

בערטראַם האָט ערשט דאַמאַלס אַרויסגעזעהען דעם טעות וואָס ער האָט פריהער געמאַכט, און פאַלענדיג אויף דיא קניע פאַר העלענאַ'ן, האָט ער זיא געבעטען אום פערצייהונג און איהר געשוואוירען אייביגע און טרייע ליעבע.

# האמלעט.

## דער פרינץ פון דענעמאַרק.

עם זיינען פאראיבער בלויז צוויי מאָנאט נאָך'ן טויט פון דעם קעניג פון דענעמאַרק, ווען זיין אלמנה, דיא קעניגין גערטריוד, האָט חתונה געהאַט מיט איהר שוואגער קלוידיוס, דאָס הייסט מיט איהר מאַן'ס ברודער.

דיעזער פאקט האָט ארויסגערופען בעוואונדערונג און ערשטוינען, און אויך ניט ווייניג פערדרוס אין לאַנד.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. א וויכטיגערע זאַך האָט זיך דורך דעם ענטוויקעלט.

קלוידיוס איז ניט געוועזן געראָטען אין זיין ברודער. יענער, דער קעניג, גערטריוד'ס ערשטער מאַן, איז געוועזן אַן עדעלער און גוטער מענש, ווערענד קלוידיוס איז געוועזן בעקאַנט פאַר א שופט, לומפּ און א פערדאָרבענער קערל. דאָס האָט געפיהרט דערצו וואָס מען האָט אָנגעהויבען צו פערדעכטיגען קלוידיוס'ן, אַז ער האָט געוויס אָבגעראַמט זיין ברודער פון דעם וועג, כדי ער זאָל קענען ערשטענס חתונה האָבען מיט זיין פרוי, און, צווייטענס, כדי ער זאָל קענען בעשטייגען דעם טראָהן פון דענעמארק. אין דערזעלבער צייט, נאַטירליך, זאָל דער יונגער האמלעט, דעם טויטען קעניג'ס זוהן און געזעטצליכער יורש, ניט קענען רעגירען אויף זיין פאַטער'ס אָרט.

נאָר, וויא דיא זאַך איז, מען רעדט, מען פערברייטעט א סליוך, און דער אַלגעמיינער עולם פערגעסט, אָדער מען וויל זיך ניט שטאַרק בעקימערן אום אַזעלכע זאַכען. דעם טיעפסטען און שטאַרקסטען איינדרוק אָבער, האָט דיא גאַנצע געשיכטע געמאַכט אויף דעם יונגען פרינץ



האמלעט

האמלעט, וועלכער האט אזוי געליעבט און געעהרט זיין פערשטארבענעם פאטער, אז ער האט איהם כמעט פערגעטערט. און אזוי וויא דער יונגער מאן אליין, איז געווען שטארק געראטען אין זיין פאטער, דאס הייסט, ער איז אויך געווען אן עהרענמאן און אן עדעלער מענש, האט ביי איהם נאך וועניגער אויסגענומען זיין מוטער'ס האנדלונג וואס זיא האט חתונה געהאט אזוי גיך מיט זיין פעטער.

ניט זאגענדיג און ניט רעדענדיג קיין ווארט, פלעגט דער יונגער האמ־לעט אנפאנג אבזיטצען טעג און נעכט דענקענדיג און טראכטענדיג איבער דעם וואס עס האט פאסירט. ער איז דערפאר געווארען מרה־שחורה'דיג און פערלוירען יעדע אינטערעסע אין אלעמען ארום איהם.

א מאל איז האמלעט געווען א מונטערער און פרעהליכער יונגער מאן, ער פלעגט לעזען ביכער, זיך אמוזירען, לאכען און שטיפען. דאס אלעס איז פון איהם פערשוואונדען און זיין בליק איז אימער געווען פינסטער און טרויעריג.

עס איז אמת, אז האמלעט האט זיך פיעל געערגערט, ווארום מען האט איהם בערויבט פון זיין רעכט צו זיטצען אויף זיין פאטער'ס טראהן. אבער דאס אליין וואלט נאך ניט ארויסגערופען דיעזע ענדערונג אין איהם. פערקעהרט, דאס וואלט איהם געמאכט נאך לעבעדיגער און טהעטיגער אום צוריק צו געווינען דעם טראהן. וואס איהם האט געערגערט, געקריינקט און בעטריעבט איז געווען א גאנץ אנדערע זאך: זיין מוטער, וועלכע האט אזוי שענדליך געהאנדעלט און בעליידיגט דיא ערינערונג אן זיין פאטער! דיעזע מוטער, וועמען זיין פאטער האט אזוי פיעל געליעבט און געשעטצט! זיא גוועדער, אויף וויא ווייט האמלעט האט זיך געקענט ערינערען, האט אימער זיך געוויעזען ליעבענסווירדיג און פערפליכטעט צו איהר מאן.

זיא אליין זאל דאס קענען טהון! זיא זאל מיט צוויי מאנאט נאך זיין טויט, ווען זיין קבר איז נאך געווען פריש, שוין הייראטהען, און מיט וועמען? מיט זיין פאטער'ס אייגענעם ברודער!

און דער ברודער אליין? אמאל האט ער איהם געשעטצט אלס זיין פאטער'ס ברודער און אין איהם ניט געזוכט קיין חסרונות. יעצט וויעדער, איז דער צושטאנד שוין געווען אן אנדערער. ווען ער האט געקענט אזוי האנדלען, דאן האט ער שטארק געצווייפעלט אין זיין ערענטליכקייט.

אט דאס אלעס צוזאמען, פיעל מעהר וויא דער פערלוסט פון דעם טראהן, האט צושמעטערט דיא גאנצע פרעהליכע וועלט פאר דעם יונגען האמלעט.

קעניגין גערטרויד, זיין מוטער, האט אנגעווענדעט אלעס מעגליכע איהם צו אמוזירען, אויפמונטערן און צוריק ברענגען צו דעם פריהעריגען שטאנד. אבער דאס האט גאר ניט געהאלפען. ער פלעגט ערשיינען אין הויף געקליידעט אין שווארצען, אלס טרויער נאך זיין פאטער׳ס טויט. דיעזע טרויער־קליידער האט ער קיינמאל ניט אבגעלעגט, זאגאר ניט אין דעם טאג ווען זיין מוטער האט חתונה געהאט. מען האט איהם אויך ניט געקענט בעוועגען אנטהייל צו נעהמען ביי דיא שמחות און באנקעטען וואס מען האט געמאכט צו דער חתונה, וואס האט ביי איהם אויסגעזעהען דער שענדליכסטער טאג פון זיין לעבען.

און וואס איהם האט איבערהויפט געערגערט, איז געווען אויסצוגעפינען גענוי דיא אורזאכע פון זיין פאטער׳ס טויט.

און עס איז אויך קיין חידוש ניט ווארום דאס האט איהם אזוי שטארק געערגערט, קלוידיוס האט פערברייטעט דיא נאכריכט, אז זיין ברודער, דער קעניג, איז געשטארבען פון א שלאנגען־ביס; אבער האמלעט׳ן איז איינגעפאלען, אז דיא שלאנג איז געווען קלוידיוס אליין. בקיצור, ביי האמלעט׳ן האט אנגעהויבען קלאר צו ווערען, אז קלוידיוס האט ערמארדעט זיין פאטער, כדי, ער זאל קענען זיטצען אויף זיין טראהן.

וויא וויט ער האט געהאט רעכט מיט דיעזער מיינונג, וויא וויט זיין מוטער איז געווען אין דעם פערמישט, האט ער אליין געגוי ניט געקענט בעשטימען; אבער דיעזע אונזיכערהייט אליין איז שוין געווען גענוג פון איהם צו מאכען א מעלאנכאלישע חורבה.

וועהרענד דיעזע שוידערהאפטע געדאנקען האבען געפלאגט דעם אונגליקליכען יונגען פרינץ, האט ער ערפאהרען, אז א גייסט, וועלכער איז עהנליך צו זיין פאטער, איז איינינגע מאל ערשיענען, און דיא סאלדאטען וואס זיינען געשטאנען אויף דער וואך ארום פאלאץ, האבען איהם געזעהען צוויי־דריי נעכט דורכאנאנד.

מען האט האמלעט׳ן דערצעהלט, אז דער גייסט, אדער דיא געהיימניס־פאלע פיגור, פלעגט ערשיינען געקליידעט אין א פאנצער פון קאפ ביז פיס, פונקט אזוי וויא זיין פאטער איז געווען ווען ער האט געלעבט. צווישען דיעזע וואס האבען דיא ערשיינונג געזעהען, איז געווען האראציא, האמלעט׳ס בעסטער פריינד. אלע האבען דערצעהלט איינע און דיעזעלבע געשיכטע, און האמלעט האט געוואוסט, אז הארציא וועט קיין ליגען ניט זאגען.

זיי האבען ווייטער מיטגעטהיילט, אז דיא פיגור ערשיינט פונקט וויא

דער זייגער שלאָגט צוועלף; אז אויפ׳ן פּנים זעהט ער אויס בלאַס, און דאָס פּנים דריקט אויס מעהר שמערץ וויא צאָרן. דאַן, אז דיא באָרד איז צושווי־בערט און האָט אַ מין זילבערנעם קאָליר, אַקוראַט וויא ער איז געווען ביים לעבען.

אויסער דעם, האָט ער, אויף אַלע פראגען, גאָר ניט געענטפערט. בלויז איינמאָל האָט ער געמאַכט אַזאַ בעוועגונג, אז עס האָט אויסגעזעהען, דאָס ער וויל רעדען. אָבער פּונקט דאַמאָלס האָט אָנגעהויבען צו ברעכען אויף טאָג, דער האָהן האָט אַ קרעה געטהאָן און ער איז שנעל פערשוואונדען געוואָרען.

דער יונגער פּרינץ, זייענדיג זעהר אויפגערעגט האָט גערעכענט, אז דאָס מוז זיין זיין פאַטער׳ס גייסט. ער האָט אַלזאָ בעשלאָסען צו וואַכען צוזאַמען מיט דיא סאָלדאַטען ביי נאַכט כדי ער זאָל האָבען אַ געלעגענהייט זיך צו בעגעגענען מיט דעם גייסט.

האמלעט האָט ביי זיך געטראַכט, אז אַזאַ ערשיינונג קומט ניט אומר זיסט; אז דער גייסט האָט געוויס עפּעס מיטצוטהיילען, און אָבוואָהל ער האָט נאָך צו קיינעם ניט גערעדט, וועט ער אָבער צו איהם יאָ רעדען. ער האָט אַלזאָ געוואַרט מיט דער גרעסטער אונגעדולד אויף דער נאַכט.

ווען דיא נאַכט איז ענדליך געקומען, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט מיט האָראַציאָ׳ן און מיט מארסעלוס׳ן, איינער פון דיא וועכטער, אויף אַ באַלקאָן, וואו דער גייסט פלעגט ערשיינען, אום אָבצוּוואַרטען זיין ערשיינען.

דיא נאַכט איז געווען קאַלט און דיא לופט זעהר שאַרף. האמלעט, האָ־ראַציאָ און זייער בעגלייטער האָבען אָנגעהויבען צו רעדען איבער דעם וועטער און איבער דער קאַלטקייט פון דער נאַכט. זיי זיינען אָבער אונטער־בראָכען געוואָרען אין זייער געשפּרעך, ווען האָראַציאָ האָט זיי אָנגעציינגט, אז דער גייסט איז ערשיענען.

ערבליקענדיג זיין פאַטער׳ס גייסט, האָט האמלעט געשפּירט אַ שרעק־ליכען שוידער לויפענדיג איבער זיין לייב. ער האָט פריהער אָנגעפאַנגען אָנ־צורופען גאָט און דיא מלאכים זיי זאָלען איהם בעשיטצען, ווייל ער האָט ניט געוואוסט, אויב דאָס איז אַ גוטער גייסט אָדער אַ שלעכטער. ער האָט אָבער לאַנגזאַם זיך אָנגעהויבען צו שטאַרקען אין קריעגען מעהר מוטה.

זיין פאַטער, אין דער פאָרמע פון דעם גייסט, האָט איהם בעטראַכט מיט אַ מינע פון טיעפען מיטלייד, און, וויא עס האָט אויסגעזעהען, מיט אַ וואונש מיט איהם צו רעדען. דער גייסט האָט אויסגעזעהען פּונקט אזוי וויא זיין פאַטער ווען ער האָט געלעבט, דאָס האמלעט האָט זיך ניט געקענט

צוריקהאלטען איהם ניט צו אדרעסירען מיט דעם נאמען „פאטער“ און איהם בעטען ער זאל איהם מיטטהיילען וואס עס איז דיא אורזאכע ווארום ער איז געקומען פון זיין קבר צו בעזוכען דיא ערד אום האלבע נאכט.

דער גייסט, ווינקענדיג צו האמלעט׳ן, האט ער איהם אנגעצייגט, אז ער וויל מיט איהם רעדען און איהם אבגערופען אויף אן אנדערן פלאטץ וואו מען זאל זיי ניט הערען. הארציא און מארסעלוס וואלטען איהם אבגערעדט, ער זאל ניט געהען, טאמיר וועט איהם טרעפען אן אונגליק, אבער האמלעט וואלט קיינעם ניט געהערט, ווייל זיין לעבען האט ביי איהם סאי־וויא־סאי קיין ווערטה ניט געהאט, און ער האט געוואלט וויסען, וויסען אלעס וואס עס האט פאסירט. ער איז געווען בערייט נאכצופאלגען דעם גייסט אפילו ביז אין עק וועלט, אבי ער זאל צופריעדען שטעלען זיין נייגיערינקייט.

ענדליך זיינען זיי געווען אליין און דער גייסט האט אנגעהויבען צו רעדען. ער האט איהם מיטגעטהיילט, אז ער איז דער גייסט פון זיין פאטער, וועלכער איז ערמארדעט געווארען אויף א גרויזאמען אופן, און איהם אויך מיטגעטהיילט וויא דער מארד איז געשעהען, אז געטהאן האט דאס אלעס זיין ברודער קלוידיוס, האמלעט׳ס פעטער, אום צו קענען הערשען איבער׳ן לאנד. און פאסירט האט עס אזוי:

דער קעניג האט זיך נוהג געווען, אין דיא ווארעמע זומערטעג, צו שלאפען אין זיין גארטען יעדען נאכמיטאג. קלוידיוס האט דערפון געוואוסט. וועהרענד דער קעניג איז געלעגען פערזונקען אין טיעפען שלאף, האט זיך קלוידיוס דערנעהנטערט און אריינגעגאסען אזא מין גיפט אין זיינע אויערן. דיעזער גיפט האט געהאט אזא שנעלע ווירקונג וויא קוועקזילבער; ער האט זיך ציגאסען איבער זיין גאנצען קערפער, אין יעדער אדער, אין יעדען נערוו, און נאכהער וויא דער גיפט האט פערארורזאכט א מין פאראליזירונג, איז אויך דער טויט געקומען. אויף דיעזער ארט, האט זיך קלוידיוס, מיט איינמאל, בעמעכטיגט איבער דעם טראהן און אויך איבער דער קעניגין.

דער גייסט האט דאן בעשוואוירען האמלעט׳ן, דאס אויב ער האט ווען עס איז געליעבט זיין פאטער, זאל ער ניט פערגעסען זיך נוקם צו זיין פאר דיעזען ניעדערטרעכטיגען מארד. אין דערזעלבער צייט האט דער גייסט בעדויערט זיין זוהן ווארום ער האט אזא מוטער, וועלכע האט זיך געקענט אזוי ערניעדעריגען און הייראטהען מיט דעם מערדער פון איהר מאן. דער גייסט האט אויך בעאויפטראגט האמלעט׳ן, אכטונג צו געבען, דאס וויא

ער וועט זיך נוקם זיין אָן זיין אָנקעל, זאָל ער זיין מוטער ניט בעריהרען, זאָנדערן זיא לאָזען ליידען פון איהר אייגענעם פערגיפטעטעם געוויסען.

האמלעט האָט פערשפּראָכען צו טהון אזוי וויא דער גייסט האָט איהם געהייסען, און דאַן איז דער גייסט פערשוואונדען געוואָרען.

ווען האמלעט איז געבליעבען אליין, האָט ער אָנגענומען אַ בעשלוס, צו פערגעסען אָן אלעס וואָס ער האָט געלערנט, געזעהען און ערפאהרען, און זיין געהירן זאָל זיין אָנגעפילט בלויז מיט איין גערנאַק, און דיעזער איז וואָס דער גייסט האָט איהם געזאָגט; דאָס הייסט, זיך נוקם צו זיין אָן זיין אָנקעל, דער מערדער פון זיין פאטער. ער האָט דאַן מיטגעטהיילט האָראציאָ'ן איבער דעם געשפּרעך מיט'ן גייסט, און בעשוואוירען האָראציאָ'ן מיט מאַר־סעלוס'ן, זיי זאָלען פאר קיינעם ניט דאכטען קיין וואָרט פון דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען אין יענער נאַכט.

דיא צייט וואָס האמלעט האָט דורכגעלעבט, דאָס שוידערהאפטע גע־שפּרעך מיט דעם גייסט, דאָס אלעס האָט איהם דערשראָקען פאר זיך זעלבסט, ער האָט מורא געהאַט, אז זיין בענעהמונג וועט פיעלייכט ארויסרופען אַ פערדאכט ביי זיין אָנקעל צו מיינען, אז ער ווייסט פון דעם גאנצען געהיימ־ניס, און דאָס וועט פיהרען דערצו ער זאָל זיך היטען פאר איהם, האמלעט האָט אלזאָ בעשלאָסען צו שפּיעלען בעסער דיא ראָלע פון אַ משוגענעם, בדי קלוידיוס זאָל ניט וויסען וואָס עס געהט פאָר אין זיינע געדאנקען.

האמלעט האָט געשפּיעלט דיא ראָלע אזוי גוט, דאָס דער קעניג מיט דער קעניגין צוזאַמען האָבען געמיינט, אז זיין משוגעת קומט ניט אויס שמערץ נאָך זיין פאטער, זאָנדערן, אז ער איז פערליעבט, און דאָס איז דיא גאנצע אורזאכע.

דער אמת איז, אז האמלעט, איידער ער איז געפאלען אַ קרבן פון מרה־שחורה, האָט ער טאַקי געליעבט אַ שעהן מיידעל, אַ געוויסע אָפעליא, דיא טאָכטער פון פּאָלאָניוס'ן, דעם קעניג'ס הויפּט ראַטהגעבער. ער האָט איהר געשיקט מעהרערע בריעף און פּרעזענטען און איהר אונצעהליגע מאָל אָנגע־באָטען זיין ליעבע, דאָס הייסט, אז זיא זאָל מיט איהם חתונה האָבען. זיא וויעדער האָט זיך דערפון ניט ענטזאגט.

דאָן איז געקומען דיא גרויסע קאטאסטראָפע אין זיין לעבען וואָס האָט איהם געמאכט פערגעסען אָן אלעמען, אפילו אָן זיין געליעבטער. נאָר אזוי וויא ער האָט נאָכהער געשפּיעלט דיא ראָלע פון אַ משוגענעם, האָט ער זיך אויך פערשטעלט געגען איהר און זיא אָפטמאָל גראָב בעהאנדעלט. זיא

ווידער, אנשטאט איהם צו מאכען פּראוורפּע פאר זיין בענעהמונג, האט איהם שטארק בעדויערט און אלעס צוגעשריעבען צו זיין אונגליקליכען צושטאנד.

כאטש האמלעט׳ס געדאנקען־צושטאנד איז ניט געוועזען אזעלכער זיך אבצוגעבען מיט ליעבע, כאטש זיין געהירן איז תמיד געוועזען פערנומען מיט דעם פּלאן פון א שרעקליכער נקמה, פון דעסטוועגען האט ער איינגעזעהען, פון צייט צו צייט, אז ער האט צו גראב געהאנדעלט געגען דער גוטער און אונשולדיגער אפעליא, און דאן פלעגט ער איהר שרייבען א בריעף פול מיט די ווילדעסטע אויסדריקע פון ליעבע, אז דאס זאל פאסען צו זיין גאנצער אויפפיהרונג. אין דערזעלבער צייט, האט מען זיך געקענט מערקען אין דיא בריעף, מאנכע צערטליכע פראזען, וואס האבען דערצעהלט, אז נאך אלעמען, האט ער דאך פאר איהר נאך געהאט צערטליכע געפיהלע.

ווען דיא קעניגין האט דערפון געהערט, האט זיא זיך געוואונשען, אז האמלעט׳ס צושטאנד זאל ווירקליך זיין דיא אורזאכע פון אפעליא׳ס ליעבע און ניט מעהר, און דיא שעהנע אפעליא זאל זיין דער אינסטרומענט איהם, מיט איהר ליעבע, ווידער געזונד צו מאכען.

אבער האמלעט׳ס קראנקהייט איז געוועזען טיעפער, אדער זיא איז געוועזען פון אזא נאטור, וואס ליעבע האט ניט געקענט היילען. פאר זיינע אויגען איז אימער געשטאנען זיין פאטער׳ס גייסט, און זיין געהירן איז געוועזען אנגעפילט מיט געדאנקען פון ביטערער ראכע. יעדע שטונדע ווארטען, האט ביי איהם אויסגעזעהען א זינד, א פערברעכען געגען דיא בעפעהלע פון זיין פאטער.

דאך איז עס גאר ניט גרינג געוועזען צו געפינען א מיטעל וויא צו טוי־טען דעם קעניג, וועלכער איז אימער געוועזען ארומגערינגעלט מיט וועכטער. אויסער דעם, איז דער קעניגין׳ס געגענווארט, וועלכע איז כמעט אימער געוועזען נעבען קלודיוס׳ן, אויך געוועזען א גרויסע שטערונג.

אבער וואס עס האט איבערהויפּט אבגעהאלטען האמלעט׳ן פון זיין גרויסער נקמה, איז געוועזען דער פאקט, ערשטענס, אז א מענש וויא ער, פון אזא צערטליכער נאטור, האט ניט געקענט ביי זיך אזוי גרינג פועל׳ן צו טויטען א מענשען, און צווייטענס האט ער אמאל אויך געצווייפעלט אין דעם גייסט׳ס בעהויפּטונגען, טאמער, נאך אלעמען, איז דאס א בעטרוג, א שווינדעל.

האמלעט האט דערפאר בעשלאסען צו זיין נאך מעהר זיכער.

וועהרענד דיעזע צומישטע געדאנקען האבען זיך געדרעהט אין זיין קאפּ, זיינען געקומען אין קעניגליכען הויף שוישפּיעלער, וועלכע האבען איהם אמאל אמוזירט מיט זייערע פארשטעלונגען. ער האט איבערהויפּט ליעב געהאט צו הערען פון איינעם א טראגישע רעדע בעשרייבענדיג דעם טויט פון פּריאם, דער קעניג פון טראיא, און אויסדריקענדיג דערביי דעם שמערץ פון זיין פרוי, קעניגין העקובא. האמלעט האט שעהן עמפּפאנגען זיינע אלטע פריינד די שוישפּיעלער, און געדענקענדיג די רעדע אדער מאנאלאג פון דעם שוישפּיעלער, וואס פלעג איהם אמאל פערשאפען פערגעניגען, האט ער געבעטען דעם שוישפּיעלער ער זאל דאס ווידערהאלען.

דער שוישפּיעלער האט דאס געטהאן אויף אזא נאטירליכען און לעבהאפּ־טען אופן, אז יעדען טאג האט זיך אויסגעדאכט, אז ער זעהט פאר זיך א לעבע־דיגעם בילד. דער מאנאלאג האט פארגעשטעלט דעם גרויזאמען מארד פון א שוואכען קעניג, די צערשטערונג פון זיין ארמעע און דאן די צערשטערונג פון זיין שטאדט דורך פייער, די גרויסע פערצווייפלונג פון דער קעניגין וויא זיא איז געלאפען א בארוויסע איבער איהר פּאלאץ מיט א זאק אויף איהר קאפּ וואו א קרוין איז אמאל גע..ען, און בלויז א דעק אויף איהר קערפּער וואו זיא האט אמאל געטראגען קעניגליכע מלבושים. דאס אלעס האט ניט נאר ארויסגעריסען טרערען פון אלע אנוועזענדע, זאנדערן דער שוישפּיעלער אליין האט דאס אלעס דעקלאמירט מיט א געבראכענע שטימע און מיט טרערען אין זיינע אויגען.

דאס האט געמאכט האמלעט׳ן דענקען, דאס ווען דער שוישפּיעלער קען אזוי בעגייסטערט ווערען איבער אן אויסגעטראכטע מעשה, וואס זאל האבען פּאסירט מיט היבשע עטליכע הונדערט יאהר בעפאר, וואס דארף ער נאך, האמלעט אליין, טהון, ווען ער ווייסט פון א פיעל גרעסערעס פערברעכען, דער טויט פון זיין אייגענעם פאטער!

דענקענדיג ווייטער איבער שוישפּיעלער און פארשטעלונגען, האט ער זיך דערמאהנט אן א געשיכטע ווען א מערדער האט בייגעוואהנט די פאר־שטעלונג פון א מארד, און דאס האט אויף איהם געמאכט אזא געוואלטיגע ווירקונג, אז ער איז אויפגעשטאנען און מודה געווען אויף זיין אייגענעם פערברעכען. האמלעט האט דאן בעשלאסען, אז דיעזע שוישפּיעלער זאלען עפּעס פארשטעלען, אונגעפעהר עהנליכעס צו דעם מארד פון זיין פאטער און זיין אנקעל זאל דערביי זיין. ער ווידער זאל שטעהן אן א זייט און

אויפפאסען וואס פאר א ווירקונג דאס אלעס וועט האבען און ער וועט ענד־ליך קענען געגוי בעשטימען איבער זיין אנקעל'ס שולד.

ער האט דערפאר געהייסען געבען א פארשטעלונג און איינגעלאדען דערצו זיין אנקעל און זיין מוטער.

דיא פארשטעלונג האט געשילדערט דעם מארד פון א פירסט אין וויען. דעם פירסט'ס נאמען איז געוועזען גאנזאלא, זיין פרוי'ס נאמען איז געוועזען באפטיסטא. עס האט פארגעשטעלט ווי א געוויסער לוקיאנוס, דעם פירסט'ס א נאהענטער קרוב, פערגיפטעט דעם פירסט אין זיין גארטען אום ער זאל קענען ירשה'ענען זיינע גיטער, און מיט א קורצער צייט שפעטער, האט דער מערדער געוואונען דיא ליעבע פון גאנזאלא'ס ווייב.

ווען דיא פארשטעלונג איז געגעבען געווארען, האט דער קעניג ניט געוואוסט וואס פאר א נעטץ עס איז פאר איהם געלעגט געווארען, און ער איז געקומען זעהען דיא דראמא אויף האמלעט'ס איינלאדונג. האמלעט וויעדער איז געזעסען נאהענט צום קעניג און אויפמערקזאם שטודירט זיין געזיכט.

דיא פארשטעלונג האט אנגעפאנגען מיט א געשפרעך צווישען גאנזאלא'ן און זיין ווייב. זיא האט איהם געשוואוירען און פערזיכערט מיט איהר ליעבע, אז זיא וועט איהם אויף אימער און איביג בלייבען געטריי, און טאמער חלילה זאל פאסירען, אז ער זאל שטארבען, וועט זיא קיינמאל מעהר ניט הייראטהען. אין פאל אבער זיא זאל יא הייראטהען, דאן, האט זיא גע־זאגט: „זאל איך זיין פערפלוכט, ווייל קיין אנשטענדיגע און עהרליכע פרוי הייראטעט צום צווייטען מאל, סיידען נאר אזעלכע וואס פערגיפטעט איהר ערשטען מאן."

האמלעט האט ניט ארונטערגענומען זיינע אויגען פון זיין אנקעל, דעם קעניג. ער האט בעמערקט וויא דיא פארבען אויף זיין געזיכט האבען זיך געביטען דערביי, און דער קעניגין'ס פנים האט אויסגעוויעזען, גלייך וויא זיא וואלט דאמאלס געטרונקען גאל.

דאן האט דיא דראמע געשילדערט פאלגענדעס: לוקינוס איז אריינ־געקומען אין גארטען וועהרענד גאנזאלא איז געשלאפען, און אזוי האט ער איהם פערגיפטעט.

דיעזע סצענע, זייענדיג אזוי עהנליך צו דער האנדלונג פון קלוידיוס'ן נעגען זיין ברודער, האט דעם קעניג אזוי אויפגערעגט, אז ער האט שוין מעהר

ניט געקענט בלייבען זיטצען. ער האט געהייסען מען זאל שנעל אנצינדען ליכט אין זיין צימער, ווייל ער פיהלט שלעכט.

ווען דער קעניג איז אוועק, האט זיך דיא פארשטעלונג געענדיגט.

יעצט איז שוין ביי האמלעט'ן מעהר קיין ספק ניט געוועו, אז זיין אנקעל איז געוועז זיין פאטער'ס מערדער. ער האט גענוג געזעהען און גענוג געהערט עס זאל איהם איבערציינגען, אז וואס דער גייסט האט איהם מיט־געטהיילט, איז געוועז א טרויעריגע און שרעקליכע וואהרהייט. ווען האמלעט איז געוועז אליין, האט ער אויסגעגאסען זיין ביטער הארץ אין פאלגענדע פילאזאפישע ווערטער:*)

---

*) דאס איז דער בעריהמטער מאנאלאג פון האמלעט'ן, וועלכער האט ארויס־גערופען, ניט צו איבערטרייבען, א גאנצע ליטעראטור. מען האט דאריבער געשריע־בען ביכער, דיסקוטירט, פילאזאפירט און זיך געקריעגט. יעדער האט געפונען אן אנדערע מיינונג, אן אנדערע בעדייטונג אדער אן אנדערן סוד אין סעקספיער'ס ווערטער וואס ער האט ארויינגעלעגט אין האמלעט'ס מויל.

וואס מיר ווילען דא בעמערקען ביי דיעזער געלעגענהייט, איז פאלגענדעס: שעקספיער איז געוועזן א לעבענס־פילאזאף, אבער ניט קיין געאיבטער מעטאפיזיקער פון זיין צייט. אין דיעזען מאנאלאג דערקענט מען שעקספיער'ס מאנגעל אין דער גריכישער פילאזאזיע וואס האט דאמאלס געשפיעלט אזא גרויסע ראלע אין איראפא.

דער פאר אבער איז וויכטיג צו שטודירען דערפון שעקספיער'ס געדאנקען: ער איז געוועזן, וויא מען זאגט, א סקעפטיקער, דאס הייסט, א רעליגיעזער בעל־ספק; ער האט ניט געוואוסט, אויב מיט דעם טויט הערט אלעס אויף, אדער עס פאנגט זיך ערשט עפעס אן. דיעזע געדאנקען האט ער געגעבען זיין העלד אין מויל אריין.

נאר דאס איז אויך ניט פון א הויפט־וויכטיגקייט. מיר האבען אבגעזעטצט דיעזען מאנאלאג, אזוי טריי, נאך'ן אריגינאל, וויא עס איז אונז מעגליך געוועזן, אום צו געבען דעם אידישען לעזער א בעגריף פון שעקספיער'ס סטיל. אין דיעזען מאנאלאג זעהען מיר דעם נאטור־פילאזאף און דעם דיכטער, דעם מייסטער פון סטיל און דעם קינסטלער פון געדאנקען. דאס איז געוועזן שעקספיער און אין דעם ליעגט זיין הויפט גרויסקייט.

נאך אונזער מיינונג, האט דיעזער מאנאלאג קיין אנדערער בעדייטונג וויא דיעזע, וואס מיר האבען דא אנגעגעהען.

ער בעארבייטער.

„לעבען אָדער ניט לעבען, אָט דאָס איז דיא פראַגע!

„איז עס בעסער פאַר דעם געדאַנק צו ליידען פון דיא שפּיזען און פיילען פון דעם ביטערן מזל, אָדער זיך בעוואפנען געגען א ים צרות, און קעמפּפענדיג מאַכען א סוף דערפון? — שטאַרבען, — שלאָפען, — ניט מעהר; און דורך א שלאָף זאָלען מיר זאָגען, אז מיר מאַכען אן ענדע פון אַלע האַרצוועהטאָגען און דיא טויזענדער שוידערן צו וועלכען דער קערפּער איז אונטערוואָרפען, — דאָס איז א סך־הכל וואָס מען דאַרף זיך אויפריכטיג ווינשען. שטאַרבען, — שלאָפען; שלאָפען! טאָמער גאַר חלום'ן? — אַך, אָט דאָ ליעגט דער הונד בעגראָבען!

„ווייל אין דעם שלאָף וואָס רופט זיך טויט, מי יודע וואָס פאַר א חלומות מיר קענען האָבען; ווען מיר האָבען אַרונטערגעוואָרפען דיא שטערבליכע דעק פון אונז, דאַן זאָלען מיר לכל־הפּחות האָבען מנוחה. אָבער דאָס איז דיא אורזאַכע וואָס פיהרט אונז זיך אזוי אָנצוהאַלטען אַן לעבען! ווען ניט, ווער וואָלט עס דערטראָגען דיא שמיטץ און דיא חרפּות פון דעם אונטערדריקער'ס אונרעכט, דעם שטאָלצען מאַן'ס געמיינהייט, דיא שמערצען פון פעראַכטעטער ליעבע, דאָס אָבלעגען פון געזעטץ, דיא לומפּעריי פון טשינאָווניק, און דיא געמיינהייטען מיט ווערטער וואָס א שופט פּראָפּיטירט זיך מיט דעם געדולדיגען'ס פּערדיענסט, — יא ווער וואָלט דאָס אַלעס געליטען ווען ער זאָל וויסען אז ער קען זיך קויפען אייביגע רוה בלויז דורך א קינזשאַל?

„ווער וואָלט עס פערטראָגען, צו קרעכצען און זיפצען אונטער דער משא פון דעם לעבען, — יא, ווען ניט דיא מורא פאַר עפּעס נאָך'ן טויט? אָט יענעם אונענטדעקטעס לאַנד, פון וואַנען קיין רייזענדער האָט נאָך צוריקגעקעהרט, — דאָס פערטומעלט אונזער ווילען און מאַכט אונז בעסער ליידען דאָ וויא פון אַנדערע וואָס מיר קענען נאָך ניט!

„אָט אזוי מאַכט דאָס געוויסען פון אונז אַלע נאַררען; און אזוי ווערט דער איינגעבוירענער קאָליר פון ענטשלאָסענהייט קראַנק געמאַכט מיט דער בלאַסער דעק פון רעיונות. דערפאַר ווערען גרויסע און וויכטיגע אונטערנעהמונגען אונטערבראָכען, זייער גאַנג שטעלט זיך אָפּ און פערליערען דעם נאָמען פון טהעטיגקייט!"

עס איז נאָכהער געווען אויפ'ן ספּעציעלען אויפטראַג פון דעם קעניג, ווען דיא קעניגין האָט געשיקט רופען האַמלעט'ן, כדי זיא זאָל איהם זאָגען,

אז זיא איז ניט צופריערען מיט זיינע האנדלונגען און בענעהמונגען, דאס־זעלבע, נאטירליך, איז אויך מיט׳ן קעניג.

אין דערזעלבער צייט האט דער קעניג געפלאנט אויסצופארשען פון האמלעט׳ן וואס דאס אלעס בעדייטעט, אויף וויא וויים זיין פערדאכט געהט און אויב עס איז געווען עפעס אן אביזיכט אין דעם וואס ער האט געלאזט געבען גראדע אזא פארשטעלונג. אבער דער קעניג האט זיך ניט געוואלט פערלאזען אין גאנצען אויף זיין פרוי, ווייל ער האט געוואוסט, אז זיא איז פארטייאיש און וועט איהם געווים ניט מיטטהיילען דעם גאנצען אמת. וויכטיג פאר איהם איז איבערהויפט געווען אויסצוגעפינען פון האמלעט׳ס מויל אליין איבער דעם שטראם פון זיינע געדאנקען.

אום דאס אלעס דורכצופיהרען, האט ער בעאויפטראגט־זיין ראטהגעבער און אפעל׳א׳ס פאטער, פאלאניוס, אז ער זאל שפיעלען דיא ראלע פון דעם שפיאן און זיך אונטערהערען ערגיץ־וואו ביי א טהיר, הינטער א פארהאנג, צו דעם געשפרעך צווישען מוטער און זוהן.

עס איז מערקווירדיג, אז קעניגליכע ראטהגעבער אדער דיפלאמאטען, זיינען שטארק מסוגל צו דיעזער שמוטציגער ארבייט פון שפיאנירען און זיך אונטערהערען וואס יענער רעדט. פאר דער וועלט שפיעלען זיי דיא ראלע פון עהרענמענער, אבער אין פריוואט וועלען זיי זיך ניט אבשרעקען פאר דער גרעסטער לומפעריי אבי צו דערגרייכען זייער ציעל. נאך מעהר, עס מאכט זיי א בעזונדערעס פערגעניגען צו דיענען אלס שפיאן.

ווען דיא קעניגין האט געשיקט רופען איהר זוהן, איז ער באלד געקומען און זיא האט גלייך אנגעהויבען איהם פארצו־ווארפען פאר זיין בענעהמונג און איהם געזאגט, אז ער האט שטארק בעליידיגט „זיין פאטער,‟ מיינענדיג דערמיט דעם קעניג, זיין אנקעל, וועלכען זיא האט אנגערופען „האמלעט׳ס פאטער‟ ווייל זיא האט מיט איהם חתונה געהאט.

האמלעט וויעדער האט זיך געפיהלט שטארק בעליידיגט, ווארום זיא גיט איהם אזא טיטעל; ער האט דעם אנקעל זיינעם בעטראכט פאר א לומפ און א שופט, דער מערדער פון זיין געאכטעטען פאטער, און שטארק אויפגע־רעגט, האט ער אויסגערופען:

„מוטער, דוא האסט שטארק בעליידיגט מיין פאטער!‟

„דאס איז א שלעכטער ענטפער, זוהן,‟ האט דיא קעניגין בעמערקט.

„ניין, מוטער,‟ האט ער געזאגט שטרענג, „דאס איז פונקט אזא גוטער ענטפער וויא דיין פראגע איז געוועזן.‟

ווען דיא קעניגין האט דאס געהערט, האט זיא געפרעגט:

„האסטו פערגעסען צו וועמען דוא רעדסט?"

„אך, ליידער!" האט ער אויסגעשריען. „איך ווינש מיר נאר, אז הלואי וואלט איך געקענט פערגעסען. דוא ביסט דיא קעניגין, דיא פרוי פון דיין מאן'ס ברודער; און דוא ביסט מיין מוטער. הלואי וואלסטו ניט געווען וואס דוא ביסט!"

„אויב אזוי," האט דיא קעניגין געזאגט פול צארן, „אויב דוא ווייזט מיר אזוי וועניג רעספעקט, וועל איך צו דיר שיקען אזעלכע צו וועמען דוא וועסט קענען רעדען."

זיא האט נאר וואס געוואלט ארייגשיקען דעם קעניג אדער פאלאניוס'ן צו איהם.

אבער האמלעט האט זיא ניט געוואלט לאזען ארויסגעהען ביז ער וועט פרובירען און זעהען אויב זיינע ווערטער וועלען ניט קענען ווירקען זיא זאל אנערקענען איהר זינדיגעס לעבען. זיך שטעלענדיג פאר איהר, האט ער זיא פעסט אנגעכאפט ביי דער האנד, זיא צוגעהאלטען און זיא געצוואונגען זיא זאל זיך זעטצען.

גערטריוד, דערשראקען פאר זיין צו ערנסטער בענעהמונג און מורא האבענדיג פאר זיין שגעון טאמער וועט ער איהר עפעס טהון, האט אנגעהויבען צו שרייען און רופען הילפע.

דאן האט זיך געהערט א שטימע:

„העלפט, העלפט דער קעניגין!"

ווען האמלעט האט געהערט דיעזע שטימע, האט ער אין זיין פערווירונג געמיינט, אז דארט איז דער קעניג בעהאלטען. ער האט שנעל ארויסגעצויגען זיין שווערט און אנגעפאנגען צו שטעכען אין דעם פלאטץ פון וואנען דיא שטימע איז געקומען. ער האט אזוי לאנג געשטאכען ביז דיא שטימע האט אויפגעהערט און ער האט בעשלאסען, אז ווער דארט איז געווען, איז שוין טויט. נאכהער האט ער ארויסגעשלעפט דעם קערפער, און אנשטאט דעם קעניג, האט ער פאר זיך ערבליקט פאלאניוס'ן.

„וועה איז מיר!" האט דיא קעניגין אויסגעשריען. „וואס פאר אן איבעראיילטע און בלוטיגע טהאט דוא האסט בעגאנגען!"

„יא, מוטער, עס איז געווען אן איבעראיילטע און בלוטיגע טהאט," האט ער געענטפערט, „אבער דאך ניט אזוי שלעכט וויא דיינע, וואס האכט געהרג'עט דיין אייגענעם מאן און חתונה געהאט מיט זיין ברודער."

האַמלעט איז שוין צו ווייט געגאַנגען אום ער זאָל אָבלאָזען זיין אר־בייט אין מיטען. ער איז יעצט געווען אין אַ צושטאַנד ווען ער האָט געזענט רעדען דייטליכער מיט זיין מוטער וויא ער האָט נאָך ביז דאַמאָלס געררעדט.

אָבוואָהל קינדער דאַרפען פיעלע מאָל אוועק קוקען פון זייערע עלטערן׳ס חסרונות, אָבער ביי שווערע פערברעכענס איז עס ערלויבט דער זוהן זאָל מאַכען זיין אייגענער מוטער פאָרווירפע, כל־זמן ער מיינט דערמיט צו טהון אַ גוטע זאַך.

דער אונגליקליכער האַמלעט האָט דאַן געזאָגט זיין מוטער וואָס ער דענקט איבער איהר ווען זיא האָט געקענט אזוי שנעל פערגעסען אַן איהר מאַן, זיין פאַטער, דעם טויטען קעניג, און אין אַ קורצער צייט ארום הייראַטהען זיין ברודער, וועלכער איז געווען זיין מערדער. אַזאַ האַנדלונג, נאָכדעם וויא זיא האָט געשוואָרען אייביגע טרייהייט פאַר איהר מאַן, איז גענוג צו צווייפ־לען אַן דער שבועה פון יעדער פרוי, רעכענען יעדע פרויען־טוגענד פאַר היפּאָקריטסטוואָ, אַלע הייראַטהס־קאָנטראַקטען פאַר אַ שפּאָט און יעדע פרומקייט פאַר אַ געלעכטער.

„מוטער!“ האָט ער אויסגעשריען, „דוא האָסט געטהאָן אַזאַ זאַך, אַז דיא הימלען דאַרפען רויט ווערען פאַר חרפּה און דיא ערד דאַרף קראַנק ווערען פאַר בושה.“

דאַן האָט ער ארויסגענומען צוויי בילדער און איהר געוויזען. איינס האָט פאָרגעשטעלט דעם טויטען קעניג, זיין פאַטער, און דאָס אַנדערע דעם לעבעדיגען קעניג, איהר יעצטיגער מאַן. ער האָט זיא אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם גרויסען אונטערשיעד. דאָס בילד פון דעם טויטען קעניג, האָט ער געזאָגט:

„שטעלט פאָר — זעה, נאָר, גראַציע ליעגט אויף זיין שטערן, ער זעהט אויס וויא אַ גאָט! זיינע לאָקען זיינען וויא אַפּאָלאָ׳ס, זיין געזיכט וויא יופּיטער׳ס, זיינע אויגען וויא מאַרס׳עס, זיין האַלטונג וויא מערקור, וועל־כער האָט נאָר וואָס אַרונטערגעשטיגען אויף דעם הימעל־געקושטען באַרג! אָט דיעזער מאַן, מוטער, איז געווען דיין מאַן! יעצט קוק ווייטער און זעה ווער עס איז יעצט דיין מאַן“...

ער האָט איהם פאָרגעשטעלט מיט דיא פינסטערסטע און שרעקליכסטע פאַרבען.

דיא קעניגין האָט זיך געשעהמט און זיך געשפּירט שטאַרק געטראָפען, ווען איהר אייגענער זוהן האָט געקענט אזוי אריינקוקען טיעף אין איהר איי־

גענער נשמה, וועלכע האט ביי איהר שוין אויך אויסגעזעהען שווארץ און שרעקליך.

„מוטער!“ האט ער אויסגערופען, „וויא קענסטו ווייטער לעבען מיט דיעזען מאן? וויא קענסטו זיין זיין פרוי? דיעזער וואס האט ערמארדעט דיין מאן און אוועקגערויבט דיא קרוין וויא א גנב?“

וועהרענד ער האט גערעדט דיעזע ווערטער, איז ערשיענען דער גייסט — ער האט אזוי אויסגעזעהען וויא אין דער צייט ווען ער האט געלעבט. האמלעט, שטארק דערשראקען, האט געפרעגט וואס ער וויל.

דער גייסט האט געענטפערט, אז ער איז געקומען איהם דערמאהנען אן דער ראכע וואס ער האט פערשפראכען, וועלכע האמלעט האט אויסגעזעהען צו פערגעסען.

דאן האט דער גייסט ער וכט האמלעט׳ן ער זאל מילדער רעדען צו זיין מוטער, ווייל דיא שרעק קען זיא נאך טויטען.

דער גייסט וועלכער האט זיך בעוויעזען בלויז צו האמלעט׳ן, איז נאכ־דעם פערשוואונדען געווארען. גערטרויד איז נאר געוועזען שטארק דערשראקען, ווען זיא האט געזעהען האמלעט׳ן רעדען צו דער לופט, אבער זיא האט ניט בעמערקט קיין זאך. זיא האט זיך ערקלערט זיין בענעהמונג, אז דאס האט צו טהון מיט זיין געשטערטען פערשטאנד.

אבער האמלעט האט זיא געווארענט זיא זאל זיך ניט איינרעדען, אז דאס האט צו טהון מיט משוגעת, זאנדערן זיא זאל איהם גלויבען, אז איהר פערברעכען האט ווידער געבראכט זיין פאטער׳ס גייסט אויף דער ערד.

ער האט איהר גענעבען זיין האנד זיא זאל פיהלען זיין דופק, און זיך איבערצייגען, אז דאס איז ניט דער פולס־שלאג פון א משוגענעם. דאן האט ער זיא געבעטען מיט טרערען אין דיא אויגען זיא זאל מודה זיין פאר גאט אויף איהר פערגאנגענהייט און אין דער צוקונפט זאל זיא אויסמיידען דעם קעניג׳ס געזעלשאפט, און ניט מעהר זיין זיין פרוי. אז זיא זאל ווייטער בלייבען זיין געליעבטע מוטער, רעספעקטירען זיין טויטען פאטער און ער וועט זיא דאן בעטען זיא זאל איהם געבען איהר ברכה. ווען זיא האט איהם דאס אלעם פערשפראכען, האט זייער טרויעריגע קאנפערענץ זיך געשלאסען.

ווען דיא מוטער איז אוועק, האט האמלעט שוין מעהר צייט געהאט נאכצוקוקען און געניי זעהן ווער זיין קרבן איז געוועזען וואס ער האט דער־שטאכען. ווען ער האט געזעהען, אז דאס איז פאלאניוס, דער טאטע פון זיין געליעבטער, האט ער ביטער געוויינט אויף דעם וואס ער האט געטהאן.

דער מאָרד פון פאלאניוס'ן האָט דעם קעניג געגעבען אַ געלעגענהייט ארויסצושיקען האמלעט'ן פון דעם לאַנד. ער וואָלט איהם אודאי געלאָזט באלד הרג'ענען, ווייל ער האָט זיך געמערקט, אַז ער איז איהם געפעהרליך, אָבער ער האָט מורא געהאט פאר'ן פאָלק וואָס האָט געליעבט האמלעט'ן. דיא קעניגין אַליין, מיט אַלע איהרע חסרונות, איז געוועזן שטאַרק צוגעבונדען צו איהר זוהן.

קלוידיוס האָט אָבער געהאט אַן אַנדערן פּלאַן. ער האָט געלאָזט פערבריטען דיא נאַכריכט, אַז זיין איינציגער ציעל און שטרעבונג איז, צו בעשיטצען האמלעט'ן ער זאָל אַנדערע קיין שלעכטס ניט טהון און אַנדערע זאָלען איהם ניט בעריהרען. איבערהויפּט, האָט דער קעניג געזאָגט, זוכט ער צו ראַטעווען האמלעט'ן פון דיעזע וואָס ווילען זיך נוקם זיין אָן איהם פאר פאלאניוס'עס טויט.

אין דערזעלבער צייט האָט ער בעשטעלט אַ שיף וואָס זאָל פיהרען האמלעט'ן קיין ענגלאַנד צום ענגלישען קעניג. האמלעט האָט געזאָלט בעגלייטעט ווערען פון צוויי הויפליים און דיעזע האָבען געפיהרט בריעף קיין ענגלאַנד ערזוכענדיג דעם דאָרטיגען קעניג זאָפאָרט צו טויטען האמלעט'ן וויא ער וועט אָהין אָנקומען, און אזוי וויא ענגלאַנד איז געוועזן אונטערוואָרפען צו דענעמאַרק, וואָלט דער בעפעהל ווירקליך דורכגעפיהרט געוואָרען.

וויא מיר האָבען פריהער בעמערקט, איז האמלעט ניט געוועזן משוגע. פערקעהרט. ער איז געוועזן זעהר שאַרפזיניג און שטאַרק פאַרזיכטיג. ער האָט באלד פערדעכטיגט זיין אָנקעל, אַז ער דענקט עפּעס אַ שלעכטע זאַך. ער האָט דערפאַר, ביי נאַכט, אויף אַ געהיימען אופן, געקריגען דיא בריעף, זיי געעפענט און איבערגעלייענט זיין אייגענעם טויטעס אורטהייל. ער האָט דאַן קונסטפאָל אויסגעקראַצט זיין נאָמען און אריינגעשטעלט דיא נעמען פון דיא צוויי הויפליים, זיינע בעגלייטער, וועלכע האָבען איהם בעדאַרפט טויטען מיט דעם ענגלישען קעניג'ס איינשטימונג. דאַן האָט ער וויעדער פערזיעגעלט דיא בריעף און זיי אוועקגעלעגט וואו ער האָט זיי גענומען.

ווען דיא שיף איז שוין געוועזן אויפ'ן ים, האָבען פיראַטען, (ים־רויבער), אָנגעגריפען דיא שיף. האמלעט, וועלענדיג צייגען זיין העלדענמוטה, האָט ער געכאַפּט אַ שווערט און איז אריינגעשפּרונגען אין שונא'ס שיף. זיין שיף האָט דערווייל געפונען אַ געלעגענהייט צו ענטלויפען, און אזוי איז האמלעט געבליעבען צווישען דיא פיראַטען. דיא צוויי הויפליים האָבען אָבגעזעגעלט

קיין ענגלאנד און דארט האט מען זיי הינגעריכטעט לויט וויא עס איז געווען בעאויפטראגט אין דיא בריעף.

ווען דיא פיראטען האבען ערפאהרען, אז דעריעניגער וואס איז אריינגעפאלען אין זייערע הענד איז א פרינץ, האבען זיי זיך צו איהם געוויעזען אלס צערטליכע שונאים. אזוי גיך וויא זיי זיינען שוין געווען זיכער ווער ער איז, האבען זיי געוואלט ביי איהם נושא חן זיין, כדי, טאמער וועלען זיי עפעס אמאל דארפען, זאלען זיי עס ביי איהם פועל'ן. זיי האבען איהם דערפאר צוגעפיהרט צו דער נאהענטער האפען־שטאדט פון דענעמארק און איהם דארט אבגעלאזט.

האמלעט האט גלייך פון דארט געשריעבען צום קעניג און איהם בעקאנט געמאכט מיט אלעמען וואס עס האט פאסירט, און דאן האט ער אנגעצייגט, אז אויפ'ן צווייטען טאג וועט ער ערשיינען פאר זיין מאיעסטעט.

אבער ווען האמלעט איז אנגעקומען אהיים, האט איהם בעגעגענט א טרויעריגעס בילד.

עס איז געמליך געווען דיא לויה פון דער יונגער און שעהנער אפעליא, זיין אמאליגע געליעבטע.

עס וויעזט זיך ארויס, אז אפעליא'ס פערשטאנד האט אנגעהויבען פערווירט צו ווערען זייט איהר פאטער פאלאניוס איז ערמארדעט געווארען דורך איהר געליעבטען. דאס ארעמע מיידעל האט אין אנפאנג זיך עס גאר ניט געקענט פארשטעלען, נאר ווען זיא האט עס בעגריפען, האט איהר געהירן איינפאך פערלוירען זיין קראפט ווייטער צו דיענען.

זיא האט פון דאן אן געזונגען ליעדער, מאנכע איבער ליעבע, אנדערע איבער טויט און פערצווייפלונג, און מאנכע מאל האט זיא גלאט אזוי געזונגען אליין ניט וויסענדיג איבער וואס.

עס איז געווען א טייכעל נעבען וועלכען'ס ברעג איז געשטאנען א גרויסע ווערבע, וועמעס צווייגען האבען געהאנגען איבער דעם וואסער. אט צו דיעזען טייכעל פלעגט זיא געהען יעדען טאג איינע אליין, זיך שפיעלענדיג מיט פערשיעדענע בלומען, פלעכטענדיג קראנצען און זיי אויפהיינגענדיג אויף דיא צווייגען. קריכענדיג האט זיך א צווייג איבערגעבראכען און זיא איז אריינגעפאלען.

ניט האבענדיג איהר פערשטאנד און ניט וויסענדיג גענוי וואס מיט איהר האט פאסירט, האבען זיא דערוויל דיא קליידער געטראגען מיט'ן

שטראָם אין זיא האָט ווייטער געזונגען. דאַן זיינען דיא קלײדער נאַס געװאָרען און זינגענדיג איז זיא פערזונקען און דערטרונקען געװאָרען.

אָט דיעזע לויה האָט בעגעגענט האמלעט׳ן; און צו דער לויה איז נאָכגעגאַנגען אפעליא׳ס ברודער לאערטעס, דער קעניג, דיא קעניגין און דער גאַנצער הויף. האמלעט האָט אין אָנפאַנג ניט געוואוסט וואָס דאָס אַלעס בעדייטעט, דערפאַר איז ער געשטאַנען פון וויטען און קיינעם ניט געוואָלט שטערן.

דאַן האָט ער בעמערקט וויא בלומען זיינען אויסגעשפרייט געוואָרען נעבען קבר, און זיין מוטער, אויך אויסשפרייטענדיג בלומען, האָט זיא געזאָגט:

„איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דאַרפען בעדעקען דיין כלה־בעט, אָבער ניט דיין קבר. דאַן, זיסעס קינד, האָסטו געזאָלט זיין מיין האמלעט׳ס פרוי."

האמלעט האָט שוין פערשטאַנען.

ער האָט נאָך מעהר פערשטאַנען, ווען ער האָט געזעהען אפעליא׳ס ברודער לאערטעס אריינשפרינגענדיג אין קבר, און זייענדיג פול מיט פערצווייפלונג, האָט ער געבעטען מען זאָל אַרויפשיטען ערד אויך אויף איהם, כדי ער זאָל בעגראָבען ווערען גלייך מיט זיין שוועסטער.

האמלעט׳ס געוועזענע ליעבע פאַר דער שעהנער אפעליא האָט פּלוצלונג צוריק געקעהרט און ער האָט ניט געקענט צוזעהען וויא איהר ברודער פערליערט זיך אַזוי פון שמערץ, ווייל ער האָט גערעכענט, אַז ער האָט געליעבט אפעליא׳ן מעהר וויא פערציג טויזענד ברידער.

ביי דיעזען צושטאַנד פון זיינע געדאַנקען איז ער ערשיענען, אריינגעשפרונגען אין קבר וואו לאערטעס איז געווען, און נאָך מעהר פערצווייפעלט וויא ער. לאערטעס, וויסענדיג, אַז ער איז געווען דיא הויפּט אורזאַכע פון זיין שוועסטער׳ס טויט, האָט ער איהם אָנגעכאַפּט ביים האַלז. ער וואָלט איהם געוויס דערוואָרגען ווען דיא אַנוועזענדע וואָלטען זיך ניט אריינגעמישט און זיי צושיידט.

נאָך דער קבורה, האָט האמלעט זיך ענטשולדיגט פאַר זיין איבעראיילטען שריט וואָס ער איז אריינגעשפרונגען אין קבר, „אָבער," האָט ער בעמערקט, „איך האָב מיך ניט געקענט קאָנטראָלירען פאַר שמערץ."

לאערטעס האָט אָנגענומען דיעזע ענטשולדיגונג און דיא צוויי יונגע לייט זיינען פאַרלויפיג פערבליעבען פריינד.

דער קעניג ווידער האט דא געזעהען אן אנדער׳ע געלעגענהייט. ער האט געוואוסט, אז אזוי גיך קען זיך ניט פערגעסען דער טויד פון א פאטער און א שוועסטער; ער האט אלזא אנגעווענדעט אלעס מעגליכע אויפצובלאזען דאס פייער פון האס אין לאערטעס׳ן אום דורכצופיהרען זיין פלאן און אבראמען פון דער וועלט האמלעט׳ן.

נאך דעם וויא עס איז איהם געלונגען נאך א מאל אויפצורעגען לאערטעס׳ן, האט ער איהם געראטהען, אז אונטער דעם מאנטעל פון פריעדען, זאלען זיי ביידע פרובירען זייער קונסט אין פעכטען מיט שווערטען. לאערטעס האט געמאכט דעם אנטראג, האמלעט האט איהם אנגענומען און א טאג איז בעשטימט געווארען פאר דער פעכטעריי.

צו דיעזער פארשטעלונג איז געווען בעשטימט, אז דער גאנצער הויף זאל זיין אנוועזענד. לאערטעס ווידער, אויף דעם קעניג׳ס אנטראג און ראטה, האט פארבערייטעט א פערגיפטעטעס שווערט.

אויף דיעזער פעכטעריי האבען פיעלע געמאכט גרויסע וועטעס, ווייל דיא צוויי יונגע לייט זיינען געווען בעקאנט אלס דיא גרעסטע קינסטלער אין פעכטען.

דער קאמפף האט אנגעפאנגען און האמלעט, וויא דער שטייגער איז, האט ניט פריהער בעטראכט זיין געגנער׳ס שווערט. וויא דער מנהג איז, האבען אזעלכע פעכטער בעדארפט קעמפפען מיט שטומפיגע שווערטען אהן שפיטצען. האמלעט, זייענדיג אליין אן עדעלער מענש, איז איהם גאר ניט איינגעפאלען צו פערדעכטיגען לאערטעס׳ן, מיט וועמען ער איז שוין געוועזן ווידער פריינדליך.

ביים אנפאנג קאמפף, האט לאערטעס, וויא אוממיסטען, געלאזט, אז האמלעט זאל קריגען איבער איהם עטליכע זיעגען. יעדער האט אפלאדירט האמלעט׳ן, איבערהויפט דער קעניג איז געווען מלא שמחה איבער זיין קונסט און געטרונקען צו האמלעט׳ס טריאומף. ער האט אויך געמאכט גרויסע וועטעס אויף האמלעט׳ן. אבער אזוי וויא לאערטעס האט זיך אנגעהויבען צו דערווארעמען, האט ער, פול צארן, געגעבען האמלעט׳ן א שטויס מיט זיין שווערט און איהם געטראפען מיט׳ן שפיטץ, וועלכער איז געווען פערגיפטעט און בעדייטעט טויט.

האמלעט האט פון קיין זאך ניט געוואוסט וואס דיעזער שטויס בעדייטעט.

דאן האט מען אויסגערופען א רעצעז, אדער פויזע. ווען דער קאמפף

האט ווידער אנגעפאנגען, האט האמלעט, על־פי טעות, גענומען לאער־טעס׳עס שווערט, און ניט וויסענדיג, אז דיעזעס שווערט האט א שפיטץ, האט ער גיגעבען א שטיס און שיער דורכגעבויערט לאערטעס׳ן.

אין דיעזען אויגענבליק האט דיא קעניגין ארויסגעלאזט א יאמערליכען געשריי, אז זיא איז פערגיפטעט.

דיא זאך דערפון איז אזוי געווען: דער קעניג, אום צו זיין זיכער, אז ער ווערט לויז פון האמלעט׳ן, האט ער פארבערייטעט א בעכער מיט פער־גיפטעטען וויין, דאס הייסט, אין פאל עס זאל לאערטעס׳ן ניט געלינגען דורכצופיהרען זיין פלאן, דאן זאל ער דעם טריאומפירענדען האמלעט מכבד זיין מיט א פארציע סם־המות. ער האט פערגעסען אנצוזאגען דער קעניגין זיא זאל ניט טרינקען פון דעם בעכער, און זיא האט געטרונקען. זיא האט נאר געגעבען איין געשריי, און איז דאן אומגעפאלען טויט.

האמלעט האט באלד פערשטאנען, אז דא איז עפעס א פערראטה. ער האט אנגעפאנגען צו זוכען און פארשען, אבער לאערטעס האט איהם אבגע־שטעלט אין געזאגט ער זאל ווייטער ניט זוכען, ווייל ער איז דער פער־רעטהער.

אין דערזעלבער צייט האט לאערטעס געשפירט, אז האמלעט׳ס שטויס, וועט איהם, לאערטעס׳ן, ניט געבען פיעל צו לעבען. ער האט דערפאר אויף אלעמען מודה געווען און צוגעגעבען, אז ער אליין איז געפאלען אלס אפפער פון זיין אייגענע פערראטה.

„אבער, האמלעט,“ האט ער ווייטער געזאגט, „אויך דו האסט העכס־טענס צו לעבען נאך א האלבע שטונדע, ווייל קיין מעדיצין אין דער וועלט וועט דיר מעהר ניט העלפען.“

דאן האט ער געבעטען האמלעט׳ן ער זאל איהם מוחל זיין, און ער איז געשטארבען.

אבער מיט זיין לעצטען אטהעם האט ער בעשולדיגט דעם קעניג, אז ער איז געווען דער פלאן־מאכער פון דעם פעררעטהערישען מארד.

ווען האמלעט האט פערשטאנען, אז זיין ענדע דערנעהענטערט זיך, האט ער זיך דערמאהנט אן דעם פערגיפטעטען שווערט. כאפענדיג דעם אינ־סטרומענט, איז ער צוגעלאפען צו זיין אנקעל און איהם דורכגעשטאכען זיין הארץ, ער־פילענדיג דאס פערשפרעכען וואס ער האט געמאכט זיין פאטער׳ס גייסט. ער האט זיך אלזא נוקם געווען פאר זיין פאטער׳ס טויט.

האמלעט האט געשפירט, אז זיין אטהעם לאזט זיך אויס און דער

טויט קומט אַלץ נעהענטער. ער האָט זיך געווענדעט צו זיין פריינד האָראַ־ציאַ, וועלכער האָט בייגעוואָהנט דיא גאַנצע טראַגעדיע.

האראציאָ, וויא עס שיינט, האָט בעשלאָסען צו שטאַרבען, צוזאַמען מיט האַמלעט'ן, ווייל ער האָט געמאַכט אַ צייכען, אַז ער וויל איהם נאָכ־פאָלגען אין קבר. האַמלעט וויעדער, מיט זיין לעצטען אַטהעם, האָט איהם געבעטען ער זאָל לעבען, כדי ער זאָל דערצעהלען דער וועלט דיא גאַנצע שוידערהאַפטע געשיכטע.

האָראַציאָ האָט איהם פערשפּראָכען אַזוי צו טהאָן.

ווען האַמלעט האָט געזעהען זיין ראַכע דורכגעפיהרט, האָט זיין עדע־לעם האַרץ געפּלאַצט און ער איז געפאַלען טויט.

אַט אַזוי האָט זיך געענדיגט דיא טראַגעדיע אין הויף פון דעם קעניג פון דענעמאַרק, און האראציאַ איז צוריק געבליבען צו דערצעהלען דער וועלט, וואָס ער האָט בייגעוואָהנט.

# דיא צעהמונג פון דער ארורה*).

באפטיסטא איז געוועזן א רייכער קויפמאן פון פאדוא. זיין עלטעסטע טאכטער, קאטהערינא, איז געוועזן א בעריהמטע ארורה. זיא איז געוועזן א פרויענצימער פון אזא העפטיגען כאראקטער, זיא האט געהאט אזא מענה לשון און געקענט אזוי זידלען, אז גאנץ פאדוא האט מיט איהר גע'שם'ט, און יעדער האט זיא גערופען דיא ארורה.

קיינער האט זיך דערפאר ניט געוואלט גלויבען, אז עס וועט זיך געפינען עפעס אן אנשטענדיגער מענש חתונה צו האבען מיט אזא שטיק סחורה. דער ארעמער באפטיסטא, איז אבער אויך דערפאר געוועזן געצוואונגען צו ענטזאגען פיעלע פראמינענטע יונגע לייט, וואס האבען געוואלט חתונה האבען מיט זיין אינגערע טאכטער, דיא שטילע און רוהיגע ביאנקא.

---

*) מיר האבען זיך בעמיהט איבערצוגעבען א קאררעקטע אדער ווערטליכע איבערזעטצונג פון יעדען טיטעל וויא אין אריגינאל, ביי דיעזען טיטעל זיינען מיר ניט שטארק זיכער געוועזן מיט דער איבערזעטצונג. דער אריגינאל הייסט „דהי בעימינג אוו דהי שריו", אין דייטשען הייסט עס, „דיא צעהמונג דער ווידערשפענסטיגען," אבער אין אידיש, וויא עס שיינט, איז ניטא קיין איבערזעטצונג אויף „טעימינג" און אויך ניט אויף „שריו". „טעימינג" זאל אייגענטליך הייסען ווען מען מאכט פון א ווילדע זאך א רוהיגע, און „שריו" איז א מין סעריכע, אדער, בעסער געזאגט, ארורה. מיר האבען אלזא איבערזעצט „די צעהמונג פון דער ארורה"; מיר דענקען, אז דאס דריקט אוים דעם געדאנק, איבריגענס, ווי זאגט שעקספיער אליין: „וואס ליעגט אין א נאמען!" דער נאמען איז גאר ניט, דאס ווערק איז דיא הויפטזאך.

דער בעארבייטער.

דאן האט פאסירט, וואס א יונגער מאן איז געקומען קיין פאדוא, שפעציעל צום צוועק אום אויפצוזוכען א פרוי. דער נאמען פון דיעזען יונגען מאן איז געוועזען פעטרוקיא. ער האט געהערט פון קאטהערינא׳ס ווילדען צארן, אבער, אז זיא איז אויך זעהר שעהן און רייך.

פעטרוקיא איז געוועזען, וויא מען זאגט, א חברה־מאן. אונגעפעהר אזא מאן, דאס ווען ער דערזעהט א ווילד פערד, וויל ער גראדע דארויף רייטען און דאס בעזיעגען. ער האט אויך געקריגען א גרויסען חשק חתונה צו האבען מיט קאטהערינא׳ן און זיא בעזיעגען, דאס הייסט, פערוואנדלען אין א רוהיגער און געלאסענער פרוי.

עס איז אפילו געוועזען א געוואגטער וואונש, אבער מענער מיט שטארקע כאראקטערע, האבען פונקט ליעב וואס עס איז שווער.

אין אמת׳ן, איז קיינער אויך ניט געוועזען אזוי פאסענד פאר אזא אונטערנעהמונג וויא פעטרוקיא. ער איז ניט נאר געוועזען א העלדישער יונג, זאנדערן אויך א גרויסער וויטצלינג און זיך ניט אבגעשראקען פאר א שטאך־ווארט. דערצו איז ער אויך געוועזען קלוג, איבערלעגט און ענטשלאסען.

דיעזער פעטרוקיא איז אלזא אוועק צו קאטהערינא׳ן אום זיך צו איהר צו ערקלעהרען אין ליעבע. פאר אלעמען, נאטירליך, האט ער זיך געווענדעט צו איהר פאטער באפטיסטא, פערלאנגענדיג פון איהם דיא ערלויבניס, ער זאל זיך שדכ׳ענען צו זיין „צערטליכער טאכטער,״ קאטהערינא, און דאן האט ער בעמערקט:

„איך האב געהערט, אז זיא איז א שעהמעדיגע, אז זיא איז א מילדע, אז זיא קען ניט רעדען א הויך ווארט, און דערפאר בין איך אהער געקומען פון וועראנא אום צו פרובירען זיא צו געווינען אלס מיין פרוי.״

כאטש באפטיסטא האט זעהר געוואלט, אז קאטהערינא זאל חתונה האבען און ער אליין זאל פון איהר פטור ווערען, פון דעסטוועגען האט ער ניט געוואלט קיינעם פערפיהרען און ערקלערט פעטרוקיא׳ן, אז דאס אלעס וואס ער האט איבער איהר געהערט, איז ניט אמת. און אז דאס אלעס איז א פאקט, האט זיך ארויסגעוויזען דערפון, וואס פונקט דאמאלס איז אריינגעלאפען קאטהערינא׳ס מוזיק־לעהרער דערצעהלענדיג, אז דיא „צערטליכע טאכטער״ האט צובראכען דיא הארפע איבער זיין קאפ, בלויז דערפאר, ווייל ער האט אויסגעזעצט א פעהלער אין איהר שפיעלען.

ווען פעטרוקיא האט דאס געהערט, האט ער אויסגערופען:

„אך, זיא איז א בראוועס מיידעל! זיא געפעלט מיר מעהר וויא אלעס

אין דער וועלט, און איך בין שטארק אונגעדולדיג צו האבען מיט איהר אן אונטעררעדונג."

דאן זיך ווענדענדיג צו באפטיסטא'ן, האט ער געזאגט:

„איך האב זעהר ווייניג צייט סיניאר באפטיסטא, איך קען ניט קומען יעדען טאג מיך שדכ'ענען. איהר האט געקענט מיין פאטער, ער איז טויט, און מיך צוריקגעלאזט אלס יורש פון אלע זיינע גיטער. זאגט מיר אלזא, ווען איך זאל געווינען אייער טאכטער'ס ליעבע, וואס פאר א נדן וועט איהר מיר געבען?"

באפטיסטא האט אפילו גערעכענט, אז פאר א יונגען מאן וואס וויל חתונה האבען איז עס ניט קיין גאנץ פאסענדע בענעהמונג, אבער דער אמת איז, אז ער האט געוואלט פטור ווערען פון קאטערינא'ן און ער האט גע־ענטפערט, אז ער איז בערייט צו געבען זיין טאכטער צוואנציג טויזענד קרוינען נדן און נאך זיין טויט, א העלפט פון זיינע גיטער.

פעטרוקיא האט קיין סך שהיות ניט געמאכט און בעשטאנען אויף'ן שידוך. באפטיסטא איז דאן אוועק זאגען זיין טאכטער וואס עס האט פאַ־סירט און זיא אויך געשיקט צו פעטרוקיא'ן צו הערען זיין ליעבעס ער־קלערונג.

דערוויל האט פעטרוקיא אויסגעארבייט א פלאן וויא צו האנדלען מיט דער ארורה. ער האט צו זיך אליין אזוי געזאגט:

„איך וועל זעהען איהר ערקלערען ליעבע וויא עס דארף צו זיין. טאמער עפענט זיא איהר פיסק און איז מיך מכבד מיט א פארציע רייד וואס קענען אויפוועקען א טויטען, וועל איך איהר זאגען, אז זיא זינגט אזוי שעהן וויא א נאכטיגאל; ווען זיא וועט מיך אנקוקען בייז, וועל איך איהר זאגען, אז זיא זעהט אויס וויא שעהנע רויזען נאר וואס אבגעוואשען פון טהוי. ווען זיא וועט גאר שווייגען, וועל איך לויבען און ריהמען איהר פרעכטיגע שפראך; ווען זיא וועט מיר הייסען געהן, וועל איך איהר דאנקען, דערפאר וואס זיא לאדעט מיך איין צו בלייבען."

ביי דיעזע ווערטער איז קאטהערינא ערשיענען.

פעטרוקיא האט צו איהר באלד געזאגט:

„גוט מארגען קייטי, ווייל איך האב געהערט, אז דאס איז דיין נאמען."

קייטי איז דיא אבקירצונג פון קאטערינא און, וויא געוועהנליך, ערלוי־בען זיך נאר היימישע מענשען אזוי צו רופען א מיידיל. עס איז איהר

באלד ניט געפעלען געוואָרען אזא לשון, און פול מיט פערלאכטונג האָט זיא געזאָגט :

„דיעזע וואָס רעדען צו מיר, רופען מיך קאטערינא.“

„זאָגסט א ליגען,“ האָט פעטרוקיאָ געענטפערט, „דיין נאָמען איז קייטי, דיא ליעבליכע קייטי, און א מאָל קייטי דיא ארורה. אָבער קייטי, דו ביסט דיא שעהנסטע קייטי אין דער וועלט, און דערפאר, קייטי, נאָכדעם וויא איך האָב געהערט רעדען איבער דיין גוטסקייט אין יעדער שטאָדט, בין איך דיר געקומען אָנבאָטען מיין ליעבע און דיך נעהמען פאר מיין פרוי.“

עס איז געוועזען א מערקווירדיגע ערשטע בעקאנטשאפט. זיא האָט געשריען און געליארעמט, איהם איבערצייגענדיג, אז זיא האָט עהרליך פערדיענט דעם נאָמען ארורה, ווערענד ער האָט געלויבט און געריהמט איהר מילדעס געמיטה און עדעלע ווערטער, ביז, ענדליך, ווען ער האָט געהערט, אז איהר פאטער קומט, האָט ער געזאָגט :

„זיסע קאטערינא, לאָמיר אָבלאָזען דיא פוסטע רייד, ווייל דיין פאָטער האָט שוין איינגעשטימט דו זאָלסט זיין מיין פרוי, איבער דעם נדן האָבען מיר זיך שוין אויך אויסגעגלייכט, און אויב דו ווילסט אָדער ניט, וועלען מיר שוין סאי־ווייא־סאי חתונה האָבען.“

ווען באפטיסטא איז אריין, האָט איהם פעטרוקיא דערצעהלט, אז זיין טאָכטער האָט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען און איהם פערשפראָכען חתונה צו האָבען נעכסטען זונטאג.

קאטערינא האָט דאָס אָבגעלייקענט, און קריצענדיג מיט דיא צייהן האָט זיא געזאָגט :

„בעסער וועל איך איהם זעהען אויפגעהאָנגען נעכסטען זונטאג !“

דאן האָט זיא געמאכט איהר פאטער ביטערע פאָרווירפע ווארום ער וויל זיא זאָל הייראטהען אזא „משוגענעם לימפ“ וויא פעטרוקיאָ. אָבער פעטרוקיאָ האָט געבעטען באפטיסטא׳ן ער זאָל זיך ניט קימערן איבער איהר כעס, ווייל ער האָט מיט איהר פריהער שוין אָבגערעדט, אז זיא זאָל זאָגען, דאָס זיא בעשטעהט ניט דארויף, וועהרענד, אין אמת׳ן, ווען זיי זיינען אליין, איז זיא זעהר ליעבענסווירדיג.

„גיב מיר דיין האָנד, קייטי,“ האָט ער געזאָגט, „איך וועל אוועקפאָהרען קיין ווענעדיג און דיר קויפען א חתונה־קלייד“. צו באפטיסטא׳ן : „זעה נאָר, פאטער, און לאָד איין דיא חתונה געסט. איך וועל געוויס מיטברענגען רינגען, פיינע אויסשטאטונג און רייכע קליידער, כדי מיין

קאטערינא זאָל אויסזעהען שעהן. יעצט, קייטי, קוש מיך, ווייל נעכסטען זונטאג האָבען מיר חתונה.״

זונטאג זיינען שוין געווען אלע געסט פערזאמעלט, אָבער זיי האָבען לאנג געוואַרט ביז פעטרוקיאָ איז געקומען, און קאטערינא האָט געוויינט פאַר שמערץ, מיינענדיג, אז פעטרוקיא האָט פון איהר נאָר חוזק גע־געמאַכט.

ענדליך איז ער ערשיענען, אָבער ער האָט איהר גאָר ניט מיטגע־בראכט, ער איז אויך ניט געווען אָנגעטהאָן וויא אַ חתן, נאָר אין אַ גאַנץ וואָכעדיגען בגד, פונקט וויא ער וואָלט געוואָלט מאַכען שפּאַס פון דער גאַנצער געשיכטע. זיינע דיענער און זיין פערד אויף וועל־כען ער איז געקומען, זיינען אלע געווען מאָדנע פערשטעלט, אַלעס מעשי חוזק.

קיינער האָט ניט געקענט בעוועגען פעטרוקיא׳ן איבערצובייטען זיינע קליידער. ער האָט בעהויפּטעט, אז ער געהט חתונה האָבען מיט קאַטע־רינאַ׳ן ניט מיט קיין קליידער. זעהענדיג, אז דיא גאַנצע טענות זיינען אומזיסט, איז מען אוועק אין קירכע. ער האָט זיך אַלץ אויפגעפיהרט וויא אַ פערריקטער, ווייל דער גלח האָט געפרעגט וויא דער מנהג איז, אויב דיא כלה וויל ווערען זיין פרוי האָט פעטרוקיא, מיט אַ פלוך אויס־געשריען:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע! זיא מוז, זיא דאַרף ווערען מיין פרוי!״

אַלע אַנוועזענדע האָבען זיך דערשראָקען. ביים גלח איז ארויסגעפאַלען דאָס בוך פון דער האַנד, און ווען ער האָט זיך אָנגעבויגען דאָס אויפ־הייבען, האָט איהם פעטרוקיא געגעבען אַזאַ פּאַטש, אז דער גלח אַליין איז אויך אומגעפאַלען.

פעטרוקיא האָט דיא גאַנצע צייט געשאָלטען, געפלוכט, געשריען און געקלאַפּט מיט דיא פיס. דיא העלדישע קאַטערינאַ האָט פערלוירען איהר גאַנצען מוטה און געציטערט פאַר שרעק.

וויא דיא צערעמאָניע איז געווען פאַריבער און זיי זיינען נאָך גע־ווען אין קירכע, האָט פעטרוקיא אויסגעשריען, אז ער וויל וויין. דאַן האָט ער געטרונקען צו דער געזונדהייט פון אַלע אַנוועזענדע, און אַ טהייל פון דעם וויין האָט ער אריינגעגאָסען אין גלח׳ס געזיכט.

ווילד און אומגעלומפּערט איז דאָס אַלעס צוגעגאַנגען, אָבער פעטרו־

קיא האט געהאט זיין פלאן צו צעהמען דיא ארורה און ער האט דעם פלאן נאכגעפאלגט.

באפטיסטא האט פריהער פארבערייטעט א פרעכטיגע סעודה, אבער ווען זיי זיינען געקומען פון דער קירכע, האט פעטרוקיא אנגענומען קא־טערינא׳ן ביי דער האנד און ערקלערט, אז ער וויל זיא זאפארט אהיים פיה־רען צו זיך. קיין געבעט פון זיין שווער האט געהאלפען, קיין אויפרעגונג פון זיין כלה האט אויף איהם געווירקט.

„זיא איז מיין פרוי,״ האט ער געזאגט, „און איך, איהר מאן, האב א רעכט צו טהון וואס איך וויל!״

אזוי האט ער גענומען קאטערינא כמעט מיט געוואלט, און זיא אוועק־געפיהרט.

פעטרוקיא האט ספעציעל אויסגעזוכט אן אלטע, מאגערע און מיאוס׳ע שקאפע און דארויף אויפגעזעצט זיין ווייב; ער און זיין דיענער האבען זיך אויפגעזעטצט אויף גוטע פערד. זיי זיינען געפאהרען איבער א בארג־און־טהאל און בלאטיגען וועג. ווען דיא אלטע שקאפע אונטער קאטע־רינא׳ן איז געפאלען, אדער ניט געקענט שנעל נאכקומען, האט פעטרוקיא געשאלטען דיא ארעמע בהמה, וועלכע האט קוים געקענט אויף זיך טראגען דיא שווערע משא.

ענדליך נאך א שווערער רייזע, וואו קאטערינא האט ניט געהערט קיין אנדערע זאך פון איהר מאן וויא געשרייען מיט געוואלטען, זיינען זיי אנ־געקומען אין פעטרוקיא׳ס וואהנונג.

פעטרוקיא האט אפילו גאנץ עדעל געוואונשען קאטערינא׳ן ווילקאמען אין איהר נייער היים, אבער ער האט בעשלאסען, אז זיא זאל זיך ניט אויסרוהען און ניט עסען דיעזע נאכט. דיא טישען זיינען געווען געדעקט און עסען איז באלד אויפגעגעבען געווארען, אבער פעטרוקיא האט זיך געמאכט, אז ער געפינט חסרונות אין עסען און אלעס ארונטערגעווארפען אויף דער ערד און געהייסען דיא דיענער עס באלד ארויסטראגען. בשעת ער האט דאס געטהאן, האט ער געזאגט קאטערינא׳ן, אז ער טהוט עס אויס ליעבע צו איהר, ווייל ער וויל ניט זיא זאל עסען פלייש וואס איז ניט גוט צובערייטעט.

דער הונגער און דיא שרעקליכע מיעדיגקייט, האבען פון איהר פער־לאנגט זיא זאל זיך וועניגסטענס אויסרוהען, און דערפאר, ווען זיא האט געוואלט זיך לעגען שלאפען, האט ער געפונען חסרונות אין בעט. ער האט

אַנגעהויבען צו ווארפען דיא קישען איבער דעם צימער, און דאַ איז זיא געצוואונגען געווען זיך אַניעדער צו זעטצען אויף א שטוהל וואו זיא איז אַנטשלאַפען געוואָרען. איהר מאַן'ס שטימע האָט זיא אָבער באַלד אויפ־געוועקט, שרייענדיג און שטורמענדיג אויף זיינע דיענער ווארום זיי האָ־בען אזוי שלעכט אויסגעבעט פאר זיין כלה.

אויף'ן צווייטען טאָג האָט פעטרוקיאָ געטהאָן דאָס זעלבע. ער האָט נאָך אימער גערעדט מיט קאַטערינאַ'ן גוט און עדעל, אָבער אַזוי שנעל וויא זיא האָט געוואָלט עסען, האָט ער באַלד געפונען א חסרון אין פריהשטיק און אלעם ארונטערגעוואָרפען אויף דער ערד. דיא שטאָלצע קאַטערינאַ, דיא ארורה, האָט געבעטען ביי דיא דיענער כאָטש א שטיקעל ברויט, אָבער אזוי וויא פעטרוקיא האָט זיי אַנגעזאָגט אין געהיים זיי זאָלען איהר גאָר ניט געבען, האָבען זיי געענטפערט, אז אָהן זייער הערר'ס איינשטימונג וואגען זיי ניט צו טהון אזאַ זאַך.

„אך," האָט זיא געמורמעלט פול שמערץ, „האָט ער מיט מיר חתונה געהאַט אום מיך צו לאָזען שטאַרבען פאר הונגער? בעטלערס וואָס זיינען געקומען צו מיין פאָטער'ס הויז האָבען געקריעגען צו עסען. איך, וואס האָב קיין מאָל ניט געוואוסט וואָס דאָס הייסט עפּעס בעטען, געה איינפאך אוים פאר א שטיקעל ברויט; איך פאַל אום פון שלאָף, און ווען איך כאַפּ שוין אַ דרעמעל, וועקט ער מיך אויף מיט זיינע ווילדע קולות. און וואָס מיך ערגערט איבערהויפּט איז, וואָס ער טהוט דאָס אלעם אונטער דעם אויסרייד, אז ער האָט מיך ליעב, בעהויפּטענדיג, אז עסען אָדער שלאָפען, וואָלט מיך געטויטעט".

דיעזע געדאַנקען זיינען אונטערבראָכען געוואָרען דורך פעטרוקיא'ס ערשיינען. ניט וועלענדיג זיא זאָל ווירקליך אויסגעהען פון הונגער, האָט ער איהר געבראַכט אַ שטיקעל פלייש און געזאָגט:

„וואָס טהוט עפּעס מיין זיסע קייטי? אָט זעה, געליעבטע, וויא פלייסיג איך בין. איך אליין האָב פאר דיר צוגעגרייט אַ שטיקעל פלייש. איך בין זיכער, אז מיין גוטסקייט פערדיענט אַ דאַנק. וואָס, קיין וואָרט? אך, דאָן, וויא איך זעה, געפעלט דיר ניט דאָס פלייש און מיין גאַנצע אר־בייט איז געווען אומזיסט."

ער האָט גלייך אַריינגערופען דיא דיענער און געהייסען ארויסטראָגען דאָס עסען.

ער שרעקליכער הונגער וואָס האָט שטאַרק ווייך געמאַכט קאַטערינאַ'ן,

האַט זיא געצוואונגען, אַבוואָהל זעהר אויפגערעגט צו זאָגען :

„איך בעט דיך, זאָל עס שטעהען.״

אָבער פּעטרוקיא איז דערמיט ניט געווען צופריעדען און בעמערקט :

„דיא ערגסטע ארבייט ווערט בעצאהלט מיט א דאנק, און דאָס זאָלסטו טהון איידער דוא עסט.״

קאַטערינא האָט צעגערענד אַרויסגעשטאָמעלט :

„איך דאַנק דיר.״

פּעטרוקיא האָט איהר דאַן ערלויבט צו עסען דאָס שטיקעל פלייש וואָס איז געווען צו וועניג אפילו פאר א האַלב זאַטען מענשען.

„זאָל עס וואויל טהון דיין גוטעם הארץ,״ האָט ער געזאָגט, „עסס, עסס, מיין גוטע קייטי ; עסס וויפיעל דיין הארץ גלוסט. יעצט מיין האָניג־זיסע קייטי, וועלען מיר צוריק קעהרען צו דיין פאטער און זיך דאָרט א ביסעל אַמוזירען, זיך אנטהוענדיג אין זייד און גאָלדענע רינ־גען״ . . .

און אום זיא צו מאַכען גלויבען, אז ער וויל זיאווירקליך אנטהון וויא ער האָט געזאָגט, האָט ער געלאָזט רופען א שניידער אין א פּוצמאַכער, וועלכע האָבען פאר איהר געבראכט מאַנכע קליידער וואָס ער האָט בע־שטעלט. דערוויילּ, נאָך איידער זיא איז פערטיג געוואָרען מיט׳ן שטי־קעל פלייש, האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם טעלער און אוועק געגעבען א דיענער.

דער פּוצמאַכער האָט איהם איבערגעגייכט א הוט מיט דיא ווערטער :

„דאָ האָט איהר דעם הוט וואָס איהר האָט בעשטעלט.״

פּעטרוקיא האָט אויסגעבראָכען אין א ווילדען צאָרן, זידלענדיג דעם פּוצמאַכער און שרייענדיג : אז דער הוט טויג אויף כפּרות.

„ניין, ניין,״ האָט קאַטערינא זיך אריינגעמישט, „דער הוט איז גוט, איך וועל איהם טראָגען. אלע דאמען טראָגען יעצט אזעלכע היט.״

„ווען דוא ווערסט זיין א דאמע,״ האָט פּעטרוקיא געענפערט, „ דאן וועסטו אויך האָבען אזא הוט, אָבער ניט ביז דאמאלס.״

דאָס ביסעל וואָס קאַטערינא האָט געגעסען, האָט איהר אביסעל מוטה צוגעגעבען, און זיא האָט געזאָגט :

„איך רעכען, אז איך מעג אויך עפּעס זאָגען. הער מיך אויס, איך בין שוין ניט קיין קינד. בעסערע מענשען פון דיר האָבען מיך שוין אויס־געהערט, און אויב דוא קענסט ניט הערען, דאן זאָלסטו דיר בעסער פער־שטאָפּען דיא אויערן.״

פעטרוקיא איז ניט געוועזן צופריעדען פון אזעלכע ווערטער, און בעשליעסענדיג זיך ווענינער אויסצוטענה׳ען מיט איהר, האט ער געזאגט :

„וואס דוא זאגסט איז אמת ; דער הוט טויג טאקי אויף כפרות, און איך ליעב דיך דערפאר ווארום דוא ווילסט איהם ניט.“

„ליעב מיך יא אדער ניט,“ האט זיא געענטפערט, „און איך וויל האבען דיעזען הוט אדער קיין אנדערן.“

„אך,“ האט ער געזאגט, „איך פערשטעה, דוא ווילסט בעטראכטען דעם מאנטעל“.

דער שניידער איז צוגעקומען און איהר געוויעזען דעם מאנטעל וואס ער האט געמאכט.

פעטרוקיא, וועלכער האט בעאבזיכטיגט, אז זיא זאל ניט האבען ניט קיין הוט און ניט קיין מאנטעל, איז צוגעגאנגען, בעריהרט דאס מלבוש, און אויסגעשריען :

„זעה נאר זעה ! וואס איז דאס, אן ארבעל ? ער זעהט דאך אויס וויא א קאנאן ! פוי, א שאנדע !“

„איהר האט דאך פערלאנגט,“ האט זיך דער שניידער פערענטפערט, „איך זאל אלעס מאכען לויט היינטיגע מאדע ?“

קאטערינא האט דאן געזאגט, אז זיא האט נאך ניט געזעהען קיין שעהנערן און בעסערן מאנטעל.

דאס איז שוין געוועזן גענוג פאר פעטרוקיא׳ן. אין געהיים האט ער געהייסען בעצאהלען דעם שניידער און פוטצמאכער, זיי איבערבעטען און אוועקשיקען, אבער דערווייל האט ער זיי ביידע ארויסגעווארפען. זיך ווענדענדיג צו קאטערינא׳ן, האט ער געזאגט :

„איצט, מיין קייטי, וועלען מיר פאהרען צו דיין פאטער אין דיא מלבושים וואס מיר טראגען. אז ס׳איז ניטא קיין בעסערע, דארף מען זיך בעגעהען מיט וואס מען האט.“

דאן האט ער געהייסען איינשפאנען דיא פערד און ערקלערט, אז אזוי וויא עס איז זיבען אוהר פריה, זאלען זיי אנקומען צו באפטיסטא׳ן פונקט צו מיטאג. נאר אזוי וויא עס איז שוין געוועזן נאכמיטאג, האט קאטערינא בעמערקט, אז זיי קענען העכסטענס אנקומען צו איהר פאטער נאך׳ן אבענד־ברויט.

אזעלכע ווידערשפרעכונגען האט פעטרוקיא ניט געוואלט. זיין וואונש

איז געווען, אז זיא זאָל זאָגען זויא ער און ניט זיין קיין זאך דאגעגען. ער האָט דאן ווידער אָנגעהויבען צו רוישען און שרייען, פונקט וויא ער וואָלט געווען בעל־הבית איבער דער זונן, אז ער זאָגט עס איז גאנץ פריה, איז עס אזוי וויא ער זאָגט.

„הער נאָר אויס,״ האָט ער זיך געווענדעט צו איהר. „ווען וועט שוין א מאָל נעהמען א סוף צו דיינע ווידערשפּרעכונגען ? וואָס איך טהו און זאָג, איז ביי דיר אלץ פערקעהרט. היינט פאָהר איך שוין ניט, און ווען איך וועל פאָהרען, וועט עס זיין פונקט אזוי פיעל א זייגער וויא איך וועל וועלען.״

אזוי איז פאראיבער נאך א טאָג און קאטערינא האָט געלערענט געהאָרכזאמקייט, ביז עס איז געקומען אזוי ווייט, אז זיא האָט מעהר קיין זאך ניט געזאָגט פערקעהרט וויא איהר מאן האָט בעהויפּטעט. דאן האָט פעטרוקיא איינגעשטימט צו פאָהרען צו איהר פאטער.

זייענדיג אויף׳ן וועג, האָט זיא געוואגט צו מאכען עפּעס א קרומע מינע און עס האָט שוין באלד געהאלטען דערביי זיי זאָלען זיך אומקעהרען צוריק אהיים.

דיא אורזאכע איז נעמליך געווען פאָלגענדע : עס איז געווען אין מיטען העלען טאָג, און ער האָט בעהויפּטעט, אז דיא לבנה שיינט פּרעכטיג שעהן. ווען זיא האָט געמאכט דיא מינע, האָט ער אויסגעשריען :

„איך שווער ביי מיין מאמע׳ס זוהן, דאָס הייסט, ביי מיר אליין, עס זאָלען זיין דיא לבנה, דיא שטערען אָדער וואָס איך וויל, או, אזוי, זאָל עס פערבלייבען ביז מיר וועלען קומען צו דיין פאטער׳ס הויז !״

וועלענדיג צוריקפאָהרען, האָט קאטערינא וויא א געהאָרכזאמע פרוי, געזאָגט :

„איך בעט דיך, לאָמיר ווייטער פאָהרען, כל־זמן מיר זיינען שוין דאָ. זאָל עס זיין זונן, לבנה, אָדער וואָס דוא ווילסט, און ווען דיר געפעלט, זאָל עס זיין א ליכט אויף׳ן הימעל, איך שווער דיר אז ביי מיר איז עס גאנץ עגאל״.

„איך זאָג עס איז דיא לבנה !״ האָט ער אויסגעשריען זיא ווייטער צו פּרובירען.

„איך ווייס עס איז דיא לבנה,״ האָט זיא געענטפערט.

„זאָגסט ליגען! עס איז דיא שעהנע זונן!"

„דאן איז עס דיא שעהנע זונן!" האָט זיא געזאָגט שטארק אונ־טערגעגעבען. „נאָר עס איז ניט דיא זונן ווען דוא ווילסט ניט. וואָס דוא ווילסט, דאָס איז עס, און איך פערזיבער דיך, אז אזוי זאָל עס תמיד פערבלייבען פאר קאטערינא'ן."

ווען ער האָט דאָס געהערט, האָט ער געהייסען ווייטער פאָהרען.

אָבער אום זיא נאָך ווייטער צו פּרובירען אויב איהר גאַנצע הארטנע־קיגקייט איז געבראָכען, האָט ער בעגעגענט אן אלטען מאַן און צו איהר אזוי געזאָגט:

„גוט מאָרגען, מיין שעהן, יונג ווייבעלע."

דאן האָט ער זיך געווענדעט צו קאטערינא'ן און זיא געפרעגט אויב זיא האָט נאָך ווען עס איז געזעהען אזא שעהנע דאמע, יולענדיג דיא שעהנע רויטע בעקעלעך פון דעם אלטען מאַן און פערגלייכענדיג זיינע צוויי אלטע אויגען צו גלענצענדע שטערען. זיך ווידער ווענדענדיג צום אלטען, האָט ער געזאָגט:

„מיין שעהן מיידעלע, איך ווינש דיר נאָך אַ מאָל גוט מאָרגען!"

קאטערינא'ן האָט ער אזוי בעפוילען:

„געה צו צו דער שעהנער דאמע און אומאַרמע זיא."

אָרעמע קאטערינא, זיא איז שוין געווען אין גאַנצען בעזיעגט. זיך ווענדענדיג צום אלטען, האָט זיא געזאָגט:

„יונגע, בליהענדע בתולה, דוא ביסט שעהן, פריש און זיס; וואוהין געהסטו און וואו וואוינסטו? גליקליך זיינען דיא עלטערן פון אזא שעהן קינד!"

„וואָס איז מיט דיר, קייטי?" האָט פּעטרוקיא פלוצלונג געפרעגט. „איך וויל האָפען, אז דוא ביסט ניט משוגע געוואָרען. דאָס איז אַ מאַן, אן אלטער, געקנייטשטער און פערוויאַנעטער, ניט קיין מיידעל וויא דוא זאָגסט."

„ענטשולדיגט מיר, אלטער הערר," האָט קאטערינא געזאָגט, „דיא זונן האָט מיך אזוי פערבלענדעט, אז אלעס זעהט ביי מיר אויס גרין. איך וויל האָפען, אז דוא וועסט ענטשולדיגען מיין טעות."

„יא, יא, אלטער הערר," האָט פּעטרוקיא זיך אריינגעמישט. „ענט־שולדיגט איהר און זאָג אונז אויך וואוהין דוא פאָהרסט. עס וועט אונז

זעהר פרייען צו זיין אין דיין געזעלשאפט אויב דוא פאָהרסט אויף אונזער וועג.“

„שעהנער הערר און פרעהליכע דאמע,“ האָט דער אלטער געענטפערט, „דיעזע בעגעגניש מיט אייך האָט מיך שטארק איבעררואשט. מיין נאָמען איז ווינצענטיאָ און איך פאָהר בעזוכען מיין זוהן וואָס וואָהנט אין פאדוא.“

פעטרוקיאָ האָט באלד דערקענט אין דעם אלטען לוצענטיאָ׳ס פאטער. לוצענטיאָ איז געוועזן אַ יונגער הערר, וועלכער האָט בעדארפט חתונה האָבען מיט ביאנקא׳ן, באפטיסטא׳ס צווייטע טאָכטער.

דער אלטער ווינצענטיא האָט אויסגעזעהען זעהר גליקליך און צופריעדען דערצעהלענדיג איבער דעם רייכען שידוך וואָס זיין זוהן האָט געטהאָן.

אָט אזוי האָבען זיי זיך בעקאנט און צוזאמען געפאָהרען ביז באפטיסטא׳ס הויז, וואו זיי האָבען געטראָפען אַ גרויסע געזעלשאפט פערזאמעלט צו פייערן דיא חתונה פון ביאנקא׳ן מיט לוצענטיאָ׳ן. וויא עס שיינט, האָט באפטיסטא באלד איינגעשטימט צו דיעזער הייראטה, אזוי שנעל וויא ער האָט געזעהען, אַז זיין עלטערע טאָכטער, קאטערינא האָט חתונה געהאַט.

ווען פעטרוקיא מיט זיין פרוי זיינען אריינגעקומען, האָט באפטיסטא זיי געוואונשען ווילקאָמען און איז געוועזן זעהר צופריעדען זיי צו זעהען ביי ביאנקא׳ס חתונה. ביי דיעזער געלעגענהייט איז אויך געוועזן אַן אנדערער פערהייראטה פאָאַר פאָלק.

לוצענטיאָ, ביאנקא׳ס מאַן, און האָרטענזיאָ, דער אנדערער יונגער בעל־הבית׳על, האָבען צווישען זיך געלאכט און חוזק געמאַכט איבער פעטרוקיאָ׳ס פרוי. דיעזע צוויי יונגע לייט האָבען אויסגעזעהען זעהר גליקליך וויסענדיג, אַז זייערע ווייבער זיינען אַזעלכע גוטע נשמות, וועהרענד פעטרוקיאָ׳ס פרוי, איז אַ שלאנג, אַן ארורה.

פעטרוקיאָ האָט אפילו דאָס אלעס בעמערקט, אָבער עס האָט אויסגעזעהען, אַז ער מאַכט זיך ניט וויסענדיג ביז מען האָט אָבגעגעסען מיטאג. דאן האָט ער אָבער ערבליקט, אַז זיין אייגענער שווער, באפטיסטא, גיט צו, אַז דיא אנדערע יונגע לייט האָבען איינגעהאַנדעלט אַ בעסערע מציאה וויא פעטרוקיאָ, ווייל קאטערינא איז אַ שטיק שלאק.

דאָס האָט בעהויפּטעט איהר אייגענער פאטער, און פעטרוקיאָ, זיך

ווענדענדיג צו זיין שווער, האט ער איהם צוגעווארפען אן אונצופריעדענעם בליק.

„נו, ווירקליך, מיין זוהן," האט באפטיסטא געזאגט צו זיין על־טערן איידעם, „איז עס ניט א פאקט, אז דוא האסט אריינגעקריעגען דיא גרעסטע ארורה?"

„מיר דאכט, אז ניין," האט פעטרוקיא געענטפערט, און ווייל מיר דאכט זיך אזוי, וואלט איך געוועז א בעלן מיר זאלען דאס אויספרו־בירען. זאל יעדער פון אונז שיקען רופען זיין ווייב, און וועמעס פרוי עס וועט פריהער קומען, זאל ער געווינען א וועטע פון דיא אי־בעריגע."

דיא אנדערע צוויי יונגע מענער האבען גלייך איינגעשטימט דערצו, ווייל זיי זיינען געוועזן זיכער, אז זייערע גוטע און געהארכזאמע פרויען וועלען געווים ערפילען זייער וואונש — געווים גיכער וויא קאטערינא.

אויף וואס זאל זיין דיא וועטע?

זיי האבען פארגעשלאגען צעהן קרוינען.

ווען פעטרוקיא האט דאס געהערט, האט ער געזאגט מיט פעראכטונג, אז אזא סומע פאסט צו וועטען אויף זיין יאגד־הונד, ווערענד אויף זיין ווייב, וואלט ער געוועט צוואנציג מאל אזוי פיעל.

לוצענטיא און הארטענזיא האבען דאן געהעכערט דיא וועטע אויף הונדערט קרוינען.

לוצענטיא איז געוועזן דער ערשטער צו שיקען רופען זיין ווייב. דער דיענער, וועמען ער האט געשיקט, האט צוריק געקעהרט און מיטגע־טהיילט:

„מיין הערין לאזט אייך וויסען, אז זיא איז יעצט צו פיעל בעשעפ־טיגט און קען ניט קומען."

„וואס? וואס איז דאס?" האט פעטרוקיא געפרעגט, „זיא לאזט וויסען, אז זיא איז בעשעפטיגט און קען ניט קומען? איז דאס אן ענטפער פון א פרוי אויף דער אויפפאדערונג פון איהר מאן?"

זיי האבען געלאכט און בעהויפטעט, אז דאס וואלט נאך ניט געוועזן שלעכט ווען קאטערינא זאל איהם ניט שיקען אן ערגערן ענטפער.

דאן איז עס געוועזן הארטענזיא'ס רייהע צו שיקען רופען זיין ווייב. צום דיענער האט ער אזוי געזאגט:

„געה בעט מיין פרוי זיא זאל אריינקומען."

„הא, הא, הא! בעטען זיא זאָל אריינקומען!" האט פעטרוקיא גע־לאכט. „דאן רעכבען איך, אז זיא דארף געווים קומען."

„איך האב נאָר מורא," האט הארטענזיא געענטפערט, „אז דיין ווייב וועט זיך אפילו בעטען אויך ניט לאָזען."

אָבער הארטענזיא איז שוין מעהר ניט געווען אזוי שטארק זיכער ווען זיין דיענער האט צוריק געקעהרט אָהן זיין פרוי.

„וואָס איז דאָס? וואו איז מיין פרוי?" האט ער געפרעגט אַ ביסעל אויפגערעגט.

„מיין הערר," האט דער דיענער געענטפערט, „מיין העררין זאָגט, אז איהר האט געווים דאָ עפעס אַ שפאס און דערפאר וויל זיא ניט קומען. אויב איהר ווילט, האט זיא געזאָגט, קענט איהר קומען צו איהר."

„נאָך ערגער וויא ערגער!" האט פעטרוקיא אויסגעשריען טריומ־פיהרענד.

דאן, זיך ווענדענדיג צו זיין דיענער, האט ער געזאָגט:

„הער אויס, געה צו דיין העררין און זאָג איהר, אז איך בעפעהל זיא זאָל באלד אריין קומען!"

דיא געזעלשאפט האט נאָך קיין צייט ניט געהאט רעכט איבערצוקלערען וואָס עס האט פאסירט, ווען באפטיסטא, ערשטוינט, האט אויסגערופען:

„זעהען מיינע אויגען ריכטיג? יא, דאָס איז זיא! קאטערינא געהט!"

וויא זיא איז אריינגעקומען, האט זיא אונטערטהעניג געזאָגט צו פעטרוקיאָ'ן:

„וואָס איז דיין וואונש, מיין הערר? דוא האסט נאָך מיר גע־שיקט."

„וואו איז דיין שוועסטער און הארטענזיא'ס פרוי?" האט ער גע־פרעגט.

„זיי זיטצען ביים פייער און רעדען," האט זיא געענטפערט.

„געה און ברענג זיי מיר אהער!"

קאטערינא איז באלד אוועק, אָהן אַן ענטפער, אום צו ערפילען איהר מאַן'ס וואונש.

„אט דאָס איז ווירקליך אַ וואונדער איבער אלע וואונדער!" האט לוצענטיאָ אויסגערופען.

„ווירקליך א וואונדער,“ האָט הארטענזיאָ געענטפערט, „איך בעגרייף בלויז ניט וואָס דאָס בעדייטעט.“

„עס בעדייטעט פריעדען, מיין פריינד,“ האָט פּעטרוקיאָ געענטפערט, „פריעדען און ליעבע און א רוהיגעס לעבען און דערצו דיא ריכטיגע פעסט־שטעלונג ווער עס דאַרף זיין בעל־הבית. קורץ, אַלעס וואָס דריקט אויס זיסקייט און ליעבע אין פערהייראַטעטען לעבען.“

קאַטערינאַ׳ס פאָטער איז געווען אַזוי דערפרייט איבער זיין טאָכטער׳ס ענדערונג, דאָס ער האָט געזאָגט:

„יעצט ווינש איך דיר ערשט גליק איבער אַ נייעס, מיין זוהן פּעטרוקיאָ; דוא האָסט געוואונען דיא וועטע, און איך וועל דיר צולעגען נאָך צוואַנציג טויזענד קרוינען צו דיין נדן, פונקט וויא איך וואָלט דיר געגעבען נאָך אַ טאָכטער, וויל קאַטערינאַ איז ווירקליך אַ נייער מענש.“

„ווארט,“ האָט פּעטרוקיאָ געזאָגט, „איך וועל נאָך בעסער געווינען דיא וועטע און אייך בעווייזען עפּעס מעהר.“

קאַטערינאַ איז דאַן אריינגעקומען מיט דיא אַנדערע צוויי יונגע פרויען און פּעטרוקיאָ האָט צו איהר געזאָגט:

„זעהט נאָר וויא זיא געהט און מיט איהר האָט זיא געפאַנגען דיא אַנדערע צוויי דורך איהרע פרויען־רייד. קאַטערינאַ, דעם הוט וואָס דוא טראָגסט, פּאַסט דיר ניט; וואַרף איהם אַוועק און צוטרעט איהם מיט דיא פיס.“

קאַטערינאַ האָט גלייך געפאָלגט.

„מיין גאָט!“ האָט הארטענזיאָ׳ס ווייב אויסגעשריען, „איך זאָל קיין מאָל ניט דערלעבען דיא צייט צו דאַרפען בעגעהען אַזאַ נאַריש־קייט!“

„פוי!“ האָט אויך ביאַנקאַ געזאָגט. „וואָס פאַר אַ נאַררישע פליכט רופסטו אָן אַזאַ האַנדלונג?“

„הלוואַי וואָלסטו אויך געווען אַזוי נאַרריש,“ האָט ביאַנקאַ׳ס מאַן געענטפערט. „שעהנע ביאַנקאַ, לויט וויא דוא האָסט פערשטאַנען דיין פליכט, האָט עס מיך נאָר וואָס געקאָסט הונדערט קרוינען.“

„דאַן ביסטו נאָך אַ גרעסערער נאַר,“ האָט זיא געענטפערט, „וואָרום דוא האָסט געוועט אויף מיינע פליכטען!“

„קאַטערינאַ,“ האָט פּעטרוקיאָ געזאָגט צו זיין פרוי, „איך בעאויפ־

טראג דיך צו דערצעהלען דיעזע האַרטנעקיגע פרויען וואָס עס הייסט פליכ־טען, וועלכע זיי זיינען שולדיג זייערע מענער.״

צו אלגעמיינעם ערשטוינען. האָט קאטערינא, די געצעהמטע ארורה, אָבגעהאלטען אַזאַ דרשה איבער דער פליכט וואָס אַ פרוי האָט צו פאָלגען איהר מאַן, דאס אלע זיינען געבליעבען איבערראשט.

קאַטערינא איז דאַן ווידער בעריהמט געוואָרען אין פּאַדוא, אָבער ניט מעהר אלס די ארורה, זאָנדערן אַלס קאטערינא די געהאָרכזאמע און פליכט־שולדיגע פון איהר מאַן.

# דוא קאמעדיע פון טעות'ן.

געוועזן איז דאָס אין אַלטע צייטען, ווען דיא פערשיע־דענע גריכישע שטאַאטען זיינען געוועזן אבגעזונדערט איינע פון צווייטען, יעדער האָט געהעררשט פאר זיך, געמאַכט פערשיעדענע געזעטצע, און ניט זעלטען האָבען זיי געפיהרט מחלוקת, אָדער גאָר מלחמה.

דיא צוויי שטאאטען, סיראקוזע און עפעזוס האָבען זיך אַרומגעריסען איינער מיט אנאנדער און געהאַלטען אין מאַכען געזעטצע נעגען דיא פרעמדע בירגער. איינעס פון דיא דומסטע, אָבער אויך באר־בארישטע געזעטצע, איז געוועזן דאָס געזעטץ פערפאסט אין עפעזוס, וואָס האָט געזאָגט, דאָס אין פאל מען וועט כאַפּען א סוחר פון סיראקוזע אין עפעזוס, זאָל מען איהם ענטוועדער הרג'ענען, אָדער ער זאָל בעצאהלען טויזענד מאַרק כופר נפש.

עגעאָן אן אלטער קויפמאן פון סיראקוזע איז געכאַפּט געוואָרען אין עפעזוס און געבראכט געוואָרען פאר'ן פירסט, וואו ער האָט בעדארפט בעצאהלען ענטוועדער טויזענד מארק שטראף, אָדער בעצאהלען מיט זיין לעבען.

מיט טויזענד מאַרק זיך אויסצוקויפען דאָס לעבען, איז אפילו ניט געפעהרליך ווען דיא טויזענד מאַרק זיינען נור דאָ. אָבער אַז מען האָט זיי ניט, איז זעהר ביטער. עגעאָן האָט קיין געלד ניט געהאַט, אָבער איידער דער פירסט האָט אויסגעשפּראָכען זיין טויטעס אורטהייל, האָט ער פערלאנגט, אַז עגעאָן זאָל איהם פריהער דערצעהלען זיין לעבענס־געשיכטע און דאן וויא אזוי ער האָט געוואגט צו קומען קיין עפעזוס, וויסענדיג, אַז דאָס קען איהם קאָסטען זיין לעבען.

דער אלטער עגעאָן, מיט דעם שטאָלץ פון אן אלטען פרייען גרעק, האָט געענטפערט, אז פאר'ן טויט האָט ער גאָר קיין מורא ניט, אז ער קען שטאַרבען אפילו ניט געבענדיג קיין פינטעל מיט אן אויג, אָבער דיא אויפֿפאָדערונג צו דערצעהלען זיין לעבענס־געשיכטע, איז ביי איהם ערגער וויא אלעס.

דאָס אליין אָבער האָט ארויסגערופען א בעזונדערע אינטערעסע ביים פירסט, און איהם בעטענדיג. האָט דער אלטער אָנגעפאנגען און דערצעהלט בזה הלשון :

„איך בין געבוירען געוואָרען אין סיראקוזע און אויסגעבילדעט געוואָרען צו זיין א קויפמאַן. איך האָב געהייראטעט א פרוי מיט וועלכער איך האָב געלעבט זעהר גליקליך. איין מאָל האָב איך, אין געשעפטס־אינטערעסע אָבגערייזט קיין עפידאמנום, וואו איך בין פערבליעבען גאנצע זעקס מאָנאט צוליעב מיינע געשעפטען. זעהענדיג אָבער סוף־כל־סוף, אז איך וועל נאָך מוזען לענגער פערבלייבען, האָב איך געשיקט נאָך מיין פרוי. אזוי וויא זיא איז געקומען, איז זיא באלד געלעגען געוואָרען און געבוירען א צווילינג, צוויי זיהן. דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז געווען, וואָס ביידע זיינען געווען אזוי עהנליך, אז עס איז אבסאָלוט געווען אונמעגליך צו אונטערשיידען איינעם פון צווייטען.

„אין דערזעלבער צייט אָבער וואָס מיין פרוי איז געלעגען געוואָרען און געהאט צוויי אינגלעך, איז אן אָרעמע פרוי, אין דעמזעלבען גאסטהויז, אויך געלעגען געוואָרען און אויך געהאט צוויי אינגלעך. דיעזע צוויי זיינען אויך געווען עהנליך איינער צום צווייטען פונקט וויא מיינע זיהן. נאָר אזוי וויא דיא עלטערן פון דיעזען לעצטען צווילינג זיינען געווען זעהר אָרעם, האָט איך אָװעקגעקויפט דיא קינדער און זיי ערצויגען אום זיי זאָלען בעדיענען מיינע זיהן.

„מיינע זיהן זיינען געווען צוויי פיינע אינגלעך און מיין פרוי איז געווען זעהר שטאָלץ מיט זיי. אָבער זיא איז ניט געווען צופריעדען מיט דער שטאָדט און יעדען טאָג האָט זיא פערלאַנגט מיר זאָלען צוריק קעהרען אהיים. אין אן אונגליקליכע שעה האָב איך איינגעשטימט צו ערפילען איהר וואונש און מיר האָבען זיך אויפגעזעטצט אויף א שיף. מיר האָבען נאָך ניט אָבגעזעגעלט קיין מייל פון עפידאמנום ווען א שרעקליכער שטורם האָט זיך אויפגעהויבען און אָנגעהויבען צו שליידערן אונזער שיף אין אלע זייטען. ווען דיא מאַטראָזען האָבען דערזעהען, אז עס איז ניטאָ מעהר

קיין האָפנונג צו ראַטעווען דיא שיף, האָבען זיי זיך אַריינגעזעצט אין אַ קליין שיפעל אום זיך אַליין צו ראַטעווען און אונז האָבען זיי איבערגעלאָזט אין דער גרויסער שיף, וואו מיר האָבען ערוואַרטעט יעדען אויגענבליק איינגעשלונגען צו ווערען פון דעם וויטהענדען ים.

„דיא יללות פון מיין ווייב און דאָס געוויין פון דיא קינדער אויף איהר קוקענדיג, האָבען מיך זעהר בעטריעבט, כאָטש איך אַליין האָב קיין מורא ניט געהאַט צו שטאַרבען. אַלע מיינע געדאַנקען זיינען דאַן געווען וויא זיי צו ראַטעווען. איך האָב גענומען מיין אינגסטען זוהן און איהם צו־געבונדען צו איין עק פון אַ לויזען מאַסטבוים, און צום צווייטען עק האָב איך צוגעבונדען דעם אינגסטען שקלאַף. אין דערזעלבער צייט האָב איך געהייסען מיין ווייב טהון דאָסזעלבע מיט דיא אַנדערע צוויי קינדער, דאָס הייסט, זיי אויך צובינדען צו אַן אַנדערן מאַסטבוים. זיא איז אַלזאָ געווען מיט דיא זאָ־גענאַנטע עלטערע קינדער און איך מיט דיא אינגערע. מיר אַליין האָבען זיך אויך צוגעבונדען צו דיעזעלבע מאַסטבוימער.

„מיר זיינען נאָר וואָס פאַרטיג געוואָרען מיט אונזער אַרבייט, ווען דיא שיף איז אַרויף אויף אַ מעכטיגען פעלזען און איז צושמעטערט געוואָ־רען אויף שטיקער. זיך האַלטענדיג אַן דיא מאַסטבוימער זיינען מיר ניט געזונקען. נאָר אַזוי וויא איך האָב געמוזט אַכטונג געבען אויף דיא קינ־דער נעבען מיר, האָב איך מיך באַלד אָבגעטהיילט פון מיין פרוי. פון דעסטוועגען האָט זיא מיט דיא אַנדערע קינדער געהאַט מעהר גליק, דען אַ שיף מיט פישער האָבען זיי בעגעגענט און אַריינגענומען צו זיך. ווען איך האָב דאָס געזעהען, בין איך געווען צופריעדען וואָס זיי זיינען ווע־ניגסטענס אין זיכערהייט, און איך האָב מיט מעהר מוטה געקעמפפט צו ראַטעווען דיא צוויי קינדער מיט מיר.

„ענדליך איז אָנגעקומען נאָך אַ שיף און אונז אויך געראַטעוועט. אַזוי וויא דיא מאַטראָזען האָבען מיך געקענט, האָבען זיי מיך זעהר גוט עמ־פפאַנגען און מיך דאַן אָבגעפיהרט אין זיכערהייט קיין סיראַקוזע. אָבער פון יענעם טרויעריגען טאָג אָן האָב איך מעהר ניט געוואוסט וואָס עס איז געוואָרען פון מיין פרוי און קינדער.

„מיין אינגסטער זוהן, וועלכער איז געבליעבען מיין איינציגע טרייסט אין לעבען, ווען ער איז אַלט געוואָרען אַכטצעהן יאָהר, איז ער געוואָרען זעהר נייגיעריג צו וויסען וואָס עס איז געוואָרען פון זיין מוטער און ברו־דער. ער האָט מיך אָפט מאָל געבעטען איך זאָל איהם ערלויבען צו נעהמען

דעם יונגען שקלאף, וועלכער האט אויך פערלוירען א ברודער, און צו־זאמען זאלען זיי ארויספאהרען זוכען דיא פערלוירענע. איך בין ניט געווען צופריעדען זיך צו שיידען מיט זיי, אבער ענדליך האב איך דערצו איינגעשטימט.

„זיעבען לאנגע יאהר זיינען שוין פאראיבער זייט מיין זיהן האט מיך פערלאזט. פינף יאהר האב איך געררייזט איבער וועלט איהם זוכענדיג. איך בין שוין געווען איבער גאנץ גריכענלאנד, איבער דיא גרענעצען פון אזיען, און פאהרענד צוריק אהיים, בין איך אנגעקומען אהער קיין עפע־זוס, כדי איך זאל ניט אויסלאזען קיין פלאטץ איהם צו זוכען. אט דאס האב איך אייך געהאט צו דערצעהלען, און איך וואלט העכסט צופריעדען געווען צו שטארבען, ווען איך זאל בלויז וויסען, אז מיין פרוי און קינ־דער לעבען."

אזוי האט דער אונגליקליכער עגעאן געענדיגט זיין טרויעריגע לעבענס־געשיכטע. דער פירסט וואס האט שטארק מיטלייד געהאט אויף איהם, האט געזאגט, דאס ווען ער זאל ניט מוזען רעספעקטירען דיא געזעטצע, וואלט ער איהם געוויס בעגנאדיגט. דאך, אנשטאט איהם באלד צו לאזען הינ־ריכטען, וועט ער איהם געבען נאך א טאג צייט אום צו בעטלען אדער בארגען ביי עמיצען דאס געלד צו בעצאהלען דיא שטראף.

דיעזער איינציגער טאג האט פאר דעם אונגליקליכען עגעאן ניט אויס־געזעהען שטארק גנעדיג, ווייל ער האט קיינעם ניט געקענט אין עפעזוס. צו ערווארטען, אז א פרעמדער זאל איהם שיינקען אדער בארגען אזא גרוי־סע סומע געלד, איז געווען א קליינע האפנונג. ניעדערגעשלאגען האט ער זיך צוריקגעצויגען אין דער בעגלייטונג פון א וועכטער.

ווען עגעאן האט געמיינט, אז קיין מענש קען איהם אין עפעזוס, האט ער געהאט א טעות, ווייל אין עפעזוס האבען זיך דאמאלס געפונען זיינעביידע זיהן.

אויסער דעם וואס עגעאן'ס זיהן זיינען געווען ביידע גלייך, האבען זיי אויך געהאט גלייכע נעמען; יעדער האט געהייסען אנטיפאלוס. דער שקלאפען־צווילינג האט אויך געהאט גלייכע נעמען, יעדער האט געהייסען דראמיא. עגעאן'ס אינגסטער זוהן, אנטיפאלוס פון סיראקוזע, וועמען דער אלטער מאן איז געקומען זוכען קיין עפעזוס, איז נאר וואס אהין אנ־געקומען מיט זיין שקלאף דראמיא. און אזוי וויא ער איז אויך געווען א קויפמאן פון סיראקוזע, וואלט ער געהאט דעמזעלבען סוף וויא זיין פאטער,

ווען א פריינד וואָלט איהם ניט בעגעגענט און דערצעהלט פון דעם טרויעריגען שיקזאל וואָס האָט בעפאלען אן אלטען קויפמאַן פון סיראקוזע. ער האָט איהם אַלזאָ געראטהען זיך אויסצוגעבען פאר א קויפמאַן פון עפּידאמנום. אנטיפאָלוס האָט געפאָלגט, אָבער ער איז געווען זעהר בעטריעבט הערענדיג, אז זיינער אַ לאנדסמאן איז אין אַזא געפאהר. עס איז איהם אָבער גאָר ניט איינגעפאלען, אז דיעזער לאנדסמאַן איז זיין אייגענער פאטער.

עגעאָן'ס עלטסטען זוהן וועלען מיר רופען אנטיפאָלוס פון עפעזוס, כדי צו מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען איהם און זיין ברודער פון סיראקוזע. ער האָט שוין געוואוינט אין עפעזוס זייט צוואנציג יאָהר. און זייענדיג א רייכער מאַן, האָט ער געקענט זעהר לייכט בעצאהלען פאר זיין פאטער, אָבער ער האָט ליידער גאָר ניט געוואוסט פון איהם. ער איז געווען צו יונג ווען ער האָט זיך פון איהם געשיידט און ער האָט בלויז געדענקט דיא שרעקליכע סצענע אויף'ן ים.

יעצט ווייזט זיך ארויס אַזאַ געשיכטע: דיא פישער־לייט, וואָס האָבען איהם גערעטעט מיט זיין מוטער און שקלאף דראמיאָ, האָבען בעשלאָסען, צום שמערץ פון דער עלענדער מוטער, צו פערקויפען דיא צוויי קינדער פאר שקלאפען.

אנטיפאלוס און דראמיאָ זיינען פערקויפט געוואָרען צום פירסט מענאַפאָן, אַ בעריהמטער גענעראל, וועלכער איז געווען אַן אָנקעל פון דעם פירסט פון עפעזוס. ער האָט מיטגענומען דיא קינדער קיין עפעזוס ווען ער איז אוועק בעזוכען זיין פלימעניק.

דער פירסט פון עפעזוס האָט שטארק ליעב בעקומען דעם יונגען אנטיפאלוס, און ווען ער איז אויפגעוואקסען, האָט ער פון איהם געמאַכט אַן אָפיציער אין זיין ארמעע. דאן האָט זיך אנטיפאלוס אויסגעצייכענט אין קריעג און אויך געראטעוועט דעם פירסט'ס לעבען. ער האָט איהם דערפאר בעלוינט דערמיט וואָס ער האָט איהם פערהייראטעט מיט אַ רייכער כלה, אדריאנא פון עפעזוס. אָט מיט דיעזער אדריאנא האָט ער געלעבט ווען זיין פאטער איז אריינגעקומען. דראמיאָ איז נאָך אימער געווען זיין שקלאף.

ווען אנטיפאלוס פון סיראקוזע האָט גענומען אבשיעד פון זיין פריינד, וועלכער האָט איהם געראטהען ער זאָל זאָגען, אַז ער איז פון עפּידאמנום, האָט ער געגעבען זיין שקלאף דראמיאָ געלד אוועקצוטראָגען אין דעם גאסטהויז וואו ער האָט געזאָלט עסען. אין דערזעלבער צייט האָט ער ערקלערט,

אז ער וועט שפּאצירען איבער דער שטאָדט און זעהען וואָס דאָרט טהוט זיך.

דראָמיא איז געוועזען א פּרעהליכער יונג. ווען אנטיפאָלוס איז געוועזען טרויעריג אָדער מעלאנכאָליש, פּלעגט ער איהם אמוזירען מיט וויטצען, שפּאסען און פערשיעדענע ווערטלעך. און ווייל אנטיפאָלוס האָט עס איהם ערלויבט, איז צווישען הערר און דיענער געוואָרען א מנהג, אז מען האָט זיך זעהר פריינדליך פערהאַלטען.

ווען אנטיפאָלוס פון סיראַקוזע האָט אַוועקגעשיקט דראָמיאָ׳ן, איז ער געשטאַנען א היבשע צייט נאכדענקענדיג איבער זיין שווערער רייזע זוכענדיג זיין מוטער און ברודער. דאַן, זעהר טרויעריג, האָט ער בעמערקט צו זיך אליין:

„איך בין וויא א טראָפּען וואסער אין אָקעאַן, וואָס זוכט צו געפינען זיין חבר, א צווייטען טראָפּען, און דערוויל פערלירט ער זיך אליין אין ים. אָט אזוי בין איך, אונגליקליכער! איך זוך צו געפינען מיין מוטער און ברודער און איך פערליר זיך אליין!"

אזוי דענקענדיג, האָט דראָמיא צוריק געקעהרט. אנטיפאָלוס איז געוועזען ערשטוינט צו זעהען דראָמיאָ׳ן זיך אומקעהרענדיג אזוי שנעל. עס איז אָבער ניט געוועזען זיין דראָמיאָ, זאָנדערן דער צווילינג-ברודער פון זיין שקלאַף, וועלכער איז געוועזען צוזאמען מיט אנטיפאָלוס׳ן פון עפעזוס. דיא צוויי דראָמיאָ׳ס און דיא צוויי אנטיפאָלוסעס, זיינען נאָך אימער געוועזען גלייך איינער צום צווייטען וויא ענגעאָן האָט דערצעהלט איבער זייער קינדהייט, דערפאַר איז קיין וואונדער ניט געוועזען, ווען אנטיפאָלוס האָט געמיינט, אז דאָס איז זיין שקלאַף און ער האָט איהם געפרעגט ווארום ער איז אזוי גיך צוריק געקומען.

דראָמיאָ האָט איהם אָנגעקוקט א ווײלע ערשטוינט, אָבער דאַן האָט ער געזאָגט:

„מיין הערין שיקט מיך אייך צו זאָגען, אז איהר זאָלט באַלד קומען צו מיטאָג. דער קאָפּ-האהן ווערט פערברענט, דאָס חזיר׳ל ווערט צושמאָלצען אויף׳ן בראַטער, און דאָס פלייש ווערט זיין אין גאנצען קאַלט ווען איהר קומט ניט גלייך אַהיים."

„דיעזער שפּאַס פּאַסט ניט יעצט," האָט אנטיפאָלוס געענטפערט, „וואו האָסטו איבערגעלאָזט דאָס געלד?"

דראמיאָ האָט אָבער נאָך אימער גע'טענה'עט, אז זיין הערדין האָט איהם געשיקט רופען איהר מאַן צו מיטאג.

„וואָס פאר אַ הערדין ?" האָט אנטיפאלוס געפרעגט.

„וואָס הייסט וואָס ? אייער פרוי !"

נאָר אַזוי וויא אנטיפאלוס פון סיראקוזע האָט קיין פרוי ניט געהאַט, איז ער געוואָרען שטארק אין כעס און אויסגעשריען :

„דערפאר וואָס איך ערלויב דיר מאַנכע מאָל צו רעדען מיט מיר, ער־לויבסטו דיר שוין צו מאַכען מיט מיר אַזאַ מיאוס'ן שפּאַס. איך בין יעצט ניט אויפגעלעגט פאר אַזעלכע זאכען. וואו איז דאָס געלד ? אַזוי וויא מיר זיינען דאָ פרעמדע, וויא וואַגסטו צו מאַכען שפּאַס, ווען עס האַנדעלט זיך אום אזאַ גרויסער סומע ?"

ווען דראמיאָ האָט געהערט זיין הערר רעדען אַזעלכע ווערטער, האָט ער געמיינט, אַז ער מאַכט שפּאַס און געזאָגט :

„איך בעט אייך, מיין הערר, שפּאַסט בעסער ביים מיטאג. איהר האָט מיך ניט בעאויפטראגט קיין זאך, אַלעס וואָס איך האָב צו טהון, איז, אייך אַהיים צו פיהרען צו מיטאג, איהר זאָלט עסען מיט מיין הערדין און איהר שוועסטער."

דערביי האָט שוין אנטיפאלוס פערלוירען זיין גאַנצע געדולד און גוט אָנגעשלאָגען דראמיאָ'ן, וועלכער איז אנטלאָפען אַהיים, וואו ער האָט דערצעהלט, אַז ער זיין הערר האָט ניט געוואָלט אַהיים קומען צו מיטאג און געזאָגט, אַז ער האָט גאָר קיין ווייב ניט.

אדריאַנא, דיא פרוי פון אנטיפאלוס פון עפעזוס, איז געווען שטארק אין כעס הערענדיג, אַז איהר מאַן האָט געזאָגט, דאָס ער האָט גאָר קיין ווייב ניט. זיא איז געווען זעהר אַן אייפערזיכיגע און בעשלאָסען, אַז איהר מאַן ליעבט שוין אנאנדערע. זיא האָט באַלד אָנגעהויבען צו ציטערן און פלאטערן און מאַכען פאָרווירפע איהר מאַן, אונטער דיא אויגען, פאר זיין פאַלשקייט צו איהר. לוקיאנא, איהר שוועסטער, וועלכע האָט גע־וואָהנט מיט איהר צוזאמען, האָט אפילו פּרובירט זיא צו בערוהיגען און איהר זאָגען, אַז איהר אייפערזוכט איז אַן אומזיסטער בלבול, אָבער ווער קען עס צוריקהאַלטען אַ פרויענצימער ווען זיא וואַרפט זיך אריין אין שטורם פון אייפערזוכט ?

דערווייל איז אנטיפאלוס פון סיראקוזע אַוועק אין גאסטהויז און דאָרט געטראָפען דראמיאָ'ן מיט דעם געלד. זעהענדיג דראמיאָ'ן, האָט ער

איהם געװאָלט אָנזידלען איבער־אַ־נייעס פאַר זיין מיאוס'ען שפּאַס. אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט צו עפענען זיין מויל, איז אדריאנאַ אָנגעקומען, און ניט צװייפלענדיג, אַז ער איז איהר מאַן, האָט זיא איהם אָנגעהויבען צו מאַכען פאָרװירפע פאַר װאָס ער קוקט אויף איהר מיט אזא ערשטוינען, װייל ער איז װירקליך געװען איבערראַשט זעהענדיג און הערענדיג אַ בייזע און פרעמדע פרוי רעדענדיג צו איהם.

דאַן האָט זיא אָנגעפאַנגען אזוי :

„איז דאָס רעכט ? איז דאָס אַ יושר ? געדענקסטו װיא דוא האָסט מיך געליעבט װען דוא האָסט מיט מיר חתונה געהאַט ? װאָס פאַר אַ חסרון האָסטו אָן מיר געפונען פאַר װאָס דוא ליעבסט אַן אנדערע ? זאָג מיר נאַר, קען איך לכל־הפּחות װיסען, װאָרום דוא ליעבסט מיך מעהר ניט ?"

„רעדט איהר דאָס צו מיר, מיין שעהנע דאַמע ?" האָט ער געפרעגט נאָך מעהר ערשטוינט.

אומזיסט האָט ער געזוכט איהר צו ערקלערען, אַז ער איז ניט איהר מאַן, אַז ער איז בלויז זייט עטליכע שטונדען אין עפעזוס ; זיא האָט בלויז פערלאַנגט ער זאָל מיט איהר געהען אַהיים, און אזוי װיא אַנטיפאָלוס האָט פון איהר ניט געקענט פּטור װערען איז ער מיט איהר אַװעק אין זיין ברודער'ס הויז װאו ער האָט געגעסען מיטאָג מיט אדריאַנאַ'ן און מיט איהר שװעסטער. איינע האָט איהם גערופען „מיין מאַן", און דיא צװייטע „מיין שװאָגער."

דער אָרעמער אנטיפאלוס האָט בשום אופן ניט געקענט בעגרייפען װאָס דאָ איז געשעהען, און ער האָט זיך ערקלערט, אַז ער האָט הפּנים מיט איהר חתונה געהאַט בשעת ער איז געשלאָפען, אָדער, אַלעס װאָס קומט פאָר, איז בלויז אַ חלום.

דראָמיאָ װיעדער, װעלכער איז מיט איהם מיטגעגאַנגען, איז ניט געװען װעניגער איבערראַשט, װען דיא קעכין, זיין ברודער'ס װייב, האָט בעהויפּטעט, אַז ער איז איהר מאַן.

װעהרענד אנטיפאלוס פון סיראקוזע האָט געהאַלטען אין עסען מיט זיין ברודער'ס װייב, איז זיין ברודער, דער ריכטיגער מאַן, אַהיים געקומען מיט זיין שקלאַף דראָמיאָ צו עסען מיטאַג. דיא דיענער האָבען אָבער דערװייל ערהאַלטען אַ בעפעהל ניט צו עפענען דיא טהיר, װייל זייער הערין האָט זיי אָנגעזאָגט קיינעם ניט אריינצולאָזען כדי מען זאָל זיי

ניט שטערען ביים עסען. ווען זיי האָבען עטליכע מאָל געקלאפּט אין דער טהיר און געזאָגט, אַז זיי זיינען אנטיפאלוס און דראמיא, האָבען דיא דיענסטען פון זיי געלאכט און געענטפערט, אַז זיי זיינען שווינדלערס, ווייל אנטיפאלוס עסט גראדע מיטאג מיט זיין פרוי און דראמיאָ איז אין קיך. אָבוואָהל זיי האָבען שיער ניט איינגעבראָכען דיא טהיר, איז זיי דאָך ניט געלונגען אריינצוקומען. ענדליך איז אנטיפאלוס שטארק אין כעס געוואָרען, און זייענדיג איבערראשט הערענדיג, אַז זיין פרוי געפינט זיך מיט אַ מאַן צו מיטאג, איז ער אוועק ניט קענענדיג בעגרייפען וואָס עס איז פאָרגעקומען.

ווען אנטיפאלוס איז פארטיג געוואָרען מיט דעם עסען, איז ער געוועזן וויא בערווישט הערענדיג וויא דיא דאמע רופט איהם נאָך אימער „מיין מאַן", און דאָס דיא קעכין רופט זיין שקלאף דראמיאָ אויך אַזוי. ביי דער ערשטער געלעגענהייט איז ער אוועק פון הויז. כאָטש ער איז געוועזן גאַנץ צופריע־דען פון לוקיאנא'ס געזעלשאפט, האָט איהם אָבער אדריאנא, מיט איהר גיפטיגער אייפערזוכט, גאָר ניט אַמוזירט. דראמיא איז אויך ניט געוועזן צופריעדען מיט זיין פרוי וואָס ער האָט געטראָפען אין קיך.

דערפאר, ווען הערר און דיענער, זיינען ענדליך געוועזן פריי, זיינען זיי געוועזן העכסט צופריעדען וואָס זיי זיינען פטור געוואָרען פון דער אונ־געבעטענער געזעלשאפט.

אַזוי גיך אָבער וויא אנטיפאלוס פון סיראקוזע איז ארויס פון הויז, האָט ער בעגעגענט אַ גאָלדשמידט, וועלכער, מיינענדיג, פונקט וויא אדריאנא, אַז דאָס איז אנטיפאלוס פון עפעזוס, האָט ער איהם דערלאנגט אַ גאָלדענע קייט, איהם דערביי אָנרופענדיג ביים נאָמען. ווען אנטיפא־לוס האָט דיא קייט ניט געוואָלט נעהמען, בעהויפטענדיג, אַז זיא בע־לאנגט ניט צו איהם, האָט דער גאָלדשמידט געענטפערט, אַז ער האָט אַליין בעשטעלט דיא קייט. ער האָט איהם אַלזאָ איבערגעלאָזט דיא קייט און איז אוועק.

ווען אנטיפאלוס האָט געזעהען וואָס דאָ געהט פאָר, האָט ער בעשלאָ־סען זאָפאָרט צו פערלאָזען דיא שטאָדט וואו ער האָט געהאט אַזוי פיעלע אונאַנגענעהמע בעגעגענישען. ער האָט דערפאר געהייסען דראָמיאָ'ן אויפ־פאקען זיינע זאכען אויף אַ שיף כדי ער זאָל פטור ווערען פון דעם פערצווי־בערטען פּלאַטץ.

דער גאָלדשמידט וואָס האָט געגעבען דיא קייט דעם ניט־ריכטיגען אנטי־

פאלוס'ען, איז שפעטער ארעטירט געווארען פאר א סומע געלד וואס ער איז שולדיג געוועזן און ניט בעצאהלט. דערווייל איז אנטיפאלוס, דער פערהייראטעטער ברודער אנגעקומען דארויף ווען דער ארעסט איז געמאכט געווארען. אזוי וויא דער גאלדשמידט האט איהם דערזעהען, האט ער איהם געבעטען ער זאל בעצאהלען פאר דער קייט, און אזוי וויא דיעזע סומע איז געוועזן אזוי גרויס וויא דיא סומע וואס ער איז שולדיג געוועזן, זא דאס איהם בעפרייען פון ארעסט.

אנטיפאלוס האט אבער געלייקענט, בעהויפטענדיג, אז ער האט קיין קייט ניט ערהאלטען, און דער גאלדשמידט האט געשריען, אז בלויז מיט איינינע מינוטען פריהער האט ער איהם געגעבען דיא קייט. יעדער בעזונ־דער דענקענדיג, אז ער האט רעכט, האבען זיי זיך צוקריגט. ענדליך האט דער גאלדשמידט געהייסען דעם בעאמטען וואס האט איהם ארעטירט, אויך ארעטירען אנטיפאלוס'ן. דער סוף איז געווען, וואס אנטיפאלוס און דער גאלדשמידט זיינען ביידע אבגעפיהרט געווארען אין ארעסט.

ווען מען האט געהאלטען אין פיהרען אנטיפאלוס'ן, האט ער בעגעג־גענט דראמיא'ן פון סיראקוזע, דאס הייסט, זיין ברודער'ס דיענער. מיי־נענדיג, אז דאס איז זיין דיענער, האט ער איהם געהייסען שנעל לויפען צו אדריאנא'ן און איהר זאגען זיא זאל איהם שנעל שיקען דאס געלד פאר וועלכען ער איז ארעסטירט געווארען. דראמיא האט זיך אפילו שטארק גע־וואונדערט וויא עס קומט, אז זיין הערר זאל איהם צוריקשיקען אין יענעם הויז, אבער ער האט ניט געוואגט עפעס צו זאגען, אבוואהל ער האט איהם געוואלט מיטטהיילען, אז דיא שיף איז פארטיג צו אבזעגלען. דיא אורזאכע דערפון איז געוועזן, ווייל ער האט בעמערקט, אז זיין הערר איז זעהר ערנסט. ער איז דערפאר אוועק צוריק צו אדריאנא'ס הויז, מורמלענ־דיג: „א פלאטץ וואו א פרעמדע פרוי זאגט, אז איך בין איהר מאן. אבער עס העלפט ניט, איך מוז געהען. דיענער זיינען געשטעלט געווארען צו בעפאלגען דיא אויפטרעגע פון זייערע הערען."

אדריאנא האט איהם גלייך געגעבען דאס געלד, און וויא דראמיא איז געגאנגען צוריק, האט ער בעמערקט זיין ריכטיגען הערר, אנטיפאלוס פון סיראקוזע, וועלכער איז געוועזן נאך מעהר איבערראשט פון דעם וואס מיט איהם איז פארגעקומען, ווייל זיין ברודער איז געוועזן גוט בעקאנט אין עפעזוס, און פארבייגעהענדיג דיא גאסען האט איהם איינער בעגריסט, א צווייטער האט צו איהם גערעדט, אדער עפעס געפרעגט. מאנכע האבען

איהם אָנגעבאָטען געלד וואָס זיי זיינען שולדיג געווען זיין ברודער; א טהייל האָבען איהם געדאנקט פאר טובות וואָס ער האָט זיי געטהאָן. א שניידער האָט איהם צוגערופען און געוויעזען זייד וואָס ער האָט געקויפט פאר איהם, און פערלאַנגט ער זאָל אונבעדינגט ווארטען ביז ער וועט איהם נעהמען דיא מאָס פאר קליידער.

אנטיפאלום האָט אָנגעהויבען צו דענקען, אַז ער געפינט זיך עפּעס צווישען צויבערער און צויבערינס. אָט אין דיעזען צושטאַנד האָט ער בעגעגענט דראָמיאָ'ן, וועלכער האָט איהם נאָך מעהר איבערראשט איהם פרעגענדיג וויא אזוי ער איז בעפרייעט געוואָרען פון דעם געפענגניס. דער־ביי האָט ער איהם אויך איבערגערייכט אַ בייטעל מיט גאָלד־שטיקלעך וואָס אדריאַנא האָט איהם געשיקט צו בעצאהלען דעם חוב.

דיעזע רייד איבער דעם ארעסט, געפענגניס און דאָס געלד וואָס דראָמיאָ האָט געבראַכט פון אדריאַנא'ן, האָבען אזוי צומישט אַנטיפאלוס'ן, וועלכער האָט געזאָגט:

„אָרעמער דראָמיאָ, ער איז געווים משוגע געוואָרען און מירביידע — וואנדערן דאָ ארום וויא פער'כישוף'ט."

זיך דערשרעקענדיג פאר זיינע אייגענע געדאַנקען, האָט ער אויס־געשריען:

„גערעכטער גאָט! ראטעווע אונז פון דיעזען ווילדען געטומעל!"

אָבער דיא רעכטע צרות האָבען זיך ערשט אָנגעפאנגען. וויא אנטי־פאלוס איז אזוי געשטאַנען, איז צוגעקומען אַ דאמע, איהם אָנגערופען ביים נאָמען און איהם דערצעהלט, אַז ער האָט מיט איהר געגעסען מיטאג און פון איהם פערלאנגט דיא גאָלדענע קייט וואָס ער האָט איהר פער־שפּראָכען.

אנטיפאלוס האָט שוין פערלוירען זיין גאנצע געדולד, זיא אָנגערופען מכשפה און געלייקענט אַז ער האָט זיא נאָך ווען עס איז געזעהען אין זיין לעבען. דיא דאמע האָט זיך אָבער איינגעשפּארט, אַז ער האָט דוקא מיט איהר געגעסען מיטאג און איהר ווירקליך פערשפּראָכען אַ גאָלדענע קייט, און דאָס זיא האָט איהם געגעבען אַ ווערטהפאָלען רינג, און ווען ער גיט איהר ניט דיא קייט, זאָל ער איהר כאָטש אָבגעבען דעם רינג.

ווען אנטיפאלוס האָט דאָס אלעס געהערט, איז ער אריין אין אַ ווילדען צאָרן, שרייענדיג, אַז זיא איז אַ מכשפה, און ער איז פון איהר ענטלאָפען, זיא איבערלאָזענדיג איבערראשט און ערשוינט

דא וועלען מיר ערקלערען וואס מיט דיעזער דאמע האט פּאסירט:

ווען אַנטיפאלוס פון עפעזוס האט געזעהען, אז זיין פרוי וויל איהם ניט אריינלאָזען אין הויז, איז ער אוועק אין ווילדען צאָרן. ער האט זיך געטראכט, אז דאס איז עפּעס א מין אויסברוך פון זיין ווייב׳ס אייפערזוכט, פון וואס זיא האט אָפט געליטען. ער האט זיך דערמאהנט, אז זיא האט איהם אימער בעשולדיגט, אז ער געהט צו אנדערע פרויען, און אום זיך נוקם צו זיין אָן איהם, האט זיא פאר איהם פערשלאָסען זיין אייגענעם הויז. יעצט וויעדער איז ער אוועק בעזוכען א דאמע, וועלכע האט איהם זעהר גוט עמפּפאנגען. און וויייל זיין אייגענע פרוי האט איהם אזוי שטארק בעליידיגט, האט ער איהר פערשפּראָכען צו געבען א גאָלדענע קייט, וואס ער האט בעשטעלט פאר זיין פרוי. עס איז געווען דיעזעלבע קייט וואס דער גאָלדשמידט האט אוועקגעגעבען זיין ברודער.

דיא דאמע וויעדער, זייענדיג גליקליך פון דעם געדאנק צו האבען א גאָלדענע קייט, האט זיא דעם פערהייראטעטען אנטיפאלוס געגעבען איהר רינג. מען קען זיך אלזא פאָרשטעלען איהר איבערראשונג, ווען אנטי־פאלוס האט דאס אלעם אָבגעלייקענט. און פאר דער גרויסער בעליידיגונג, האט זיא אויך בעשלאָסען צו נעהמען ראכע. זיא איז דערפאר אוועק צו אדריאנא׳ן אום איהר אלעס צו דערצעהלען.

וועהרענד זיא האט איהר אָבגעשילדערט דיא גאנצע געשיכטע איז אדריאנא׳סווירקליכער מאן, אנטיפאלוס פון עפעזוס, אָנגעקומען אהיים, בעגלייט פון א וועכטער, אום ער זאָל נעהמען דאס געלד און בעצאהלין דעם חוב, וויייל דאס געלד וואס אדריאנא האט איין מאָל געגעבען דראמיאָ׳ן, איז יעצט געווען ביים אנדערן אנטיפאלוס.

אדריאנא האט זיך פאָרגעשטעלט, אז איהר מאן איז געווען משוגע, דען ווען דיא דאמע האט איהר מיטגעטהיילט, דאס אנטיפאלוס האט איהר מיטגעטהיילט, אז זיא האט איהם ניט אריינגעלאָזט אין הויז, האט זיא זיך איבערצייגט, אז ער ווייסט ניט וואס ער רעדט. אויסער דעם האט זיא זיך דערמאהנט וויא זיטצענדיג ביים עסען, האט ער אזוי פיעל מאָל ווידער־האָלט, אז זיא איז ניט זיין פרוי און ער איז ביז צו יענעם טאָג נאָך אין עפעזוס ניט געווען. אזוי שנעל אלזא וויא זיא האט דערזעהען איהר מאן צוריק, האט זיא גלייך בעצאהלט דעם וועכטער דאס געלד און איהם גע־הייסען געהען. דאן האט זיא גערופען איהרע דיענער, זיי געהייסען נעהמען שטריק און בינדען איהר מאן.

איהר וואונש איז ערפילט געוואָרען. מען האָט איהם, געבונדענער־הייט, אוועקגעפיהרט אין א פינסטערעם צימער און מען האָט געשיקט נאָך א דאָקטאָר איהם צו קורירען פון זיין שגעון. אנטיפאלוס האָט וועהרענד דעם פּראָטעסטירט געגען דיא פאַלשע בעשולדיגונג, אָבער עס האָט איהם גאָר ניט געהאָלפען. וואָס מעהר ער האָט געשריען און געלארמט, אַלץ מעהר האָבען זיי זיך איבערצייגט, אז ער איז פערריקט. און אזוי וויא דראָמיאָ האָט בעהויפּטעט דאָסזעלבע וויא זיין הערר, האָט מען איהם אויך געבונדען און אוועקגעלעגט נעבען זיין הערר.

מיט א קורצע צייט שפּעטער, איז ערשיענען א דיענער און מיטגע־טהיילט אדריאַנאַ'ן, אז אנטיפאלוס און דראָמיא האָבען געמיוזט אויסברע־כען פון זייער געפאַנגענשאַפט, ווייל מען האָט זיי געזעהען פריי און פראַנק ארומגעהענדיג איבער דער גאס.

ווען אדריאַנא האָט דאָס געהערט, איז זיא ארויסגעלאָפען אום צו קענען אהיים ברענגען איהר מאַן. זיא דאָט אויך מיטגענומען עטליכע מענשען איהר צו העלפען, וויא אויך איהר שוועסטער איז מיטגע־גאַנגען.

ארויסקומענדיג אויף דער גאס, האָבען זיי געזעהען, נעבען א נאָנען־קלויסטער, אנטיפאלוס'ן און דראָמיאָ'ן.

אנטיפאלוס פון סיראקוזע האָט נאָך אימער געטראָגען דיא גאָלדענע קייט אויף זיין האַלז, און דער גאָלדשמידט, וועלכער האָט איהם בעגעגענט, האָט איהם געמאכט ביטערע פאָרווירפע פאר וואָס ער האָט אַלעס אָבגע־לייקענט און בעהויפּטעט, אז ער ווייסט פון גאָר ניט צו זאָגען. אנטי־פאלוס וויעדער האָט געזאָגט, אז דער גאָלדשמידט האָט איהם אליין געגע־בען דיא קייט ניט געבעטען, און זייט דאַמאָלס האָט ער איהם נאָך אין דיא אויגען ניט געזעהען.

דערווייל איז צוגעקומען אדריאַנא און בעהויפּטעט, אז ער איז איהר משוגענער מאַן, אנטלאָפען פון זיינע וועכטער, און זיא וויל איהם נעה־מען צוריק אהיים. איהרע בעגלייטער האָבען אויך מיטגעבראכט שטריק און געוועזן בערייט זיך אויף איהם צו ווארפען און איהם בינדען צוזאַמען מיט דראָמיאָ'ן.

אנטיפאלוס האָט בעמערקט, אז איצט איז עס שוין ווירקליך צו ערנסט געוואָרען, און, ווען ער וועט שטעהען און ווארטען, וועט ניט זיין קיין גוטער סוף. ער האָט זיך אַלזאָ ארומגעקוקט, בעמערקט דעם נאָנען־

קלויסטער מיט אן אפענער טהיר און בעשלאָסען, אז עס איז בעסער זיך אהין צו ראטעווען. ער איז שנעל אריינגעלאָפען אין קלויסטער.

דער טומעל און געשריי זיינען געוואָרען זעהר גרויס, און דיא אלטע נאָנען־אויפזעהערין איז ארויס הערען וואָס דאָס בעדייטעט. דיעזע איז געווען אן ערנסטע דאמע, מיט שפּורען פון שעהנהייט אויף איהר געזיכט, און איהרע קלוגע אויגען האָבען עדות געזאָגט אויף איהר ערפאהרונג אין דער וועלט. זיא האָט באלד בעשלאָסען זיך ניט צו איילען און ארויסגעבען דעם יונגען מאן וואָס האָט געזוכט ביי איהר שוטץ.

זיא האָט אלזאָ באלד אָנגעהויבען אויסצופרעגען אדריאנא'ן איבער איהר מאן. אדריאנא האָט געענטפערט, אז ער איז פּלוצלונג משוגע געוואָרען.

„פּלוצלונג משוגע געוואָרען ?" האָט דיא אלטע געפרעגט. „וואָס איז דיא אורזאכע ? האָט ער פערלוירען זיין פערמעגען אויף'ן ים ? אָדער דער טויט פון זיינעם א טהייערן פריינד האָט צורודערט זיין שכל ?"

„ניין, ניין, קיין איינציגע פון דיעזע אורזאכען," האָט אדריאנא געענטפערט.

„פיעלייכט," האָט דיא אלטע ווייטער געזאָגט, „האָט ער זיך פערליעבט אין אן אנדערער און דאָס האָט איהם געטריבען צו זיין צו־שטאנד ?"

אדריאנא האָט ערקלערט, אז זיא האָט שוין לאנג געטראכט, אז דער־פאר וואָס ער ליעבט אן אנדערע קומט ער אָפט ניט אהיים.

דער אמת איז אָבער געווען, אז אנטיפאלוס פון עפעזוס האָט דערפאר אָפט אויסגעפעהלט פון זיין הויז, ווייל זיין פרוי האָט איהם געמארטערט מיט איהר אייפערזוכט. דיא נאָנען־אויפזעהערין האָט דאָס באלד פערשטאנען וויא זיא האָט זיך געמערקט אדריאנא'ס אייפערזיכטיגען צאָרן. און אום ווייטער צו ערפאהרען, האָט זיא געזאָגט :

„מיין טאָכטער, דוא האָסט עס איהם בעדארפט זאָגען, פאָרהאלטען."

„דאָס האָב איך אויך געטהאָן."

„פיעלייכט ניט גענוג."

אדריאנא, ווועלענדיג איבערצייגען דיא אלטע, אז זיא האָט געטהאָן איהר פליכט בשלימות, האָט זיא אזוי אָנגעפאנגען :

„דאָס איז אויך געווען דער בעשטענדיגער אינהאלט פון אונזערע גע־שפּרעכען : אין בעט האָב איך איהם ניט געלאָזט שלאָפען און איהם פאָר־

געהאַלטען איבער זיינע פרעמדע ליעבעס. ביים טיש האָב איך איהם ניט געלאָזט עסען און נאָר גערעדט דאריבער. ווען איך בין מיט איהם גע־וועז אַליין, האָב איך נאָר וועגען דעם גע'טענה'עט. אין געזעלשאַפט, האָב איך איהם אָפט דערמאהנט מיט אַ וואונק. אָבער אַלע מיינע רייד האָבען ניט געהאָלפען."

נאָכדעם וויא דיא נאָנען־אויפזעהערין האָט אַלעס ערפאהרען וואָס זיא האָט געוואָלט וויסען, האָט זיא געזאָגט:

„אָט דערפאר איז טאקי דיין מאַן משוגע געוואָרען. דיא גיפטיגע אנטשעפּענעש פון אן אייפערזיכטיגער פרוי איז געפעהרליכער וויא דער ביס פון אַ משוגענעם הונד. עס ווייזט אויס, אַז דיינע ווערטער האָבען איהם אפילו ניט געלאָזט שלאָפען. עס איז אַלזאָ קיין וואונדער וואָס זיין קאָפּ איז צומישט געוואָרען. זיין עסען איז אויסגעמישט געוואָרען מיט דיין ביטערער אייפערזוכט. אונרוהיגע מיטאגען פיהרען צו אַ שלעכטער פער־דייאונג און דאָס האָט איהם געפיהרט צו זיין יעצטיגען צושטאַנד. דוא זאָגסט, אַז אפילו אין געזעלשאַפט האָסטו איהם דערמאהנט כאָטש מיט אַ וואונק. דאָס הייסט, דוא האָסט איהם פערטריעבען זאָגאַר פון אַמוזירען זיך, וואָס דען האָט געקענט זיין דער רעזולטאַט פון אַזא לעבען ווען ניט משוגעת? דיין אויפפיהרונג און דיין בייזע צונג, האָבען איהם געטריעבען צו זיין יעצטיגען צושטאַנד.."

לוקיאַנא האָט פערטהיידיגט איהר שוועסטער, בעהויפּטענדיג, דאָס ווען זיא האָט איהם פאָרגעהאַלטען, איז דאָס געווען אויף אַ מילדען אופן, און דאַן, זיך ווענדינדיג צו אדריאַנא'ן, האָט זיא געזאָגט:

„וואָס הערסטו אויס דיעזע קריטיק איבער דיר און ענטפערסט גאָר ניט אפילו?"

אָבער דיא נאָנען־אויפזעהערין האָט זיא איבערצייגט, אַז זיא אַליין איז שולדיג, און אדריאַנא האָט בעמערקט:

„איך האָב מיך ווירקליך אַליין פעררעטען."

כאָטש אדריאַנא האָט זיך געפיהלט שולדיג, האָט זיא, פון דעסט־וועגען, נאָך אימער פערלאַנגט מען זאָל אַרויסגעבען איהר מאַן. אָבער דיא נאָנען־אויפזעהערין האָט קיינעם ניט געוואָלט לאָזען אַריין געהען אין קלויסטער און אויך ניט אַרויסגעבען דעם מאַן צו זיין אייפערזיכטיגע פרוי. און אום ניט ווייטער איינצו'טענה'ען, איז זיא אַריין אין קלויסטער, פער־

מאכט דיא טהיר און בעשלאָסען אַליין צו זעהען דעם אונגליקליכען יונגען מאַן און איהם פרעגען וואָס דאָ איז.

וועהרענד דיעזען מערקווירדיגען טאָג פון אונגליקליכע טעות׳ן, האָט זיך הערוויל דערנעהנטערט דיא טויטעס שטונדע פון דעם אַלטען עגעאָן, דער פאטער פון דיא צוויי ברידער. עס איז געוועזען בעשטימט, דאָס אויב מען וועט איהם ניט אויסלעזען ביז זונענאונטערגאנג, דאַן מוז ער שטאַרבען.

דער פּלאַטץ פון דער הינריכטונג האָט געזאָלט זיין ניט ווייט פון דעמזעלבען קלויסטער וואו דיא לעצטע בהלה איז פאָרגעקומען. דיא פּראָ־צעסיאָן מיט דעם פעראורטהיילטען איז אָנגעקומען אין יענער געגענד גראדע ווען דיא נאָנען־אויפזעהערין האָט זיך צוריקגעצויגען אין איהר וואָהנונג. דער פירסט אַליין איז נאָכגעגאנגען דער פּראָצעסיאָן, כדי, ווען איינער וועט אויסצאָהלען דאָס געלד, זאָל ער זיין אויף׳ן פּלאַטץ אום צו בעפרייען דעם אַלטען קויפמאַן.

ווען אדריאנא האָט דערזעהען דעם פירסט אין דער פּראָצעסיאָן, האָט זיא אָבגעשטעלט דעם גאנצען עולם און אויסגעשריען צום פירסט, אז זיא פערלאנגט גערעכטיגקייט. דאַן האָט זיא דערצעהלט, אַז דיא נאָנען־אויפזעהערין וויל איהר ניט אַרויסגעבען איהר משוגענעם מאַן.

אָבער וועהרענד זיא האָט אַזוי גערעדט, איז איהר ריכטיגער מאַן מיט זיין דיענער דראָמיאָ אָנגעקומען; זיי איז געלונגען צו ענטלויפען פון זייער געפענגניס. ער איז אויך צוגעגאנגען צום פירסט און פערלאנגט גערעכטיג־קייט, בעהויפטענדיג, אַז זיין פרוי האָט איהם אָבגעשפּאַרט אונטער דער פאַלשער קלאַגע פון משוגעת. דאַן האָט ער דערצעהלט וויא אַזוי ער האָט צוריסען דיא שטריק און ענטלאָפען.

אדריאנא איז געוועזען אויסער זיך פאַר איבערראשונג צו זעהען איהר מאַן ווען זיא האָט גערעכענט אַז ער איז אין קלויסטער.

ווען עגעאָן האָט דערזעהען אנטיפאלוס׳ן פון עפעזוס, האָט ער איהם גערעכענט פאַר זיין זוהן פון סיראקוזע; ער איז אַלזאָ געוועזען זיכער, אז זיין געליעבטער זוהן וועט איהם געוויס אויסלעזען. ער איז אַלזאָ צוגע־גאנגען צו זיין זוהן, און מיט פאטערליכער צערטליכקייט און פול פרייד, האָט ער צו איהם גערעדט האָפענדיג, אַז ער איז שוין זיכער פריי.

עגעאָן איז אָבער ערשטוינט געוואָרען ווען ער האָט געהערט, אַז זיין זוהן לייקענט אָב אַלע זיינע בעהויפּטונגען. דער אמת איז, אַז דיעזער

אנטיפאלוס האָט ווירקליך ניט געזעהען זיין פאטער זייט זיין פריהער קינדהייט ווען דער שטורם האָט זיי צושיידט. אָבער וועהרענד עגעאָן 'האָט ווייטער פרובירט צו דערמאהנען זיין זוהן, האָט זיך געעפענט דיא טהיר פון דעם קלויסטער, און דיא נאָנען־אויפזעהערין צוזאמען מיט דעם אַנדערן אנטיפאלוס און דעם דיענער דראָמיאָ, זיינען ערשיענען.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען דאָס ווילדע שטוינען פון אדריאנא'ן, ווען זיא האָט פאר זיך דערזעהען צוויי מענער און צוויי דראָמיאָס.

יעצט האָבען דיא מעקווירדיגע רעטענישען זיך אָנגעפאנגען אויפצוקלערען. עס איז שוין אויך געוועזן דיא העכסטע צייט דערפאר.

ווען דער פירסט האָט געזעהען דיא צוויי אנטיפאלוס'עס און דיא צוויי דראמיאָס, וועלכע האָבען אויסגעזעהען אַזוי עהנליך, האָט ער זיך באַלד געטראכט, אַז ער ווייסט שוין אַלעס און האָט דעם שליעסעל צום געהיימניס. ער האָט זיך דערמאהנט אן דער געשיכטע וואָס עגעאָן האָט איהם דערצעהלט אין דעם פריהמאָרגען פון דעמזעלבען טאָג, און ער האָט בעשלאָסען, אַז פאַר איהם שטעהען ביידע צווילינג זיהן פון דעם אַלטען עגעאָן צוזאמען מיט זייערע ביידע דיענער.

דער פירסט האָט דאָס אויך באַלד ערקלערט פאר אַלע אנוועזענדע.

דיא פרייד פון דעם אַלטען מאַן איז געוועזן אונבעשרייבליך. דאָס וואָס ער האָט דערצעהלט אין דער פריה אין טיעפען שמערץ, אונטער דעם אורטהייל פון טויט, האָט זיך פערוואנדעלט אין שמחה. נאָר דאָס איז נאָך ניט געוועזן אַלעס. דיא אַלטע נאָנען־אויפזעהערין איז צוגעגאנגען נעהנטער און זיך אויסגעגעבען פאר עגעאָן'ס פרוי, דיא מוטער פון דעם צווילינג.

עגיאָן האָט אַלזאָ ניט נאָר געפונען זיינע קינדער, זאָנדערן אייך זיין ווייב !

דאן האָט זיך דיא געשיכטע אַזוי אויפגעקלערט : ווען דיא פישערלייט האָבען פון איהר צוגענומען איהר זוהן און שקלאף, איז זיא אריין אין א נאָנען־קלויסטער, און דורך איהר גוטע און קלוגע אויפפיהרונג, האָט זיא דערגרייכט דיא שטעלע אלס אויפזעהערין. זיא איז אויך געוועזן בעריהמט פאר איהר גוטסקייט צו עלענדע וואנדערער, און וועהרענד זיא האָט אויפגענומען אנטיפאלוס'ן און איהם געגעבען שוטץ, האָט זיא דאָס בלויז גערעכענט פאר א פליכט צו אַ פערפאָלגטען, ניט דענקענדיג דאמאלס, אַז דאָס איז איהר זוהן.

דיא אלגעמיינע פרייד, האט דערוויילע געמאכט דיא בעטהייליגטע פער־געסען, אז דער אלטער ענעאן איז נאך אימער אונטער דעם אורטהייל פון טויט. אבער ווען זיי האבען זיך אביסעל בערוהיגט, האט אנטיפאלוס פון עפעזוס באלד אנגעבאטען דעם פירסט דיא סומע געלד וואס האט בע־דארפט אויסלעזען זיין פאטער.

נאכדעם איז דער פירסט מיטגעגאנגען מיט דער גאנצער פאמיליע אין קלויסטער אום נאך א מאל צו הערען דיא איינצעלהייטען פון דיעזער וואונ־דערבארער פעראייניגונג.

מען דארף אבער אויך ניט פערגעסען אן דער פרייד פון דיא צוויי ארעמע דראמיאס. זיי האבען זיך אויך בעגריסט, זיך געהאלזט און גע־קושט, און יעדער האט געמאכט א קאמפלימענט דעם צווייטען וויא שעהן ער איז, וויסענדיג, אז דערמיט מאכט ער זיך אליין אויך א קאמפלי־מענט, ווייל זיי זיינען ווירקליך געווען אזוי עהנליך וויא צוויי טראפענס וואסער.

דערווייל האט אדריאנא זעהר פיעל געלערענט פון איהר נייער שוויגער־מוטער. דיא אייפערזוכט איז ניט נאר פון איהר פערשוואונדען, זאנדערן זיא האט אויך זיך געשעהמט פאר איהר אייפערזיכטיגער פערגאנגענ־הייט.

אנטיפאלוס פון סיראקוזע האט חתונה געהאט מיט דער שעהנער לוקיא־נא, דיא שוועסטער פון זיין שוועגערין. דער גוטער אלטער ענעאן, האט נאך געלעבט פיעלע גליקליכע יאהרען מיט זיין פרוי אין עפעזוס נעבען זיינע קינדער.

אין דער צוקונפט, וויסענדיג, אז דיא עהנליכקייט פון דיא אנטיפא־לוס'עס וועט ארויסרופען פיעלע קאמעדיען פון טעות'ן, האבען זיך ביידע צווילינגען אפט מאל אמוזירט און דער עולם האט זיך טועה געווען און גע־רעכענט איינעם פאר'ן צווייטען.

# די צוועלפטע נאכט אדער וואס דו ווילסט

סעבאסטיאן פון מעסאלינע און וויאָלא פון מעסאלינע, זיינען געווען ברודער און שוועסטער. דער וואונדערדערביי איז געווען, וואָס אָבוואָהל אַ מאַנספּארשוין און אַ פרויענצימער, ווען ניט דער אונטערשיעד אין זייער קליידונג, וואָלט מען זיי ניט דערקענט דורך זייער שטאַרקע עהנליכקייט.

זיי זיינען געווען אַ צווילינג, געבוירען אין איין שטונדע, אָבער אויך אין איין שטונדע זיינען זיי געשטאַנען אין געפאהר ביידע דערטרונקען צו ווערען, ווייל, פאָהרענדיג ביידע אויף'ן ים, איז זייער שיף צושמעטערט געוואָרען ניט וויט פון דעם ברעג ביי איליריא.

אַ שטורם האָט געוויטהעט און אַרויפגעשליידערט דיא שיף אויף אַ פעלזען. דיא שיף איז איינפאך איבערגעריסען געוואָרען אין צווייען, און זעהר ווענינ מענשען האָבען געראטעוועט זייער לעבען.

דער קאַפּיטאן פון דער שיף, צוזאמען מיט עטליכע מענשען, דארונטער וויאָלא, האָבען זיך געראטעוועט אין אַ קליין שיפעל און עס איז זיי געלונגען צוצוקומען צום האפען. אַזוי וויא זיי האָבען געלאנדעט, אנשטאט וויאָלא זאָל זיין פרעהליך, האָט זיא אָנגעהויבען צו וויינען און קלאגען אויף דעם פערלוסט פון איהר געליעבטען ברודער. דער קאַפּיטאן וויעדער האָט זיא געטרייסט און פערזיכערט, אַז ער האָט געזעהען איהר ברודער סעבאסטיאן, ווען דיא שיף איז צושמעטערט געוואָרען, זיך צובינדען צו אַ גרויסען מאסטבוים, און דאן האָט ער געזעהען וויא דיא כוואלעס האָבען איהם געטראָגען, דאָס הייסט, אַז ער איז ניט דערטרונקען געוואָרען.

ווען וויאָלא האָט דאָס געהערט, האָט זיא זיך אַ ביסעל געטרייסט,

און אנגעפאנגען צו קלערען וואס עס זאל ווערען פון איהר אליין. זיא איז געווען פרעמד, אין א פרעמד לאנד און ניט געוואוסט וואס זיא זאל טהון.

זיא האט געפרעגט דעם קאפיטאן אויב ער ווייסט עפעס איבער איליריא.

„יא, מאדאם, געוויס ווייס איך,“ האט דער קאפיטאן געענטפערט, „איך בין געבוירען געווארען בלויז דריי שטונדען רייזע פון דאנען.“

„ווער רעגיערט דא ?“ האט וויאלא ווייטער געפרעגט.

דער קאפיטאן האט איהר ערקלערט, אז איליריא ווערט רעגיערט פון פירסט ארסינא, א נאבעלער און עהרענהאפטער מאן.

וויאלא האט זיך דאן דערמאהנט, אז איהר פאטער האט איהר אמאל דערצעהלט איבער איהם, דאמאלס איז פירסט ארסינא נאך ניט געווען פערהייראטעט.

„און יעצט איז ער אויך ניט פערהייראטעט,“ האט דער קאפיטאן געזאגט, „אדער, וועניגסטענס, איז ער אין דער לעצטער צייט נאך ניט געווען פערהייראטעט, ווייל עס איז בלויז א מאנאט זייט איך בין פון דאנען אוועקגעפאהרען. דאמאלס געדענק איך, האט מען איבעראל גערעדט, אז ארסינא האט זיך גע׳שדכ׳ענט צו דער שעהנער אליוויא, א טוגענדהאפטעם מיידעל, דיא טאכטער פון א גראף וואס איז מיט צוועלף מאנאט צוריק געשטארבען, איבערלאזענדיג אליוויא׳ן אונטער דעם שוטץ פון איהר ברודער, וועלכער איז אויך באלד נאך דעם געשטארבען. אוים ליעבע צו דיעזען ברודער, זאגט מען, האט זיא געשוואוירען זיך מעהר ניט צו געפינען אין דער געזעלשאפט פון מענער.“

אזוי וויא וויאלא איז אויך געווען אין אזא לאגע, דאס הייסט אויך טרויערנדיג נאך א ברודער, האט זיא זיך געוואונשען צו לעבען צוזאמען מיט דיעזער דאמע, וועלכע קען אזוי אויפריכטיג טרויערען נאך א ברודער.

זיא האט געפרעגט דעם קאפיטאן אויב ער קען זיא פארשטעלען פאר אליוויא׳ן, און זיך ערקלערט בערייט צו דיענען ביי איהר. דער קאפיטאן האט געענטפערט, אז דאס וועט זיין זעהר שווער דורכצופיהרען, נאכדעם אליוויא לאזט קיינעם ניט אריין אין איהר הויז זייט דעם ברודער׳ס טויט, און אפילו דער פירסט קען צו איהר ניט צוקומען.

דאַן איז וויאָלא געפאַלען אויף אַן אַנדערן פּלאַן, דאָס הייסט, זיא זאָל זיך פערקליידען אַלס מאַן און דיענען ביי אָרסינאָ׳ן.

עס איז אפילו געווען אַ מערקווירדיגער איינפאַל פאר אַ יונגער דאַמע, זיך צו פערקליידען אַלס מאַן, אָבער אַזוי וויא וויאָלא האָט געוואוסט, אַז זיא איז זעהר שעהן און געפינט זיך אין אַ פרעמדער לאַנד, וועט זיין פאר איהר פיעל בעסער זיך צו פערשטעלען אַלס מאַן.

וויאָלא האָט בעמערקט, אַז דער קאַפּיטאַן איז אַן אַנשטענדיגער מענש און ער אינטערעסירט זיך זעהר אין איהר טרויעריגער לאַגע. זיא האָט פאר איהם אַלזאָ פערטרויעט איהר פּלאַן, און ער האָט איהר פערשפּראָכען צו העלפען.

דאָס מיידעל האָט איהם געגעבען געלד און געבעטען ער זאָל זיא בע־זאָרגען מיט אַ פּאַסענדען אַנצוג. זיא האָט זיך דערמאַהנט וויא איהר ברודער סעבאַסטיאַן פלעגט זיין געקליידעט, און זיא האָט פערלאַנגט אַן אַנצוג פּונקט וויא יענער.

ווען זיא האָט זיך אָנגעטהאָן אין דיעזע בגדים און זיך אָנגעקוקט אין שפּיעגעל, האָט זיא פאר זיך ערבליקט איהר ברודער סעבאַסטיאַן.

דאָס האָט געפיהרט צו אַ מערקווירדיגען טעות שפּעטער, ווייל סע־באַסטיאַן איז געראַטעוועט געוואָרען און — אָבער דאָס אַלעס וועט באַלד ערקלערט ווערען.

וויאָלא׳ס גוטער פריינד, דער קאַפּיטאַן, נאָכדעם וויא ער האָט פער־וואַנדעלט דאָס שעהנע מיידעל אין אַ מאַן, איז ער אַוועק אין פירסטליכען הויף וואו ער האָט געהאַט אַנדערע געשעפטען צו בעזאָרגען, און ביי דיע־זער געלעגענהייט האָט ער פאָרגעשטעלט וויאָלא׳ן פאר׳ן פירסט אונטער דעם נאָמען צעזאַריאָ.

דעם פירסט איז שטאַרק געפעלען געוואָרען דיא שפּראַך און בענעהמען פון דעם שעהנעם יונגען מאַן און איהם באַלד געמאַכט פאר זיין פּאַזש, אָדער קאַמער יונגע. דאָס האָט אויך וויאָלא געוואָלט.

וויאָלא האָט אַזוי ערפילט איהרע פליכטען, זיך געצייגט אַזוי בערייט־וויליג צו טהון אַלעס פאר איהר הערר, אַז צעזאַריאָ איז באַלד געוואָרען זיין גרעסטער ליעבלינג.

פאר צעזאַריאָ׳ן האָט אָרסינאָ פערטרויעט דיא גאַנצע געשיכטע פון זיין ליעבע פאר אָליוויאַ׳ן. ער האָט איהם דערצעהלט וויא לאַנג דאָס איז זייט ער בעמיהעט זיך צו קריעגען איהר האַנד, און וויא זיא פעראַכטעט איהם

און וויל איהם אפילו ניט אריינלאזען אין איהר הויז. און אליץ אויס דיעזער האפנונגסלאזער ליעבע, האט דער נאבעלער ארסינא אויפגעגעבען זיינע יאגד פערגעניעגענס און אלעס אנדערע און איז געווארען א פויללענצער, פערברענגענדיג זיין צייט הערענדיג מוזיק און ליעבעס-ליעדער. ער האט אויך אויפגעגעבען דיא געזעלשאפט פון דיא געלערענטע מענער מיט וועמען ער פלעגט זיך אפט בעגעגענען און פערלוירען דיא אינטערעסע אין דער גאנצער וועלט.

דאן, ווען צעזאריא איז געקומען צו איהם, פלעגט ער פערברענגען כמעט זיין גאנצע צייט רעדענדיג מיט איהם איבער זיין אונגליקליכע ליעבע.

דאס איז אפילו ניט געווען קיין פאסענדער קאמפאניאן פאר א נאבעלען און מעכטיגען פירסט, אבער דיא ליעבע איז אימשטאנדע צו מאכען פון העלדען דיא שוואכסטע ברואים.

אין דערזעלבער צייט מוזען מיר בעמערקען, אז עס איז ווירקליך א געפאהר פאר א יונג מיידעל צו זיין דיא בוזים-פערטרויעטע פון א יונגען און שעהנעם פירסט אין זיינע ליעבעס אנגעלעגענהייטען. דאס האט וויאלא, צו איהר בעדויערן, אויך באלד אויסגעפונען. ווייל אלעס וואס ארסינא האט איהר דערצעהלט, אז ער ליידט פאר דער ליעבע צו אליוויא'ן, האט זיא געשפירט, אז זיא ליידט פאר דער ליעבע צו איהם. וויאלא האט זיך מעהרערע מאל געוואונדערט אויף אליוויא'ן, וויא זיא קען פערבלייבען אזוי גלייכגילטיג צו א שעהנעם און פרעכטיגען מאן. אבער אליוויא האט וויאלא'ן זעהר ווייניג געקימערט; זיא איז געווען שטארק געערגערט איבער ארסינא'ן און זיא האט פרובירט איהם לאנגזאם אויפמערקזאם צו מאכען איבער זיינע אייגענע גרויסע מעלות און דאס עס פאסט ניט פאר איהם ער זאל זיך אזוי ארונטערלאזען.

„ווען א דאמע זאל אייך אזוי ליעבען," האט זיא צו איהם געזאגט, „וויא איהר ליעבט אליוויא'ן, (און פיעללייכט ליעבט אייך טאקי אזוי א דאמע,) יא, ווען דאס זאל זיין דער פאל, און איהר זאלט זיא וויעדער ניט ליעבען, וואלט איהר ניט מיטגעטהיילט דיעזער דאמע, אז איהר קענט זיא ניט ליעבען און זיא זאל צופריעדען זיין מיט דעם ענטפער?"

אבער דער פערליעבטער ארסינא האט זיך גאר ניט געוואלט ארייינלאזען אין אזא חקירה; ער האט בעהויפטעט, אז עס איז גאר אונמעגליך, אז א פרויענצימער זאל אזוי ליעבען וויא ער ליעבט.

„ניין, ניין," האָט ער געזאָגט, „קיין פרויען הארץ איז אזוי גרויס צו ענטהאַלטען אזוי פיעל ליעבע, און דערפאר פאסט עס גאר ניט צו פערגלייכען אירגענד אַ פרויענליעבע צו דער ליעבע וואָס איך טראָג אין מיין ברוסט."

כאָטש וויאָלא האָט געהאַט דיא העכסטע אכטונג פאר דעם פירסט'ס מיינונגען, האָט זיא דאָך געטראכט, אז וואָס ער זאָגט איז ניט אמת, ווייל זיא איז געווין זיכער, אַז זיא ליעבט דעם פירסט פונקט אזוי פיעל וויא ער קען ליעבען, אָדער, אפשר נאָך מעהר.

„אַך, מיין הערר," האָט זיא געזאָגט, „איך וויים" . . .

„וואָס ווייסטו, צעזאריאָ ?" האָט ער געפרעגט.

„איך וויים זעהר גוט וואָס פאר א ליעבע אַ פרויענצימער קען האָבען פאר א מאַן. פרויען קענען פונקט אזוי ליעבען וויא מיר מענער. מיין פאטער האָט געהאַט אַ טאָכטער, וועלכע האָט געליעבט אַ מאַן, וויא איך פיעללייכט, ווען איך וואָלט געווען אַ פרוי, וואָלט אייך געליעבט."

„און וואָס איז געוועזן מיט דיין שוועסטער'ס ליעבע ?"

„קיינער ווייסט ניט, מיין הערר. זיא האָט עס קיינעם ניט דערצעהלט. זיא האָט אין זיך געטראָגען דאָס מאַטערענדע געהיימניס, וועלכעס האָט זיא פערצעהרט וויא דער ווארם, וואָס ליעגט אין גלעקעלע פון דער רויז, פרעסט אויף איהרע רויטע באקען. זיא האָט געטראָגען דעם שמערץ אין איהר גע־דאנק, און מיט אַ גרינער און געלער מעלאנכאָליע איז זיא געזעסען וויא דיא געדולד אויף אַ מאָנומענט שמאַכטענדיג פון שמערץ."

דער פירסט האָט זעהר געוואָלט וויסען אויב דיזע דאַמע איז גע־שטאָרבען פון שמערץ אוים ליעבע, אָבער וויאָלא האָט אויסגעמיעדען צו געבען אַ דירעקטען ענטפער, ווייל דיא בעצייכנונג איז געווען איבער איהר אליין, וועלכע האָט אזוי פיעל געליטען פון איהר בעהאַלטענער ליעבע.

וועהרענד זיי זיינען געזעסען און אזוי גערעדט, איז אריינגעקומען אַ מאַן וועמען דער פירסט האָט געשיקט צו אליוויא'ן. דער מאַן האָט אָבגעגע־בען פאָלגענדען בעריכט :

„ערלויבט מיר, מיין הערר, אייך מיטצוטהיילען, אז אליוויא האָט מיך ניט צוגעלאָזט. זיא האָט בלויז ארויסגעשיקט איהר קאַמער־פרוי אייך צו געבען דיעזען ענטפער : ביז זיעבען יאָהר פון היינט, זאָלען דיא עלע־מענטען אליין ניט זעהען איהר געזיכט ; זיא וועט, וויא אַ נאָנע, ארומ־

געהען מיט אַ שלייער אויף איהר פּנים בעשפּריצענדיג איהר צימער מיט טרערען פאַר דער טרויעריגער עראינערונג אַן איהר ברודער.״

ווען דער פירסט האָט דאָס געהערט, האָט ער אויסגעשריען:

„אַך, דיעזע וואָס האָט אַזאַ נאָבעלעס הארץ, וואָס קען אַזוי טרויערן נאָך אַ ברודער, וויא וועט זיא ליעבען, ווען איהר הארץ וועט איין מאָל בעריהרט ווערען פון דעם גאָלדענעם ליעבעס־שטאַב!״

דאַן זיך ווענדענדיג צו וויאָלאַ׳ן, האָט ער געזאָגט:

„דוא ווייסט, צעזאַריא, דיר האָב איך ענטדעקט אַלע געהיימניסע פון מיין הארצען; דערפאַר, גוטער יונגע, בעט איך דיך, געה דוא אַרי־בער צו וויאָלאַ׳ן. לאָז דיך ניט אָוועקטרייבען; שטעל אַוועק דיין פוס אויף איהר שוועל און זאָג איהר, אַז דוא וועסט פון דאָרט ניט אַוועק־געהען ביז זיא וועט דיך אויפנעהמען און הערען וואָס דוא האָסט צו זאָגען.״

„און ווען איך וועל רעדען צו איהר, וואָס וועט זיין דאַן?״

„דאַן, צעזאַריא, ערקלער איהר מיין גאַנצע ברענענדע ליעבע. דער־צעהל איהר פון מיין טריישאַפט. יא, צעזאַריא, רעדט צו איהר, וויל זיא וועט דיך געווים אויספרעגען.״

דיא אָרעמע וויאָלאַ איז אַוועק אין דיעזער אונאַנגענעהמער שליחות, זיא, וואָס האָט געליעבט דעם פירסט, איז אַוועק שפּיעלען דיא ראָלע פאַר איהם און ערקלערען ליעבע פאַר איהם צו דער פרוי וואָס זיא האָט אמבעסטען ניט געוואָלט זעהען אין איהר וועג.

אבער נאָכדעם וויא וויאָלאַ האָט איין מאָל אונטערגענומען דיעזע שליחות, איז זיא געווען בערייט אַלעס דורכצופיהרען וויא עס דאַרף צו זיין, אָבוואָהל איהר הארץ האָט דערוייל געבלוטעט.

עס האָט ניט פיעל געדויערט און אָליוויא׳ס דיענסט האָט אָנגעזאָגט איהר הערין, אַז אַ יונגער מאַן וויל זיא זעהען.

„איך האָב איהם געזאָגט,״ האָט זיך דיא דיענסט פערטהיידיגט פאַר אָליוויא׳ן, „אַז איהר זייט קראַנק; און ער האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט דערפון, און טאַקי דערפאַר וויל ער אייך זעהען. איך האָב איהם געזאָגט, אַז איהר שלאָפט, און, וויא עס שיינט, האָט ער דערפון אויך געוואוסט, און געזאָגט, אַז טאַקי דערפאַר דאַרף ער רעדען מיט אייך. וואָס נאָך זאָל איך איהם זאָגען? ער זעהט אויס ענטשלאָסען מיט אייך זיך צו בעגעגענען אויב איהר ווילט עס יא אָדער ניט.״

אליוויא איז געוואָרען נייגיעריג.

מיט אַ שמייכעל האָט זיא זיך אַליין געפרעגט:

„ווער קען דאָס זיין וואָס איז אַזוי צודרינגליך?"

זיא האָט דאן געהייסען מען זאָל איהם אַריינלאָזען.

זיך מערקענדיג, אַז דאָס מוז ווידער זיין אַ שליח פון ארסינאָ'ן, האָט זיא אַרויפגעוואָרפען דעם שלייער אויף איהר געזיכט און געמורמעלט:

„אדרבא, לאָמיך הערען וואָס ער האָט צו זאָגען."

וויאָלא איז ערשיענען און אנגעווענדעט אַלעם מעגליכע אויסצוזעהען וויא א מאַן.

ערבליקענדיג פאר זיך דיא פערשלייערטע דאמע, האָט וויאלא, אלס מאַן, אזוי געזאָגט:

„גרויסאַרטיגע, ערהאבענע און אונפערגלייכליכע שעהנהייט, איך בעט דיך, זאָג מיר, ביסטו דיא העררין פון דיעזען הויז? איך פרעג דאָס, ווייל איך וואָלט ניט וועלען פערצעהרען מיינע ווערטער אימזיסט פאר אַן אַנדערער. אונגעאַכטעט דאראויף וואס איך זאָג אַלעס ארויס אזוי גוט, האָב איך פיעל שטודירט ביז איך האָב דאָס אויסגעלערנט."

„פון וואנען ביסטו?" האָט אליוויא געפרעגט.

„מעהר וויא איך האָב איינגעשטודירט, קען איך ניט זאָגען, און דיעזע פראגע וואָס דוא האָסט מיר געשטעלט, געפינט זיך ניט אין מיין ראָלע."

„ביסטו אַן אַקטיאָר?" האָט אליוויא געפרעגט.

„ניין, און דאָך בין איך ניט דאָס וואָס איך שפּיעל יעצט."

וויאָלא האָט געמיינט דערמיט צו זאָגען, אַז זיא איז אַ פערשטעלטע פרויענצימער.

דאן האָט זיא ווידער געפרעגט אליוויא'ן אויב זיא איז דיא העררין פון דעם הויז. אליוויא האָט איהר ענדליך גענטפערט: „יא."

דאן איז וויאָלא אויך געוואָרען נייגיעריג און געוואָלט זעהען וויא ארסינאָ'ס געליעבטע זעהט אויס.

„גוטע דאמע," האָט וויאָלא אָנגעהויבען, „לאָז מיך זעהען דיין געזיכט."

דאָס איז אפילו געווען אַ שטאָלצער פערלאנג, אָבער אליוויא איז געווען בערייט צו ערפילען דעם וואונש. דיא אורזאַכע דערפון איז געווען גאַנץ איינפאך: דיעזעלבע וועמען דער פירכט האָט אזוי שטאַרק געליעבט,

ווען זיא האָט דערזעהען דעם שעהנעם צעזאַריאָ, האָט זיא זיך באַלד פערליעבט אין איהם.

ווען וויאָלא האָט פערלאַנגט צו זעהען איהר געזיכט, האָט וויאָלא געענטפערט:

„האָסטו ערהאַלטען אירגענד אַן אויפטראַג פון דיין הערן צו אונטערהאַנדלען וועגען מיין געזיכט?"

דאַן, פערגעסענדיג איהר ענטשלוס צו געהען פערשלייערט וועהרענד געזאָגט:

„אָט דאָ נעהם איך אוועק דעם פאָרהאַנג און דוא קענסט זעהען דאָס בילד, זאָג אַליין, איז דאָס אַ פיין שטיקעל ארבייט?"

„עס איז אַ שעהנהייט," האָט וויאָלא געענטפערט אַ ביסעל איבערראַשט, „ריכטיג און פּינקטליך דורכגעמישט; דאָס רויטע און ווייסע אויף דיינע באַקען איז דיא ארבייט פון נאַטור'ס קינסטלער האַנד. דוא ווערסט זיין דיא גרויזאַמסטע דאַמע וואָס לעבט ווען דוא ווערסט אוועקפיהרען דיינע גראַציען אין קבר אריין און ניט איבערלאַזען פאַר דער וועלט קיין קאָפּיע."

„אַך," האָט אָליוויאַ געענטפערט, „אַזוי גרויזאַם וועל איך ניט זיין. דיא וועלט וועט מעגען האָבען אַ פערצייכנים פון מיין שעהנהייט. ערשטענס, צוויי ליפּען, אונוויכטיג רויט; צווייטענס, צוויי גרויע אויגען מיט דעקלעך אויף זיי; איין האַלז; איין קינבאַק, און אַזוי ווייטער. זאָג מיר נאַר, יונגער מאַן, האָט מען דיך געשיקט אַהער מיך צו לויבען?"

„איך זעה שוין ווער דוא ביסט," האָט וויאָלא געענטפערט. „דוא ביסט צו שטאָלץ, אָבער אויך צו שעהן. מיין הערר ליעבט דיך. אַך, ווען אַזאַ ליעבע וואָלט נאָר געקענט בעלוינט ווערען, אפילו ווען דוא זאָלסט זיין געקרעהנט אַלס דיא קעניגין פון שעהנהייט! ווייל ארסינאָ ליעבט דיך מיט דער גרעסטער פערעהרונג און מיט טרערען, מיט קרעכצען וואָס דונערן מיט ליעבע, און זיפצען פון פייער —"

„דיין הערר," האָט אָליוויאַ אונטערבראָכען, „ווייסט שוין גאַנץ גוט מיין מיינונג, אַז איך קען איהם ניט ליעב האָבען. איך ווייס, אַז ער איז אַ נאָבעלער און פיינער מאַן, פון אַ פרישער און אונבעפלעקטער יוגענד. אַלע שטימען פּראָקלאַמירען איהם אַלס דעם געלערנטען, גאַלאַנטען און מוטהיגען; דאָך קען איך איהם ניט ליעב האָבען, און דאָס האָט ער שוין לאַנג בעדאַרפט פערשטעהען."

„ווען איך וואָלט דיך געליעבט וויא מיין הערר ליעבט דיך," האָט

וויאלא געזאָגט, „וואָלט איך מיר געמאַכט אַ שטיבעל פון ווערבעס נעבען דיין טויער, אָנגערופען דיין נאָמען און געשריעבען אַנקלאגענדע סאָנעטען איבער אליוויא'ן, און זיי געזונגען אין דער שטילקייט פון דער נאכט. דיין נאָמען וואָלט געקלונגען איבער דיא בערג, און דער ווידער־קול וואָלט אָבגעהילכט אין דער לופט און צוריקגעשריען — אליוויא! אַך, דוא וואָלסט דאמאלס ניט מעהר געשטאַנען צווישען דיא עלעמענטען פון דער ערד און לופט, נאָר דוא וואָלסט אויף מיר רחמנות געהאַט.“

„דוא וואָלסט געקענט פיעל אויפטהון,“ האָט אליוויא געזאָגט. „אָבער, דערצעהל מיר, ווער זיינען דיינע עלטערן?“

„זיינען זיי איבער מיין גליק,“ האָט וויאָלא געענטפערט, „און דע־נאָך בין איך רייך, איך בין אַ עהרענמאַן.“

אונווילענדיג האָט אליוויא דאַן ענטלאסען וויאָלא'ן און בעמערקט:

„געה זאָג דיין הערר, אַז איך קען איהם ניט ליעבען. זאָל ער שוין מעהר קיינעם אהער ניט שיקען, אָדער פיעללייכט מעגסטו קומען מיר דער־צעהלען וויא ער פיהלט נאָך דעם וואָס איך בעפעהל איהם יעצט.“

וויאלא איז אוועק ווינשענדיג דער דאמע „אַדיע,“ און זיא אָנגערופען „שעהנע גרויזאמקייט.“

ווען וויאלא איז אַוועק, איז אליוויא געשטאַנען אַ היבשע צייט און איהר נאָכגעקוקט, און דאַן האָט זיא געמורמעלט ווידערהאָלענדיג איהרע ווערטער: „איך בין אַן עהרענמאַן!“

„יא,“ האָט זיא ווייטער געזאָגט, „ער איז אַן עהרענמאַן! זיין צונג, זיין געזיכט, זיינע פיס, זיינע בענעהמונגען און גייסט, קורץ אַלעס צייגט, אַז ער איז אַן עהרענמאַן!“

דאַן האָט זיא זיך געוואונשען, אַז הלוואי וואָלט צעזאַריאָ געווען דער פירסט, און בעמערקענדיג וויא שנעל און ברענענדיג איהר ליעבע איז גע־וואָרען, האָט זיא זיך אַליין געמאַכט פאָרווירפע פאר דיעזער פלעטצליכער ליעבע. אָבער דיעזען מין פאָרווירפע וואָס מענשען מאַכען געגען זיך אליין, האָבען זעלטען אַ ווירקונג.

עס האָט אויך ניט פיעל געדויערט און אליוויא, דיא עדעלע דאמע פון הויכער געבורט און גרויסען אַדעל, האָט באַלד אַרויסגעוויעזען וואָס עס הייסט ווען דיא פייערדיגע און ברענעדיגע ליעבע געהט אַריין אין דעם האַרץ פון אַ יונגער און שעהנער דאמע.

אליוויא האָט פערגעסען אַן אלע פאָרזיכטיגקייטען, און דערפאר האָט

זיא גענומען א קאסטבארען בריליאנטענעם רינג, איהם געגעבען צו א דיענער און געהייסען מען זאל נאכלויפען צעזאריא'ן און איהם געבען דעם רינג, בעהויפטענדיג, אז ארסינא האט איהר געשיקט דעם רינג און זיא וויל איהם ניט האבען. זיא האט דערמיט געוואלט ערשטענס צעזאריא זאל האבען א שעהנעם רינג, און, צווייטענס, איהם אויפמערקזאם מאכען, אז זיא ליעבט איהם, אדער, וועניגסטענס, פערזיכערען ער זאל נאך א מאל צוריק קומען כדי זיא זאל קענען מיט איהם רעדען.

דער דיענער האט געטראפען וויאלא'ן אויף דער גאס און איהר איבער־געגעבען דעם רינג.

עס האט ניט פיעל געדויערט און וויאלא האט פערשטאנען וואס דאס בעדייטעט.

„אך!" האט זיא אויסגערופען צו זיך אליין, „דיא ארעמע דאמע וואלט פונקט אזוי געמעגט ליעב האבען א חלום וויא מיך. פערשטעלען זיך איז א פערברעכען, וויל דאס האט געפיהרט אליוויא'ן אויסצואטהמען פונקט אזעלכע פרוכטלאזע זיפצען נאך מיר וויא איך פאר ארסינא'ן."

וויאלא האט נאכהער צוריק געקעהרט אין פאלאץ און מיטגעטהיילט דעם פירסט איבער דעם שלעכטען ערפאלג וואס זיא האט געהאט אין איהרע אונטערהאנדלונגען מיט אליוויא'ן. אין דערזעלבער צייט האט זיא איהם אויך דערצעהלט, אז אליוויא וויל ער זאל זיא שוין מעהר ניט בעלעסטיגען מיט זיין ליעבע.

פון דעסטוועגען האט דער פירסט נאך געהאפט, אז דעם גוטען צעזאריא וועט דאך געלינגען ארויסצורופען וועניגסטענס רחמנות ביי דער גרויזאמער אליוויא. דערוויל האט ער זיך געלאזט זינגען א ליעבעס ליעד פון שמערצען און פערצווייפלונג.

דאס ליעד האט אויף וויאלא'ן אויך געמאכט אן איינדרוק פון טרויער און פערצווייפלונג. ווען ארסינא האט בעמערקט איהר געזיכט, האט ער געזאגט:

„איך שטעל מיין לעבען דארויף, צעזאריא, דאס אבוואהל דוא ביסט נאך אזוי יונג, האסטו שוין אויך געבליקט אויף א געזיכט וואס דוא ליעבסט. זאג דעם אמת, מיין יונגע, איז דאס ניט אזוי?"

„יא, אביסעל, מיט אייער ערלויבנים," האט וויאלא געענטפערט.

„און וואס פאר א פרוי איז דאס, וויא אלט איז זיא?" האט דער נייגיעריגער פירסט געפרעגט.

„זיא איז פון איירע יאָהרען, און איהר געזיכט איז עהנליך צו אייערן, מיין הערר," האָט זיא געענטפערט.

דאָס האָט דעם פירסט ניט ווענינ איבערראַשט. ער האָט געשמייכעלט קוקענדיג אויף דעם יונגען צעזאַריא מיט זיין ווייסעס און לויטערעס געזיכט, אַז ער האָט זיך פערליעבט אין אַ פרוי פיעל עלטער וויא ער, און פון אַזאַ טונקעלעס געזיכט וויא ער האָט.

דער אמת איז אָבער, אַז וויאָלא האָט דערמיט ניט געמיינט קיין פרויענ־צימער, זאָנדערן דעם פירסט אַליין.

ווען וויאָלא האָט בעזוכט צום צווייטען מאָל אָליוויא'ן, איז איהר שוין ניט געוועזען שווער צוצוקומען. דיענער ענטדעקען באַלד דעם סוד ווען זייערע הערינס ליעבען צו רעדען און איינטענה'ען מיט שעהנע און יונגע לייט.

אזוי שנעל וויא וויאָלא איז אהין געקומען, האָט מען פאַר איהר באַלד געעפענט אַלע טהירען, און דעם פירסט'ס פּאַזש איז אריינגעפיהרט געוואָרען צו אָליוויא'ן.

ווען וויאָלא האָט מיטגעטהיילט אָליוויא'ן, אַז זיא איז ווידער געקומען בעטען פאַר איהר הערר, האָט זיא אָליוויא אונטערבראָכען מיט דיעזע ווערטער:

„איך האָב דיך שוין איינמאָל געבעטען דוא זאָלסט איבער איהם מעהר ניט רעדען אין מיין געגענוואַרט. אָבער ווען דוא ווילסט אונטערנעהמען צו בעטען פאַר דיר אַליין, פערזיכער איך דיך, אַז איך וואָלט בעסער דיך ווען אויסהערען וויא דיא מוזיק פון דיא ספּערען."

דיא קאַטץ איז ארוים פון זאַק!

דאָס איז געוועזען אַ גאַנץ דייטליכע שפּראַך.

אויפ'ן פּלאַטץ האָט וויאָלא גאָר ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען, אָבער באַלד האָט אָליוויא זיך נאָך דייטליכער ערקלערט ווען זיא האָט בעמערקט וויאָלא'ס אונצופריעדענהייט.

„אַך!" האָט זיא אויסגעשריען, אַ וועלט מיט שעהנהייט ליעגט אין דער פעראַכטונג און צאָרן אויף זיינע ליפּען! צעזאַריא, ביי דיא רויזען פון דעם פריהלינג, ביי דער מיידעלשאַפט, ביי מיין עהרע, און ביי דער וואהרהייט, שווער איך דיר, אַז איך ליעב דיך! — און, איך ליעב דיך טראָטץ דיין שטאָלץ, און איך האָב ניט קיין שאַרפזין און ניט קיין שכל וויא צו בעהאַלטען מיין ברענענדע ליעבע!"

ארעמע אליוויא! אומזיסט זיינען געווען איהרע העליש-פייערדיגע ליעבעס ווערטער.

וויאלא האט זיך אויפגעהויבען און איז ענטלאפען, סטראשענדיג זיך אליין מעהר ניט צו קומען בעטען פאר ארסינא'ן. דעם איינציגען ענטפער וואס זיא האט געגעבען אליוויא'ן, איז געווען, אז זיא וועט „קיינמאל ניט ליעבען אירגענד א פרוי!"

מען האט עס איהר געמעגט גלויבען.

אזוי שנעל וויא וויאלא איז ארויס אויף דער גאס, האט זיך צום ערשטען מאל געמאכט דיא געלעגענהייט וואס מען האט ביי איהר געפאדערט ארויס-צוציינען איהר מענליכען מוטה.

א יונגער מאן, וועמען אליוויא האט צוריק געוויעזען זיין ליעבע, האט ערפאהרען, אז אליוויא האט זיך פערליעבט אין דעם פירסט'ס שליח. דיעזער יונגער מאן האט בעגעגענט וויאלא'ן און זיא ארויסגעפאדערט אויף א דועל.

יא, וויאלא האט געטראגען מענליכע קליידער, אבער אונטער איהר ברוסט האט געקלאפט א מיידעל'ס הארץ. זיא האט אפילו מורא געהאט צו קוקען אויף א שווערט, שוין ניט רעדענדיג פון קעמפפען מיט א שווערט.

ווען זיא האט געזעהען איהר געגנער ארויסציהענדיג זיין שווערט און זיך דערנעהנטערענדיג, האט עס שוין געהאלטען דערביי זיא זאל זיך מודה זיין, אז זיא איז א פרויענצימער. אבער עס האט עפעס פאסירט, וואס האט זיא בעפרייעט אי פון דער מורא, אי פון דער אונאנגענעהמער לאגע זיך צו ענטדעקען.

א ווילד-פרעמדער איז פלוצלונג צוגעקומען, וועלכער האט זיך אריינ-געמישט צווישען זיי, און ערקלערענדיג, גלייך וויא ער קען זיא שוין פון לאנג, אז זיא איז זיין טהייערסטער פריינד, האט ער זיך געווענדעט צום יונגען מאן וואס האט געוואלט דועלירען.

„ווען דיעזער יונגער הערר האט דיר עפעס געטהאן," האט דער פרעמ-דער געזאגט, „דאן נעהם איך אלעס אויף מיר. ווען דוא טהוסט איהם עפעס, דאן זאלסט וויסען, אז דו ביסט צו מיר פעראנטווארטליך מיט דיין לעבען!"

נאך איידער וויאלא האט צייט געהאט איהם צו דאנקען פאר זיין שוטץ, אדער פרעגען ווער ער איז, זיינען פלוצלונג אנגעקומען עטליכע בעאמטע און ארעסטירט דעם פרעמדען פאר א פערברעכען וואס ער האט בעגאנגען.

איידער מען האט איהם אוועקגעפיהרט, האט ער זיך געווענדעט צו וויאליא'ן מיט פאלגענדע ווערטער:

„דאס איז געקומען דערפון וואָס איך בין געגאנגען דיך זוכען. אָבער, וויא דיא זאך איז, מיין לאגע פאָדערט פון מיר איך זאָל האָבען געלד. גלויב מיר, אז מיך ערגערט מעהר דיין לאגע וויא מיינע. גיב מיר דעם ביימעל געלד וואָס איך האָב דיר געגעבען. דו זעהסט אוים זעהר איבערראשט, אָבער זאָרג ניט פאר מיר."

זיינע ווערטער האָבען ווירקליך איבערראשט וויאָלא'ן, און זיא האָט בעהויפטעט, אז זיא קען איהם ניט און האָט פון איהם קיינמאָל קיין געלד ניט גענומען. אָבער אזוי וויא ער האָט איהר נאָר וואָס געטהאָן א גרויסע טובה, האָט זיא ארויסגענומען א קליינע סומע געלד, איהר גאנצעס פערמע־גען, און איהם אוועקגעגעבען.

דאן האָט דער פרעמדער ארויסגעוויעזען א גרויסען צאָרן, און זיא בעשול־דיגט אין אונדאנקבארקייט.

„אָט דיעזען יונגערמאן," האָט ער געזאָגט צו דיא ביישטייענדע צוי־שויער געגענדיג אויף וויאָלא'ן, „האָב איך געראַטעוועט פון טויט, און צוליעב איהם אליין בין איך געקומען קיין איליריא און בין אריינגעפאלען אין דיעזען אונגליק!"

דיא בעאמטע אָבער האָבען זיך זעהר ווייניג געקימערט אום דער גאנ־צער געשיכטע און דעם מאן אוועקגעפיהרט אין געפענגניס.

ביים אוועקגעהען האָט ער אָנגערופען וויאָלא'ן סעבאסטיא, איהם נאך אמאָל מאכענדיג פאָרוואורפע פאר זיין פאלשקייט.

ווען וויאלא האָט געהערט, אז דער פרעמדער רופט זיא ביי איהר ברו־דער'ס נאָמען, איז זיא געבליעבען שטעהען און נאָכגעדענקט וואָס דאס קען בעדייטען. עס האָט אָבער ניט פיעל געדויערט, און זיא האָט זיך געמערקט דערפון, אז איהר ברודער לעבט געוויס און געהאט עפעס א בעקאנטשאפט מיט דיעזען פרעמדען.

און אזוי איז אויך געווען דער פאל.

דער פרעמדער, וועלכער האָט געהייסען אנטאָניא, איז געווען א זעע־קאפיטאן. ער האָט דאס געראַטעוועט סעבאסטיאנען פון ים, ווען ער איז שוין געווען כמעט האלב טויט. אנטאָניא האָט נאכהער ארויסגעוויעזען אזא פריינדשאפט פאר סעבאסטיאנען, אז ער האָט בעשלאָסען איהם צו בע־גלייטען וואוהין ער האָט געוואָלט געהען. ווען סעבאסטיאן האָט ערקלערט, אז ער וויל בעזוכען דעם הויף פון פירסט ארסינא, האָט אנטאָניא אין אנ־פאנג ניט איינגעשטימט דערצו אָבער איידער זיך צו שיידען פון איהם,

האָט ער בעסער איינגעווילינט מיט איהם צו געהען און זיך אויסזעטצען צו לעבענס־געפאהר.

דיא געשיכטע דערפון איז געווען פאָלגענדע: אנטאָניא האָט זיך שטארק פערזינדיגט געגען פירסט אָרסינא, ווייל איינמאָל, אין א ים־שלאכט, האָט ער מיטליך פערוואונדעט דעם פירסט'ס פלימעניק. דאָס איז אויך געווען דיא אורזאכע, ווארום ער איז געפאנגען געוואָרען, אזוי שנעל וויא ער האָט זיך בעוויזען אין איליריא.

אנטאָניא און סעבאסטיאן האָבען געלאנדעט צוזאמען בלויז מיט עטליכע שטונדען פריהער איידער אנטאָניא האָט זיך בעגעגענט מיט וויאָלא'ן. אנטאָניא האָט געגעבען סעבאסטיאנען א בייטעל געלד און איהם אָנגעזאָגט ער זאָל זיך דערמיט גאנץ פריי בעדיענען, זיך פערגינען, קויפען וואָס זיין הארץ גלוסט, און וועהרענד ער וועט זיין אין שטאָדט, וועט ער דערווייל פערבלייבען אין גאסט־הויז. אָבער סעבאסטיאן איז ניט צוריק געקומען צו דער בעשטימטער צייט, איז אנטאָניא אוועק איהם זוכען.

אנטאָניא'ס ארויסגעהען איבער דער גאס, איז געווען זעהר געוואגט, נאָר אזוי וויא ער איז ארויסגעקומען און געזעהען וויאָלא'ן אזוי פערקליידעט וויא איהר ברודער, האָט ער זיכער געמיינט, אז דאָס איז סעבאסטיאן.

דעם רעזולטאט ווייסען מיר שוין.

ווען אנטאָניא איז אוועק, האָט דיא שוואכע וויאָלא מורא געהאט פאר א צווייטער איינלאדונג צו א דועל. אום עס זאָל ניט קומען דערצו, איז זיא אוועק אזוי שנעל וויא דיא פיס האָבען זיא געטראָגען. עס האָט אָבער ניט פיעל געדויערט נאָכדעם וויא וויאָלא איז אוועק, ווען איהר געגנער האָט געמיינט, אז זיא קומט צוריק. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט מוכן ומזומן צום דועל איבער־א־נייעס.

אָבער דאָס איז מעהר ניט געווען וויאָלא, עס איז געווען איהר ברודער סעבאסטיאן, וועלכער איז פונקט דאמאָלס אהין אָנגעקומען.

אזוי וויא דער איפערזיכטיגער האָט דערזעהען סעבאסטיאנען, איז ער צו איהם צוגעגאנגען און געזאָגט:

„גוט וואָס איך האָב דיך בעגעגענט. נא דיר דערווייל אן אנפאנג!“

ביי דיעזע ווערטער האָט ער איהם דערלאנגט א העפטיגען קלאפ.

סעבאסטיאן איז אָבער ניט געווען קיין פייגלינג, און אָבוואָהל איהם האָט שטארק געוואונדערט וואָס דאָס בעדייטעט, האָט ער איהם באלד צוריקגעגעבען דעם קלאפ נאָך מיט פראָצענט.

דאן האָט סעבאסטיאן אויך ארויסגעצויגען זיין שווערט.

ביידע זיינען געווען אין דער ווילדעסטער אויפרעגונג, און עס איז קיין ספק, אַז אין יענעם מאָמענט וואָלט פערגאָסען געוואָרען בלוט, ווען א דאַמע וואָלט זיך ניט שנעל ארייגעמישט און געמאַכט א סוף פון אן אומזיסטיגען דועל.

דיעזע דאַמע איז געווען אליוויא.

דיא געשיכטע איז אזוי געווען: אליוויא איז ארוים פון איהר הויז און דערזעהען סעבאסטיאנען. זיא האָט געמיינט, אַז דאָס איז צעזאריא, (וויאָלא), איהר געליעבטער, און זיך מערקענדיג, אַז ער שטעהט אין געפאהר, איז זיא באַלד אריין אין מיטען, אָבגעשטויסען איהר אמאָליגען פערעהרער, און פאר סעבאסטיאנען האָט זיא זיך ענטשולדיגט, אויסגעדריקט איהר טיעפסטען בעדויערן וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט אזא זאך נעבען איהר הויז.

סעבאסטיאן איז געווען מעהר וויא איבערראשט — ערשטוינט, זעהענדיג דיעזע וואונדערשעהנע דאַמע זיך אָננעהמענדיג פאר איהם. אָבער דאַמאַלס איז ניט געווען קיין צייט צו שטעלען פראַגען. ווען זיא האָט איהם איינגעלאַדען מיטצוגעהען אין איהר הויז, איז ער באַלד מיטגעגאַנגען.

אליווא איז געווען אויסער זיך פאר פרייד וואָס צעזאריא (ווידער האָבענדיג א טעות,) איז געוואָרען אביסעל ווייכער און געהט ווען זיא רופט איהם.

נאָך מעהר, אליוויא האָט עפּעס בעמערקט וואָס איז איהר זעהר געפעלען געוואָרען. סעבאסטיאן'ס און וויאָלא'ס געזיכטס-ציגע זיינען געווען דיעזעלבע; אָבער וועהרענד וויאָלא האָט געשפּיעלט דיא ראָלע פון צעזאַריא'ן און זיא האָט זיך איהר ערקלערט אין ליעבע, איז אויף וויאָלא'ס געזיכט געלעגען אן אויסדרוק ניט נאָר פון פעראַכטונג, זאָנדערן אויך פון אבשיי. סעבאסטיאן'ס פּנים וויעדער האָט ניט געהאַט קיין אבשיי, ניט קיין צאָרן, זאָנדערן עפּעס מילדעס, אנגענעהמעס וויא מען קען אָפט זעהען אויף א מענער-געזיכט, ווען א שעהנע און ליעבענסווירדיגע פרוי רעדט.

און ווען אליוויא האָט ווידער אָנגעהויבען צו שפּיעלען דיא צערטליכע און ליידענשאַפטליכע געליעבטע, האָט סעבאסטיאן גאָר ניט געהאַט דאַגעגען. פערקעהרט, ער איז יעדעס מאָל געווען אַלץ צופריעדענער און גליקליכער.

פון רעסטוועגען האָט דאָס אַלעס אויסגעזעהען ביי סעבאסטיאנען זעהר אונגעוועהנליך, און ער האָט גערעכענט, אַז אליוויא איז אביסעל געריהרט

אין איהר פערשטאנד. דאן האט ער אבער בעמערקט, אז זיא איז דיא העררין פון א שעהנעם פאלאץ און זיא פיהרט אלעס ריכטיג און אין גרעסטער ארדנונג, האט ער זיך אפילו נאך אימער געוואונדערט, און בלויז געטראכט, אז זיא איז נאר געריהרט אין איהר פערשטאנד מיט דעם פלעצליכען אנפאל פון ליעבע צו איהם.

אבער וואס האט עס איהם בעדארפט ארען? שעהן איז זיא, ליע־בענסווירדיג איז זיא, און רייך אויך, האט ער אנגענומען איהרע ליעבעס־ערקלערונגען און איינגעזעהען, אז עס וואלט גאר ניט געווען קיין שלעכטער שידוך.

ווען אליוויא האט זיך צוגעבויגען נעהנטער צו איהם, האט ער זיא אומ־ארמט און געקושט.

אליוויא׳ס גליק האט אריבערגעשטיגען אלע גרענצען. אבער זיא האט מורא געהאט טאמער וועט ער חרטה האבען, און אום עס זאל ניט קומען דערצו, האט זיא געמאכט א פארשלאג, דאס אזוי וויא זיא האט געהאט א גייסטליכען אין הויז, זאל מען ניט ווארטען אויף ווייטערע צערעמאניען און חתונה האבען.

סעבאסטיאן האט זיך געטראכט, אז אין ערגסטען פאל וועט ער זיך ניט אבנארען און ער האט איינגעשטימט צו איהר פארשלאג.

עס האט ניט לאנג געדויערט און סעבאסטיאן מיט אליוויא׳ן זיינען געווען געטעצליכע מאן און ווייב.

דאן האט סעבאסטיאן בעשלאסען ארויסצוגעהען און אויפזוכען זיין פריינד אנטאניא און איהם מיטטהיילען וואס פאר א גליק עס האט איהם געטראפען. ער האט פערלאנגט ערלויבניס פון אליוויא׳ן און זיא האט איהם געהייסען געהען, נאר ער זאל אן איהר ניט פערגעסען.

דערווייל איז פירסט ארסינא אוועק צו בעזוכען אליוויא׳ן, ער האט נאך געוואלט איין פרובירען טאמער וועט זיא דאך אויסהערען זיינע ליעבעס־ערקלערונגען.

אנקומענדיג נעבען אליוויא׳ס הויז, האבען דיא בעאמטע געפיהרט דעם געפאנגענעם אנטאניא און זיך אבגעשטעלט נעבען פירסט איהם מיטצו־טהיילען וועמען זיי האבען געכאפט.

וויאלא איז געווען מיט איהר העררר ארסינא. ווען אנטאניא האט זיא דערזעהען, האט ער נאך געמיינט, אז זיא איז סעבאסטיאן, און אייד־דער וואס ווען האט ער אנגעהויבען צו דערצעהלען דעם פירסט וויא ער האט

געראַטעוועט דעם יונגען מאַן פון טויט אויפ'ן ים, וויא אזוי ער האָט איהם אוועקגעגעבען זיין פריינדשאַפט און זיין געלד. ער האָט געענדיגט מיט דיא ווערטער, בעהויפּטענדיג, אַז זייט דריי מאָנאַט איז ער געוועזן מיט איהם צוזאַמען, טאָג און נאַכט, און ענדליך, וואָס פאַר אַן אונדאַנקבאַרקייט ער האָט ארויסגעוויעזען.

אין דערזעלבער צייט איז אליוויא ארויסגעקומען פון איהר הויז. ווען דער פירסט האָט זיא דערזעהען, האָט ער זיך מעהר ניט געוואָלט בעשעפ־טיגען מיט אנטאָניא'ן, און קוקענדיג אויף אליוויא'ן, האָט ער געזאָגט פול בעגייסטערונג:

„אָט קומט דיא גרעפין, יעצט איז ארונטער דער הימעל אויף דער ערד! אָבער וואָס עס אנבעלאַנגט דיר“ (צו אנטאָניא'ן), „זאָלסטו וויסען, אַז דוא ביסט משוגע. עס איז שוין פונקט דריי מאָנאַט זייט דיעזער יונגער מאַן איז מיט מיר, מיין פּאַזש.“

דאַן האָט דער פירסט געהייסען מען זאָל אוועקפיהרען אנטאָניא'ן.

עס האָט ניט פיעל געדויערט און ארסינא'ס הימלישע גרעפין האָט געגעבען דעם פירסט גענוג אורזאַכע צו בעשולדיגען צעזאַריא'ן פונקט אין אזוי פיעל אונדאַנקבאַרקייט וויא אנטאָניא האָט איהם בעשולדיגט. ווייל דער פירסט האָט געמוזט צו הערען וויא אָליוויא האָט גערעדט אַלע צערט־ליכע און ליעבעס־ווערטער צו צעזאַריא'ן.

ווען דער פירסט האָט זיך געמערקט, אַז זיין פּאַזש האָט פערנומען זיין פּלאַץ ביי אָליוויא'ן, האָט ער איהם געסטראַשעט מיט אַלערליי מאַ־טערניסע און נקמה. ווען ער האָט ענדליך געוואָלט אוועקגעהען, האָט ער געזאָגט צו וויאָלא'ן:

„קום, יונגע, מיט מיר. דיינע געדאַנקען זיינען שוין רייף גענוג פאַר שאַדען.“

אָבוואָהל עס האָט אויסגעזעהען, אַז דער פירסט, אין זיין ווילדען און אייפערזיכטיגען צאָרן וועט ער זיא פיעלייכט פעראורטהיילען צום טויט, האָט אָבער וויאָלא'ס ליעבע צום פירסט זיא מעהר ניט געמאַכט פאַר קיין פייגלינג.

„יא, מיין הערר,“ האָט זיא געענטפערט, „מיט פערגעניגען בין איך בערייט צי שטאַרבען אום אייך צו בערוהיגען.“

דערווייל איז אליוויא צוגעקומען און געפרעגט וויאָלא'ן:

„און וואוהין געהט עס יעצט מיין צעזאַריא?“

„מיט איהם, ווענען איך ליעב מעהר וויא מיין לעבען!" האט וויאלא געענטפערט צייגענדיג אויפ'ן פירסט.

אבער אליוויא איז דערמיט ניט געווען צופריעדען. זיא האט אנגעהויבען צו שרייען און ערקלערען, אז צעזאריא איז איהר געזעטצליכער מאן, און עס זיינען נאך קיינע צוויי שטונדען פאראיבער זייט זיי האבעןביידע חתונה געהאט ביי איהר אין הויז.

וויאלא האט איהר צוגעווארפען א פעראכטענדען בליק, ערקלערט, אז דאס איז ליעגען און זיא האט מיט איהר ניט חתונה געהאט.

נאר דאס האט ניט געהאלפען, דען אליוויא האט באלד ארויסגערופען דעם גייסטליכען, וועלכער האט בעשטעטיגט איהרע ווערטער.

ארסינא האט געגלויבט אליוויא'ן און זיך איבערצייגט, אז זיין פאזש האט פון איהם גערויבט דאס טהייערסטע אין לעבען.

דער פירסט האט אבער אויך באלד בערעכענט, אז דאס איז געווען א פערפאלענע זאך, און ווינשענדיג אליוויא'ן „אדיע," האט ער זיך געווענדעט צו צעזאריא'ן און איהם געווארענט מעהר ניט צו קומען פאר זיינע אויגען — אבער, וואס איז דאס? א וואונדער איז געשעהען!

נאך איין צעזאריא איז ערשיענען!

און דיעזער צעזאריא איז צוגעגאנגען צו אליוויא'ן און זיא געפרעגט: „וויא געהט עס דיר, מיין ליעבע פרוי?"

דיעזער נייער צעזארא וויא מען שטויסט זיך אן, איז געווען סעבאסטיאן, טאקי אליוויא'ס ריכטיגער מאן.

אין אנפאנג איז דאס בעוואונדערן און ערשטוינען געווען אונגעהייער. יעדער איז געבליעבען שטעהען ערשטוינט, דאן האבען זיי געבליקט אויף ביידע צעזאריאס און מען האט ניט געוואוסט ווער עס איז ווער.

ווען דיא איבערראשונג האט זיך אביסעל אבגעקיהלט, איז ברודער און שוועסטער צוגעגאנגען איינער צו אנאנדער.

נאטירליך האט פריהער וויאלא דערקענט איהר ברודער. וויא זיא האט אנגעהויבען מיט איהם צו רעדען, האט ער זיא באלד דערקענט.

זיי האבען זיך פריהער אומארמט, דאן אויסגעפרעגט וואס עס איז געווען, וואס עס האט פאסירט און ביידע האבען געוויינט פאר פרייד וואס זיי האבען זיך ענדליך געטראפען, ווייל זיי האבען זיך גערעכענט פאר טויט.

עס האט אויך ניט פיעל געדויערט, און דער גאנצער עולם האט ערפאהר־

רעַן פון דעם סוד, אַז דער ערשטער צעזאַריא, דעם פירסט'ס פּאַזש, איז אַ פרויענצימער, אַ מיידעל, סעבאַסטיאַן'ס שוועסטער וויאָלאַ.

ווען אַלעם האָט זיך ערקלערט און אַלע טעות'ן האָבען זיך אַרויסגעוויע־זען, האָט מען ערסט אָנגעהויבען זיך צו דערמאָהנען גענוי וואָס עס איז געווען און דער עולם האָט געהאַט אַ ביסעל שפּאַס פון אָליוויאַ'ן, לאַכענדיג פון איהר וויא זיא האָט זיך פערליעבט אין אַ מיידעל.

אָליוויאַ האָט אויך מיטגעלאַכט, ווייל עס האָט זיא גאָר ניט פערדראָ־סען ווארום זיא האָט געהאַט אַ טעות, ווייל דאָס האָט זיא געפיהרט חתונה צו האָבען מיט אַ מאַן וואָס זיא האָט געליעבט.

אין דערזעלבער צייט האָט דער פירסט געמוזט איינזעהען, אַז אַלע זיינע האָפנונגען צו הייראַטהען אָליוויאַ'ן, זיינען סאַי־וויא־סאַי צושטערט געוואָרען.

אָבער, מערקווירדיג איז דיא ליעבע; זיא טאַנצט און פלאַטערט ארום וויא אַ זומער־פייגעלע. דער פירסט האָט זיך באַלד ארומגעקוקט און ער האָט זיינע אויגען ניט געקענט ארונטערנעהמען פון זיין פּאַזש, בעסער געזאָגט, פון וויאָלאַ'ן, וועלכע איז נאָך געשטאַנען נעבען איהם.

ער האָט אויף איהר אויפמערקזאַם געקוקט און זיך דערמאָהנט וויא שעהן זיא האָט ביי איהם אויסגעזעהען אַלס צעזאַריא, און ער האָט בעשלאָ־סען, אַז זיא מוז זיין וואונדערבאַר אַלס אַ פרויענצימער. ער האָט זיך אויך דערמאָהנט וויא אָפט זיא האָט איהם געזאָגט, אַז זיא ליעבט איהם, וואָס ער האָט דאַמאַלס ניט פערשטאַנען און געמיינט, אַז דאָס קומט פון דער פליכט וואָס דער פּאַזש איז איהם שולדיג. יעצט אָבער איז ער שוין מעהר ניט געווען בלינד, און פיעלע זאַכען וואָס זיינען פאַר איהם פריהער ערשיע־נען אַלס רעטענישען, האָבען זיך יעצט אויפגעקלערט.

ער האָט באַלד געפּאַסט דעם בעשלוס, אַז אזא ליעבענסווירדיגעס מיי־דעל מעג ווערען זיין ווייב.

ארסינאָ פלעגט אימער רופען צעזאַריאַ'ן „יונגע". זיא זעהענדיג נאָך אימער אין דיא מענליכע קליידער, האָט ער, לויט געוואָהנהייט, צו איהר געזאָגט:

„יונגע!" דוא האָסט מיר אַזוי פיעל מאָל דערצעהלט, אַז דוא וועסט קיינמאָל ניט אַזוי ליעבען אַ פרוי וויא מיך, און פאַר דיין געטרייע דיענסט וואָס דוא האָסט פאַר מיר געטהאָן, וואָס איז געווען געגען דיין צאַרטער פרויען נאַטור, וויא אויך דערפאַר וואָס דוא האָסט מיך גערופען הערר, זאָלסטו יעצט ווערען דיא פירסטין „ארסינאַ."

ווען אליוויא האָט געזעהען וויא אלעס האָט זיך אויסגעדרעהט, האָט זיא אלעמען איינגעלאַדען צו זיך אין הויז. דאַן האָט זיא פאָרגעשלאָגען, דאָס נאָכ׳ן עם דער גייסטליכער איז נאָך דאָ וואָס האָט זיא פערהייראַטעט מיט סעבאַסטיאַן, וואָלט עס געווען גאַנץ פאַסענד דערזעלבער גייסטליכער זאָל אויך פערהייראַטהען דעם פירסט מיט וויאָלא׳ן.

וויאָלא האָט זיך איבערגעטהאָן אין פרויען קליידער און דער פירסט האָט זיך ווירקליך פערליעבט אין איהר.

דיא התונה איז באַלד געפייערט געוואָרען, און ארסינא האָט שפּעטער קיינמאָל ניט בערייהעט וואָס אלעס האָט זיך אזוי אויסגעדרעהט.

טימאָי פון אטהען

# טימאן פון אטהען.

אין אטהען, גריכענלאנד, האט אין אלטע צייט געלעבט א הערר, א הערשער, מיט דעם נאמען טימאן.

ער איז געווען איינער פון יענע מענשען וועמען דיא נאטור און דאס לעבען האט בעשאנקען מיט אלעם: יוגענד, קראפט, מאכט, עהרע, אויסצייכנונג, רייכטהום און גוטסקייט.

טימאן איז געווען רייך, זעהר רייך, און ער האט ווירקליך געקענט מיינען, אז צו זיין רייכטהום וועט קיינמאל ניט נעהמען קיין סוף. זייענדיג גוט, אדער ליבעראל, האט ער געווארפען מיט געלד רעכטס און לינקס, קיימאל ניט דענקענדיג, אז עס קען קומען א צייט ווען זיינע אוצרות וועלען זיך אויסלאזען.

און אז איינער איז גוט און עדעל, איז ער גוט און עדעל צו אלעמען, פריהער, נאטירליך, איז ער געווען גוט צו דיא ארעמע, ליידענדע און נויט־בעדארפטיגע, אבער ער האט אויך ליעב געהאט גוט צו לעבען און שווימען אין לוקסוס און פערגעניגען.

זיין ליבעראליזמוס, אדער פרייגעביגקייט האט געגרייכט אזוי ווייט, דאס ניט נאר ארעמע זיינען געווען בעקאנט אלס זיינע אונטערשטיצטע, זאנ־דערן אויך דער גרויסער און הויכער אדעל האט זיך ניט געשעהמט זיך צו צעהלען אונטער דיעזע וואס האבען גענאסען פון זיין פערמעגען.

זיין טיש איז אימער געווען געדעקט מיט מעדני־מלכים וואו עס זיינע געזעסען דיא שעהנסטע און בעסטע בירגער פון אטהען און מיט איהם גע־געסען. זיין הויז איז בעזוכט געווארען פון דיכטער, פילאזאפען און דראמאטורגען. מען האט דארט געקענט הערען הויכע פילאזאפישע ויכוחים, פאעטישע שילדערונגען און אויך קאמישע איינפעלע.

מיט איינעם ווארט, זיין געזעלשאפט האט צוזאמענגעשטעלט אלעס און יעדער איז געווען צופריעדען זיך צו ווארעמען, וויא אן דער זונן, ביי דעם ליכט פון טימאן'ס גוטסקייט און פרייגעביגקייט.

מען קען זיך לייכט פארשטעלען, אז אונטער אזא געזעלשאפט, האבען אויך ניט געפעהלט קיין חנפים, שמייכלערס, וועלכע האבען אבגעשאטען דעם ערעלען און גוטען טימאן מיט פערשיעדענע בעריהמערייען.

און דא איז געלעגען דאס הויפט אונגליק. קינדער און שעהנע פרויען ווערען קאליע דורך צו פיעל שמייכלעריי; גרויסע מענשען קענען אויך ניט פיעל איבערשטעהען אזא צושטאנד. טימאן איז טאקי געווען א גוטער, אבער ער איז געווען בלויז א מענש. דיא שמייכלערייען האבען איהם אזוי פערטומעלט, אז ער האט פערגעסען וואו ער איז אין דער וועלט און זיך קיין מאל ניט גענומען דיא צייט ריכטיג נאכצודענקען וואס ער טהוט.

ווען א דיכטער האט עפעס פערפאסט און געוואלט אויסנעהמען ביי דער וועלט, האט ער נאר בעדארפט דעדיקירען (מקדיש זיין) דאס ווערק צו טימאן פון אטהען. דאס געדיכט האט זיך דאמאלס ערשטענס גוט פערקויפט, און צווייטענס, איז ער זיכער געווען, אז טימאן וועט איהם גע־ווים צושיקען א בייטעל געלד, און ער האט אויך קיין טעות ניט געהאט. ווען א מאהלער האט געהאט עפעס א בילד, אפילו ניט פון קיין אויסער־ארענטליכער קונסט, האט ער נאר בעדארפט געהען צו טימאן'ען, בעהויפטען, אז ער וויל האבען זיין מבינות דארויף, און בעהויפטענדיג, אז קיינער פערשטעהט ניט אזוי גוט דיא קונסט וויא טימאן, איז שוין גענוג געווען טימאן אליין זאל דאס קויפען און איהם בעצאהלען דערפאר א גרויסען פרייז.

ווען א יוועליר האט געהאט עפעס א קאסטבארען בריליאנט, ווען א סוחר האט געהאט טהייערע זייד, אדער עפעס אנדערש, האבען זיי גע־פונען אין טימאן'ס הויז א זיכערן מארק דערפאר. דארט האבען זיי געקענט אלעס פערקויפען, און פון הויכע פרייזען איז גאר קיין רייד ניט געווען. נאך מעהר, דער גוטמוטהיגער טימאן פלעגט זיי נאך דאנקען פאר דער מיה

וואָס זיי האָבען זיך גענומען איהם צו ברענגען דיא מציאות. אין אלגע־מיינעם האָט עס אימער אויסגעזעהען, גלייך וויא זיי האָבען איהם גע־טהאָן א טובה, ניט ער זיי.

אויף דיעזער ארט, איז זיין פּאַלאַץ אָנגעפילט געוואָרען מיט פּוסטע און איבריגע זאכען, אין וועלכע קיינער האָט זיך ניט בענעטהיגט.

אָבער זיין אייגענע פּערזאָן איז נאָך געווען מעהר בעלעסטיגט מיט א מחנה פּוסטע־פּאַסניקעס, ליגנערישע פּאָעטען, מאָהלערס, שווינדלערישע סוחרים, הערען, דאַמען, פּעראַרעמטע שמייכלערס, וועלכע האָבען טאָג אזוי נאכט געפלאַטערט ארום איהם וויא ביענען ארום זייער ביענענשטאָק און איהם אָנגעבעטען פּונקט וויא ער וואָלט געווען א גאָט. זיי האָבען פּער־היילינט (אזוי האָבען זיי ווענינסטענס געזאָגט,) אפילו דעם פוס־האַלטער פון דעם זאטעל ווען ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף זיין פערד, און עס האָט אויסגעזעהען, אז זיי זיינען גליקליך וואָס זיי קענען איינאטהמען כאָטש דיעזעלבע לופט וואָס ער אטהעמט איין.

מאַנכע פון דיעזע בעשטענדיגע געסט אין זיין הויז, זיינען געווען יונגע לייט פון דעם אדעל, וועלכע האָבען פריהער פערשווענדעט זייער פּער־מעגען, געזונקען אין חובות, און דאַן אריינגעוואָרפען אין געפענגנים דורך זייערע קרעדיטאָרען. טימאָן ווידער איז געווען דעריעניגער וואָס האָט פאר זיי בעצאהלט און זיי בעפרייעט. דיעזע יונגע לייט, וועלכע האָבען זיך בעדארפט געפינען פערפליכטעט צו איהם, האָבען אנשטאט דעם געלעבט אין לוקסוס און פערשווענדונג אויף זיין חשבון.

איינער פון דיעזע חברה־לייט, איז געווען א געוויסער ווענטידיוס, וועלכער האָט פערלומפּט א פערמעגען, זיינעם און פרעמדעס, און ער איז ענדליך אריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגנים. טימאָן האָט פאר איהם בעצאהלט דיא גרויסע סומע פון פינף טאלענטען און איהם בעפרייעט.

אינטערעסאנט איז געווען, אז צווישען דיעזע אלע וואַמפּירען, איז געווען דיא גרעסטע וואַמפּיר־קלאַסען, וועלכע האָט געגעבען טימאָן'ען פּרע־זענטען. דאָס מוז ערקלערט ווערען: ווען טימאָן האָט א מאָל דערזעהען א הונד, א פערד אָדער א שטיקעל אונבעדייטענדע מעבעל און ער האָט געזאָגט, אז דאָס געפעהלט איהם, האָט ער דאָס באלד געקריגען צוגעשיקט אהיים מיט א גליקס־וואונש פון דעם געבער ער זאָל דאָס פּאָזשייען געזונדערהייט. אין דערזעלבער צייט האָט זיך דער געבער שטארק ענטשולדיגט וואָס זיין

פּרעזענט איז אַזוי קליין און אונבעדייטענד און ער ווינשט, הלוואי וואָלט דאָס געהאַט מעהר ווערטה.

דיעזע וואַמפּירען האָבען אָבער געוואוסט, אַז זייער מתנה וועט זיך גוט בעצאָהלען. דען טימאָן האָט אימער אָבגעשיקט צוריק אַ מתנה וואָס האָט ווערטה געהאַט צעהן מאָל אַזוי פיעל, אָדער הונדערט מאָל.

אַזוי האָט עס פּאַסירט, וואָס אַ געוויסער לוקיוס האָט געשיקט טי־מאָן'ען אַ פּרעזענט אַ פּאָאַר מילך־ווייסע פערד מיט כאַמעטעס בעפּוצט מיט זילבער. ער האָט עס געטהאָן דערפאַר, ווייל טימאָן, איין מאָל זעהענדיג דיא פערד האָט זיך אויסגעדריקט, אַז זיי זיינען זעהר שעהן. און אנדער־רער, ליקולוס, אויף דעמזעלבען אופן, האָט ער איהם געשיקט עטליכע יאַגד־הינט, איבער וועלכע טימאָן האָט געהערט, אַז זיי לויפען זעהר שנעל.

דיעזע פּרעזענטען פלעגט טימאָן אַננעהמען מיט פערגניגען, און, אַזוי וויא ער איז אַליין געוועזן איין עדעלער מענש, האָט ער קיין שום פער־דאַכט ניט געהאַט, אַז דערביי איז דאַ עפּעס אַ שלעכטע מחשבה. און ניט וועלענדיג בלייבען הינטערשטעליג, האָט ער, פאַר אַזעלכע אונבעדיי־טענדע פּרעזענטען, צוריק געשיקט אַ דיאַמאַנט, אָדער אַן אַנדערע טהייערע מתנה, וואָס האָט ווערטה געהאַט פיעל מעהר וויא דאָס וואָס ער האָט ערהאַלטען.

אויסער דעם האָבען דיעזע בלוט־זויגערס געהאַט נאָך מיטלען וויא אויס־צוצאַפּען דעם אונשולדיגען און ניט־פערדעכטיגען טימאָן. אַזוי האָט עס פּאַסירט, דאָס ווען איינער האָט עפּעס דערזעהען ביי טימאָן'ען פון אַ זעלטענעם ווערטה, דאַן האָט ער נאָר בעדאַרפט אָנהויבען צו לויבען דיעזען געגענשטאַנד, אויסדריקען זיין טיעפע בעוואונדערונג דאריבער, און, מיט אַ זיפץ, זיך מאַכען, וויא איינער זאָגט: „רייך און גליקליך דאַרף מען זיין צו בעזיצען אַזעלכע זאַכען." דאָס איז שוין געוועזן גענוג, דען טימאָן האָט זיך גלייך אָנגעשטויסען וואָס יענער מיינט און איהם באַלד אוועקגע־געבען וואָס ער האָט בעוואונדערט, זיך ניט קימערענדיג אום דעם גרויסען פּרייז וואָס ער האָט דערפאַר בעצאָהלט.

אַזוי האָט איין מאָל פּאַסירט, וואָס איינער פון דיא ניעדריגע שמייכ־לערס האָט דערזעהען טימאָן'ען אויסרייטען אויף אַ טהייערעס פערד און דער שמייכלער האָט באַלד אָנגעהויבען אויסדריקען זיין בעוואונדערונג, און טימאָן, ניט מאַכענדיג קיין סך רייד, האָט ער דאָס איהם געשענקט.

# טימאָן פון אטהען.

טימאָן האָט געהאַט ביי זיך אַ כלל, אַז „קיין מענש לויבט אויפריכטיג אַ זאַך, ביז ער וויל דאָס ניט אליין האָבען,“ און דערפאר האָט ער ניט געוואָלט יענער זאָל האָבען וואָס ער וויל, כל־זמן ער קען דאָס איהם געבען. טימאָן האָט אימער געמאָסטען יענעם לויט זיינע געפיהלע, און ער האָט געוואוסט וויא עס דאַרף איינעם ערגערן ווען ער וויל עפּעס האָבען און קען דאָס ניט בעקומען.

און טימאָן איז געווען בערייט אַלעס אוועקצוגעבען וואָס איינער האָט פערלאַנגט דירעקט אָדער אינדירעקט; ווען ער וואָלט געהאַט קעניגרייכען וואָלט ער זיי אויך פערטהיילט צווישען דיעזע וואָס ער האָט גערעכענט פאַר פריינד.

און טימאָן האָט זיך ניט אָבגעשטעלט בלויז דערביי, דאָס הייסט, גליקליך צו מאַכען זיינע רייכע פריינד און שמייכלענדען אדעל. ער איז אויך געווען גוט און עדעל צו אָרעמע. איין מאָל האָט פּאַסירט וואָס זיי־נער אַ דיענער האָט זיך פערליעבט אין דער טאָכטער פון אַ רייכען אטהענער. ער האָט זיא אָבער ניט געקענט דערגרייכען, ערשטענס, ווייל ער איז ניט געווען פון דעם ראַנג, און צווייטענס, ווייל ער האָט ניט געהאַט גענוג געלד מיט איהר חתונה צו האָבען. ווען טימאָן האָט דאָס געהערט האָט ער זיין דיענער געגעבען דריי אטהענישע טאַלענטען אום ער זאָל בעזיטצען אַזוי פיעל וויא זיין צוקינפטיגער שווער האָט פערלאַנגט זיין איידעם זאָל האָבען.

אַזעלכע גוטע זאַכען טהון, וואָלט נאָך ניט שלעכט געווען, דאָס אונ־גליק איז אָבער געווען, וואָס ער האָט אנגעשטאָפּט מיט געלד און רייכ־טהימער אַלע לומפּען און פאַראזיטען וואָס האָבען אויסגעזעהען צו האָבען אַ פאַלשטענדיגע שליטה איבער זיין גאַנצעם פערמעגען. דיעזע זיינען אום קיינעם פרייז ניט געווען זיינע פריינד, זאָנדערן פאַלשע און לאַכענדיגע שמייכלערס.

ווען עס האָט אַ מאָל פּאַסירט דאָס ער איז געזעסען ביים טיש און גע־געסען, געטרונקען און זיך אַמוזירט מיט דיעזע פאַלשע פריינד וואָס האָ־בען אויסגעזויגען זיין פערמעגען, וויא אַ פּיאווקע זויגט דאָס בלוט פון אַ מענשען, האָט ער קיין מאָל ניט געקענט אונטערשיידען צו וויסען דעם חילוק פון אַן אמת'ן פריינד ביז צו אַ פאַלשען. פאַר זיינע פערבלענדעטע אויגען האָבען אַלע אויסגעזעהען גלייך, אַלע זיינען פאַר איהם ערשיענען וויא ברידער.

אָרעמער, פערפיהרטער און פערנאַרטער טימאָן!

אזוי איז עס תמיד, דער עהרליכער קען זיך ניט פאָרשטעלען, אז עס זיינען דאָ גנבים אויף דער וועלט; דער אנשטענדיגער דענקט ניט, אז עס זיינען דאָ לומפּען, און דער אויפריכטיגער, קען זיך גאָר קיין בעגריעף ניט מאכען, אז מען קען רעדען מיט דיא ליפּען אנדערש וויא דאס געהירן דענקט.

אָבער וועהרענד טימאָן האט געוואָרפען מיט זיין גאָלד, בעדייכערט אנ־דערע, אָנגעפּרעסען און אָנגעזויפען פרעמדע און פאלשע ברואים; וועהרענד ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט וויסען, אז עס קען נעהמען א סוף פון דיא גרעסטע אוצרות ווען מען פיהרט זיך אזוי, האָט טאקי זיין רייכטהום, וואס איז ניט געווען אונענדליך, געזונקען פון טאָג צו טאָג אלץ ניעדריגער און ניעדריגער.

אָבער ווער זאָל איהם דארויף אויפמערקזאם מאכען? זיינע שמייכ־לערס? אָה, ניין, זיי האָבען געהאט אן אינטערעסע ער זאָל גאָר קיינמאָהל זיך ניט אויפכאפּען פון זיין בעטויבונג.

ער האָט אָבער געהאט איין מענשען ארום זיך, טאקי בלויז איין־איינציגען, וועלכער איז איהם געווען אן אמת'ער גוטער פריינד. דיעזער איז גע־ווען זיין הויז־האַלטער פלאַוויוס, וועלכער האָט אָפט געזוכט געלעגענהייטען איהם צו דערצעהלען, אז דאס פערמעגען ווערט ווענינער, איהם בעטענדיג ער זאָל איהם ענטשולדיגען ווייל ער נעהמט זיך די פרייהייט אלס א דיענער מיט איהם אזוי אָפען צו רעדען, איהם אויפפאָדערענדיג ער זאָל זיך ארומ־קוקען וואו ער איז אין דער וועלט.

אָבער, וויא אן ארבעס אן דער וואנדט.

טימאָן האט קיין געדולד ניט געהאט פאר אזעלכע "קלייניגקייטען„.

און ווען פלאַוויוס האָט זיך צוגעזעצט צו איהם און איהם ניט געוואָלט אָבלאָזען, האָט טימאָן אלץ אָבגעלעגט דיא חשבונות אויף אן אנדער מאָל, ווען ער וועט האָבען מעהר צייט. דערוועיל האָט ער אימער פערדרעהט דאס געשפּרעך אויף עפּעס אנדערס.

אַך, מערקווירדיג! אזוי איז עס תמיד מיט דעם מענשען וואָס געהט איבער פון גרויס רייכקייט צו אָרעמקייט; ער וויל קיינעם הערען, ער האָט קיין געדולד און גלויבט זיך אפילו ניט, אז מען זאָגט איהם, דאס ער שטעהט שלעכט. מען דערמאָהנט זיך ערשט שפּעטער, ווען דיא קאטאסטראָפע קומט שוין, אז מען האָט בעגאנגען א פעהלער וואָס מען האָט זיך פריהער פער־שטאָפּט דיא אויערן פאר א גוטען ראטה.

אָפט מאָל האָט עס פּאסירט, וואָס דיעזער געטרייער הויז־האַלטער, ווען

דער פּאַלאַטץ איז געוועזן פול מיט לומפּיגע שיכורים, ווען דער באַדען האָט געוויינט פון דעם ויין וואָס מען האָט אויף איהם אויסגעגאָסען, און אָפּטמאָל, אין אזעלכע צייטען, פלעגט ער זיך צוריק ציהען אליין אין זיין צימער און וויינען, גיסען מיט טרעהרען, זעהענדיג וואָס עס ווערט פון זיין גוטהערציגען הערר, וועלכער לאָזט זיך פערפיהרען פון יעדען שמייכלער און שורקע.

נאָר אייביג האָט דער צושטאַנד אזוי ניט געקענט אָנהאַלטען; עס האָט געמוזט קומען אַ סוף, און דער סוף איז אויך געקומען, ווען טימאָן האָט שוין מעהר ניט געקענט פערשטאָפּען זיינע אויערן הערענדיג זיין געטרייען הויז-האַלטער'ס רייד.

קיין געלד איז שוין מעהר ניט געוועזן, דאס האָט איהם פלאַוויוס געזאָגט. דאַן האָט טימאָן איהם געהייסען פערקויפען אַ טהייל פון זיינע גיטער אום צו קריגען געלד. אבער פלאַוויוס האָט איהם מיטגעטהיילט, וואָס ער האָט פריהער ניט געוואָלט הערען, אז ער האָט שוין לאַנג פערקויפט זיינע גיטער און וואָס עס איז געבליעבען איז ניט גענוג אפילו צו בעצאָהלען דיא חובות.

טימאָן איז ניט געווען דערשראָקען, בלויז ערשטוינט.

דאַן האָט ער בעמערקט:

„איך פערשטעה ניט. דאַכט זיך מיינע גיטער האָבען פערנומען דיא גאַנצע געגענד פון אטהען ביז לאַקעדעמאָן?“

„יא, מיין הערר“, האָט פלאַוויוס געענטפערט, „אזוי איז דאס געווען, אָבער, פערגעסט ניט, אז די ערד איז אויך ניט מעהר וויא אַן ערד און האָט עקען, ברעגעס. אפילו ווען איהר זאָלט האָבען די גאַנצע ערד, לויט אייער פרייגעביגקייט, וואָלט אויך דערפון גאָר ניט געבליעבען.“

דאַן האָט טימאָן זיך אָנגעהויבען צו טרייסטען, מיינענדיג, אז ער האָט קיינמאָהל ניט געגעבען דאָרט וואו מען האָט ניט בעדאַרפט און וואו עס איז ניט נעטהיג געווען.

ווען ער האָט געזעהען, אז זיין גוטער הויז-האַלטער איז זעהר געערגערט און וויינט מיט ביטערע טרעהרען, האָט ער איהם געבעטען, ער זאָל זיך ניט אזוי נעהמען צום הארצען, ווייל, כל-זמן זיין הערר האט אזוי פיעלע גוטע און עדעלע פריינד, קען איהם גאָר ניט פעהלען.

„אלעס וואָס איך האָב צו טהאָן“, האָט ער געזאָגט, „איז, צו שיקען צו מיינע פריינד און פערלאַנגען אַ גמילת חסד. וואַרט, דוא וועסט זעהען וואָס עס הייסט צו האָבען אזוי פיעלע פריינד.“

פּרעמער און נאַררישער טימאָן, אַזוי האָט ער געמיינט, אַזוי האָט ער געגלויבט!

זייענדיג גאַנץ מונטער און אויך זיכער מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער בעשלאָסען טאַקי באַלד צו מאַכען אַ פּראָבע און איבערצייגען דעם נאַררישען הויז־האַלטער, אַז ער איז געווען אומזיסט בעזאָרגט. ער האָט איהם אוועקגעשיקט צו עטליכע פון זיינע פריינד, וויא צו לוקיוס׳ן, צו לוקולוס׳ן און סעמפּראָציוס, אַזעלכע מענער אויף וועמען ער האָט אויסגעבראַכט אַן עשירות, קיינמאָהל ניט פּרעגענדיג וויפיעל. ער האָט אויך געשיקט צו ווענטידיוס׳ן, וועלכען ער האָט בעפרייעט פון געפענגניס, נאָכדעם ווי ער האָט פאַר איהם בעצאָהלט די חובות. ווענטידיוס איז געוואָרען אַ רייכער מאַן, וויייל מיט אַ קורצער צייט צוריק איז געשטאָרבען זיין פאָטער און איהם איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה. אַלעס וואָס ער האָט פערלאַנגט פון ווענטידיוס׳ן איז געווען ער זאָל איהם אָבגעבען די פינף טאַלענטען וואָס ער האָט פאַר איהם בעצאָהלט. אין דערזעלבער צייט האָט טימאָן ניט געצווייפעלט קיין אויגענבליק, אַז ניט נאָר פינף טאַלענטען, זאָנדערן פינף הונדערט מאָל פינף וועט ער קריגען ביי זיינע טהייערע, טרייע, גוטע פריינד.

דער ערשטער צו וועמען דער הויז־האַלטער האָט זיך געווענדעט, איז געווען לוקולוס, עס איז אָבער מערקווירדיג ווי דאס האָט פּאַסירט. לוקולוס האָט גע׳חלום׳ט אין יענער נאַכט איבער אַ זילבערנער שיסעל און אַ זילבערנעם בעכער. ווען טימאָן׳ס דיענער איז צו איהם געמעלדעט געוואָרען, האָט ער פּאָזיטיוו גערעכענט, אַז זיין חלום ווערט מקוים און טימאָן האָט איהם גראדע געשיקט דעם פּרעזענט איבער וועלכען ער האָט געטרוימט. עס האָט פון דעסטוועגען ניט פיעל געדויערט און ער האָט פערשטאַנען, אַז טימאָן׳ס דיענער איז געקומען אין אַן אנדער שליחות.

אין אָנפאַנג האָט ער גאָר זיינע אייגענע אויערן ניט געוואָלט גלויבען וואָס זיי הערען, נאָר ווען ער האָט זיך איבערצייגט גענוי אום וואָס דאס האַנדעלט זיך, האָט זיך זיין וואַסערדיגע פריינדשאַפט באַלד אַרויסגעוויזען. אָנשטאָט צו געבען דאס געלד, אָדער, גלאַט אַזוי ענטזאַגען, האָט ער גאָר אָנגעהויבען צו זאָגען דעם דיענער מוסר פאַר טימאָנען. לוקולוס האָט געטענה׳עט, אַז ער האָט שוין לאַנג אַרויסגעזעהען, דאס סוף־כל־סוף וועט זיך אַלעס מוזען אַזוי ענדיגען, אַז ער האָט פיעלע מאָל, ווען ער איז געקומען צו טימאָנען, איהם געוואָרענט, ער זאָל ניט זיין אַזאַ אויסברענגער, ער זאָל ניט פערשווענ־

דען זיין געלד, אָבער ער, טימאָן, האָט זיינע גוטע עצות, זיינע טהייערע כלע־נער, ניט געוואָלט הערען און וויסען.

„אמת'', האָט ער ווייטער געזאָגט. „איך האָב טאַקי אָפט בעזוכט טיר־מאָנען, געגעסען ביי זיין טיש, אמאָל גענומען פון איהם א פרעזענט, אָבער איך בין אימער געקומען פון זיין טובהדוועגען, ניט פאר מיר. איך האָב איהם תמיד געוואָלט וואָרנען געגען זיין אויסברענגעריי.''

אָבער דאָס איז געווען א פערדאמטער ליעגען. ער האָט גאָר קיין מאָל ניט געוואגט טימאָן'ען אויסצורעדען א וואָרט. פערקעהרט, ער האָט איהם גאָר ניט געוואָלט אויפמערקזאם מאַכען, כדי ער זאָל דערביי ניט פערלירען זיינע אייגענע איינקינפטע. וויא דיא זאך איז, האָט לוקולוס געענדיגט דער־מיט וואָס ער האָט אָנגעבאָטען דעם דיענער א ביסעל געלד כדי ער זאָל גע־העז צו טימאָן'ען און איהם זאָגען, אז ער האָט איהם ניט געטראָפען אין דער היים.

אן עהנליכען ערפאָלג האָט געהאַט דער שליח וואָס איז געשיקט געוואָ־רען נאך געלד צו לוקיוס'ן. דיעזער לומפּ, וואָס איז פעט געוואָרען פון טימאָן'ס סעודות, וואָס איז אָנגעשטאָפּט געוואָרען פון טימאָן'ס פּרעזענ־טען, אזוי שנעל וויא ער האָט בעמערקט, אז דאָס רעדעל האָט זיך איבער־געדרעהט, האָט ער זיך אין אָנפאנג גאָר ניט געוואָלט גלויבען, אז דאָס איז אזוי. נאָר, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אז דאָס איז א פאַקט, האָט ער אויסגעדריקט דאָס טיעפסטע בעדויערן, אז ער וואָלט איהם וועל־לען העלפען, נאָר ער קען ניט. ער האָט געזאָגט, (וואָס איז געווען א ליע־גען,) אז ער האָט, מיט א טאָג פריהער געמאַכט גרויסע בעשטעלונגען אויף פערשיעדענע זאכען, און דאָס האָט איינפאך אויסגעלעדיגט זיין הויז פון מזומן געלד.

„עס טהוט מיר הערצליך לייד,'' האָט ער געשלאָסען, „וואָס איך בין ליידער ניט אימשטאַנד צו העלפען אזא עהרענהאַפטען פריינד. נאָר אז מען האָט ניט, קען אפילו דאָס בעדויערן ניט העלפען.''

אויב טימאָן האָט פאר עמיצען עפּעס געטהאָן, דאן האָט ער פאר לו־קיוס'ן געטהאָן מעהר וויא פאר אַלע. ער איז צו איהם ניט נאָר געווען וויא א פריינד, זאָנדערן וויא אן אייגענער פאטער; ער האָט תמיד געהאַלטען אָפען זיין קאַסע, כדי לוקיוס'עס קרעדיט זאָל ניט פאַלען. ער האָט בע־צאָהלט זיינע דיענער, ער האָט בעצאָהלט דיא ארבייטער וואָס האָבען פאר איהם געבויעט א פּאַלאַץ. און דאָך, ביי דער ערשטער פּראָבע האָט זיך

לוקיוס אַרויסגעוויעזען אַלט אזא אונדאנקבארע בריאה ! לוקיוס האָט יעצט ענטזאגט צו לייהען טימאָן'ען אַ סומע, וועלכע איז ניט נאָר ניט געווען אַן אבצאהלונג פאר אַלע טובות, זאָנדערן ניט מעהר וויא אן איינפאכע נדבה.

סעמפּראניוס און אלע איבריגע בלוטדזויגערישע לומפען צו וועמען טימאָן האָט זיך געווענדעט אין זיין נויט, האבען אונגעפעהר אויך אַזוי געהאַנדעלט. יעדער האָט געגעבען אַן אַנדערן תירוץ. אפילו וועַנטיליוס, וועמען טימאָן האָט בעפרייעט פון געפענגנים, האָט זיך ענטזאגט איהם אָבצוגעבען דיא פינף טאלענטען וואָס ער האָט בעצאהלט זיינע בעלי־חובות.

און אז מען ווערט אַ קבצן, וויא בעקאנט, דאן דערקענען ישוין ניט דיא בעסטע גוטע פריינד. אזוי גיך וויא דער עולם האָט ערפאהרען, אַז דיא הוהן האָט אויפגעהערט צו לייגען גאָלדענע אייער, האָט יעדער אויסגעמיעדען טימאָן'ען. זיי האָבען אפילו ניט געוואָלט געהען אין דיעזע וועגען וואו זיי פלעגען איהם אַ מאָל בעמערקען.

נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלעס. דיעזעלבע מיילער וואָס זיינען פריהער געווען פול מיט אַלערליי שמייכלערייען, האבען יעצט אָנגעהויבען צו זידלען און בעליידיגען דעם פערשווענדער.

טימאָן'ס פּאלאַץ, וואָס איז פריהער כמעט אימער געווען געפּאקט מיט געסט, איז יעצט געוואָרען לעדיג און שטיל, קיינער פון דיא געוועזענע גוטע פריינד איז ניט געקומען. אנשטאט דעם זיינען געשטאַנען ביי דיא טהירען פערשיעדענע קרעדימאָרען, פּראָצענטניקעס, הויט־שינדער, סוחרים, אויסבייטער און יעדער, אויף אַ הויכען און אונפערשעהמטען קול, האָט פערלאַנגט געלד. דיעזע זיינען געוואָרען אונערטרעגליך. קיין זאַך האָט געהאָלפען זיי אָבצולעגען, קומען אן אנדער מאָל, שפעטער — אלע האָבען שוין געוואָלט מען זאָל זיי בצאָהלען דיא חובות.

טימאָן'כ פּאלאַץ איז יעצט געוואָרען זיין געפענגניס. ער האָט מורא געהאַט אַרויס צו קומען אויף דער גאס. איינער האָט פערלאנגט פופציג טאלאנטען, אן אנדערער האָט געבראכט אַ חשבון אויף טויזענד קרוינען, אַ דריטער אן אנדער סומע, און אלע, אָהן רחמנות, האָבען איהם ניט געוואָלט לאָזען רוהען און זיינען געווען בערייט איהם אָבצוזאפּען זיין בלוט, אבי צו קריעגען זייער געלד.

וועהרענד דיעזער קריזיס, וועהרענד דיעזען גרויסען מאַנגעל און באנקראט, האָט עפּעס פּאסירט וואָס האָט יעדען מיט אַ מאָל שטאַרק איבער־

ראשט. אונערוואַרטעט האָט מען בעמערקט ווידער אַ מאָל דעם אַלטען גלאַנץ אויפפרישען, און טימאַן האָט בעקאַנט געמאַכט, אַז ער גיט אַ גרויסען באַנקעט, איינלאַדענדיג געסט, הערען און דאַמען, קורץ דעם גאַנצען יחוס פון אטהען.

לוקיוס, לוקולוס, וועַנטיליוס, סעמפּראָניוס און אַלע אַנדערע זיינען באַלד געקומען.

זיי זיינען געקומען און אויסגעדריקט זייער גרעסטע פרייד, וואָס אַנ־שטאָט, וויא זיי האָבען געדענקט, אַז טימאַן איז פעראָרעמט געוואָרען, איז דאָס בלויז געוועזען אַן אַנשטעל, און ער איז ווידער אַזוי רייך און מעכטיג וויא געוועזען.

יאַ, זיי האָבען געדעכענט, אַז טימאַן האָט זיי נאָר געוואָלט אויספּרו־בירען און אויסגעפינען אויף וויא וויט זיי זיינען איהם געטריי.

וועהרענד יעדער האָט געהאַלטען אין פערענטפערן זיך, האָט טימאַן זיי געבעטען זיי זאָלען פערגעסען אַן אַזעלכע קליינינקייטען, פערטרייבען דיעזע אַלע געדאַנקען, ווייל ער אַליין האָט זיי אויך שוין פערגעסען.

און דיעזע לומפּען, וואָס האָבען געגען איהם אַזוי געהאַנדעלט, האָבען ווידער געזוכט צו געפינען ביי איהר חן, זעהענדיג, וויא זיי האָט זיך געדאַכט, אַז אַלעס איז ווידער וויא עס איז געוועזען אַמאָל.

דיא מוזיק האָט געשפּיעלט, און דיא דיענער האָבען אַרויסגעבראַכט דאַמפּפענדע שיסלען.

עס האָט ניט פיעל געדויערט, און דיא פאַלשע ברואים האָבען אויס־געפונען וואו זיי זיינען אין דער וועלט.

אויף אַן אָבגעמאַכטען סיגנאַל, זיינען דיא שיסלען אָבגעדעקט געוואָ־רען און טימאַן׳ס פּלאַן האָט זיך בעוויעזען. אַנשטאָט דיא טהייערע מאַכלים וואָס מען האָט ערוואַרטעט, איז עפּעס ערשיענען וואָס האָט אויסגעדריקט טימאַן׳ס וואָהרע לאַגע — שיסלען מיט דאַמפּפענדעס וואַסער!

דער עולם איז געבליעבען זיטצען ערשטוינט און איבערראַשט.

„הינט!“ האָט טימאַן אויסגעשריען. „בייגט זיך איין און לעקט, ווייל דאָס איז דאָס לעצטע וואָס מיר איז איבערגעבליעבען!“

אָבער נאָך איידער זיי האָבען זיך געקענט ערהאָלען פון זייער אי־בערראַשונג, האָט טימאַן געכאַפּט שיסעל נאָך שיסעל מיט דעם וואַרעמען וואַסער און דאָס געשליידערט אין זייערע געזיכטער. דיא הערען און

דאַמען זיינען אויפגעשפּרונגען, געכאַפּט וואָס זיי האָבען געקענט פון זייערע מלבושים און זיינען עַנטלאָפען.

טימאָן האָט זיך אוועקגעשטעלט און זיי נאָכגעשריען:

„שמייכלענדע פּאַראַזיטען, צושטערער אונטער דער מאַסקע פון ערדעל־קייט, ווילדע וועלף, אונטערטהעניגע בערען, נאַרען פון גליק, טיש־פריינד, פליעגען וואָס ערשיינען אַמאָל!" — זיי וויעדער, איהם וועלענדיג אויס־מיידען, זיינען שנעלער אוועק וויא זיי זיינען געקומען. מאַנכע האָבען צוריקגעלאָזט זייערע מאַנטלען, היט, אַנדערע אויך זייער ציערונג, אבי זיי זאָלען קענען שנעלער ענטלויפען.

דאָס איז געוועזען דער לעצטער באַנקעט וואָס טימאָן האָט געגעבען און דערביי האָט ער אויך פערלאָזט אַטהען מיט דער געזעלשאַפט פון מענשען.

טימאָן איז באַלד אוועק אין וואַלד מיט אַ פלוך אויף זיינע ליפּען געגען דער פערהאַסטער שטאָדט און געגען דער גאַנצער מענשהייט. ער האָט געוואונשען, אַז דיא ווענט פון דיעזער שטאָדט זאָלען איינזינקען און דיא שטאָדט זאָל אַרויפפאַלען אויף אַלע איהרע איינוואָהנער און זיי בע־גראָבען לעבעדיגערהייט. ער האָט זיי געפלוכט מיט קריעג, פּעסט, אָרעמ־קייט, קראַנקהייט און אַלערליי פּלאָגען. ער האָט געבעטען דיא געטער צו פערדאַמען אַטהען און דיא אַטהענער און פערניכטען אַלט, יונג, מענער, פרויען און קינדער.

אָט מיט דיעזער שרעקליכער קללה איז ער אוועק אין וואַלד וואו ער האָט גערעכענט צו געפינען מעהר פריינדשאַפט צווישען דיא ווילדע חיות וויא צווישען מענשען.

טימאָן האָט פון זיך אַרונטערגעוואָרפען דיא קליידער, זיך אויסגעע־טהאָן איינפאַך נאַקעט אום ער זאָל ניט האָבען אויף זיך קיין סימן פון דער וועלט וואו ער האָט געלעבט. דאַן האָט ער אליין זיך אויסגעגראָבען אַ העהל און זיך דאָרט איינגעקוואַרטירט, לעבענדיג וויא דיא חיות פון פעלד, עסענדיג דיא ווילדע וואָרצלען און טרינקענדיג וואַסער פון דעם קוואַל וואָס האָט געפלאָסען צווישען דיא שטיינער. ער האָט אָנגעווענדעט אַלעס מעג־ליכע אויסצומיידען אַ מענשען, פּאָרציהענדיג דיא ווילדע טהיערע אַלס זיינע קאַמעראַדען, וועלכע, לויט זיין מיינונג, זיינען זיי געוועזען וועניגער שעדליך וויא מענשען.

וואָס פאַר אַ פערוואַנדלונג פון טימאָן דעם רייכען, דער וואָהלטהעטי־

גער, דער גוטער און עדעלער, ביז טימאן דער נאקעטער, דער האסער פון מענשען!

וואו זיינען אהינגעקומען זיינע שמייכלערס? וואו זיינען דיא באנדעס פיאוקעס און וואמפירען אין מענשען־געשטאלט? וואו זיינען אלע זיינע בעגלייטער, פריינדע, קאמעראדען און דיענער?

אלעס איז אוועק, אלעס איז פערשוואונדען. עס איז בלויז איבערגעבליעבען דער קאלטער צוג־ווינט אנשטאט זיין ווארעמעס און ווייכעס העמד; דיא דונקלע וועגט פון דער הייהל, דיא שטומע און שטילע בוימער און דער שטורם וואס האט געוויטהעט צווישען זיי, זיינען געבליעבען אלס זיינע איינציגע קאמפאניאנען. אבער דיעזע זיינען געווען גוט און אנגענעהם, זיי האבען איהם ניט געשמייכעלט, ניט אבגענארט, ניט בעטראגען.

יעדען טאג פלעגט טימאן ארויסגעהען פון זיין העהל אין וואלד, גראבענדיג אין דער ערד צו געפינען ווארצלען אום זיך צו ערנעהרען.

אין א טאג, וועהרענד ער איז געשטאנען, אין אדם'ס קאסטיום, גראבענדיג טיעף אין דער ערד נאך א ווארצעל, האט זיין גראב־אייזען זיך אנגעשטויסען אן עפעס הארטעס, מעטאל. ער האט זיך אנגעבויגען צו בעמערקען וואס דאס איז, און ער האט אויסגעפונען, אז ער האט ענטדעקט אן אוצר — א גרויסער הויפען מיט גאלד וואס עפעס א קמצן, אין דיא פערגאנגענע דורות, האט דארט בעהאלטען; א קמצן וואס האט געדענקט צוריק צו קומען און נעהמען דאס גאלד, אבער דער טויט האט זיך מקדים געווען און איהם אוועקגערופען אויף א וועלט וואו מען בעדארף גאר ניט, וואו מען בענעטהיגט קיין זאך. ער האט אלזא צוריקגעלאזט דאס גאלד אין שויס פון דער ערד, און עס איז געלעגען אזוי לאנג, קיינעם ניט שאדענדיג, קיינעם ניט פערריכטענדיג, ביז טימאן'ס גראב־אייזען האט דאס געפונען.

טימאן האט אויסגעגראבען דאס גאלד, עס איז געווען פיעל, אונגעהייער פיעל, א געוואלטיגעס רייכטהום! ווען טימאן'ס אידעען איבער וועלט און מענשען וואלטען זיך ניט געוועקסעלט, דאן וואלט ער געקענט איבער־א־נייעס אנפאנגען א לעבען פון לוקסוס און וועלטליכעס פערגעניגען. אבער טימאן איז שוין געווען זאט דערפון, ער האט אלעס געהאסט צוזאמען מיט דעם גאלד. פאר איהם האט דאס גאלד אויסגעזעהען וויא א פלוך, א פלאג, און ער האט עס אין אנפאנג גאר ניט געוואלט בעריהרען, גלייך וויא דאס וואלט געווען א שטיק פעסט.

ער האָט דערזעהען אין דעם דיא אורזאַכע פון רויב, אונטערדריקונג, אונגערעכטיגקייט, כאַבאַר, באַרבאַריי, טיראַניי, און מאָרד צווישען מענשען. ער האָט אזוי געהאַסט דיא מענשען, אז ער האָט אין דעם בעמערקט אַ מיטעל וויא צו ברענגען נייע אונגליקען אויף דער וועלט.

וועהרענד ער איז אזוי געשטאַנען און נאַכגעדענקט, האָט ער בעמערקט מחנות סאָלדאַטען דורכקרייצען דעם וואַלד. דיעזע סאָלדאַטען זיינען געווען אַ טהייל פון דער אַרמעע וואָס דער אַטהענישער גענעראַל אַלקיביאַדעס האָט קאָמאַנדירט. דיעזער אלקיביאַדעס איז יעצט געגאַנגען געגען זיין אייגענער שטאָדט.

דיא געשיכטע דערפון איז אזוי געווען: דיא אַטהענער האָבען געטראָגען אַ נאָמען אלס דיא אונדאַנקבאַרסטע ברואים. זייערע בעסטע פריינד און פערטהיידיגער, האָבען זיי בעלוינט מיט שאַנדע און פעראַכטונג. אַלקיביאַדעס איז געווען איינער פון זייערע קרבנות, און האָבענדיג אַ גוטע אורזאַכע, האָט ער בעשלאָסען צו געהען מיט דערזעלבער אַרמעע, וואָס האָט אַמאָל געקעמפפט און געזיעגט פאַר דיא אַטהענער, צו בעקעמפפען און בעזיעגען דיא אַטהענער.

עס האָט ניט פיעל געדויערט און טימאָן האָט ערפאַהרען וואוהין זיי געהען און צו וועלכען צוועק. דאָס איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען. ער האָט דאַן געהייסען צו איהם שיקען אַלקיביאַדעס'ן און איהם אוועקגעגעבען דאָס גאַנצע גאָלד, כדי ער זאָל האָבען מיט וואָס צו בעצאָהלען דיא סאָלדאַטען און קענען פיהרען דעם קריעג געגען אַטהען. זיין איינציגער וואונש איז געווען, אז אַלקיביאַדעס זאָל איננעהמען דיא שטאָדט און זיא צושטערען; אין דערזעלבער צייט זאָל ער קיין רחמנות ניט האָבען אויף אַלט און יונג, זאָנדערן אויסמאָרדען אַלעמען, אפילו דיא קליינע קינדער, וועלכע וועלען אויסוואַקסען צו זיין פערדאָרבענע ברואים, און דיא אַלטע מענער, וועלכע זיינען ניט מעהר וויא פראָצענטניקעס און בלוט-זויגערס. ער האָט געבעטען אַלקיביאַדעס'ן ער זאָל פערשטאָפּען זיינע אויערן, פערשטעלען זיינע אויגען, אום ניט צו הערען דיא פערצווייפעלטע געשרייען און זיך ניט מערקען דיא טייכען בלוט — אַלעס, אַלעס זאָל פאַלען אונטער זיין שווערט.

ווען אלקיביאַדעס איז אוועק, האָט טימאָן געבעטען דיא געטער זיי זאָלען איהם אויך פערדאַמען נאַכדעם וויא ער וועט זיעגען, כדי עס זאָל פון אַלעמען ניט איבערבלייבען קיין שריד ופליט.

אָט אזוי טיעף און שרעקליך האָט טימאָן געהאַסט אַלע מענשען!

אלקיביאדעס מיט דער ארמעע זיינען אוועק צו זייער ווערק פון צו־שטערונג און טימאָן האָט געשפּירט, אז ער איז גליקליך ווייסענדיג, אז זיי וועלען ברענגען גענוג אונגליק אויף דיעזע וואָס ער האסט.

ויהי היום, אזוי וויא טימאָן האָט געפיהרט זיין שרעקליכע עקזיסטענץ, איז ער איינמאָל שטארק איבערראשט געוואָרען זעהענדיג ביי דער טהיר פון זיין העהל שטעהענדיג א מענשען.

דיעזער איז געווען פלאָוויוס, זיין געוועזענער הויז־האַלטער און דער איינציגער אמת'ער פריינד וואָס טימאָן האָט געהאט צווישען מענשען. דיא ליעבע און טרייהייט צו טימאָנען, האָבען איהם געטריעבען ער זאָל איהם אויפזוכען, זעהען וואָס פון איהם איז געוואָרען און ער זאָל זיך אָנבאָטען צו איהם פאר איהם עפּעס צו טאָהן.

ביי'ם ערשטען בליק וואָס ער האָט געוואָרפען אויף זיין געוועזענעם הערר, וועלכער איז יעצט געווען נאַקעט און אויסגעזעהען אזוי אונגליקליך, האָט פלאָוויוס אויפגעציטערט. ער איז געבליעבען שטעהען א היבשע צייט און ניט געקענט אויסרעדען אפילו א וואָרט.

דאַן, ווען ער האָט שוין געפאסט מוטה און אָנגעהויבען צו רעדען, איז זיין שטימע דערשטיקט געוואָרען מיט טרערען. טימאָן האָט געהאט גענוג מיה איהם צו בערוהיגען און איהם פרעגען צו וועלכען צוועק ער איז אהין געקומען.

ווען פלאָוויוס האָט איהם דערצעהלט, האָט טימאָן זיך עס ניט געוואָלט גלויבען.

וויא קען עס מעגליך זיין? פלאָוויוס איז נאָך אלעמען א מענש גלייך מיט יעדען? וויא קען ער זיין בעסער וויא אנדערע ?

אָבער פלאָוויוס האָט איהם ענדליך איבערצייגט, אז ער מיינט קיין זאַך, אויסער וואהרע פריינדשאפט.

טימאָן האָט דאַן געמוזט מודה זיין, אז עס געפינט זיך דאָך נאָך, ווע־ניגסטענס, איין אנשטענדיגער מענש אין דער וועלט. אָבער, ער איז דאָך א מענש, זעהט אויס וויא אַלע אַנדערע, און ווייל ער האסט אַלע מענשען, האָט ער פון איהם אויך פערלאַנגט ער זאָל איהם לאָזען צורוה און זיך געהען פון וואַנען ער איז געקומען.

שמערצהאפט איז געווען דער אבשיעד. נאָר פלאָוויוס האָט זיך איבער־צייגט, אז עס וועט גאָר ניט העלפען און ער איז אוועק.

ווען טימאָן האָט אָבער געמיינט, אז ער האָט שוין אָבגעשניטען יעדען

פערקעהר מיט דיא מענשען, האט ער געהאט א טעות. עס האט ניט פיעל געדויערט און איינציגע זעהר וויכטיגע געסט האבען איהם אויפגעזוכט אין זיין העהל. יעצט איז געקומען דיא צייט, אז דיא אונדאנקבארע הערען פון אטהען זאלען האבען א ביטערע חרטה, ווארום זיי האבען אזוי בעהאנדעלט דעם גוטען טימאן. עס איז געווען פונקט צו יענער צייט, ווען אלקיביאדעס וויא א ווטהענדע חיה, האט געשטורמט ביי דיא טויערן פון אטהען און גע־סטראשעט צו פערוואנדלען דיא גאנצע שטאדט אין אש.

דיא הערען פון אטהען האבען זיך דערמאהנט אן טימאן׳ס אמאליגע גרויסע העלדענטהאטען, וויא ער האט זיי פיעלע מאל געראטעוועט, דורך זיין מיליטערישע קונסט, פון שונאים, און אין זייער גרויסער נויטה האבען זיי איינגעזעהען, אז ער איז דער איינציגער וואס קען זיי וויעדער ראטעווען פון אלקיביאדעס׳עס צארן.

מען האט דערפאר אויסגעקליעבען א דעפוטאציע פון סענאטארען און זיי אוועקגעשיקט צו טימאן׳ען איהם בעטען ער זאל קומען העלפען דער שטאדט אין איהר פערצווייפלונג.

זיי זיינען אלזא געקומען צו דעמזעלבען מאן וואס זיי האבען בעשוויני־דעלט און בעטראגען און פערלאנגט ער זאל זיי העלפען.

דיא סענאטארען, ערניעדריגט און פול מיט חרטה, האבען איהם געבעי־טען מיט טרערען אין זייערע אויגען ער זאל צוריק קעהרען און ראטעווען דיא שטאדט פון וואנען ער איז לעצטענס פערטריעבען געווארען. זיי זיינען געווען בערייט איהם רייך צו מאכען, גיבען וואס ער פערלאנגט און בעלוינען טויזענד־פאך ווען ער וועט נאר איינשטימען מיט זיי צו געהען.

אבער דער נאקעטער טימאן, דער מענשען־האסער, האט שוין מעהר ניט געהאט אזעלכע אמביציעס אין לעבען. ווען אלקיביאדעס זאל אויס׳הרג׳ע־נען אלע זיינע לאנדסלייט, האט עס איהם מעהר ניט געקימערט, פערקעהרט, ווען אלקיביאדיעס׳ן זאל געלינגען צו פערוואנדלען דיא שטאדט אין אש, וועט עס איהם שטארק פרייען.

ער האט זיי מיטגעטהיילט וואס ער מיינט און דענקט.

„נאך מעהר," האט ער בעמערקט, „עס איז נישטא קיין זאך אין דער וועלט וואס איך האלט טהייערער וויא א מעסער מיט וועלכען איך אליין זאל קענען איבערשניידען דעם האלז פון אייער געעהרטעסטען און געאכ־טעסטען בירגער."

אַט דאָס איז געווען אַלעס וואָס ער האָט געהאַט צו ענטפערן אויף דיא געבעטע און געוויין פון דיא סענאַטאָרען.

איידער זיי זיינען אוועק, האָט ער זיי געזאָגט, אז ער האָט נאָך בלויז איין עצה פאר זיינע לאַנדסלייטע איידער אַלקיביאַדעס מאָרדעט זיי אויס.

דיא סענאַטאָרען האָבען איין דעם געזעהען אַ שטיקעל האָפנונג און גע־בליעבען שטעהען צו הערען וואָס ער האָט זיי מיטצוטהיילען.

„איך האָב אַ בוים," האָט ער געזאָגט, „וואָס וואַקסט דאָ נאָהענט פון מיין העהל, דיעזען בוים וועל איך באַלד מוזען אַרונטערהאַקען. אַלע דיעזע וואָס ווילען לויז ווערען פון אַלקיביאַדעס'עס שווערט, זאָלען קומען אהער און זיך אויפהייגען אויף דיעזען בוים."

דיא סענאַטאָרען, פערצווייפעלט און בעטריעבט, זיינען אוועק.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, האָט מען געקענט בעמערקען אַ קבר ניט ווייט פון דעם ים־ברעג. דאָרט איז געלעגען טימאָן — רוהיג און שטיל, מעהר ניט געפּלאַגט דורך דער פערדאָרבענער מענשהייט. אויפ'ן קבר זיינען געווען אויסגעקריצט פאָלגענדע ווערטער :

„ווערהרענד ער האָט געלעבט, האָט ער געהאַסט אַלע לעבעדיגע מענשען, און שטאַרבענדיג האָט ער געוואונשען, אַז אַ פּעסט זאָל אויסכאַפּען אַלע לעבעדיגע שופטען."

אַט אַזוי האָט זיך געענדיגט דיא קאַריערע און דאָס לעבען פון איינעם וואָס איז געווען עדעל און גוט, און וועלכער איז נאַכהער געוואָרען אַ מענשען־האַסער דורך דער בעהאַנדלונג פון דיעזע וואָס ער האָט געטרויעט.

## פ אָ ר ר ע ד ע

שעקספיער האָט געשריעבען עטליכע פּאָעמען, נאָר דיעזע „דהי רעיפּ אָוו לאָקרים" (דיא פערגוואלטיגונג פון לוקראציא'ן) איז דיא שטארקסטע. מיר זאָגען שטארקער, מיינענדיג אין דראמאטישער פאָרמע, וויל פּאָעטישער איז „וויננאָס ענד עדאָניס" (ווענוס און אדאָניס.) אין דער לעצטער פּאָעמא, האָט שעקספיער געוויעזען ווער און וואָס ער איז ווירקליך געוועזן — דער גרויסער ערהאבענער דיכטער. אין דיעזער פּאָעמא, האָט שעקספּיער וויעדער געצייגט, אַז ניט פון יעדען מאטעריאל לאָזט זיך שאפען א דראמא.

עס איז קיין צווייפעל, אַז אין דער „פערגוואלטיגונג פון לוקראציא'ן" געפינען זיך גענוג שטארקע שטעלען אום עס זאָל זיין א דראמא, אָבער שעקספּיער, וועלכער האָט אזוי גוט געקענט דיא ביהנע, האָט געוואוסט, אַז ווען דער קלימאקס, אָדער מיטעלפונקט פון א דראמא, איז ניט קיין סצענע ארויפצוברענגען אויף א ביהנע, האָט ער דערפון ניט געוואָלט מאכען קיין דראמא.

מיר וועלען עס בעסער ערקלערען.

דיא ביהנע האָט פיינד ערצעהלונגען; זיא ציהט פאָר האנדלונגען. מען קען אפילו יא אמאָל עפּעס דערצעהלען, וויא אין דער „קאמעדיע פון טעות'ן", וואו עגעאן שילדערט אָב זיין לעבענס-געשיכטע, אָבער דאָס איז נאָר דאַ־מאָלס, ווען דאָס איז ניט דער קלימאקס פון דער דראמא. וויא דער לעזער האָט געוויס בעמערקט, איז עגעאָן'ס ערצעהלונג ניט מעהר וויא א טפל, און דיא דראמא אליין, פאָלגט ווייטער.

דאָ וויעדער, אין דער „פערגוואלטיגונג פון לוקרעציא'ן", וואָלט דער אקט פון דער פערגוואלטיגונג געמוזט בילדען דעם קלימאקס, און אזא זאך ארויפצוברענגען אויף א ביהנע, איז אונמעגליך. וויעדער, אַז דאָס זאָל זיין אין ערצעהלונגס פאָרמע, וואָלט עס פערלוירען דעם גאנצען עפעקט.

# פאָררעדע

מיר מאַכען דיעזע בעמערקונג אום צו צייגען פיעלע אונגעאיבטע דראַמאַטישע שרייבער, אַז זיי זאָלען וויסען, דאָס ניט יעדער מאַטעריאַל קען נוטצען פאַר אַ דראַמאַ. מיר וועלען דאָס בעסער איללוסטרירען:

דער מאַטעריאַל פון דיעזער פּאָעמאַ, טראָגט אַ גרויסע עהנליכקייט צו דער ביבלישער געשיכטע פון „פּלגש בגבעה". אין „פּלגש בגבעה" אַלזאָ געפינט זיך גענוג ראָמאַן און גענוג האַנדלונג פאַר אַ דראַמאַ. דאָך קען „פּלגש בגבעה" ניט אַרויסגעפיהרט ווערען אויף אַ ביהנע, ווייל דער קלימאַקס פון דער דראַמאַ וואָלט, לכל־הפּחות, געוועזן וויא דער איש מבית לוי צושניידט דעם טויטען קערפּער פון זיין פרוי, וועלכע איז געשטאָרבען פון פערגוואַלטיגונג, און ער שיקט דיא שטיקער צו דיא אידישע שבטים. דאָס איז ניט צום פאָרשטעלען אויף אַ ביהנע,, שוין ניט רעדענדיג פון דעם פערגוואַלטיגונגס אַקט.

שעקספּיער האָט זיך ניט געשעהמט אַריינצוגעבען אין מויל פון זיינע העלדען אַזעלכע ווערטער וואָס קיין מאָדערנער דראַמאַטורג וואָלט זיך ערלויבט. וואָס איז אָבער נוגע האַנדלונגען, האָט ער אימער אויסגעמיעדען וואָס קען אַרויסרופען אַן עקעל פאַר אַ נפש היפה. דיעזע פּאָעמאַ בעווייזט עס.

שעקספּיער איז אויך געוועזן גענוג רעאַליסט אַרויסצוברענגען מאָרד אויף דער ביהנע, נאָר פון דיעזען מאַטעריאַל, דאָס הייסט, פון „דהי רעיפּ אָוו לאָקרים", וואָס איז אַ היסטאָרישער, האָט ער העכסטענס געקענט שאַפען אַ פּאָעמאַ. און שעקספּיער האָט תמיד געזוכט טהעמאַס אויף פּיעסען. עס ווערט בעוויעזען, אַז אַלע זיינע טהעמאַס זיינען ענטנומען. ווען ער וואָלט געשפּירט, אַז ער קען דערפון מאַכען אַ דראַמאַ, וואָלט ער עס געוויס געטהאָן.

יעצט וועלען מיר איבערגעהען צו דעם אינהאַלט פון דער פּאָעמאַ, און מיר וועלען זיך ערלויבען אויך צו־צוגעבען עפּעס פון דער היסטאָריע וואָס שעקספּיער האָט ניט דערמאָהנט אין דער פּאָעמאַ גופא: —

# די פערגוואלטיגונג פון לוקרעציא׳ן

לוקיום טארקוויניום איז געווען איינער פון די בעריהמ־טעסטע עדעללייט פון רוים. ער איז אבער אויך געווען א שטאלצער מענש און א גרויסער טיראן.

דורך זיין שטאלץ, האט ער זיך אויך א נאמען גע־געבען סופערבוס, דאס הייסט, דער ערהאבענער, און ווייל ער איז געווען א טיראן, האט ער געלאזט הינריכטען זיין איינענעם שווינער־פאטער, סערוויוס טולליוס. דאס האט ער געטהאן גענען די רוימישע געזעטצע, וואס האבען געפאדערט, אז קיין מענש קען פערלירען זיין לעבען אהן דין ומשפט. ער האט אויך ניט געפרעגט אויף דעם ווילען פון פאלק און איז מיט געוואלט געווארען קעניג.

נאכדעם וויא ער האט ערובערט דיעזע הערשאפט, האט ער צוזאמענ־גערופען אן ארמעע מיט דעם גאנצען אדעל פון רוים, און צוזאמען מיט זיינע זיהן, וועלכע זיינען געווען שטארק געראטהען אין זייער פאטער, איז ער אוועק און בעלאגערט ארדעא, מיט דער אבזיכט, נאטירליך, דאס צו ערובערען.

ארדעא איינצונעהמען איז ניט געווען אזוי גרינג. דערוויל האט די גרויסע ארמעע מיט דעם קעניג און זיינע זיהן, געלאגערט ארום דער שטאדט.

אין א נאכט זיינען זיך צוזאמענגעקומען אלע פראמינענטע קאמאנדאנ־טען אין לאגער פון דעם פרינץ סעקסטוס טארקוויניוס, דעם קעניג׳ס זוהן. דארט האט מען געגעסען, געטרונקען און פערבראכט אין געשפרעך.

וועהרענד דיעזע פראמינענטע מענער זיינען געזעסען, האט מען אנגע־פאנגען צו רעדען איבער פרויען. יעדער האט גריהמט, וויא דער שטענער איז, זיין פרוי. צווישען דיעזע האט זיך געפונען דער אדעליגער קאלאטינוס, וועלכער האט גאר ניט געהאט גענוג ווערטער אויסצודריקען די עהרליכקייט, פרומקייט און אנשטענדיגקייט פון זיין בעריהמטער שעהנער פרוי לוקרעציא.

מענער בלייבען מענער. מען האט נאטירליך ערוואַרטעט דעם טויט ביי דיעזער בעלאַגערונג, אָבער אין דיעזען געשפּרעך האט מען פערגעסען אַן אלעמען. איינער האט דערצעהלט אַזעלכע מעלות איבער זיין פרוי, אַ צווייטער אַנדערע און אַזוי ווייטער. אום זיך צו איבערצייגען וועמעס פרוי עס בעזיטצט מעהר מעלות, האט מען בעשלאָסען, אַזוי יויא עס איז ניט געווען ווייט פון רוים, זאָל מען, אין אַ טאָג, גאַנץ אונערוואַרטעט, אַריינפאָהרען קיין רוים און זעהען מיט וואָס יעדען׳ס פרוי איז בעשעפטיגט.

אַזוי איז געשעהען.

עס איז שוין אפילו געווען שפּעט אין דער נאַכט, אָבער בלויז קאָלאַטינוס׳עס פרוי, דיא שעהנע לוקרעציא, האט מען געטראָפען זיטצענדיג מיט איהרע דיענסט־מיידלעך, שפּינענדיג וואָל. אַלע אַנדערע פרויען האָבען זיך ענטוועדער אַזוי אונטערהאַלטען, אָדער געטאַנצט און זיך אַמוזירט.

דאָס האט געפיהרט הערצו, וואָס יעדער האט צוגעגעבען, אַז קאָלאַטינוס האט געוואונען, און זיין פרוי קומט יעדע עהרע.

ביי דיעזער געלעגענהייט האט דער פּרינץ סעקסטוס טאַרקווינִיוס דערזעהען צום ערשטען מאָל לוקרעציא׳ן. זיא איזווירקליך געווען אַ וואונדערבאַרעס פרויענצימער; אויסער אַלע אַנדערע מעלות פון אַ גוטער הויז־פרוי, איז זיא געווען אַזוי שעהן און אַזוי ליעבענסווירדיג וויא אַ געטטין.

ווען סעקסטוס האט זיא נאָר דערזעהען, איז ער געבליעבען שטעהען ערשטוינט און איבערראַשט. אין איהם האט אָנגעהויבען צו ברענען ליעבע און ליידענשאַפט צוזאַמען. וואָס מעהר ער האט אויף איהר געקוקט, אַלץ גרעסער איז געוואָרען דאָס וויטהענדע פייער אין זיין ברוסט.

אָבער אין דער געגענוואַרט פון איהר מאַן און פון אַלע אַנדערע הערען, האט ער ניט געוואַגט זיך צו פערראַטהען אפילו מיט אַ מיענע.

דערווייל איז געקומען דיא צייט צוריק צו פאָהרען און אַלע האָבען ווידער אָבגערייזט אין לאַגער.

אויב סעקסטוס האט געמיינט, אַז דיא רייזע צוריק אין לאַגער וועט איהם בערוהיגען, האט ער אָבער באַלד איינגעזעהען, אַז ער איז נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרען. סעקסטוס, אויף וויא ווייט ער האט געקענט אורטהיילען פרויענצימער, האט ער בעמערקט, אַז לוקרעציא איז איינע פון יענע פרויען וואָס וועלען זיך ניט לאָזען איבעררעדען און וועט ניט בעטריגען איהר מאַן הינטער דיא פּלייצעס.

דאָס אַלעס האט סעקסטוס בעגריפען און טראָטץ דעם האט ער בע־

שלאָפען, אז זאָל פּאסירען וואָס עס וויל זיך, ער מוז בעזיטצען דיא שעהנע לוקרעציא.

ער האָט זיך ארויסגע'גנב'עט פון דעם לאגער, אוועק קיין רוים און איז אריינגעפאָהרען אין קאָלאטינוס'עס פּאלאַץ. לוקרעציא, וויסענדיג זיין ראַנג, האָט איהם נאַטירליך זעהר שעהן עמפּפאנגען. סעקסטוס וויעדער, האָט איהר דערצעהלט, אז ער האָט וויכטיגע געשעפטען און איהר מיטגעטהיילט, אז איהר מאַן האָט איהם געשיקט איינצושטעהען ביי איהר און דערביי האָט ער איהר אויך געבראַכט א שעהנעם גרוס פון קאָלאטינוס'ן.

אלם א גאַסט, האָט זיא איהם אונטערהאלטען ביז עס איז נאכט געוואָרען. דאַן האָט זיא איהם אָנגעצייגט זיין שלאָף־צימער, געוואונשען גוטע נאַכט, און זיך צוריק געצויגען אין איהר שלאָף־צימער.

אָבער סעקסטוס האָט ניט געקענט שלאָפען. זיין געהירן איז געווען וויא אין פייער. דיא ליידענשאַפט האָט איהם ניט געלאָזט רוהען. ער האָט געוואוסט וואָס פאר א פערברעכען ער וויל בעגעהען; ער האָט פערשטאַנען דיא בעדייטונג דערפון, אָבער ער איז מעהר ניט געווען קיין בעל־הבית איבער זיך. זאָל דיא גאַנצע וועלט אונטערגעהען, האָט ער זיך געטראַכט, נאָר זיין וואונש מוז ערפילט ווערען!

וויא געטריעבען פון טויזענדער טייוולען, אזוי האָט עס איהם ארויסגעיאָגט פון זיין בעט. ער איז אויפגעשטאַנען. ארום־און־ארום איז געווען טונקעל און שטיל: עס האָט געהערשט דיא הייליגע רוה פון א הויז, וואו עס געפינט זיך א טוגענדהאַפטע ווירטהין.

סעקסטוס האָט זיך בענוצט מיט דיעזער רוה און שטילקייט, אום אויפצוזוכען דאָס שלאַפצימער פון דער שעהנער און פרומער לוקרעציא.

ער איז געגאַנגען, נאָר ער איז אויך געבליעבען שטעהען. אונצעהליגע געדאַנקען האָבען געשאָסען דורך זיין קאָפּ. וואָס געהט ער טהון? וויא וואַגט ער צו פערלעטצען דיא גאַכט־פריינדשאַפט? וויא וואַגט ער צו געהען בעריהרען אזא פרוי? וואו איז זיין עהרע אלם עדעלמאַן, אלם ריטער, אלם קעמפּפער, אלם פּרינץ?

יא, דיעזע אלע פראגען האָט ער זיך געשטעלט און פאר זיך אויך געזעהען דאָס בילד וואָס עס קען ווערען.

דאַן האָט ער געמורמעלט צו זיך אליין:

„יא, אפילו ווען איך וועל שטאַרבען, וועט דער סקאַנדאל מיך איבערלעבען, און דאָס וועט זיין אַן אייביגער פלעק אויף מיינע גאָלדענע עפּאָלע־

טען. מען וועט דאָס אַלעס פערשרייבען, אַז מיינע נאכקומען זאָלען זיך דארפען בעגראָבען פאַר שאַנדע, שעלמען מיינע ביינער, און דאָס גאָר ניט רעכענען פאַר קיין פערברעכען, ווען זיי וועלען זיך ווינשען, אַז הלואי וואָלט זייער פאָטער גאָר ניט געבוירען געוואָרען.

„וואָס וועל איך פערדיענען, ווען איך וועל שוין געפינען וואס איך זוך? אַ טרוים, אַ הויך, אַ שוים פון פאראיבערגעהענדען תענוג. ווער קויפט עס דיא פרייד פון אַ מינוט אום צו וויינען אַ גאַנצע וואָך, אָדער ווער פערקויפט דיא אייביגקייט פאַר אַ שפיעלכעל? פאַר איין זיסען וויינטרויב ווער צו־שטערט עס אַ גאַנצען וויינשטאָק? אָדער וועלכער בעטלער, אום צו בע־ריהרען דיא קרוין, וועט איינשטימען אַז מען זאָל איהם דערפאַר דערשלאָגען מיט'ן סצעפטער?

„ווען קאָלאַטינוס זאָל חלום'ן איבער מיין אבזיכט, וועט ער ניט ער־וואַכען און אין ווילדער אויפרעגונג לויפען אַהער אום מיך אָבצוהאַלטען פון מיין אַבשייליכער אַבזיכט? דיעזער פלעק אויף דער יוגענד, דיעזער שמערץ פאַר דער עלטער, דיעזע שטאַרבענדע טוגענד, דיעזע איבערלעבענדע שאַנדע, וועמעס פערברעכען טראָגט אַן אייביגע שאַנדע — אַך, וואָס פאַר אַן ענט־שולדיגונג קען איך אויסטראַכטען ווען דוא וועסט מיך אָנקלאגען מיט דיעזער שוואַרצער טהאַט?"

אָט אַזוי האָט ער גע'טענה'עט מיט זיך אַליין און ווייטער געזאָגט:

„זיא האָט מיך אָנגענומען אַזוי צערטליך ביי דער האַנד, געבליקט אין מיינע אויגען צו הערען וואָס פאר אַ שליחות איך האָב איהר געבראַכט, מורא האָבענדיג פאַר אַ שלעכטער נאַכריכט וועגען איהר געליעבטען מאַן אין קריעג. אַך, וויא דיא מורא האָט געבראַכט דיא קאָלירען אין איהר פנים, פריהער רויט וויא דיא רויזען וואָס ליגען אויף דער ווייסער לאַנדשאַפט, דאַן, ווייס וויא דיא לאַנדשאַפט פון וואַנען דיא רויזען זיינען אַוועקגענומען"....

דאָס מויל האָט גערעדט, נאָר דאָס געהירן איז געווען אין פלאַם־פייער. פערשטאַנד האָט אויפגעהערט, איבערלעגונג האָט קיין פלאַטץ געהאַט.

ער איז געגאַנגען פאָרווערטס. ער האָט געעפענט איין טהיר נאָך דער צווייטער און אין דער האַנד האָט ער געהאַלטען אַ ליכט צו בעלייכטען דעם פינסטערען וועג. געהענדיג האָט ער בעמערקט לוקרעציא'ס אַ הענטשקע מיט דער העקעל־נאָדעל וואָס זיא האָט געאַרבייט. ער האָט דאָס געכאַפּט אין זיין האַנד, צונויפגעדריקט און דיא נאָדעל האָט צושטאָכען זיין פינגער. אָבער אויך דאָס האָט איהם ניט אָבגעהאַלטען. ווייטער איז ער געגאַנגען,

געיאָגט פון זיין אייגענעם שלעכטען געוויסען און פערברעכערישע געדאַנקען.

ענדליך איז ער צוגעקומען צו דער טהיר פון איהר שלאָף־צימער. א מאָ־מענט האָט ער געצעגערט. אָבער דאַן, מיט א ווילדער ענטשלאָסענהייט האָט ער געעפענט דיא טהיר און איז אַריין אין צימער.

דאָרט איז זיא געלעגען — זיא, לוקרעציא!

זיא איז געלעגען אויף איהר בעט. איהר ליליען־האַנד האָט אונטער־געשפּאַרט איהר רויזיגע באַק, צוזאַמען אַנגעשפּאַרט אויפ׳ן קישען. דאָרט, וויא א מאָנומענט פון טוגענד איז זיא געלעגען בעוואונדערט צו ווערען פון אונהייליגע תאוה־אויגען.

אויף דער גרינער דעק איז געלעגען איהר אנדערע שעהנע האַנד: אַזוי ווייס וויא אן אפּריל „דעיזי“ אויפ׳ן גרינעם גראָז, בעגאָסען מיט פּערלדיגען שווייס, עהנליך צו דעם טהוי פון דער נאַכט. איהרע אויגען, וויא בריליאַנטען, זיינען געוועזען צוגעדעקט, געשלאָסען. איהרע האָאר, וויא גאָלדענע פעדים, האָ־בען זיך געשפּיעלט און געשטיפט פון דעם הויך פון איהר זיסען אָטהעם... איהרע בריסט וויא צוויי עלעפאַנטביינערנע קוגלען אַרומרינגלענדיג א בלויען צירקעל, זיינען געווען א פּאָאר מיידעל־וועלטען נאָך אונבעזיעגט — אויסער זייער הערר האָט קיינער אויף זיי קיין רעכט ניט געהאַט, און יעצט איז גע־שטאַנען א רויבער פערטיג צו עראָבערן דיעזען טראָהן.

ער האָט בעמערקט איהר אזור־אָדערן, איהר אַלבאַסטער הויט, איהרע קאַראַלען־ליפּען, איהר שנעע־ווייסען האַלז.

אָבער וויא דער אונבאַרמהערציגער לייב וואָס איז בערייט זיך צו וואַר־פען אויף זיין אָפּפער, אַזוי איז יעצט סעקסטוס טאַרקוויניוס געשטאַנען, אויסגעשטרעקט זיין האַנד און זיא געלעגט אויף איהר ווייסע ברוסט.

דיא דעקלאַך פון דיא אויגען האָבען אויפגעשפּרונגען און זיא האָט ער־וואַכט!

שרעק, ציטערניש, און וויא א פרישגעטויטעט פויגעלע, אַזוי איז זיא געלעגען. זיא האָט ניט געוואַגט צו קוקען, אָבער אונווילענדיג האָט זיא בע־מערקט ווער עס שטעהט נעבען איהר.

זיין האַנד, וואָס איז נאָך אימער געלעגען אויף איהר ברוסט, האָט גע־שפּיערט דעם וויטהענדען שטורם וואָס דאָרט איז פאָרגעגאַנגען.

זיא האָט פערשטאַנען און זיך אָנגעהויבען צו בעטען ביי איהם.

ער האָט איהר ערקלעהרט אַלעס וואָס ער מיינט און בעאַבזיכטיגט, און איהר דערצעהלט, אַז ער איז דער שקלאַף פון זיינע ליידענשאַפטען.

„לוקרעציא!“ האָט ער אויסגעשריען, „דיעזע נאכט מוז איך דיך האָבען! ווען דוא שטימסט ניט איין מיט גוטען, דאַן וועט דיך מאכט צווינגען, ווייל אין דיין אייגענעם בעט וועל איך דיך פערניכטען, ערמאָרדען. דאַן וועל איך ערמאָרדען איינעם פון דיינע שקלאַפען אום צו טויטען דיין עהרע צוזאַמען מיט דיר. אין דיינע טויטע ארעמס וועל איך איהם אריינלעגען און שווערען, אז איך האָב איהם ערמאָרדעט צוזאַמען מיט דיר, וועהרענד איך האָב אייך געכאַפּט צוזאַמען אין זינד. אויף אזא אופן וועט דיין מאַן צוריקבלייבען צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר יעדען. דיינע קרובים וועלען אַרונטערלאָזען דיא קעפּ פאַר חרפּה, און דיינע קינדער וועלען טראָגען דעם נאָמען פון ממזרים. דוא אַליין, דיא פערפאַסערין פון דעם אַלעמען, וועסט זיין ביי יעדען אין מויל... אָבער, ווען דוא גיסט זיך אונטער, דאַן פערבלייב איך דיין געהיימער פריינד: א פעהלער וואָס ווערט ניט בעקאַנט געמאַכט, איז וויא א געדאַנק וואָס איז ניט דורכגעפיהרט געוואָרען... צוליעב דיין מאַן, צוליעב דיינע קינדער, גיב דיך אונטער און ערפיל מיין וואונש“...

איהרע אויגען האָבען פערלאַנגט מיטלייד, ערבאַרמען. זיא האָט איהם אָנגעהויבען צו בעשווערען ביי דיא געטער, ביי דער ריטערשאַפט, ביי דעם אַדעל צו וועלכען ער האָט בעלאַנגט און ביי דער פריינדשאַפט צו איהר מאַן; זיא האָט איהם בעשוואוירען ביי איהרע טרעהרען, ביי איהר מאַן'ס ליעבע, ביי דיא הייליגע מענשליכע געזעטצע, ביי הימעל און ערד, ביי אַלע קרעפטען, אז ער זאָל זיך צוריק ציהען און זיך לאָזען בעזיעגען פון דער עדרע ניט פון קיין שמוטציגע תאוה.

„אַך, טארקווין“, האָט זיא זיך געבעטען, „בעלוין ניט דיא גאַסטפריינדשאַפט מיט אזא שווארצער דאַנקבאַרקייט, וואַרף ניט אַריין קיין בלאָטע אין דעם ברונען וואָס האָט דיר געגעבען צו טרינקען; פערביטער ניט וואָס דוא קענסט ניט פערזיסען... מיין מאַן איז דיין פריינד, צוליעב איהם לאָז מיך צורוה; דוא אַליין ביסט מעכטיג און צוליעב דיר בעט איך דיך לאָז מיך געהען. זעה, איך בין שוואַך, כאַפּ מיך ניט אין דיין נעטץ. דוא זעהסט ניט אויס וויא א שווינדלער, בעשווינדעל מיך ניט. אויב א מאַן איז נאָך ווען עס איז געריהרט געוואָרען פון א פריי'ס זיפצען, דאַן ווער דוא געריהרט פון מיינע טרעהרען, זיפצען און וועהקלאָגען“.

„גענוג!“ האָט ער אויסגעשריען, „מיין אונבעזיעגבארער שטראָם קעהרט זיך ניט צוריק, זאָנדערן ער ווערט גרעסער און שטירמישער. קליינע פייער־

לעך געהען אוים, גרויסע פלאמען צופלאקערן זיך נאך גרעסער פון דעם ווינד."

ביי דיעזע ווערטער האט ער אויסגעלאשען דאס ליכט, וויל ליכט און תאוה זיינען זיך דיא גרעסטע שונאים. דיא שאנדע וויקעלט זיך איין אין דער פינסטערער נאכט, און וואס מעהר זיא זעהט זיך ניט, אלץ א גרעסערע טיראנין איז זיא. דער וואלף האט ענדליך געפאקט זיין אפפער; דאס שעפסעלע שרייט אוים — ביז עס ווערט פערשטיקט מיט זיין אייגענעם פעלכעל. ער האט פערשטיקט איהר שטימע מיט איהרע אייגענע נאכט־קליידער און פעראונהייליגט דיא הייליגקייט פון איהר בעט.

זיא האט פערלוירען וואס עס איז ביי איהר געוועזן טהייערער וויא איהר לעבען און ער האט געוואונען דאס, וואס ער האט געמוזט באלד ווידער פערלירען. דיעזע געצוואונגענע פעראייניגונג האט ארויסגערופען א גרע־סערע דערוויטערונג; דיא פרייד פון דעם מאמענט האט געפיהרט צו מאנא־טען פון שמערצען; דיעזע הייסע תאוה האט אלעם פערוואנדעלט אין קאלטער פעראכטונג. ריינע טוגענד איז בערויבט געווארען, און תאוה איז געבליעבען נאך ארעמער וויא געוועזן.

דאן, מיט אויסגעמאגערטע און בלאסע באקען, מיט מידע אויגען, גע־קנייטשטען שטערן און שוואכע שריט, איז ער אוועק.

ער, וויא א רויבערישער הונד איז טרויעריג אוועק, און זיא, וויא א מיעד לעמעלע איז געבליעבען ליעגען סאפענדיג. ער איז אוועק זיך האסענדיג פאר דעם פערברעכען וואס ער האט בעגאנגען, און זיא, פערצווייפעלט, האט זיך אויסגעריסען דאס פלייש מיט איהרע אייגענע נעגעל.

ארעמע, אונגליקליכע לוקרעציא! עס האט געדויערט א היבשע צייט און זיא האט אלץ ניט געקענט בעגרייפען וואס עס איז געשעהען. אלעס האט ביי איהר אויסגעזעהען וויא א שרעקליכער און פינסטערער חלום. ווען זיא האט נאך אמאל אלעס גענוי בעגריפען, האט זיא אויפגעשווידערט.

זיא האט ווידער געריסען איהר פלייש; דיא טרעהרען האבען אזוי לאנג געראנען און געפלאסען, ביז איהרע אויגען האבען מעהר ניט געקענט וויינען.

שרעקליך איז פאר איהר ערשיענען דאס פערברעכען!

דיא אונשולד איז געוועזן טויט, בערויבט און ערמארדעט אין איהר אייגענעם לאגער.

לאנג זיינען דיא מינוטען פון אונגעדולד, אבער קורץ זיינען אויך דיא מאמענטען ווען מען וויל דער שמערץ זאל זיי פערלענגערן.

ווען זיא האט געוואגט צו עפענען איהרע אויגען, האט זיא דערזעהען דורך'ן בענכטער וויא עס ברעכט אויף טאג.

טאג! ליכט! דאס האט זיא ניט געוואלט. זיא האט בעסער געוואלט זיך פערלירען אין אייביגער נאכט, פערזינקען אין אייביגער פינסטערניש!

טאג! ליכט! זיא האט געוואוסט, אז זיא וועט מוזען ערוואכען און דער־זעהען דיא שיין; אנדערע וועלען זיא זעהען, און, יעדער וועט לעזען אויף איהר געזיכט דיא שאנדע, דיא בעליידיגונג און ערניעדריגונג פון דער נאכט! יעדער וועט לעזען איהר פערברעכען, און וויא וועט זיא זיך קענען בעוועגען אונטער מענשען, וואס האבען געגלויבט אין איהר עהרע, אין איהר אונשולד?

וויא דער שטורם האבען געוויטהעט איהרע געדאנקען און זיא האט ניט געקענט ענטשליעסען וואס עס זאל זיין, וואס עס זאל געשעהען.

ענדליך איז געקומען דער טאג. זיא איז ארונטערגעקראכען פון בעט, פעסט ענטשלאסען צו געפינען עפעס אן אינסטרומענט אום צו מאכען א סוף פון איהר געשענדעטעס לעבען.

זיא האט קיין טויטען אינסטרומענט ניט געפונען און דאס לעבען האט אנגעהויבען צו ווינקען צו איהר און זיך בעטען ווייטער צו עקזיסטירען.

„ניין!“ האט זיא אויסגעשריען, „איך וועל ניט לעבען! ניין, קאלאטין, דוא זאלסט ניט בעפלעקט ווערען מיט געשענדעטער עהרע! איך וועל דיך ניט בעטריגען, איך וועל דיך ניט נארען מיט א שבועה וואס איז פערשוועכט געווארען. דיעזער ממזר וואס קען זיך ענטוויקלען אונטער מיין ברוסט זאל קיינמאל ניט אויפוואקסען. ער זאל זיך קיינמאל ניט קענען בעריהמען, אז ער האט פעראונהייליגט דיינע נאכקומען און דוא ביכט א פאטער צו דעם וואס האט קיין רעכט הערצו! ניין, איך וועל דיך ניט פערגיפטען מיט מיין בעפלעקטער עהרע, און איך וועל אויך ניט זוכען קיין ענטשולדיגונג פאר מיין אונגליק. איך וועל ניט אבפארבען דיא וואהרהייט — מיין צונג זאל אלעס דערצעהלען!“

דיא קליינע פייגעלעך האבען אנגעהויבען אבצוגעבען זייער מארגען־קאנצערט, און דאס האט זיא נאך מעהר בעטריבט, ווייל פרייד מאכט דעם טרויער גרעסער.

דער געדאנק זיך אליין צו טויטען, זיך פערניכטען אין איהר שאנדע,

איז אוועק. אנשטאט העם האט זיך ביי איהר ערוועקט א אידעע פון ראכע, ביטערע און שרעקליכע ראכע!

„שטארבען וועל איך“, האט זיא געזאגט, „שטארבען מוז איך, ווייל א פרוי וואס פערלירט דאס טהייערסטע אין איהר לעבען, דיא עהרע, טאר ניט לעבען. אבער איידער איך וועל שטארבען, זאל קאלאטין האבען אויסגעהערט אלעס וואס דא איז פארגעגאנגען. ער האט א רעכט דאס צו וויסען, פונקט וויא ער האט געוואוסט איבער מיין טוגענד. ווען ער וועט דאס וויסען, דאן זאל ער האנדלען וויא ער פערשטעהט — דאן האב איך א רעכט צו שטארבען. דאס שוידערהאפטע און שרעקליכע געהיימניס, טאר ניט שטארבען מיט מיר. דאן, יא דאן, וועל איך איבערגעבען מיין לעבען צום מעסער, ווייל עס איז אן עהרע אוועקצורויבען אן אונעהרענהאפטעס לעבען. מיין מאן! פאר דעם טהייערען בריליאנט וואס איך האב פערלוירען, וואס זאל איך דיר איבערלאזען פאר א ירושה? אבער, געליעבטער, איך וועל דיר צוריקלאזען מיין ענטשלוס און דאס זאל זיין דיין שמאלץ דורך וועלכען דוא וועסט דיך קענען נוקם זיין.“

ווען דיעזער פלאן איז פערטיג געווארען, איז ערשיענען איהר קאמערמיידעל. זיא דערזעהענדיג, האט זיא געפרעגט:

„זאג מיר, מיידעל, ווען איז סעקסטוס פון דאנען אוועק?“

„מאדאם“, האט זיא געענטפערט, „נאך איידער איך בין אויפגעשטאנען.“

א טיעפער און שווערער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון איהר ברוסט. איהר בלאסעס געזיכט און פערוויינטע אויגען האבען איבערצייגט דאס קאמער־מיידעל, אז מיט איהר הערין האט פאסירט עפעס אומגעוועהנליכעס.

„מאדאם“, האט זיא געזאגט, „אויב איך מעג מיר ערלויבען, וואלט איך אייך פרעגען וואס איהר זייט היינט אזוי בעטריעבט?“

„אה, פרעג ניט!“ האט דיא ארימע לוקרעציא געענטפערט, „ווען איך זאל דיר דערצעהלען וועט דער שמערץ ניט קלענער ווערען. געה בעסער ברענג מיר אהער פאפיר, טינט און פען — אבער, געה ניט, איך האב אלעס דא. וואס זאל איך זאגען? וואס וויל איך? יא, רוף מיר אהער איינעם פון דיא דיענער און זאג איהם ער זאל זיין בערייט אבצופיהרען א בריעף צו מיין מאן, צו מיין געליעבטען און טהייערן מאן! זאג איהם נאר, ער זאל זיך שנעל פארבערייטען אין וועג, ווייל דאס וואס איך בענעטהיג, דארף דורכגעפיהרט ווערען אין גרויסער איילעניש.“

דאס קאמער-מיידעל איז ארויס און זיא האט זיך פארבעריים צו שריי־בען. זיא האט אין אנפאנג ניט געוואוסט וויא אנצוהייבען און זיא האט געטראכט און געטראכט ביז זיא האט ענדליך אויפגעשריבען פאלגענדען בריעף:

„טהייערער מאן! דיין אונווירדיגע פרוי בעגריסט דיך און ווינשט דיר „געזונד. דאן בעט איך דיך מיין געליעבטער, אויב דוא ווילסט נאך זעהען „דיין לוקרעציא, זאלסטו קיין אויגענבליק פערלירען און שנעל קומען מיך בע־„זוכען. אט דאס שרייב איך דיר פון אונזער הויז פול מיט שמערצען — „מיין וועהטאג איז גרויס, און דערפאר איז מיין בריעף אזוי קורץ."

זיא האט נאך אמאל איבערגעלעזען, פערוויקעלט און פערזיגעלט דעם בריעף. דאן איז אריינגעקומען דער דיענער וועמען זיא האט איבערגעבען דעם בריעף און געזאגט:

„נעהם דיעזען בריעף און לויף אזוי שנעל וויא נאר מעגליך, צו מיין מאן קיין ארדעא."

ער איז אוועק, און לוקרעציא האט זיך אוועקגעזעצט ווארטען — ווארטען מיט דער גרעסטער אונגעדולד וויא דער פערווארטהיילטער אויף זיין טויט, ווינשענדיג אז אלעס זאל שוין זיין פאראיבער.

ווען קאלאטין האט ערהאלטען זיין פרוי'ס בריעף, האט ער פערשטאנען, אז עס האט פאסירט עפעס אונגעוועהנליכעס. ניט ווארטענדיג פיעל, האט ער צוזאמענגערופען אייניגע פון זיינע בעסטע פריינד, וועלכע האבען צוזאמענגעשטעלט רוים'ס גרעסטען אדעל. ער האט זיי מיטגעטהיילט איבער דער אונגעוועהנליכער פאסירונג און זיי געבעטען זיי זאלען איהם בע־גלייטען אהיים.

זיי האבען איינגעשטימט.

ווען דיא גאנצע געזעלשאפט איז ענדליך אנגעקומען, האט קאלאטין צום ערשטען בעגעגענט זיין פרוי, דיא שעהנע לוקרעציא, געקליידעט אין שווארצען, אין טרויער. ארום איהרע פערוויינטע אויגען זיינען געווען גרויסע בלויע רינגען וויא רעגענבויגענס אויפ'ן הימעל.

ווען ער האט בעמערקט איהר טויט-בלייכעס געזיכט, איז ער אויפגעע־ציטערט געווארען. אלע זיינע בעגלייטער זיינען געשטאנען וויא פערשטיי־נערט. וואס האט פאסירט מיט דער שעהנער לוקרעציא? וואס איז מיט איהר געשעהען?

ענדליך איז איהר מאַן צוגעגאַנגען, זיא אָנגענומען ביי איהר בלאַסע האַנד און זיא געפּרעגט:

„לוקרעציא, מיין פּיעל־געליעבטע, וואָס איז געשעהען מיט דיר? וואָס פאַר אַן אונגליק האָט דיך בעפּאַלען, ווארום ציטערסטו אזוי? זאָג, מיין גע־ליעבטע פרוי, דערצעהל דיין מאַן דיין שמערץ, און אויב עס ליעגט נאָר אין מיין מעגליכקייט דיר צו העלפען, דאַן זאָל עס געשעהען."

זיא האָט געשוויגען. עס האָט אויסגעזעהען, אַז זיא וויל רעדען, נאָר זיא האָט ניט געקענט. ענדליך האָט אַ ציטער זיא אויפגעשוידערט און זיא האָט אזוי געזאָגט:

„בלויז איינינע ווערטער זאָלען אייך דערצעהלען וואָס עס איז פאָרגע־גאַנגען; בלויז איינינע ווערטער, ווייל דער גרויסער שמערץ וואָס וויטהעט אין מיר קענען קיין ווערטער ניט שילדערן. פּיעל געליעבטער מאַן! אַ פרעמ־דער איז אהער געקומען, און מיט בעטרוג האָט ער זיך דאַ איינגעקוואַרטירט. אויף דעם קישען, וואו דוא פלעגסט אנשפּאַרען דיין מיעדען קאָפּ, האָט ער זיך געלעגט, און דורך געוואַלט, צוואַנג און שמוציגע מיטלען האָט ער פון דיין לוקרעציא׳ן אוועקגעריבט דאָס, וואָס בעלאַנגט צו דיר אליין. אין דער שטילער טויטקייט פון דער נאַכט האָט ער איינגעדרונגען אין מיין שלאָף־צימער; איינגעדרונגען וויא אַ קריכעדיגע חיה מיט אַ ליכט אין האַנד, און מיך אויפוועקענדיג האָט ער געזאָגט: „רוימישע דאַמע, מאַך דיך פאַרטיג מיך צו אמוזירען אין מיין ליעבע, ווען ניט וועל איך אויף דיר ברענגען איי־ביגע שאַנדע. ווען דוא שטימסט ניט איין צו מיין אַנטראַג, דאַן וועל איך פריהער דיך ערמאָרדען, דאַן איינעם פון דיינע דיענער, איהם אריינלעגען אין דיינע אָרעמס, און דערמיט וועל איך דיין מאַן און דיינע קינדער אויף אימער בראַנדמאַרקען מיט שאַנדע צוליעב דיר." איך האָב אָנגעהויבען צו וויינען און בעטען זיך, אָבער ער האָט ארויסגעצויגען זיין שווערט, צוגעלעגט צו מיין ברוסט, שווערענדיג, דאָס ווען איך גיב מיך ניט אונטער, דאַן וועל איך מעהר ניט לעבען דעם צווייטען אויגענבליק, און מיין שאַנדע וועט טרעפען אלע דיעזע וואָס איך ליעב אם בעסטען. מיין שונא איז געווען שטאַרק, איך אליין שוואַך, און נאָך שוואַכער וויא געוועהנליך פאַר מורא. אַך, לערן מיך וויא אויסצודריקען מיין ענטשולדיגונג און בעווייזען מיין אונשולד, ווייל ריין און אונבעפלעקט איז געבליעבען מיין געדאַנק, דען דיעזען האָט ער ניט געקענט צווינגען, פערגוואַלטיגען."

וויא געטראָפען פון א דונער זיינען אלע געבליעבען שטעהען שפראכ־לאָז, קיינער האָט ניט געקענט רעדען א וואָרט.

דאַן האָט לוקרעציא פאָרטגעזעטצט:

„יעצט, הער מיך. מיין גאַנצער ציעל איז, אז דוא זאָלסט זיך נוקם זיין פאר מיר — אזוי נוקם זיין, אז דאָס זאָל זיין א ביישפיעל פאר אנדערע. דער לומפ, דער פעררעטהער, מוז שטארבען, אָבער איידער איך רוף אָן זיין נאָמען, בעט איך דיך, צוזאַמען מיט אלע דיעזע העררען, וועלכע זיינען דאָ פערזאַמעלט מיט דיר, איהר זאָלט מיר שווערען, ביי אייער עהרע, דורכצו־פיהרען דיעזע ראכע!"

ביי דיעזע ווערטער האָבען אלע צוזאַמען אויפגעהויבען זייערע הענד און געשוואוירען, אויך פערשפרעכענדיג ניט צו רוהען ביז זיי וועלען זעהען דעם פערברעכער בעשטראָפט.

זיא האָט זיי געדאַנקט און געפרעגט:

„מיט וואָס אָבער קען איך ריין וואַשען דעם פלעק אויף מיין אייגענער עהרע?"

אלע האָבען זיא פערזיכערט, אז כל־זמן איהר געדאַנק איז פערבליעבען ריין, האָט זיא ווייטער ניט וואָס זיך צו בעקימערן.

„ניין", האָט זיא געענטפערט, „דיא וואָס ווערט דורכמאַכען אזא טרויע־ריגע ערפאַהרונג אין לעבען, זאָל קיין ענטשולדיגונג ניט קענען געבען!"

דאַן האָט זיא מיטגעטהיילט דעם נאָמען פון איהר שענדער און פער־גוואלטיגער.

ביי דיעזע ווערטער, צו יעדען'ס ערשטוינונג, האָט זיא ארויסגעצויגען א לאַנגעם און שאַרפעס מעסער, און אזוי שנעל וויא דער בליטץ, האָט זיא דערמיט דורכגעשטאָכען איהר הארץ.

פאַלענדיג האָט זיא געמורמעלט, וויזענדיג אויף איהר מאַן:

„ער, ער, מיינע העררען, זיין עהרע, האָט געפיהרט דיעזע האַנד צו דיעזער ארבייט".

מען איז צוגעלאָפען צו איהר, זיא דערכאַפּט, אָבער עס איז שוין געוועזן צו שפּעט. איהר געזיכט האָט בלויז אויסגעדריקט א רוהיגע צופריעדענהייט, און פון איהר ברוסט האָט געפלאָסען א שטראָם וואַרעמעס בלוט ארונטער רינענדיג אויף'ן באָדען.

דער אלטער לוקרעציוס, לוקרעציא'ס פאָטער, וועלכער האָט בייגעוואוינט דיעזע סצענע, האָט אויסגעשריען:

„טאָכטער, טהייערע טאָכטער! אָט דיעזעם לעבען וואָס דוא האָסט יעצט אוועקגערויבט, איז געווען מיינעס! מעהר און ווייטער לעבען ווען זיא איז טויט, איז אונמעגליך! אך, קינד, וואָס האָסטו געטאָהן, וואָס האָסטו געטהאָן?“

שרעקליך איז געווען דער שמערץ פון דעם אַלטען מאַן און דיא אַנוועזענדע זיינען געווען גערידהרט צו טרעהרען.

ביי דיעזער סצענע האָט קאָלאַטין ערוואַכט וויא פון א חלום.

אין טיעפסטען שמערץ האָט ער זיך געוואָרפען איבער איהר קערפּער, געקושט דיא בלאַסע און טויטע באַקען און מיט איהר לעבענס-בלוט האָט ער זיך אויסגעשמירט זיין געזיכט און זיך צאַפּלענדיג, האָט עס אויסגעזעהן גלייך וויא ער וויל שטאַרבען נעבען איהר. פּלוצלונג אָבער איז צו איהם געקומען דאָס געפיהל אַלס מאַן, אַלס מוטהיגער מאַן וואָס דאַרף לעבען און ניט שטאַרבען, אום זיך נוקם צו זיין פאַר איהר שאַנדע און פאַר איהר טויט.

דער גרויסער שמערץ אין זיין זעעלע, האָט פריהער געלעהמט זיין צונג. דאַן האָט זיך דורך זיין ברוסט אַרויסגעריסען דער וויטהענדער שטורם פון זיין נשמה. און וועהרענד דער אונגליקליכער אַלטער פאָטער האָט געוויינט און געקלאַגט, האָט קאָלאַטין אויסגעשריען:

„ניין, אַלטער! נעהם ניט אוועק א טהייל פון מיינע שמערצען! זאָל קיינער נאָך איהר ניט טרויערען אָדער וויינען, זיא בעלאַנגט אין גאַנצען צו מיר, און איך אַליין דאַרף זיין דעריעניגער נאָך איהר אויסצודריקען דעם גרעסטען שמערץ און פערצווייפלונג!“

איינער פון דיא העררען, א געוויסער ברוטוס, וועלכער איז דערביי געשטאַנען און אַרויסגעצויגען דאָס מעסער פון לוקרעציא׳ס ברוסט — דיעזער ברוטוס איז געווען בעקאַנט אַלס אַ גרויסער וויטצלינג, אָבער דאָס בילד פאַר זיינע אויגען האָט איהם געמאַכט פאַר ערנסט.

„קאָלאַטין!“ האָט ער געזאָגט, „וועסטו מיט דיעזען שמערץ היילען אַן אַנדערן שמערץ? אזא קינדישע בענעהמונג פּאַסט ניט פאַר דיר. דיין ערדעלע פרוי האָט זיך געטויטעט און דערמיט האָט זיא אויסגעשפּראָכען דעם טויטעס אורטהייל פון דיין שונא. מוטהיגער רוימער! וויין ניט, דערטרינק ניט דיין האַרץ אין טרעהרען, זאָנדערן קניע דאָ מיט מיר און לאָמיר ערוועקען דעם צאָרן פון דיא רוימישע געטער, אַז זיי וועניגסטענס זאָלען ניט צולאָזען אַזא ניעדערטרעכטיגקייט ווען דאָס רוימישע פאָלק וועט שווייגען. לאָמיר שווערען. ביי דיעזען הייליגען בלוט, ביי׳ם הימעל, ביי דער זונן און ביי דער

ערד און ביי אונזער פאטערלאנד, וויא אויך ביי דיעזען מעסער, אז מיר וועלען זיך נוקם זיין פאר דעם בלוט פון דיעזער עדעלער דאמע!"

ביי דיעזע ווערטער האט ער מיט זיין האנד זיך געגעבען א קלאפ אויף זיין ברוסט און געקושט דאס מעסער וואס האט געענדיגט דיא שבועה.

דאן האבען אלע אנוועזענדע ווידערהאלט דיעזעלבע שבועה. נאכהער האבען זיי גענומען לוקרעציא'ס טויטען קערפער און איהם אוועקגעפיהרט קיין רוים.

אנקומענדיג קיין רוים, האבען זיי דעם קערפער צוגעבראכט נעבען קאפיטאל, וואו א גרויסע מענגע מענשען האט זיך פערזאמעלט.

ברוטוס, אין פייערדיגע ווערטער, האט אנגעפאנגען צו רעדען צום רוימישען פאלק. ער האט אנגעוויעזען אויף דער טויטער אלס דער קרבן פון געמיינהייט און לומפעריי, און אנגעצייגט, אז דאס אלעס קומט פון דעם קעניגליכען הויז.

דאס האט אזוי אויפגעבראכט דאס רוימישע פאלק, אז עס האט אנגעפאנגען אן אלגעמיינע בעוועגונג וואס האט געפיהרט דערצו, אז דער קעניג מיט זיין גאנצער פאמיליע זיינען פערטריעבען געווארען פון רוים, און אנשטאט א מאנארכיע, איז אין רוים געגרינדעט געווארען א רעפובליק, וואו קאנסולען האבען רעגיערט דאס פאלק.

— ענדע —